STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11125

HOYPTSHTET

Der Nister

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ניסטער

הויפטשטעט

(פאַרצייכענונגען)

ליטעראַטור און קונסט
כאַרקאָוו 1934.

פון דער רעדאקציע

דאָסדאָזיקע בוך איז דער ערשטער, דערווײַל, פרווו אין דער ייִדישער ליטעראַטור צו געבן אין א פאָרמע פון פארצייכענונגען די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אייניקע גרויסע שטעט בא אונדז אין לאַנד.

דער כאַרקאָווער גיסטער האט אין א קינסטלערישער פאָרם געוויזן, ווי אזוי בא דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט קומט פאָר אזאַ שטורמישער וווקס פון די שטעט, וועגן וועלכן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם קאָן אפילע ניט כאָלעמען. ער האט קינסטלעריש באוויזן, ווי אזוי די פאטריאַרכאלע מאָסקווע איז געוואָרן „דער צענטער פון ראַטנלאַנד, און אין קאָמינטערן-זין—דער צענטער פון אלע לענדער”, ווי אזוי דער צאַריש-ארכאישער „פּיטערבורג” איז אין א לענינשטאָט פארוואנדלט געוואָרן, און צום סאָף, ווי אזוי דער פראָווינציעלער כאַרקאָוו איז אויסגעוואַקסן אין א ריזיקן אינדוסטריעלן צענטער, ווי אזוי זײַנע „גרויסע זאַוואָדן און פאבריקן כראָמקען אוף גאנצע דערפער יונג און אלט מיטאַמאָל” און „פין 250 טויזנט איז די באפעלקערונג ביז 800 טויזנט אויסגעוואַקסן”. דאסדאָזיקע בוך איז ניט אינגאַנצן פרײַ פון פעלערן, וועלכע ווײַזן, אז דער ח׳ גיסטער דארף נאָך מער ארבעטן איבער זיך, קעדיי טיפער צו באהערשן די מאַרקס-לענינשע אידעאָלאָגיע.

מיר האבן דאָ קײַן מעגלעכקייט ניט צו געבן די געהעריקע אָפּשאַצונג, אָנצווײַזן אף די מײַלעס און בעסרוינעס פון דעמדאָזיקן בוך. מיר האפן, אז דאָס וועט טאָן די קריטיק. איינס קאָן מען אָבער שוין זיכער זאָגן, אז אָט די „פארצייכענונגען” זײַנען געוויס א וויכטיקער טריט פאָרויס אין גיסטערס שעפערישן איבערבוי.

די פארצייכענונג „כאַרקאָוו” האָט דער אווטער געשריבן אָנפאנג 1933 יאָר — א צײַט פריִער איידער דער אלוקראַיִנישער אויספירקאָם האָט באשלאָסן איבערפירן די אוקראַיִנישע הויפטשטאָט פון כאַרקאָוו קײַן קיִעוו.

כ אַ ר ק אָ וו

* * *

לויט אונדזערע ביניאָנים וועט אונדז די געשיכטע מישפּעטן: ווי אזוי אונדזער אָרדענונג איז געבויט, וואס פאר א מאָראַלע גרונטן זײַנען אונטער איר אונטערגעלייגט, און אין וואָס פאַר א פּאָליטישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־שטייגערישע פאָרמען זי האט זיך אָנגעקליידט.

זי איז נאָך יונג, אונדזער בויונג. פאַר אונדז אָבער, אינעווייניקסטנ, אין לאַנד וווינענדיקע און אין אַלע אירע פריידן און ליידן אָנטייל־נעמענדיקע, שוין גענוג באליבט, שוין גענוג מיט אַלע אונדזערע בלוטן אזוי צוזאַמענגעמישט, אז ס'איז נישט אָפּצוטיילן זי, די בויונג, פון אונדז, און אונדז—פון דער בויונג.

מיר האבן נאָך בעייסן גרונט־פארלייג שוין אירע קאָנטורן, איר פאסאַד, איר ארום איינגאנצן און בין שפּיץ דאך געזען: ווען ס'איז נאך קימאַט גאָרניט ארויסצוזען געווען, זײַנען מיר שוין איבערצײַגט געווען, און די איבערצײַגונג האט אונדז פעסטקייט געגעבן ווען אונדזער צוקונפטיקערווירקלעכקייט צו פאנטאזירן און אונדזערע פאַנטאַזיעס טריט נאָך טריט טאַקע צו פארווירקלעכן.

און די ארומיקע, בורזשואזע וועלט האט דעמאָלט געלאַכט, זי האט אונדז געזען פארזשמורזשעטע, פארוואַדזגעטע, אָרעמע, אומבאהאָלפענע און טעכניש־אָפּגעשטאַנענע אף אלע געביטן—און זי האט זיך די הענט פון נאַכעס געריבן און מיט פאָרויסיקער שאָדן־פרייד אף אונדזער קינפ־טיקער מאפּאָלע טאַנצן זיך געגרייט.

— סאנקוליאטישע וועלט־און אָרדענונג־ברעכער,— האָט דאס געהייסן,—באַלד וועט מען זען און די גאַנצע וועלט וועט זיך איבער־צײַגן, אז מער ווי אף צו שטערן זײַנען זיי ניט פייִק, און זייער גאנצע העלדישקייט און פאטאָס באשטייט אין דעם, אליין אָן הויזן צו גיין און אויך אנדערע דאָסזעלבע צו ווינטשן...

און אָט איז א שטיקל צײַט אװעק. אונדזער בּיניען האט זיך א הױב געטאָן, א װאקס, און פאר אלעם שױן אָנצוזען. מיט בּראָך אין הארצן מוזן איצט אונדזערע גרעסטע סאָנים אפילע אנערקענען אונדזער העלדישקײט נישט נאָר בּאַם צעשטערן, נאָר אױך, און דעריקער, בּאַם בּױען. מיט בּראָך אין האַרצן — די פארבּיסנסטע סאָנים... אבּער די מער פאָרגעשריטענע פון דער בּורזשואזער װעלטס פאָרשטײער קומען שױן אפילע אף אונדז קוקן. זײ קומען פון יענע הױך־אנטװיקלטע לענדער, װו דער לעצטער עקאָנאָמישער קריזיס, װאָס שלעפּט נאָך זיך אױך דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן, האָט די בּעסטע קעפּ זײערע שױן געמאַכט דענקען, זײ געצװונגען זיך פאַרטראכטן װעגן גורל פון יענער אָרדענונג, װאס אַפילע זײ, די בּעסטע, האבּן זי בּיז אהער פאר דער אף־אײבּיק־פעסט־געשטעלטער געהאַלטן.

זײ, די מער פאָרגעשריטענע פון דער בּורזשואַזער װעלט, זײַנען באומרויִקט: זײ הערן שױן איצט, װי אין דער אנטיקער װעלט אמאָל פאר איר אונטערגאנג, אױך אף דער קאַפּיטאליסטישער װעלט א מוי־רעדיק געװײַש קאָל זיך טראָגן און אױסשרײַען:

— „דער גרױסער פאן איז געשטאָרבּן!" — די בּורזשואַזע סיסטעם גײט אונטער!..

אָבּער נישט װי אין דער אנטיקער װעלט פון װײַטפּארװאָרפענע אינדזלען, פון געצנדינערשער װארזאנערישער אומבּאװוסטקײַט קומט דאס קאָל. נײן, דאס מאָל קומט דאס פון גרױס־בּאװוסטזיניקע און שטאַרק־אָרגאניזירטע מאַסן פון די גרעסטע װעלט־צענטרען, פון יענע מאַסן, װאָס שטעלן זיך דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם בּאװוסטזיניק אנטקעגן און װאס װילן מיט פרײד און אָפּפער אירע גרעבּער װערן.

זײ, די פאָרשטײער פון דער בּורזשואזער װעלט, קומען צו אונדז און קוקן. אונדזער נײַע לעבּן־סיסטעם בּאַנעמען זײ, נאַטירלעך, ניט; אונדזער אָרדענונג װײַט נישט צום האַרצן, אָבּער פאַקטן, מאַטעריעל־פארקערפּערטע קולטורװערטן, װעלכע מיר, די ערשט ניט לאַנג נאָך טעכניש־אָפּגעשטאַנענע, האבּן אף דער ליכטיקער שײַן און פאר אלעמענס אױגן ארױסגעבּראַכט, — אזױנע פאַקטן לאָזן זיך שױן ניט לײקענען, נישט פארזען, און — צי מע װיל, צי מע װיל ניט, — מוז מען זײ בּאװוּנ־דערן.

צום אַלעם ערשטן באַמערקן אָט די פרעמד־אָנגעקומענע אונדזערע שטעט.

זיי קוקן און באַוווּנדערן, און האָבן טאַקע וואָס. ווײַל, אויב ריידן מיט אַלטער טערמינאָלאָגיע, זײַנען פאַר אונדזערע אויגן די לעצטע יאָרן עמעסע, טאַקע עמעסע „ניסים״ געשען: מיר האָבן זיך ניט באַוויזן אומצוקוקן, ווי מיר האָבן פלוצים דערזען פאַר זיך, אין פאַרגלײַך מיט ערשט ניט לאַנג געוועזענעם אַמאָל, כידושים אף כידושים, אָבער ניט פון אויסלאַנד געבראַכטע, נישט פרעמדע מוסטערן פון פרעמדע קונסט־קאַמערן אָפּגעקאָפּירטע, נאָר מיט אונדזערע אייגענע הענט און געשמאַק געשאַפענע.

מ׳כידעשט זיך און מ׳באַוווּנדערט די זויבערקייט, די נײַקײַט, די באַפליגלטע האַסאַגע אין סטיל און אין וווּיל־אײַנאָרדענונג, וואָס אַנדערע, פריִער צום קולטור־וואָרט געקומענע, פעלקער האָבן דערויף יאָרהונדערטער געהאָרעוועט, און מיר דאָ, זע: אין ווייניקע יאָרן, אין כאַדאָשים קימאַט צום לעבן און צום באַוווּנדערן אַרויסגערופן.

יאָ. דאָס געזעענע אין אונדזערע שטעט דינט זיי אַלס ערשטע לעקציע, אַלס אַנהויב לערע אף זיך צו באַדענקען און אף צו מער וועלן אין אונדזער לעבן אַרײַנצודרינגען.

און אויך מיר, מיינען מיר, האָבן שוין פאַרדינט זיך אַ קליין ביסל צײַט איצט אָפּגעבן אף צוריק זיך אומצוקוקן, אף אונדזער אייגן געשאַפנס אַ קוק טאָן, קעדיי פונעם שוין אָפּגעטאָנענעם דעם פאַרדינטן פאַרגעניגן צו האָבן, און אף ווײַטער־קומענדיקן נײַמוט זיך אָנצונעמען. אַזוי מיינען מיר.

און מיר הייבן אָן פון די גרויס־שטעט.

I כאַרקאָוו

ווער ס'האט כאַרקאָוו פון פריִער געקאָנט, דערקענט זי איצט ניט. און ווער ס'וויל דעם נעס זען, ווי פון א נישט ווערט א יעש געבוירן, דער זאָל אהער קומען; ווער ס'וויל זען, ווי פון מיסטן האָט זיך א שטאָט אופגעהויבן, א היסטאָריש־הויפטשטאָטישע ראָל צו שפילן, וויַל פאַרטיי, מעלוכע און פאָלקס־ענערגיע האט א באפויל געטאָן: „שפיל"!—דער זאָל אהער קומען, און דערבײַ אויך דערלערנען קאָנען די פאָלקס־מעלוכע־און פאַרטיי־קראַפט, ווי גרויס זי איז, ווען זי איז ציל־באַוווסט, און וואס פאר א מעגלעכקייטן זי פארמאָגט, ווען זי ווערט צו אלעמענס גוטס און גונסטן אָנגעווענדט.

ס'איז דאָך צו שטוינען:

א שטאָט, וואס ערשט, ווי אלטע אײַנוווינער דערציילן, פלעג מען נאָך אף דער מאָסקווער גאַס, לעמאָשל, באנאַכט מיט לאַמטערנס אומגיין, און ווען אָן לאַמטערנס, פלעגן זיך מענטשן אין די גאַסן איבערהוקען, מע זאָל זיך ניט פארלירן... און איצט—כאַפט א קוק פון דער באַרג־טייל שטאָט אין טאָל־טייל, און זעט: וואס פאר א פינקלענדיק עלעקטריש־שעמערירן, וואס פאר א ווילדער שטערן־שײַנענדיקער יאַם ליכט אין לאָמפן אין הײַזער, מויערן און גאַסן—ליכט־רעקלאַמעס, שײַן־פלאַקאַטן אף דעכער, אף טויערן פון פאבריקן, זאַוואָדן, ביז די ווײַטסטע האָרי־זאָנטן און אויסער־שטאָט־יִישוווים.

ס'דאָך צו שטוינען:

אָט די שטאָט מיט דער אמאָל אזוי נישטיקער פראָדוקציע, מיט אירע טעכניש־שלעפערישע עטלעכע פאבריקן און זאַוואָדן פון אויס־לענדערשע באלעבאַטים־קאַפיטאליסטן און אויך פון רוסישע פאברי־

קאַנטן־אײַגנטימער, וואס נאָר אײַנצלנע האבן מאַקסימום אין זײערע ווענט צו 3—2 טויזנט ארבעטער געציילט, איצט—אין אזוינע מעלוכישע און קימאַט וועלט־מאסשטאבּיקע אויסגעוואַקסן, זיך איבּערקאָנסטרויִרט, אײַניקע פונסנײַ זיך אויסגעבּויט, ווי כ. ט. ז., „טורבּינבּוי", „סערפּ און האַמער", כ.פּ.ז., וואס דארפן דאס גאנצע לאַנד מיט די נײַסטע מאַשינעס באזאָרגן און וואס אין זײערע ווענט זײַנען איצט צו 30 — 20 טויזנט ארבּעטער, גאַנצע מענטשן־שטעט — אף דאס צו שאַפן און באזאָרגן קאָנצענטרירט.

הערט זיך אמאָל אײַן, אויב איר געפינט זיך אבּיסל ווײַטער פון ראַש פון שטאָט, אויב אײַער געהער איז פון גאַסן־טומל פרײַ, וועט איר אין מעשעך פון גאַנצן טאָג אין אויך פון דער גאַנצער נאַכט אָן אופהער הידאָקעס פון פאבריקן און זאַוואָדן הערן — באטאָג, באַנאַכט, טאָמיד רעוועט, טאָמיד א פאבּריק־זאַוואָדישער הר־האַ, ווײַל טאָמיד מידט זיך די שטאָט, טאָמיד הייצן זיך די זאַוואָד־אויוונס, טאָמיד רויבערן אירע קוימענס, גאנצע מעסלעסן, וואָכן, כאדאָשים, און די לעצטע יאָרן—קעסיידער נישט אויסגעלאָשן.

ס'א דערפרייונג פארן אויג און אויער צו זען און צו הערן, אז אזוי ווי ס'גייט איצט אָן די גרויסע מי אין גאַנצן לאַנד, די שעפערישע אָנשטרענגונג אין אלע שטעט, פון יאַם צו יאם, אזוי אויך דאָ, אין באַרקאָוו — דער שטאָט.

אוואַדע א דערפרייונג:

ווײַל צו דערמאָנען זיך, אז ערשט נישט לאַנג איז דא נאך אלץ געווען אזוי ווייניק, קליין, פּראָווינציעל: דער טויער צו אזוינע אויצערס, ווי דאָנבאַס, קריוואָראָג און צום הײַנטיקן דניעפּראָבּוי, האט נאך ווי א נידעריטשקע פּאָרטקע אויסגעזען, אינדרײַען זיך בּויגן דורך איר דורכצוקריכן, און איצט—אזוי צעעפנט, אזוי צעוויקלט, שפּילט אזאַ ראָל אין דער עקאָנאָמיק פון גאַנץ פסר"ר, בּיפראַט דאָ, אין אוקראַיִנע.

צו דערמאָנען זיך אויך:

אז אָט די שטאָט, וואס ערשט, באַם צאַרישן רעזשים, האט אין אוקראַיִנישן קולטור־לעבן אבסאָליוט קײַן ראָל ניט געשפּילט, פארקערט, אן אסימילירנדיק־אויסראָטערישע, א פארפלאנצערן פון גרויסרוס'ישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, ווו דער גאנצער צאַרישער אפּאראַט,

אָנהייבנדיק פון די גענעראַל־גובערנאַטאָרן און גאַמעסטניקעס, גלײַך שוין באַם גרינדן אָט די שטאָט אין מיטן זיבעצעטן יאָרהונדערט, און ענדיקן מיט די לעצטע יאָרן, מיט דיזעלבע גובערנאַטאָרן, מיט אַלע אײַנריכטונגען און אינסטיטוציעס, מיטן גאַנצן װירקונג־פּרעס פון שולן, גימנאַזיעס, אוניװערסיטעטן, ביז די „ליבעראַלע" פּראָפעסאָרן איז געװענדט געװען אַף פאַרניכטן, אַף אויסװאָרצלען, אַף נישט צו דערמאַנען אפילע און אַף דערנידעריקן אַלע אנדערע קולטורן (אויסער דער רוסישער, אין גענעראַל־גובערנאַטערישן, סאטראפּישן זין זי באַנעמענדיק באַזונדערס די אוקראַיִנישע. און איצט זעט: ביז 100 װיסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן, 190 הויכע לערן־אנשטאַלטן מיט 42 טויזנט סטודענטן, 82 שולן, 61 קלובן, 97 הייל־אנשטאַלטן, 198 זויג־און קינדערהײַזער, און פאַרשטענדלעך, דאסראָװ, דאס מערסטע אוקראַיִניש, און, פאַרשטענדלעך אויך, אז אויך די רוסישע, די יִידישע און אנדערע נאַצמינדערהײַטן דערבײַ נישט פאַרגעסן.

און װידער זיך צו דערמאָנען:

אז ערשט נישט לאַנג נאָך, בעייסן בירגער־קריג, האבן דאָך אין דערזעלבער שטאָט די רעסטאװראַטעס, יענע, װאס האבן זייער רװיבערישע הערשאַפט צוריק געװאָלט אופשטעלן, דאָ אין די האָטעלן און רעסטאָראנען זייער קלוימערשטן ניצאָכן שוין פון זייער פּאָרויס־מאַרש אַף מאָסקװע געפײַערט, דאָ האט מײַ־מײַעװסקי מיט זײַנע פּראָסטיטוטקעס, מיט זיינע פּראָסטיטוירטע שטאַב־אָפיצערן אַף זײַן קלוימערשטן זיג און פאַקטישער שוין ערעװ מאפּאָלע געשיקערט און געהוליעט; דאָ, אין דער געגנט האט דאך גענעראַל שקוראָ מיט זײַנע װילדע װעלף אַף גזיילע, רעציכע, גװאלדטאטן זיך אװעקגעלאָזט; פונדאנען האט דעניקין דורכן שפּאַקטיװ שוין אַף זײַן ענדציל, אַף מאָסקװע געקוקט און זי פאַר זיך און פאַר אַלע אנטאַנטישע אימפּעריאַליסטישע העלפער שוין אַ דעראָבערטע און באַזיגטע געזען; דא האט די אכראנקע אזוי געװילדעװעט, נאָך יעדער ארבעטער־שפּור נאָכגעקוקט, אַלעס ארבעטערישע אויסצוראָטן.

און איצט, װער זעט זיי, װער װייסט זיי, װער געדענקט זייער געביין איצט אַפילע? אז אַלע װוּנדן יענע פאַרהיילט, די געדעכענישן אָפּגעמעקט, און די שטאָט איז מיט איר װוּקס פאַרנומען: זי גייט פון אירע ברעגעס ארויס, אירע װענט זײַנען איר צו ענג, די גרענעצן

אופגעריסן, נײַע גאַסן און קוואַרטאַלן וועלן געבויט און ווי דורך א צויבער אופגעשטעלט און ארויסגערופן.

און ווער פון די פריערדיקע באַלעבאַטים אירע, ווען ער זעט זי איצט, וואָלט זי איצט דערקענט, די שטאָט?

אז פון 250 טויזנט איז די באפעלקערונג ביז 800 טויזנט אויסגע־וואַקסן, און וואס א טאָג, קומט אלץ צו און מערט זיך.

די אײַזנבאַן־ליניעס האלטן אין איין ברענגען, און ווער ס'קומט, זעט און סטאַרעט זיך בא וואס ניט איז זיך פארטשעפען, אבי דאָ, אבי אין דער גרויסער שטאָט צו בלײַבן,— באַ א קאָרעוו, א כרײַנט, יאָ א צימער, נישט קיין צימער, א ווינקל, א בעטל, אבי דאָ.

און אזוי האבן גאנצע פראָווינץ־שטעטלעך אהער איבערגעוואנדערט, און אזוי האבן פראָווינצן גאַנצן דאָ קאָלאָניעס געבילדעט, און די גרויס־אינדוסטריע פון כאַרקאָוו האט גרויסע אַפעטיטן, און גרויסע זאַוואָדן און פאַבריקן כראָמקען אוף גאַנצע דערפער, יונג און אלט מיטאַמאָל, און די שטאָט ציילט שוין איצט 180 טויזנט ארבעטער, און א האַלבע באַפעל־קערונג פון שטאָט באשטייט איצט פון ארבעטער מיט זייערע פאַמיליעס.

און נאָכאַמאָל זיך צו דערמאָנען:

ערשט ניט לאַנג נאָך, בעיסן בירגער־קריג, האט דאָך דאָ דער וואָקזאַל אפילע געפוסטעוועט, א צוג א גאַסט, אן אוועקגייענדיקער א קראַנקער, געקומענער א קאַליקע, גאַנצע עשאַלאָנען קראנקע וואגאָנעס אף די זאַפאַס־ליניעס, קראַנקע לאָקאָמאָטיוון, פאסאַזשירן האבן ווייניק אויסגעשטיגן, מער אײַנגעשטיגן, ווײַל די שטאָט א קנאַפער צוציִונגס־צענטער.

און איצט—גייט ארוף אפן וואָקזאַל, יעדן טאָג, אין אלע שאָען פון קײַלעכיקן מעסלעס, און פרוווט זיך דורכשטופן דורך אָט דעם גרויסן מענטשן־פליסנדיקן יאַם, וואָס גייט אוף און אָפּ, ארויס אין שטאָט און פונעם שטאָט, און זעט דעם קאָך, זעם געווימל, אין איר וועט גלײַך דערפילן אינעם שעפעריש־מילבישן הין־און הער: א נײַער צענטער ווערט דאָ געבויט, אן אינדוסטריעלער, א קולטורעלער, א מעלוכיש־אדמיניסטראַטיווער; יונגע קיכעס פון א גאַנצן פאָלק, וואס איז יאָר־הו-דערטער אין קלעם געלעגן, איז דאָ צום וואָרט און ביינער אויס־גלײַכן געקומען.

דאָ ווערן די בעסטע קוואַליפֿיצירטע קאַדרען קאָנצענטרירט; דאָ — די בעסטע אוקראַיִניש־טעכנישע, אינטעלעקטועלע און גײַסטיקע אינטע־ליגענץ. אין די היגע זאַוואָדן ווערט אַלץ, וואָס בײַ אונדז דערפֿונדן ווערט, וואָס מאַכט אונדז פֿון אויסלאַנד אומאָפּהענגיק, אויסגעפּאַרטיקט; דאָ, אין די פֿאָרשערישע און פּרווו־סטאַנציעס און אינסטיטוטן, ווערט די אוקראַיִנישע ווּיסנשאַפֿט געקרעפֿטיקט און אין די אייגענע פֿיס גע־שטעלט. אפֿן אוקראַיִנישן ליטעראַטור־פֿראַנט — די בעסטע אוקראַיִנישע ליטעראַרישע שעפֿער. און אַ יונגע קולטור, געשטאַרקט און געשטיצט מיט דער גאַנצער סומע דערפֿאַרונג פֿון דער גאַנצער אַלפֿאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער קולטור, גייט דאָ אויף, און דאָס בעסטע אירס איז, ווידער אַמאָל, דאָ צו טרעפֿן: דעם צ. ק., דעם וווציק, ראַטפֿאָלקאָם, פֿאָלקאָמבילד, דעם גאַנצן פֿאַרצווײַגטן מעלוכע־אַפּאַראַט, דעם געדאַנק, דאָס וויסן, דעם געוויסן און די געבענטשטע דיסציפּלינאַרע רייף, וואָס האַלט אַזוי פֿעסט די מעלוכע־פֿאַס.

אַ קולטור גייט דאָ אויף מיט אַ צעבליִונג אויף אַלע געביטן: ס׳בליט די אינדוסטריע, ס׳בליט די פֿאָלקס־בילדונג, ס׳בליט די קאָמונאַלע ווירט־שאַפֿט. דאָס לעצטע וואָרט, מוסטער פֿון אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור קאָנט איר דאָ טרעפֿן. נײַ־אויפֿגעריסענע גאַסן, פֿלעצער פֿאַרכאַפּן אײַער אויג מיט איבעראַשנדיקער נײַקייט; דאָרט, ווו נעכטן מיסט־אָפּפֿאַל און אָפּוואַרף־ערטער, איצט — צום הימל זיך רײַסנדיקע מויערן־קאָרפּוסן — אײַזנבעטאָן, ציגל, גלאָז־ווענט פֿון פֿאַרשיידענע סטילן און פֿאָרמעס; דאָרט, ווו נעכטן ערשט גריבעריק און שלעכטשטיינערדיק געברוקירטע גאַסן, איצט — אַספֿאַלט, און אַזוי שוין אַ האַלב־שטאָט, אַלע הויפּטגאַסן געפֿלאַסטערט; דאָרט, ווו ערשט נישט לאַנג האָט איר נאָך אַ מעשונע־באַשעפֿעניש פֿון פֿאַרן מאַבל, געשפּאַנט צו אַ פּאָר פֿערד־פּגירעס, מיטן נאָמען „קאָנקע" געקאָנט באַגעגענען, איצט — קיין זכר דערפֿון, איצט — צו צוויי, צו דרײַ טראַמוויי־וואַגאָנעס, און ס׳איז ענג, ווייניק, ווײַל פֿאַרן איינעם לעצטן יאָר נאָר האָט אָט דער טראַמוויי אַ סאַכאַקל פֿון 218 מיליאָן מענטשן געמוזט איבערפֿירן.

די בליִונג שפּאַרט, רײַסט זיך פֿון אירע פּענטעס. און וואָס מע האָט מיט דער אַלטער שטאָט, מיט דער שלעכט־געפּלאַנירטער געקאָנט טאָן, האָט מען געטאָן: געווײַסט, געזויבערט, איבערגעאַנדערשט, איבערגע־

שטעלט, אומגויטיקע ביניאָנים, וואס האבן די שײַן און פּאַרקער געשטערט, אָפּגעראָמט, און די אַלטע שטאָט האט א נײַעם, לאכלוטן, נײַעם אויסזען, ביז ניט זי צו דערקענען, באקומען. ✱

אָבער, וואס ס'איז אומעגלעך געווען צו טאָן מיט דער אַלטער, ווײַל אירע ראַמען ענג, און ווײַל דער איקער־פּלאַן איז דאָך, נאָך אַלע באמיונגען, פּאָרט נישט איבערצואנדערשן,— האט די בליִונג פון שטאָט געטאָן אויסערן שטאָט: האט נײַס פארנומען, גאנצע קוואַרטאַלן, שטאָט־טיילן און פּאָרשטעט אפסנײַ און לויט לעצטע פּלאַן־מוסטערן אופצושטעלן פאַר א קורץ שטיקל צײַט באוויזן.

א גרינטלעכע דעפאָרמאַציע קומט דאָ פּאָר: פריִעריקע שטאָט־צענטערן ווערן ארוף, העכער, צו פריִער פארוקטע ערטער איבערגערוקט; די פּאָרשטעט ווערן שטאָט, די שטאָט דערווײַטערט זיך, פארברייטערט זיך, און דער פאנאַנדערגעוויקלטער טראַמווײַ און אײַזנבאַן־פּארקער בינדט, קניפּט, מאַכט פליסן דאס בלוט פון די ווײַטסטע, עקסטע פונקטן צום צענטער, און פון צענטער—צו די עקסטע פונקטן ווידער צוריק, אָן אופהער, אָן אָפּשטעל.

און די קולטור קרוינט. די קולטור גיט דעם טאָן, שטעלט פּאָדערונגען צו זיך אַן; צום ארום און פילט זיי אויס—סאָציאַליסטישע פּאָדערונגען, און פילט זיי אויס סאָציאַליסטיש, ווײַל די קולטור־טרעגער, דאָס בעסטע אף די געביטן פון פאָלקס־בילדונג, ליטעראַטור און קונסט, איז דאָ יונג אף סאָוועטיש ברויט, „וווזן" איןווירקלעכקייט דערצויגן. די שטאָט האט ניט קײַן טראַדיציעס, ס'שלעפּן זיך איר ניט נאָך קײַן אַלטע געשיכטע און יערושע־רעשטלעך און נאָפלען. דאָ איז די לופט ריין; דאָ איז נישט קײַן נעסט פאר געוועזענע אלערליי שוואַרצע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פייגלען; דאָ, ווי געזאָגט, די אינטעליגענץ אינגאנצן א נײַע, אן ערשט געבוירענע, און ווידער, ווי געזאָגט, אף סאָוועטיש ברויט און לעניניִשער נאציאָנאַלער פּאָליטיק דערצויגן, אף דער פּאַרטיי־פּאָליטיק, מיט איר אומראַכמאָנעסדיקן קאַמף קעגן דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם און אָרטיקן נאציאָנאַליזם; דאָ, די אינטעליגענץ א גאראנטיע און א שטיץ פאר דער פּאַרטיי, און צוזאַמען מיט דער יונג־און נײַ־זיך־בויענדיקער שטאָט, אויך די אינטעליגענץ א נײַ דאָ אויסגעבויטע, וואס האט איר גוירל נישט מיט די פון דער זײַט־און יענער־זײַט־גרענעץ

פֿאַרבונדן, וועלכע דאס נישט־אויסגעלעבטע בורזשואז־קאַפּיטאַליסטישע מעלוכישקייט און אימפּעריאַליסטישע עקספּאַנסיע שלוקערצט זיי זיך נאָך, נאר מיט די וואס פאר א וועלט־מעלוכע שטייען און בויען, אָן גרענעצן, אָן אָפּגעזונדערטקייטן און אָן מײַנס־און דײַנס־קלײנלעכן פֿאַר־מעגן... אזוי, אז די פּראָפעסור, אספּיראַנטור, סטודענטשאַפט, פּעדאגאָ־גישער פּערסאָנאַל, שרײַבער, קינסטלער—א וואַנט פאר דער נײַער בויונג. זיי וואַקסן מיט איר, פֿאָרמירן זיך אויס, ווערן מיט אונדזערע דאָר־אידייען געקרעפּטיקט, און פונדאַנען ווערן זיי אָפּן גאנצן אוקראַיִנישן לאַנד צעשיקט, אַף דאָס אין דער הויפּטשטאָט באקומענם זשמעניעסוויַיז און הויפּנסווייַז צעשפּרייטן און אַף אופּגאנג פאַר־זייען.

דא ווערן נײַע וויסנשאַפט־נעמען, שרײַבער, קינסטלער, פּאַרטיי־מע־לוכע־טוער באוווּסט, גאנצע פּליִאַדעס מײַסטערס, יעדערער אַף זײַן געביט, ווערן דאָ באקאנט, וואס באַלד ווען זיי אַף מײַסטער־געוועט שוין אַף דער אלפאַרבאנדישער ארענע ארויס, און אויך אפילע אַף אויסערן פארבאנד.

און דאָס אַלץ איז געשען נאָר פּאַר אזאַ קורץ שטיקל צײַט, ערשט זינט ראטנמאַכט האט זיך דאָ באַזעצט, זינט זי האָט דאָ, אין אָט דער צופּעליקער שטאָט, איר ווילן, זי פּאַר הויפּטשטאָט צו מאַכן, אויסגע־דריקט.

וויפל ענדערונגען פּאַר דער צײַט, וויפל נײַעס דאָ פּאַרפלאַנצט, וויפל אלטס אויטגעריסן, און די האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט, און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב...

דערמאָנט זיך די אינדוסטריע פון דער שטאָט; זעט, ווי זי, די שטאָט, און איר געגנט איז עלעקטרעפּיצירט. שטעלט זיך אַף דעם באַרגטייל פון שטאָט און כאַפּט א קוק, וויפל פּאַבריקן־און זאַוואָד־קוימענס זײַנען אונדז פאר די לעצטע יאָרן דאָ צוגעקומען, וואָס פּאַר אַן עלעקטרישע שײַן רינגלט אין די אָוונטן דעם קאָפּ אירן ארום, און הערט זיך אײַן באַטאָג, באַנאַכט און קעסיידער צום הודען פון די קוימענס דאָרט. אַ גאנצע האַלב־באַפעלקערונג מידט זיך סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט, איין טייל בעמט דעם אנדערנס הענט איבער; סײַ אין די גרויסע פאבריקן און זאַוואָדן, סײַ אין קליינע, סײַ באַ מעכאַנישע און סײַ באַ האַלב־קוסטאַ־רישע ווערקשטאַטן,— מידט זיך, שטרענגט קויכעס אָן אַף דאָס לאַנד צו

באַדינען מיט טראַקטערס, לאָקאָמאָטיוון, דיזעל־מאַשינעס, מאָטאָרן, אעראָפּלאַנען און אויך מיט קולטור אין גרויסן לאַנד־מאַסשטאַב.

ווייל אזוי ווי ס'ארבעטן די זאַוואָדן דא באַנאַכט און אַלע ווײַלע לאָזט אן אנדער הודאָק וועגן דער באַנאַכטיקער מישמוירע־ארבעט אייך און די שטאָט הערן, אזוי געוויס אויך די קולטור... כאָטש קײַן הודאָקעס שרײַען ניט אויס אף איר ארבעט, אָבער אין די הײַזער פאר וויסנשאַפט־לער, פאר שרײַבער, אין גרויסע קאָרפּוסן פון די הײַזער־קאָמונעס פאַר סטודענטן, פאר בילדונג־טוער קאָנט איר אָפּט ביז שפּעט־שפּעט אין די פענצטער שײַנען זען, וואָס ווײַזט, אז אויך דאָרט די מי, אויך דאָרט מישמוירעס, אויך דאָרט שטייט מען פון ארבעט נישט אָפּ, יעדער אַף זײַנס אויסצובעסערן, אויסצופײַנערן און פאַרפולקומען, וואָס אין סאַכאַקל — גיט דאס די אַלגעמיינע אויסבעסערונג, אויספײַנערונג און פאַרפולקומונג. יאָ.

אז דו דערמאָנסט זיך, ווי יונג און ווי פלינק אָט די שטאָט, אָט דאָס נעכטיקע פאַרזעענע און האלב־פאַרוואָרלאָזטע נעפּעש האט זיך פון קויטיקן גאַסן־בריק אופגעהויבן, און פון דער נײַער מאַכט „א רײַזע־שײַן אין לעבן" באקומען, אף צו גיין און צו בויען, שאַפן און איבער־שאַפן פון א מיטלאַלטערלעכער שטאָט־טייל, ווי א זשוראווליאָווקע, לעמאָשל, מיט הײַזעלעך האלב־קוואָרים, קאָם פון דער ערד ארויסצו־זעענדיקע, מיט טירן, פענצטער, לאָדן צום לאַכן, ווו אַלץ, ווי אַלע גע־בײַדעס דאָרט מאַמעש ראַבינזאָנישע, מאמעש ווי פון מענטשן, וואָס האבן נאָך קיין האק און קײַן קאַלענדאר נישט אפ לעצט—צו אזוינע לעצט־וואָרטיקע ווילד־מאַסשטאַביקע ביניאָנים, ווי אין דערזעלבער שטאָט איצט דער גאָספּראָם און ווי אַלע אנדערע נײַע ביניאָנים נעבן אים דאָרט, וואס בילדן א גאַס, א קווארטאל, אזא שטאַט־טייל, וואס איז אזוי ווײַט פון דער אויבנדערמאָנטער זשוראַווליאָווקע, מאָסקאַליאָווקע און אַלע אנדערע ענלעכע דאָ שטאָט־טײַלן פריערקע, ווי אונדזערער אן אוטאָבוס פון אן אוראַלטער הארבע, ווי א לעצטע פאָרד־מאַשין פון אן אמאָליקן דײַטוואָגן.

אז דו דערמאנסט זיך דאס אַלץ, און אויך נאכאמאָל דאס, פאר וויפל ווייניק צײַט דאס אלץ איז געשאַפן געוואָרן און מיט וועמעס הענט, מיט וואס פאר אן אָפּגעשטאנענער ביז אהער רויער אין טעכנ׳שן זין ארבע־

טער־מאַסע, און אף וועמענס מיטלען—אף די מיטלען טאַקע פון דער־זעלבער מאַסע, אף איר געלט און איר ארבעט, מיט איר אָפּפערוויליקייט און אויסגעוואַקסענעם באדארף און האסאָגע.

אז דו דערמאָנסט זיך דאס אלץ, און דו געפינסט זיך דעמאָלט גראָד פאַר אָט די נייַע ביניאָנים שפּאַצירנדיק, ווי לעבן גאָספּראָם, אף דעם וואונדערלעכן קילאָמעטער־גרויסן, אינערגעץ קימאַט נישט צו טרעפנדיקן דזערזשינסקי־פּלאַץ, וואס פאר אים, ווו פון איין זייַט האסטו פאר זיך דעם גלאָזיקן פּאָנען־ביניען פון צ.ק.ק.פּ.(ב)או. און פון דער צווייטער זייַט—אליין אט דעם גאָספּראָם, מיט זייַנע לופטיקע קאָרפּוסן, דעכער, פּלאַטשיק־אָפּגעהאקטע פּיראמידן.

און ס'איז א זון־פארגאנג דעמאלט, און די גלעזערנע ווענט גלאנצן, און די דורכגאנג טויערן, וואס פארייניקן די מויערן, עפענען דורכלויכטנדיק פאר דיר א וועג צו אָפענע, אויסערשטאָטיקע, נאך נישט פארבויטע האריזאָנטן, פיל צוזאָגנדיקע, מיט פיל פּלאַץ פאר נאך און פאר ענלעכע אזוינע ביניאָנים.

אז דו דערמאנסט זיך דאס אלץ, זאָגסטו זיך:

גוט, וואס דאפקע אזוינע ביניאָנים אָן נעכטנס און אָן טראַדיציעס מאכן דיך איצט פרייען, און וואס זייערע טויערן און דורכלויכטן פרייַען, נאך נישט פארבויטע האריזאָנטן פאר דיר עפענען; גוט, וואס אזוינע און זאָל דאס, אונדז א מוסטער און א לערע דינען, אז באַ גרויסע קויכעס־אָנשטרענגונג קאן מען זיך אליין א מוסטער ווערן און באַ זיך אליין זיך לערנען, אין אז אונדזער צייַט איז א מוסטער־צייַט, און ווער נאָר סע איז פאר אונדז און פאר איר—קאן אויך אונדזער און איר מייַסטער זייַן.

2. א שיקערער מאָנאָלאָג

ס'איז געווען ערעוו דער פײַערונג פונעם פערצניאָריקן אָקטיאַבער. די געבײַדע פון צ.ק. ק.פ.(ב) או. איז אָנגעטאָן ביז א זעקסשטאָקיקער הייך אין א געהילך־געפלעכט פון פארשיידענע געאָמעטרישע ליניעס־רעשטאָוואניעס.

מע ציט ארויף א פּאָר שטאָק אף דער געבײַדע, מע פאַרהעכערט [illegible] פאַרברייטערט זי. זי וועט איצט לאכלוטן בײַטן דעם אויסזען.

ס'איז אָקטיאַבער־כוידעש.

מע אײַלט מיטן פאַרענדיקן צו דער פײַערונג.

מע ארבעט דערום אי באַטאָג, אי באַנאַכט.

באַנאַכט, ווען די גאַנצע ליבקנעכט־גאַס איז שטיל, ווייניק שפּאַצירער, דורכגייער,—הערט מען, ווי אף די הויכע רעשטאַוואַניעס פאָרעט מען זיך, ארבעט מען, אבער קיינעם זעט מען ניט—דאס רעשטאָוואַניע־געפלעכט פארשטעלט.

מ'זעט עלעקטרישע לעמפלעך באַלויכטן די ארופגאנגען, אראָפּגאנגען.

מע הערט אויך אלעמאָל פון אויבן אראָפּ, דורך לאַנגע פירעקעכיקע שיט־רינוועס שיט זיך עפּעס זאַמד־ציגל, בוי־מיסט, וואס ווערט פון אויבן אף אונטן אראָפּגעלאַנגט.

ס'איז שפּעט. שוין אריבער האַלבע נאַכט.

די אויסגעאספאַלטירטע גאַס רוט. זעלטן־זעלטן, פון שטאָט־קומענדיק, אָדער צום שטאָט אָנלויפנדיק, אן אוטאָמאָביל באַווײַזט זיך פאַרבײַאײַלנדיק.

נאָך זעלטענער—א פארשפּעטיקטער וועליסאָפּעדיסט פון שטאָט־פּאַרק קומט א געבויגענער אף זיינע צוויי רעדער דורכרײַטן.

דער איינציקער, וואָס היט דאָס שטילקייט פון גאַס אונטן און דאס באַלויכטענע בויען אויבן, איז דער פּאָסט־מיליציאָנער.

ער שטייט אַף מיט גאַס.

קיין פּארקער האָט ער איצט ניט צו רעגולירן: קיין באוועגונג נישטאָ. כאַפּט ער אַלעמאָל אַ קוק ארויף אויבן און צעשטרייט זיין פּאָסט־אומעט מיט שטילן באַאָבאַכטן.

סע איז געווען אַ לינדער אָוונט, איינער פון יענע, וואס פארבלאָנדזען פון מיט־זומער אין שפּעטן הארבסט, און וואס מאַכן אַ מענטשן, וואס שפּאַצירט אום דעמאָלט, אי שטאַרק אופגעלעגט, אי טרויעריקלעך־באַדענקענדיק.

איך בין פון דער שטאָט־פּארק־ריכטונג אָנגעקומען.

ס'איז מיר זייער אנגענעם געווען אַף יענעם אָרט, אַף יענער גאַס, פאַר יענעם געביי, אין יענעם אָוונט זיך צו טרעפן.

גוט געווען אפן נאָך נישט דערבויטן ביניען פון צ. ק. צו קוקן, ווו מענטשן ערגעץ אין הויכן פארשטעלעניש, בא נאַכטיקע עלעקטרישע לעמפּעלעך זיך פּאָרען, איילן באַנאַכט, צו אַ גרויסער פייערונג אַ פייערלעכן ביניען צו פארענדיקן.

ס'איז מיר אויך גוט געווען אפן שוין פארענדיקטן ביניען פון גאָס־פּראָם צו קוקן, ווייל יעדערס מאָל, ווען איך זע אים מיט זיינע פיל קאָרפּוסן, וואס פארנעמען אַ גאַסן־לענג—לופטיקע, ציכטיקע,—ווייזט ער זיך מיר אויס ווי אַ שפּיל־אינסטרומענט, ווי מוזיק און זעלטענע מעלאָ־דיעס אין זיינע ווענט באהאלטן.

דערהויפּט נאָך באַנאַכט, ווען די פלאַטשיקע דעכער פון יענע קאָר־פּוסן טראָגן אייך קעסיידער ווי אין אַ פאַנטאַסטיש לאַנד אוועק, עפּעס אין אַ מין פאַנטאַסטישן באַגראַד אריבער, או ווי קעסיידער בעט זיך אָט דער ביניען—איר זאָלט פון אים, ווי פון אַ צויבער־שלאָס, אַ מייסע דערציילן.

ס'איז מיר גוט געווען, ווייל גייענדיק אזוי דעמאָלט, און פארן צ. ק. זיך טרעפנדיק, האב איך זיך פּלוצים דערמאָנט: זע, אָט ערשט, מיט אַ 15 יאָר צוריק, בין איך אהער, פון אן אנדערער שטאָט פאָרנדיק אין כאַרקאָוו, נאָך דאָ אַ רעכטלאָזער געווען. דארכנדיק אָפּשטייגן אין כאַרקאָוו און דאָ אַף עטלעכע טעג זיך פאַרהאלטן, האב איך לאַנג איבערגעקלערט,

צי זאָל איך דאָס טאָן, און צי וועט מיר דאָס אָפּשטײַגן און פֿאַרהאַלטן זיך ניט צו טײַער קאָסטן,—כ׳האָב קיין ווינרעכט נישט געהאַט דעמאָלט אין כאַרקאָוו.

כ׳האָב זיך ווײַטער פֿון דעמאָלט דערמאָנט: כ׳האָב זיך אין א וואַגאָן 3־טן קלאַס געטראָפֿן, אָן ענגער, א שטאַרק אָנגעשטאָפּטער מיט פֿיל פּאַסאַזשירן, דעריקער מיט סאָלדאַטן—פֿונעם פֿראָנט פֿאָרנדיק, אָפֿן פֿראָנט, הין־און הער, און קיין טײַוול האָט צווישן די גראָווע מיט אָקאָפּע־און פּולווער־שמעקנדיקע שינעלן נישט געקאָנט דערקענען, ווהין ווער ס׳פֿאָרט.

אויסער אַלע הין־און הער־פֿאָרנדיקע סאָלדאַטן, האָב איך דאָרט נאָך איינעם א מין געטראָפֿן: סאָלדאַטן אַרעסטירטע, אָפֿן וועג איבערגענומענע פֿון די פּאַרצוּים־אָטריאַדן, וואָס זײַנען דעמאָלט אָף אַלע וואָקזאַלן צעשטעלט געווען, וואָס האָבן פּאַפּירן רעווידירט, און די פֿון פֿראָנט־לויפנדיקע פֿאַרהאַלטן און אין הויפּטפּונקט—אין יענעם פֿאַל, קיין כאַרקאָוו—געפּ רט.

ס׳איז נישט געווען צו דערקענען, ווער איז דער פֿירער און ווער דער געפֿירטער, ווער אַרעסטירט און ווער דער אַרעסטאַנט איז. ווײַל אַלע, האָב איך באַמערקט, האָבן זיך אַלע ווײַלע געקאָנט מיט די ראָלן בײַטן. די אַרעסטירטע האָבן פֿון די אַרעסטירער געלאַכט, און יענע האָבן זיך נישט איבעריק גוט געפֿילט אין דער אַרעסטירער־ראָל, ווײַל מאָרגן, האָט מעי געזען, האָט מיטן זעלבן געקאָנט געשען דאָס זעלבע. און דער מיטגעפֿיל פֿון אַלע אַרומיקע, פֿון די „ציווילע”, און באַזונדערס, פֿון די נאָך פֿרײַע סאָלדאַטן, וואָס אַרום, איז אוודאי נישט אָף זייער זײַט געווען.

כ׳האָב זיך צוגעהערט צו געשפּרעכן: מע האָט גערעדט פֿון שלעכטע קאָמענדאַנטן, מע האָט גערעדט פֿון כאַרקאָווער, געשמועסט, אַז דעזערטירן שמײַסט מען... כ׳האָב זיך דערמאָנט: דאָס—דעמאָלט, און איצט—דער צ. ק.

— אָך,—האָב איך זיך געטראַכט דאָס דערמאָנענדיק, פֿאַרבײַ דעם צ. ק. גייענדיק,—ווי ווײַט, ווי פֿאַנטאַסטיש ווײַט שוין מיר, דאָס 14־טע יאָר נאָך דער רעוואָליוציע, פֿונעם 15־טן, פֿון יענעם אייגנעם נ אָ ר, וואָס פֿ אָ ר איר.

כ'האָב זיך נאָך דערמאָנט:

כ'האָב נאָך דעמאָלט, אין קיִעוו ווינענדיק און מיט דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ זיך כאַווערנדיק און באַקענט זייענדיק, איינעם נאָר א באַקאַנטן באָלשעוויק געהאַט.

איינעם — א נישט-אַרויסצוזעענדיקן, אומלעגאַלן, שטילן און אויך באַשיידן-פאַרבאָרגענעם. אָבער יעדערס מאָל, ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, האָט מיר געדאַכט, אַז ער, אָט דער, ווייסט עפּעס מער פון אַלע, ער טראָגט בסוד אין פּאָנעם און פולע קעשענעס מיט צוקונפט פאַרבאַהאַלטן.

און איצט, — האָב איך געטראַכט, — דער איינער מײַן באַקאַנטער שוין נישטאָ, שוין לאַנג טראַגיש אומגעקומען, אָבער זײַן דעמאָלטיקע בסורע איז איצט אָט דאָ אין מאַמאָשעס פאַרוואַנדלט, אין אָט דעם וווּנדערלעכן, דעם צ. ק., אין דעם הויכן שטאָק פון לאַנד, וואָס מאַכמעס דאָס לאַנד האָט זיך פאַרגרעסערט, וואָס מאַכמעס דאָס אויג מוז אויף וואָס ווײַטערע מעהאַלעכן וואַכן, בויט מען אים איצט נאָך שטאָקן צו. מײַן טראַגיש-אומגעקומען-באַקאַנטנס פולע קעשענעס צוקונפט זייַנען אָט דאָ דאָך אַרום, אָט אין אַזוינע ביניאָנים, ווי אָט דער גאָסבראָם, פאַרקערפּערט. דאָס האָט דאָך זײַן טרוים זיי אויסגעטרוימט! זײַן אַמלעגאַלקייט דעמאָלט און פּערזענלעכע באַשיידנקייט האָט זיי אויף פאַר אַלעמענס אויגן, אויף זיי צו באַאָבאַכטן און באַוווּנדערן, אַוועקגעשטעלט.

— און, — האָב איך מיר געטראַכט, — דו מײַן טראַגיש-אומגעקומענער כאַווער, וואָס האָב דיך פריִער, אין 15-טן יאָר, אין אוקראַיִנע אין אונטערערד געזען, דערנאָך, אין מאָסקווע, אין 20-טן הונגער-יאָר, שוין אויף א גרויסן מיליטערישן פּאָסטן, מיט א דאַר שינעלעכל, וואָס די אַרבל באַ די אַקסל האָבן זיך אין די נאָטן געריסן, און וואָס יעדערס מאָל, ווען איך פלעג אים באַגעגענען, האָב זיך נאָר געוווּנדערט, ווי האָט זיך צו דעם פריִער אַזוי שטילן, באַשיידן-פאַרבאָרגענעם פאַרשײַן אַזאַ זידנדיקע ענערגיע גענומען, אַזאַ אומענטשלעכע קראַפט, אויף אַזויפיל אויפן קאָפּ צו טראָגן, אַזויפיל צו באַזאָרגן, און אַזוי פיל ביטער-סאַקאָנעסדיקע פראָגן באַדינען.

— אך,—האָב איך איצט געטראַכט,—ווען ער איז איצט דאָ, ווען ער גייט מיט מיר איצט אױף אָט דער גאַס און זעט זי אזא זיכערע, א נײַ־אספּאַלטירטע, ווי ס'איז שטיל, ווי אזוי מע בויט, און וואס מע בויט (ווײַל אַלע אויסערלעכע געשלעגן שוין אָפּגעשלאָגן און ס'איז די צײַט געקומען אױף זיך אינעווייניק מיט וואס מ'באַדאַרף צו באַזאָרגן) און ווי אזוי בײַ אַזא בּיניען איינער נאָר א מיליציאָנער, א גאַסן־אָרדנער איז אָנוועזנד, און זיין פּאָסטן איז אים רויִק, די נאַכט א מילדע, און אין זיכער־געשטילטער פײַערונג א לאַנד צו א פײַערלעכן יובּילײ גרייט זיך.

— אך, ווען ..

* * *

כ'האָב, ווײַזט אויס, בײַ מײַן כאַווער, פונוואַנען איך בין יענעם בײַ־נאַכט געגאַנגען, אַביסל אויסגעטרונקען.

אביסל האט זיך מיר די ערד אונטער די פיס געשאָקלט, און א ביסל... איך אַליין אויך. און דער מיליציאַנער האט צו דער זיך שאָקלענ־דיקער ערד, ווײַזט אויס, גאָרנישט נישט געהאט, צו מיר אָבער יאָ.

ער האט מיך גלײַך באמערקט, נאר אזוי ווי פון סקאַנדאַלן בין ווײַט געווען, האט ער מיך נאָר אין אויג געהאַלטן און מיך אופמערקזאַם געהיט.

ער—אפן מיט גאַס, איך—פריִער אפן טראַטואַר, דערנאָך, אז כ'האָב געזען ער קוקט אף מיר, האָב זיך צו אים גיין געלאָזט.

— בירגער,—האָב דערהערט, צו אים זיך דערנענטערנדיק,—א היים... א ניט... אין רײַאָן...

— ניין,—האב איך געזאָגט,—כאַווער מיליציאָנער, ס'האלט ניט דערבײַ. אזויפיל האב איך ניט, איך זאָל די געזעלשאַפטלעכע רו שטערן, כ'האב נאָר אזויפיל, אז סע זאָל מיר איצט, אין אָט דער גוטער שאָ, גוט זײַן, איך זאָל פון אָט דעם בויען באַנאַכט האנאָע האבן, פון די לעמפּעלעך, וואס קוקן פון די הויכשטאָקיקע רעשטאָוואַניעס ארויס, און אויך—אויב אים, דעם כאַווער מיליציאָנער, איז אַליין אף זיין פּאָסט־שטיין אומעטיק, און אויב ער, דער כאַווער מיליציאָנער, וויל, קאָן איך זיך דאָ אביסל לעבן אים פאַרהאַלטן און מיט אים צוזאַמען פארברענגען.

— איך זאָל שלאָפן גיין,—זאָגט ער?

— ס'מאכט ניט, כ'האב צײַט... ווײַל, פארשטײט ער מיך, דער כאוועך מיליציאָנער, איך בין פון די, וואָס קאָנען שלאָפן אפן טאָג אביסל שפעטלעך, פון די, וואס דאָס, וואס אנדערע ארבעטן אויס באטאָג, האבן זיי ליב באנאַכט צו באטראַכטן, ווי אָט, לעמאָשל, אָט דעם גאָספּראָם, וואס גיט זיי, אלס שרײַבער, וואס זייער ברויט און מעלאָכע איז פאנטאַזיע, אזויפיל שפּײַז צו פאנטאַזיון, און וואס, אויב ער וויל, דער כאוועך מיליציאָנער, וואלט אים גלײַך א מײַסע פון דעם קאָנען דערציילן.

— ער וויל ניט?

— א שאָד!

זאָל ער א קוקטאָן: ס'איז דאָך, ווי איך האב שוין געזאָגט, א שטיק באגדאַד. באַ א מינדסטער פאָרשטעלונג־אָנשטרענגונג קאָן מען דאָך דעם גאנצן בּיניען אופהייבן און אים מאַכן פליען...

— ער וויל נישט, זאָגט ער, קיין מייסעס? איך זאָל אים מיט קײַן נארישקייטן ניט דולן? ער איז א מיליציאָנער אף א פּאָסטן און האט קײַן צײַט קיין שיקערנס רייד אויסהערן?

— א שאָד!

— מיר, איך מיין איך, זײַנען דאָך עפּעס שרײַבער, צו אלדי, אלדי... צו אלדי רוכעס, מיין איך.

— נו גוט, איז קײַן מײַסעס ניט, מאסקים. אָבער שטאָף פאר מײַסעס, כאוועך מיליציאָנער, מוז ער דאָך מוידע זײַן, איז דאָ כאַראַן א יאָ?

ווײַל נאָכאמאָל, זאָל ער זען: אָט דער ריזיקער דזערזשינסקי־פּלאַץ, און אליין ווידער אָט דאס בויען באנאַכט דעם צ. ק.—פון איין זײַט, און דאס ווו דערלעכע, שוין אויסגעבויטע גאָספּראָם־הויז—פון דער צווייטער זײַט, איז צו וואס מירעכלענדישע, אראַבישע, אָדער אַדער פאנטאַזיע, אז אונדזערע האָט זיי אלעמענס אריבערגעשטיגן, אז ווען יענע פּאַנטאַזיע האט זיך אינדערלופטן געבויט און אין דערווירקלעכקייט—געגנאר און מיראַש, האבן מיר דאָך אין דער ווירקלעכקייט אזאַ פאנטאַסטישע מאמאָשעס...

אָט זאָל ער זיך אליין דערמאָנען,—אויב ער איז אַן עלטערער, און אויב נאָך יונג, וועל איך אים,—אז אָט דיועלבע בויער, וואס שטייען

איצט אף די רעשטאוואניעס בא די עלעקטרישע לעמפלעך בא דער ארבעט באנאַכט, זײַנען דאך נאָענטע, זייער נאָענטע קרוווים פון יענע, וואס ערשט נישט לאַנג, מיט א יאָר 25—20 צוריק, האט מען זיי גע־קאָנט זען מאַכנעס־ווײַז אין די „היילִיקע" ערטער פון אונדזערע קאַנטן, אין די פּאָטשאיעווס, אין די קִיעווער לאַווּרעס זיך לאָזן. באַטאָג פון היץ פאַרברענטע און פון לאַנגע, ווײַטע מעהאַלעכן דורכמאַכן—ווײַבער, מענער, זקיינים, זקיינעס, מיידלעך, מוידן און לעפאקעס, דאָרפישע באָ־כערים, געפירט פון א מאנאַך אהין, אין יענע היילִיקע ערטער, אף צו דאַווענען און א היילִיקע איקאָנע צו קושן, באַטאָג—בא באטאָג־שײַן, און באַנאַכט—בא לאַמטערן־שײַן.

זאָל ער זיך דערמאָנען, וויפל פאָלקס־ענערגיע איז אף יענע זאַמדיקע פרומע וועגן און שליאַכן פארלאָרן געגאַנגען, וויפל מאַטעריעל גוטס, צײַט און גײַסטיקע רײַכקייטן כּאָרעוו־געכרעוו און אפּן ווינט צעזייט...

און איצט—ווער איז ער דער אקומוליאַטער, וואס טוט אָט די גאנצע פאָלקס־ענערגיע פון אָט דעם אזוי יונגן און פרישן פאָלק זאַמלען, וואָס לאָזט אירן קיין טראָפּן ניט פארלאָרן גיין; וואָס ווו די ענערגיע קאָן אויסגענוצט ווערן באטאָג, ווערט באטאָג אויסגענוצט, און וואס ס'בלײַבט פון באטאָג איבעריק, לאָזט מען זי ניט איבערשטיין, לאָזט מען זי ניט זײַערן, און ווען מ'דאַרף באַנאַכט, ווערט אויך באַנאַכט געארבעט.

ס'איז דאָך א וואונדער צו זען, ווי א גאַנץ פאָלק האט זיך פון פריִער־דיקער מוירעדיקער אָפּגעשטאנענקייט און קריטיקער פאסיוקייט אף אזאַ ברויזנדיקער און שאַפנדיקער אקטיווקייט איבערגעשלאָסן, פון ערשט נאָרוואָס פולשטענדיקער פארשקלאפונג און לײַבייגנטום, ביז צו אליין דעם רודער פון אזאַ מעלוכע אין די הענט האַלטן!..

— ער ווייסט עס, ער ווייסט עס, דער מיליציאָנער? איך פא־שפּאָר אים, זאָגט ער, צו אגיטירן?

— גערעכט!

— איז גוט, איז קיין אגיטאַציע ניט, אָבער כאָטש א פּאָר פאַקטן און נישט פון ווײַט, נישט פון ערגעץ אנדערש, פון קײַן אנדער שטאָט, נאָר טאַקע פון דאָ, פון דאנען, פון כאַרקאָוו דער שטאָט, פון דערזעלבער, ווו ער און איך געפינען זיך איצט, און ווו מיר שטייען דאָ, און ווו ער איז א מיליציאָנער, און איך—וואס איך בין.

זאָל ער הערן: עמעס, ס'איז שוין זייער לאַנג אין דעם, און גאָרנ אין אַלטע כראָניקעס קאָן מען דאָס אויסלייענען. און איך האָב זיך אָף אַזאַ איינער אָנגעשלאָגן, ווו סע ווערט באַשריבן פון אַ לעבעדיקן איידעס, פון איינעם אַ לוביאַנסקי, אַ שילער פון אַלטן כאַרקאָווער קאָלעגיום, ווי אין 1787־טן יאָר, ווען יעקאַטערינע די צווייטע איז צוריקגעפאָרן פון איר טריומף־מאַרש פון באַזיגטן קרים, ווי אַזוי כאַרקאָוו האָט זי באַגעגנט.

ער שרייבט:

„אַ וואָך דערפריער פאַר איר אָנקומען איז שוין אין שטאָט נישט געווען קיין שפּילקע צו דער ערד צו וואַרפן.

מע האָט געווינט אין ביידלעך, שאַלאַשן, קאַמערן, שטאַלן, ווו ווער אָר סע האָט זיך געקאָנט איינאָרדענען.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער גאַנצער גובערניע, האָט זיך געדאַכט, איז זיך אַהער אָנגעלאָפן.

צום גליק איז געווען זומער: אַ לויטער־שטיל און וואַרעם וועטער.

ס'האָט זיך באַוויזן אויף כאָלאָדנאַיאַ־גאָראַ דער קייזערלעכער צוג.— דער יאַנטעוו פון אַלע יאָנט יווים.

טויזנטער שטימען האָבן מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן: „מ'פאָרט”! און אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ווי געליימט, ווי אין דער ערד איינגעגראָבן און אין פאָרכטיקער שטילקייט האָבן אַלע געקוקט און געוואַרט אויף דער געטלעכער דערשיינונג...

באַם שטאָט־טויער האָבן די אימפּעראַטערן באַגעגנט דער נאַמעסטניק טשערטקאָוו און דער גובערניע־אָנפירער נאָראָוו.

ביידע מיליטערישע, גענעראַל־פּאָרוטשיקעס, אָבער ביידע אין גובערניע־מונדירן.

פונעם טויער ביזן פּאַלאַץ (היינט דער אוניווערסיטעט) איז אַ ווערסט אַנדערהאַלבן.

די אימפּעראַטערן איז געפאָרן פּאַמעלעכן און פון דער קאַרעטע אויס זיך פאַרנויגט אויף ביידע זייטן.

מ'האָט גאָר געהערט דעם קלאַנג פון די גלאָקן.

ס'איז מיר שוין קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אַזאַ שטילקייט און פאָרכטיקייט באַ אַזאַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג.

די אימפּעראַטערן האָט זיך באַוויזן אפן באַלקאָן פון פּאַלאַץ. ערשט דאָ האָט דער געוויסער „הוראַ" א דונער געטאָן איבערן גאַנצן שטאָט.

דערנאָך איז די נאַכט צוגעפאַלן, מ'האָט גענומען לאָזן פייערווערק, וואָס האָט זיך, צום באַדויערן, נישט איינגעגעבן. דערצו נאָך איז איינע א ראַקעטע אראָפּגעפאַלן און געטראָפן דעם סעקרעטאַר פון אויבערשטן זעמסקי־געריכט אפן האַלדז. דער הויף־דאָקטער איז געקומען צו לויפן גיבן הילף דעם פאַרווונדעטן. דאָס פייערווערק האָט מען אָפּגעשטעלט, דערנאָך האָט איינער פון דער סוויטע איבערגעגעבן דעם גליקלעכן סעקרעטאַר א גאָלדענעם זייגער, אַלס מיטגעפיל־אויסדרוק פון דער אַלגנעדיקסטער קייסערין.

ס'קלינגט מיר נאָך ביז איצט אין די אויערן דער אויסגעשריי:

Мать наша Всемилостивейшая!

וואָס האָט זיך ארויסגעריסן בא די טויזנטער אוקראַינער, ווען מ'האָט דערהערט די ידיעה וועגן דעם געשענקטן זייגער".

(אגעוו, וועגן דער אימפּעראַטערנס גנעדיקייט קאָן ער, דער כאַווער מיליציאָנער, האָבן א פאָרשטעלונג פון דער פאַראָרדענונג, וואָס דער גובערנאַטער טשערטקאָוו האָט פאַר איר אָנקומען ארויסגעגעבן... „נישט צולאָזן מיט קיינע אומיטלבאַרע שריפטלעכע, אָדער מונדלעכע ביטעס און אָנקלאָגעס צו דער קייזערין, דערפאַר וועט א מענטש פון נישט פּריווילעגירטן שטאַנד באַשטראָפט דאָס ערשטע מאָל מיט שיקן אף קאַטאָרגע ארבעט אף א כוידעש, און דאָס צווייטע מאָל—מיט שמיץ און מיט אייביקער קאַטאָרגע"..)

— האַ, כאַווער מיליציאָנער, א פאַקטל?

— יאָ, אָבער וואָס איז דאָס פאַר א מאָשל, זאָגט ער.

— טאַקע גערעכט אָבער, אַז כ'האָב פאָרט אביסל (כ'מוז זיך מודע זיין) אויסגעטרונקען, און אַז כ'האָב זיך אף איינעם א פּונקט פאַרהאַקט—אף אָט דער בויונג: אַז מע בויט פאָרט באַטאָג און באַנאַכט, און אַז בויענדיק, זע איך, בויען זיך אליין די בויער איבער, און אין קאָפּ מישן זיך מיר אין אומאָרדענונג פאַרשיידענע בילדער פון פאַרשיידענע עפּאָכעס, און אַנאַלאָגיעס בעטן זיך און פאַרגלייכונגען פון אַמאָל מיטן היינט, און ס'קומט מיר יעקאַטערינע דער צווייטערס צייטן אפן זינען, און באַלד טאַקע—טראַקטערבוי, לעמאָשל, און איך וויל פאַרגלייכן און ס'איז פאָרט קיין פאַרגלייך ניט.

פונדעסטוועגן זאָל ער הערן. וואס ארט אים? קיינער שטערט דאָך ניט. אפן גאַס קיינער נישטאָ. קיין באוועגונג און קיין פארקער אף רעגולירן, און איך בין דאָך ניט שטאַרק, נאָר א קליין ביסל אויסגעטרינקען. ער פארשטייט — אן אומשולד. און איך קלייב זיך שוין לאַנג פון כאַרקאָוו שרייבן. און אין בוועם־קעשענע האב א פאַק פון ציי טונגען און ביכער־אויסשניטן מאטעריאל אָנגעזאמלט ליגן, און די נאכט איז אזוי ווארעם און מילד, און דאס לאַנד ערעוו א גרויסע פייערונג, איז זאָל אויך ער אביסל מילד זיין, פון דער אָפיציעלער מיליציאנערישע שטרענגקייט נאָכ־אָזן, און זאָל ער מיר, פייערלעך, אָדער ניט פייערלעך, דאָך אויסהערן.

אָט: —

„ס'האט גענומען טאָגן. אָבער דער שטורעם ווערט פאָרגעזעצט. דער העלדישער שלאַכט האט זיך געצויגן אנדערהאלבן מעסלעס. די פולשטענדיק אויסגעמאַטערטע אָסאָקינצעס האט מען לאַנג געמוזט איינריידן זיי זאָלן אהיים גיין אָפרוען כאָטש אף א שאָ פיר, קעדיי דערנאָך מיט פרישער ענערגיע זיך ווידער נעמען פאר דער ארבעט. אייניקע פון זיי האט מען געמוזט מיט גוואַלד אוועקרייסן פונעם בוי־קוואַרטאַל, דערווייזנדיק זיי, אז די ארבעט וועט פאַרענדיקן גיכער דער, וואס וועט זיך כאָטש אביסל נאָר אויסרוען.

... גאנצע מעסלעסן האט געגאָסן א רעגן. אף די רעשטאָוואניעס קאַלט, קויטיק. די ארבעטער זיינען דורכגענעצט ביזן לייב, אָבער קיינער וויל ניט אוועקגיין אין די באראקעס. יעדערער וויל דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן יענעם מאָמענט, צו וועלכן 700 מענטשן האבן אנדערהאלבן כאדאָשים געגארט, שלאָגנדיק זיך פארן אנטקעגנדיקן.

... דער לעצטער עטאַפ פון פארמעסט איז געווען דער פארמעסט אפן רעכט אָנצוצינדן דעם רויטן שלאָגלער־שטערן, וואס האט באדארפט סימוואָליזירן דעם זיג.

ווער וועט אים אָנצינדן?

ווער וועט אויסארבעטן מער?

מאַרוסין, מעסיאגין. אָסאָקין, צי די רויטגוואַרדייער?

יעדע גרופע האט אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס נישט אָפצושטיין באַם פּיניש און צו דערקעמפן דאס אויבנדערמאָנטע ערנרעכט.

... די לעצטע שטורעם־מינוטן באַזונדערס אָנגעשטרענגט. דער אָנגריף האָט זיך אַלץ פאַרשנעלערט. מ'האָט געבראַכט דעם בעטאָן מיט שלעפּ־וועגעלעך, מיט עמער און פעכלעך.

... פונקט איינס מיט 55 מינוט אַף צוויי דעם 7־טן אָקטיאַבער 1931־טן יאָר איז אַף די רעשעטאָוואַניעס אַרופּגעגאַן א וואַקלענדיקער דער אויסגעמאַטערטער מאַרוסין.

ס'האָבן אים באַלייט די בעסטע שלאָגלער פון זיין בריגאַדע.

מאַרוסין האָט אָנגעצונדן דעם שטערן, און לעבן אים האָבן אַסאָקין און איינער א יונגער רויטגוואַרדייער אויפגעהויבן א רויטע פאָן, סיגנאַליזירנדיק דער גאַנצער בויונג דעם זיג פונעם גרעסטן אין דער וועלט מעכאַניש־צונויפשטעל־צעך"...

— הא, כאַווער מיליציאָנער, דאָס צווייטע פּאַקעטל?

— יאָ, כ'הער... כ'ווייס...

— ; בער וואָס פאַר א מאָשל, וואָס פלאָנטער איך, וואָס מיש איך קאַשע מיט באָרשטש, פּידראַשעק מיט לאָשנקוידעש, יעקאַטערינאַ מיט טראַקטערבוי, טשערנקאָוון מיט אָסאָקינען, וועלכע זיינען אַזוי וויַיט איינס פון אַנדערן, ווי הירזש פון פלאַנעטן.

— טאַקע געווערכט: אָבער דאָס טאַקע מיין איך אויך. איך, דער נאַכט־וואַנדלער, דער האַלב־שיקערער און טרוימער, וואָס גייט אָפט אום צווישן שענקן און פלאַנעטן, און האָט ליב אַזוינס אויסטערלישס צו זען, ווי, לעמאָשל, באַנאַכט ווי מע בויט, ווי, אַשטייגער, אָט דעם צ. ק. איצט, וויַיל ער זעט, אַז מע בויט דאָ אַזוינס, וואָס מע האָט קיינמאָל און אינערגעץ ניט געבויט, מע בויט א נייַעם באַוווּסטזיַין פאַרן בויער...

כאָטש אין פלוג, אַפן ערשטן קוק איז וואָס? פאַרקערט: סאָנים קאָנען דאָך זאָגן (און זאָגן טאַקע), וואָס איז דאָ דער מער? קנעכט אַרבעטן קעסיידער: פּיסעם און ראַמסעס, כעאָפּס און די כינעזישע וואַנט האָט מען מיסטאָם אויך באַנאַכט געבויט... פאַרקערט: זיי, די סאָנים, זען דאָ, וואָס זיי זען. „וואָס איז, — טענען זיי, דער טאָג איז זיי ווייניק, און צוליב דער איַילונג, וואָס מ'איַילט צו עפּעס א פייַערונג, אָדער אַנדערש וואָס, זאָלן מענטשן מעסלעכן פון די רעשעטאָוואַניעס נישטאָראָפּ, פון נויט און שווייס ניט אַרויסקריכן. ס'איז דאָך מיצראַיִם: אַרבעט־פּעטישיזם...

אַזוי זאָגן זיי.

מיר אָבער, איך און ער, דער כּאַוועד מיליציאָנער, לאַכן. ווײַל מיר, איך און ער, ווייסן דאָך זיכער, אַז זייער מאָשל איז קײַן מאָשל, קיין פאַרגלײַך און קיין מינדסטער דימיען אפילע.

און אַדרעראַבע, זאָל דער כּאַוועד מיליציאָנער אליין דאָ ארופקוקן. זאָל ער זען, ווי אזוי מע בויט, מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט און שטילער געטרײַשאַפט, ווען מענטשן קאָנצענטרירן אין זיך דאָס בעסטע, דאָס שאַפונגס־בעסטע, און געבן עס אָפּ אפן פריידיקסטן אויפן באַנאַכט, אַז אַפילע מענטשן און די זון זאָלן דאָס ניט זען.

זאָל ער א קוק טאָן, דער כּאַוועד מיליציאָנער, און ער וועט זען, אַז מײַן מאָשל איז עפּשער יאָ א מאָשל, מײַן פאַרגלײַכונג א פאַרגלײַך, און דאָס האָב איך צוליב קאָנטראַסט געבראַכט, צו באַווײַזן, אַז די פאַרערונג אמאָל פון די מאַסן פון די יעקאַטארינעס דעמאָלט, איז ווירקלעך נאָר געווען א פעטיש־פאַרערונג, א האָלץ־און שטיין־פאַרערונג, און די פאַרערונג פון האָלץ און שטיין, פון ציגל און זאַמד, אײַזן־בעטאָן בא אלע ביניאָנים אונדזערע איצט, איז א זעלבסטפאַרערונג פון גרויסע מאַסן, וואָס זײַנען צו אייגענע גרויסע נײַע פאָדערונגען און באַדערפענישן דערוואַקסן, און פון זייערע גרויסע בויונגען, פון זייער באַטאָג און באַנאַכט־אָפּגערן פאַר אָט די בויונגען, פון די הויכשטײַגנדיקע, אפן גאַנצן לאַנד אָנצוזעענדיקע, אפּפער־פײַערן קומט און וואַקסט א נײַ באַשעפעניש ארויס, וואָס דער נאָמען פון דעם קלינגט שוין אין אלע אויערן, וואָס הערן גאָר. און אָט דער נאָמען לאָזט אונדזערע סאָנים ניט שלאָפן פון צאָר און ערגערניש, און אַנדערע, די פרײַנט פון דעם נאָמען, — ווי מיך, לעמאָשל, אין מײַן שיקערלעכן אומבלאָנקען, און ווי אים, דעם כּאַוועד מיליציאַנער, וואָס ער שטייט אפן פּאָסטן בא אָט דעם נאָמען, און ווי אָט די בויער אף די רעשטאַוואַניעס, וואָס בויען ביניאָנים פאַר דעם נאָמען, ווי צ. ק., טראַקטער־בוי א. אַז״וו — אויך אונדז, די פרײַנט, לאָזט נישט שלאָפן פאַר פרייד און פאַר האָפענונג, וואָס דער טאָג איז אונדז פאַר זיי ווייניק און די נאַכט טוט זיי אונדז דערגאַנצן...

— אך באָלבל, — זאָגט דער כּאַוועד מיליציאָנער, איך פאַרעד זיך, און — גענוג, גענוג, זאָגט ער, כ׳זאָל שוין פאָרט שלאָפן גיין... ער זעט, ער זעט: אין מײַן פאַטריאָטיזם איז קײַן צווייפל, אָבער, ער איז אויך...

פאטריאָט און, ווי ער האט מיר שוין איינמאָל געזאָגט, ווייסט ער דאס אלץ, וואס איך דערצייל אים. ווײַל אין „רײַאָן" איז פאָליטיוורע א לימעד.

— גערעכט, כאַווער, פאליטיוורע איז טאַקע א לימעד, אָבער אזאַ שטילע, מילדע הארבסטיקע און פון זומער געשענקטע נאכט איז אויך א לימעד, און איך האב וועגן איר וואָס צו זאָגן, און באזינדערס וועגן אָט דער שטאָט, ווו איך מיט אים ווױנען דאָ, ווו מיר אונדזער ברויט פאַרדינען, און ווו די לעצטע יאָרן האבן מיר, צוזאַמען מיט אזויפיל צאָרעס און שוועריקייטן, צוזאַמען מיט אזוי אָפט אין דער לאַנגער ריי נאָך אונדזער ברויט שטיין, און נאָך אַנדערע זאכן, האָבן מיר דאָך אָבער אויך איר, דער שטאָטס, אופשטײַג און עמעסן אופבלי געזען, וואס דאָס איז געווען א טרייסט אונדז אין דער ריי...

זאָל ער קיין מוירע ניט האבן, כ'וועל דאָ נישט רעדן וועגן די אונדז אלעמען און דעם גאנצן לאנד באוווסטע אונטערנעמונגען, גרויסע, ערשט נאָר אויסגעבויטע זאַוואָדן, און וועגן אנדערע, נאָך גרעסערע, וואס האַלטן זיך נאָך אין בוי'ען.

זאָל ער קיין מוירע ניט האבן. קיינע ציפער וועל איך דאָ ניט ברענגען, נישט פון די גוואַלדיקע סומען, וואס מיר האבן אסיגנירט אי'ן אויסגעגעבן אף זיי, און אויך נישט פון דער פראָ־וקציע־גרייס, וואס די זאַוואָדן גיבן איצט אָפּ און מיט וועלכע זיי דעקן זייערע כויוועס פארן אויסגעגעבענעם.

ניין, נישט וועגן דעם, ווײַל ס'איז אלעמען באוווסט, און ווער ס'וויל, קאָן זיך מיט יענע אונטערנעמונגען דורך ביכער, בראָשורן, צײַטונגס־ארטיקלען, באריכטן, ראַפּאָרטן באקאנען, און איך גלויב, אז אויך אים, דעם כאַווער מיליציאָנער, איז דאס אלץ באקאנט.

אויב איך וועל דאָ רעדן, איז גאָר מיקויעך עפּעס אנדערש, מיקויעך דעם און וועגן אזוינס, וואס אין גרויסן טומל בא אונדז פארגעסט מען אין דעם, קיינעם קומט עס ניט אפן זינען, און מאכמעס גרויס פארבא־שעפטיקייט אין טעגלעך־בויערישן הו הא טרעטן מי'ר אף גאָלד, אף ריינעם גאָלד, אָפט.

זאָל אונדז דער גאט פון רײַכטימער מויכל זײַן! זאָל מיר אויך ער, דער כאַווער מיליציאָנער. אָבער ווען ס'קומט אף מיר, לעמאָשל, ווען

איך קאָן, וואָלט איך, זאָל ער ניט לאַכן, באַנאַכט איצט די גאַס אויפ־געוועקט: זאָל מען ארויסגיין און קוקן, ווי מ׳בויט באַנאַכט.

— ער לאַכט?

דער איק רשט נאָך וואָלט אופגעוועקט די קינדער: זאָלן זיי זען. זיי וואָלטן פארשטאַנען בעסער פון די עלטערע, זיי וואָלטן, דאכט מיר, בעסער אויך אָפּגעשאַצט, און פון א קליין נאָר ביסל צוזוקן באנאַכט וואָלטן אף זייער גאַנץ לעבן א שאָק, א גאנצן אויצער אוועקגעטראָגן.

ווייל, ליבער כאַווער, דער עקוויוואלענט פון ווערט פון דער בויונג בא אונדז איז נישט אליין איר ווערטיקייט, נאָר די לופט פון דער ווערט, אין וועלכער זי איז אופגעקומען, פארפּראָיעקטירט געוואָרן און אין וועלכער זי האט זיך געפינען, איידער זי איז נאָך צו איר מאַטעריעלער פאר־קערפּערונג געקומען.

די הערליק פון די ביניאַנים שטעקט ניט נאָר אין די שוין פאַרטיקע, פון דער ערד ארויסגעוואקסענע און פאר אלעם שוין אָנצוועענדיקע ביני־יאָנים, נאָר, נאָכאַמאָל, אין דער צייט־לופט, אין וועלכער זיי זיינען אופגעקומען און אין די מענטשן, וואָס האבן זיי אופגעקומען געמאַכט.

ווייל, כאַווער און מענטשנס־קינד.

מ׳ווער דאך אַמאָל דערציילן: מענטשן, וואס האבן אליין הייַנט אף קיין הויזן ניט געהאט, האבן פארן מאָרגן פּאַלאַצן געבויט; מענטשן, וועלכע האבן זיך אָפּט פון עלעמענטאַרסטן, מאמעש עלעמענטאַרכטן, אין וועלכן זיי האבן זיך געגריטיקט, געמוזט אָפּזאָגן, האבן מיטלען גע־פונען, קויכעס, לוסט און גוסט געהאט פאר זאַכן, וואס בא אנדערע, ווען זיי געפינען זיך אין זעלבן שטאַנד, וואלטן עס פאר לוקסוס און אויסבערענגערייַ געהאַלטן.

און דאָס איז קיין ווידערשפּרוך. דאָס איז דער גרויסער דיאלעקטישער זין, מיט וועלכן מיר עסן דאס ברויט אונד ערס, און נאָך וועלכן,—סיי נאָכן ברויט, און סיי נאך דער דיאלעקטיק,—מיר שטייען אָפּט אין די רייען לאַנגע.

— ער הערט מיך, דער כאַווער מיליציאָנער?

ער זעט, איך רעד אביסל אויך צו דער זאַך? און אז איך בין שוין גאָרנישט אזוי אָנגעטרונקען, מע זאָל מיך מיטן ריַיאָן דראָען? א יאָ?

— טאַקע. ווייל נאָך מער אָנגעטרונקען, זאָל ער מיר גלויבן, בין איך פון אָט דער נאכטישער ארומריַנגלונג, פון אָט דעם שטיל, אייַנגע־

לייגטן געמיט, וואס ווייעט פון דעם גאַס־אספאלט, פון דער עלעקטרישער שײַן, וואס באלויכט די גאַס איצט, און וואָס קיינער, כוץ מיר מיט אים, און כוץ די בויער דאָרט אויבן אין געפלעכט פון די רעשטאָוואניעס פארשטעלט, געפינט זיך אף איר איצט קיינער, און דערפאר קאָן איך נישט שלאָפן גיין, דערפאר האב איך זיך אין אים, אין כאַ‏ווער מיליציאָנער, אָנגעטשעפעט און מוז זיך מיט אים טיילן, ס'זאָל מיר אפילע... בעעמעס טאַקע דער רײַאָן דראָען.

... יאָ, די שטאָט רופט בא מיר באגײַסטערונג ארויס. כאָטש אפן ערשטן קוק, און ווער סע קען זי אביסל לענגער און בעסער—איר אלטן פלאַן און איר אלטע, מ'שטיינס געזאָגט, קאָמונווירטשאַפט, ווייסט, אז ס'שווער זיך מיט איר באגײַסטערן.

אָבער וואס גייט מיך אָן איר אלטער פלאַן? וואָס גייט מיך אָן, וואס די אלטע אָרדענונג האט וועגן איר ווייניק אין אלע זינענס געזאָרגט, ווייניק וועגן איר אויסערלעכן אויסזען, ווייניק וועגן אירע קולטורעלע באדערפענישן, און אין א שטאָט פון באַלד דרײַ הונדערט יאָר אלט, איז אפילע קיין רעכטן מוזיי ניט צו קריגן.

וואס גייט עס מיר אָן? אז בעסאַכאַקל עקזיסטירט זי פאר מיר ניט אין אלטן; אז בעסאַכאַקל קאָן מען פון איר איין נײַעם טאָג מער באַקומען, ווי אין אלע אירע אלטע שטויביקע ארכיוון זיך גריבלענדיק; אז בעסאַכאַקל זײַנען די לעצטע יאָרן פון אונדזער ווירטשאַפט־אופשטעלן און רעקאָנסטרוקציע אירע ערשטע יאָרן. פונדאנען, פון זיי, הייבט זי אָן איר ערע צײלן.

און דאָ כוז איך אים זאָגן, און ער ווייסט עס זיכער אויך אליין אז עלטער אליין איז נאָך קיין כשיוועס אין קיין געשיכטע, עלטער אליין אָן גרויס לעבנדערפארונג און אָן געשעען איז ווי א בוים אָן בלעטער און די עמעסע געשיכטע פון אָט דער שטאָט שאפט זיך ערשט איצט, שאפט זיך די לעצטע יאָרן, וועלכע זאמלען העכסטן סאָך און שטאָף געשיכטלעכן.

און זאָל ער מיר אנטשולדיקן.

כאָטש קיין געשיכטלער בין איך ניט, אָבער בײַטראָגן עפעס, ווי יעדער איינעם ניט קיין געשיכטלער, זאָל אויך מיר דערלויבט ווערן.

איך וויל אים דערציילן, וואס איך האב דאָ אין כאַרקאָוו איבערגעלעבט

עמעס, אזוינע איבערלעבונגען האָבן פיל אַנדערע געהאַט אין אנדערע שטעט, אויך ניט אין קראָקע. איז טאָ זאָלן אנדערע פון אנדערע דער-ציילן, און איך וועל פונדאנען.

ס'איז געווען בעיס דער פאַרטיי־ריייניקונג. זומער 1929־טן יאָר.

א הייסער טאָג. א מוירעדיקע היץ האָט געזעצט פונעם אספאַלט פון גאַס, פון די דעכער, הייזער, פון אלעם, וואס האט זיך פאַר א לאנגן טאָג אף דער זון אָנגעגליט, און וואס איז פארנאַכט, אָן שום ווינט פון ערגעץ, אינדע לופט שטעקן געבליבן.

ס'איז געווען פאר זון־זעצן זיך, נאָך דער ארבעט, ווען די פאר-זאַמלונגען פון דער רייניקונג פלעגן געוויינלעך דעמאָלט זיך אָנהייבן, קעדיי צו געבן א מעגלעכקייט יעדערן, וואָס וויל נאָר אף זיי זײַן, בײַצוזיין.

אין איינעם א מויער פון א געוויסער אונטערנעמונג. א גרויסע זאַל. פלאַקאַטן אף די ווענט. א היפשע פאָר הונדערט בענקלעך אף צו זיצן, און מער נאָך פלאַץ,—פאר מער הונדערטער, וואָס האבן זיך אין די דורכגאנגען, בא די זײַטן ווענט, באַם ארויסגאַנג אָנגעשטאָפּט.

די זאַל פול. מע זיצט שוין אף די שוועל־פענצטער. נישטאָ מיט וואס צו אָטעמען.

אף דער עסטראַדע — די רייניקונג־קאָמיסיע. ס'גייען פאר מיר דורך איינס נאָכן אנדערן ארויסגערופענע פאַרטייער.

מע לייגט פריִער אוועק, ווי דער שטייגער, דעם פאַרטיי־בילעט פאַרן פאָרזיצער פון קאָמיסיע, דערנאָך—צום שטענדער, צום פובליקום געווענדט, און מע הייבט אָן פון די פריסטע יאָרן, פון אָפּשטאַם, דערנאָך פון ארבעט, פון פאַרטיי־אנגעהעריקייט און פון אָנטיילנעמען אין אימפּע-ריאַליסטישן קריג, אין דער רעוואָליוציע און אין בירגער־קריג. דערנאָך, וואס פאר א פאָסטנס מע האָט נאָך דער רעוואָליוציע פארנומען, און וואָס פאר א פאַרטייִשע און געזעלשאַפטלעכע שליכעסן און אָנלאָדונגען מ'האָט אויסגעפילט.

וואָסערע ביאָגראַפיעס! וויפל גאָלדענער מאַטעריאַל פאַר מעווינים פון מענטשן־מאַטעריאַל, פון מענטשלעכער פסיכיק, פאר די, וואס אינטע-רעסירט זיי די גרענעץ, ווי גרויס און ווי ווײַט דערגרייכט דעם מענטשנס אָפּפערפייִקייט, ביז ווי ווײַט ער קאָן פאר א זאַך, וואס איז אים טײַער, טאָן.

טיפן, פאַרשוינען זיינען פאַר אונדז דורכגעגאַנגען, מאַרטירער, העלדן, אייניקע האלב שוין פיזיש געבראָכענע, אַנדערע, פאַרקערט, ווי נאָך מער געשטאַרקטע; מענטשן, וואס וועלן א לאַנד בויען, וואס קאָנען, וואָס מ׳דארף — כאָרעוו מאַכן; מענטשן, וואס וועלן זיך פאר קיין זאך נישט אָפּשטעלן און דעם סוינע און דעם רוצח אפילע אף די הערנער זיך זעצן.

—דער כאַווער דער און דער...

ס׳איז ארוף א יונגער... און באַלד א דונער אפּלאָדיסמענטן פונעם גאַנצן זאַל און אויך אפילע פון אייניקע פון דער רייניקונג־קאָמיסיע, ביזן פאָרזיצער, מיר דאכט, אפילע.

— ווער איז דאָס?

אין זאַל איז א זשומענדיק־אופגעלעגטער שורי געשטאַנען. אף אַלע פּנימער א הויך־צופרידנקייט פון דער אומגעוויינלעכער גוטער באציונג צום ארופגעגאנגענעם.

דאָס איז געווען א פאַרשוין א יונגער נאָך, פאַר די דרייסיק, געוויס, אָבער, איבער איינעם א טיפן קנייטש עפּעס באַם רעכטן אויג, איז ניט צו דערקענען זיין עלטער; מעגלעך, עלטער פון דרייסיק; מעגלעך אָבער, אויך נאָך פיל יינגער.

א שוואַרצער, א גלאנציק־אָפּגעבריווּטער, מיט געלאסענע און זיכערע אין זיך באוועגונגען; אָנגעטאָן אין א קאָסעוואראָטקע. פון היך דער קאָלנער אָפּגעשפּליע, אָפּגעלייגט. דאס לינקע אויג אָפן, קלוג און דערפאַרן. דאס רעכטע — פאַרשעמט און אביסל באַם שלייף אָפּגעצויגן, פאַרשרומפּן.

אז כ׳האב זיך איינגעקוקט, האב אויך דערזען: אפן שטערן בא אים סימאָנם פון שניט, ווי ווונד־סימאָנים...

… Жид! Жид! — האב איך דערהערט, ווי דער גאַנצער זאַל, איינער דעם אנדערן אף דעם, וואס אף דער טריבונע אָנווייזנדיק, האט אף זיין אדרעס דאס וואָרט געזאָגט.

— איך בין געבוירן...—האט יענער, ווי דער שטייגער, אָנגעהויבן.

— מ׳דארף ניט! מע דארף ניט! גוט, וואס ביסט געבוירן...

דאָס האבן אלע, סיי דאס קעמערל, סיי דער ארטקאָם, סיי אלע אָנגעשטעלטע און ביייזייענדיקע דאָרט פאר איבעריק דעם פאַרשוינס

ביאָגראַפֿיע אױסצוהערן געהאַלטן. זי איז, װײַזט אױס, אַלעמען גוט באַװוּסט געװען. אַן אױסגעפּרוּװטער כאַװער... אַ מענטש, װאָס אין זײַן איבערגעגעבנקײט איז קײן צװײפֿל.

כ׳האָב זיך דערפֿרעגט. ס׳האָט זיך אַרױסגעװיזן:

צוזאַמען אין 19־טן יאָר מיט אַ גרופּע ייִדישע כאַװײרים צו אַ באַנדע פּעטליורעװצעס אַרײַנגעפֿאַלן, האָט די באַנדע באַפֿױלן: ייִדן, אַרױס! ייִדן, אין אַ זײַט! ער, נישט קײן ייִד, האָט די כאַװײרים נישט געװאָלט פֿאַרלאָזן, איז געבליבן. מ׳האָט אױף פֿאַרשײדענע אופֿאַנים דאָס בינטל פּײַניקן גענומען. אים—מיט אַ מעסער אױפֿן שטערן אױסגעשניטן: Жид. אַזױ װי אָבער אױפֿן שטערן, האָט דער שנײַדער געזען, װעט זיך אים דאָס װאָרט נישט אױסשטעלן, האָט ער פֿאַרכאַפּט אַביסעלע נידעריקער, בײַם שלײף. דערפֿאַר דאָס אױג אים אָפּגעצױגן, פֿאַרשרומפּן.

ער שמײכלט פֿונעם װאָ־ט, אונדזער יונגער פֿאַרשױן. ס׳גײט פֿון אים אַ שטראַלנדיקער, אַנטקעגנדיקער געלעכטער צום אױלעם פֿון זאַל, מיט כאַװערישער דאַנקבאַרקײט פֿאַרן צוטרױ, װאָס מ׳האָט אים דאָ אױסגעדריקט, און אױך עפּעס װי אַ מעכילע, דאַכט מיר, גײט פֿון זײַן בליק אַפֿילע צו די פּײַניקער זײַנע, װען זײ װאָלטן אים איצט דאָ אױף דער טריבונע געזען, און ער זײ—אין זאַל.

— האַ, כאַװער מיליציאָנער... צו װאָס אַרכיװן? צו װאָס די שטאָט זאָל דאַפֿקע אַלט זײַן? און אַז יונג איז װאָס, איז אונדז שלעכט?

צי דאַרפֿן מיר דען דאַפֿקע אַזױנע געדעכעניש, װי די, װי מ׳האָט יעקאַטערינען, אָדער פּאָטיאָמקינען אין כאַרקאָװ באַגעגנט, אַז די שטאָט זאָל אונדז כאָשעװ זײַן און װערן? צי איז זי דען אונדז ניט טײַערער מאָל מער כאָשעװער, און צי דאַרף זיך דען איר געשיכטע ניט אָנהײבן דאַפֿקע פֿון אָט דער באַגעגעניש, װי די פֿאַר־אַמלונג האָט בײַ דער רײניקונג אָט דעם „זש־ד״ בעסער באַגעגנט?

צי איז אָט די באַגעגעניש, אָדער די באַגעגעניש פֿון אונדזערע בױשלאָגלער, װי אַטאָקינען, מאַריאַסין א. אַז״װ, װען זײ זײַנען אַרױפֿגעגאַנגען נאָך טױט־מידקײט, נאָך כאַדאָשים אָנגעשטרענגטסטער אַרבעט אױף די רעשטאַװאַניעס פֿון טראַקטערבױ, אױסגעטײלטע און פֿאַרדינסטפֿולבאַרטע דעם רױטן שטערן אָנצוצינדן, צי זײַנען, פֿרעג איך, אָט די באַגעגענישן נישט מער װערט, גרונטלײגעריש פֿאַר דער געשיכטע פֿון

אונדזער כאַרקאָוו דער הויפּטשטאָט צו זיין; נישט מער דען ווערט דאָס ערשטע געשיכטע־בלעטל פון דער שטאָט צו באַצירן, ווי די אַלע ביז־אהעריקע ארכיוו־בלעטער?

און צי זיינען ניט אָט די „זשידעס" און די אָסאָקינס קיין גאראנטיע, אַז בעעמעס א נייער גרונט ווערט דאָ פארלייגט פאר נייע טאטן, פאר אנדערע מענטשן און פאר אנדער אויך געשיכטלעכן שטאָף, ווי דער, וואס ביז אהער, ווי יענע שענדלעכע מאַסן־פּאַסיווקייט און פעטיזשירנ־דיקע פארערונג פון שטיינער און העלצער, ווי יענע הערשער אמאָל, באַם ערשטן גרונט־פארלייגן פון דער שטאָט?..

און אָט וויל איך אים ווייטער דערציילן.

ס'איז אויך אין 29־טן יאָר און ווידער פּאַרטיי־ריייניקונג.

דאָזמאָל קומט די רייניקונג פאָר נישט אין קיין פארמאַכטער גע־ביידע, נאָר אין א הויף, איינדרויסן, אונטער ביימער.

אויך פארנאכט. אויך נאָך א הייסן טאָג.

אַלע מ׳טארבעטער אין א וויטן ווינקל אין א הויף פארזאַמלט. זיצן אף בענק, בענקלעך אויסגעזעצט.

צווישן גאַנצן אוילעם דערזע איך איינעם אַן עלטערן גראָוון מאַן, א פּאָליטקאַטערזשאַן, אַן אלטער באָלשעוויק, מיט א רייכער, גאָר א רייכער ביאָגראַפיע.

איך זע אים דאָס ערשטע מאָל. ער זיצט אַן אָנגעשטרענגטער, א פאַרשפּיצטער, א וואַך־נערוועזער. רויכערט, הוסט און הערט זיך איין.

קיין וואָרט, זעט מען, גייט פאַר אים ניט פאַרלוירן. סיי פון די כאַ־ווירים, וואָס ווערן גערייניקט, וואָס זיי דערציילן זייערע לעבנס־געשיכטע בעקיצער, סיי פון די רייניקער, וואָס שטעלן אָפּ די אויסגע־פרעגטע, שטעלן פראַגעס, פרעגן, פאָרשן און דערוויסן זיך.

ער הוסט, איז עטוואָס שוין געבויגן אין דער פּלייצע, אָבער דאס פּאָנעם — ענערגיש, פיל אָנגעשטרענגטקייט און יעדער רעגע איז גרייט צו רעאַגירן, און ער רעאַגירט טאַקע: יעדערס מאָל בעט ער א וואָרט, אף עמעצן עפּעס אויסצוואַרפן און אים אין א הארבער לאַגע שטעלן, און, פאַרקערט, אַן אַנדערס מאָל, אַן אנדערן אום צו פאַר־טיידיקן, ארויסהעלפן און אים אונטער פליגל ארונטערנעמען.

איך קוק אױף אים און טראַכט:

ס'איז נאָך אַ הײסן מיד־פֿולן טאָג. אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַזאַ לאַגע אַ מענטש, קומט אַ ם איצט זיכער אָפּרוען.

און דאָ, שױן אַזאַ בעקאָװעדיק־עלטערער מאַן, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַ שװערן אַמט אױף זיך טראָגן און פֿיל שװערע אַרבעט דערלײדיקנדיק און אָפּטוענדיק, איז נאָך דעם נאָך געצװוּנגען (ניין, נישט געצװוּנגען: מע װאָלט עס אױף אים געזען און דערקענט, װען געצװוּנגען), ניין, נאָר מיט װיפֿל מעגלעך נײַע קױכעס מאָביליזירטע איז אױף אַ נײַעם פּאָסטן איצט, װי אַ פּאַרטײ־מיטגליד, װי אַלע פּאַרטײ־מיטגלידער דאָ איצט, אױף דער פֿאַראַנטװאָרטלעכער פּאַרטײ־רײניקונג בײַצוזײַן, קײן אומרעכט נישט צו דערלאָזן סײַ באַם נישט גערעכטן אױסרײניקן אַ מענטשן, סײַ באַם נישט גערעכטן רײניקן, און יעדער מאָל צו דער ריכטיקער צײַט זײַן װאָרט, זײַן געװיכטיקע, פּאַסיקע פּאַרטײ־װאָרט אַרױסצוזאָגן, פֿאַר אָדער קעגן אַ כאַװער.

ער זיצט אױפֿן בענקל, אַ ביסל דעם קאָפּ צו דער ערד געבױגן, קוקט אָנגעשטרענגט אַראָפּ, הוסט און רױכערט, רױכערט און הוסט...

כ'האָב זיך דערמאָנט: כ'האָב ערגעץ געלײענט װעגן אים, אַז בעײסן צאַרישן רעזשים, װען ער איז אומלעגאַל געװען, איז ער אַמאָל פֿון קאַזאַקן געלאָפֿן. ער האָט זיך באַדאַרפֿט אױסבאַהאַלטן אונטער אַ בריק, אין װאַסער, ביז די קאַזאַקן װעלן איבערפֿאָרן. אַ ביסל האָט זיך דאָס אױס־באַהאַלטן פֿאַרהאַלטן, ער איז צולאַנג אין װאַסער אָפּגעלעגן, דעם קאָפּ נישט געטאָרט אַרױסװײַזן...

מעגלעך, דער הוסט איז אים נאָך פֿון דעמאָלט פֿאַרבליבן; מעגלעך, אַז יענע אָנגעשטרענגטקײט פֿון יענעם קאַזאַקן־געיעג אױף אים ליגט נאָך, דערפֿאַר זײַן פּנים איצט אַזױ פֿאַרשאַרפֿט, פֿאַרשפּיצט, נערװעיש.

װי סע זאָל נישט זײַן, אָבער אָט איז ער, אײנער, װאָס װערט פֿאַרערט פֿון אונדז, אָבער דאָך מיט אַן אַנדער מין פֿאַרערונג, מיט אַ כאַװערי־שער, ליבער, קלאָרזעענדיקער און נישט פֿעטישיזירנדיקער.

און אָט, כאַװער מיליציאָנער, אַז איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ — אונדזערע פֿירער און געפֿירטע, װאָס מאָרגן װעלן אַלײן פֿירער װערן, די, װאָס שטײען אין שפּיץ פֿון אונדזער מאַכט, און אױך די, װאָס װעלן מאָרגן זײערע הענט איבערנעמען און זײערע אָרטער פֿאַרבײַטן.

און ס'איז אזאַ שטילע נאַכט. אינדרויסן קיינער ניטאָ, און איך בין אביסל דערצו נאָך אויסגעטרונקען, און איך זע, וואס פאר א ביניאָנים מע בויט דא פאַר די, ווי געזאָגט, הײַנטיקע געפירטע, מאָרגן פירער, הײַנ־טיקע אף די אונטערשטע מאַכט־טרעפּ שטייענדיקע און מאָרגנדיקע—אף די אייבערשטע.

אז איך זע אָט דעם זיך־ב״יענדיקן צ.ק. און דעם שוין אויסגעבויטן גאָס־פּראָם, און אפן האַרצן איז מיר יאָנטעוודיק, ווײַל ס'איז ערעוו א יאָנ־טעוו, און נישט נאָר אונדזערער, נאָר פאר אלע די, וואָס זיינען נאָך ביז איצט אין דער לאַגע, וואָס מיר זיינען פריער געווען, און וואָס גאַרן, שטרעבן אין אונדזערער, וואָס איצט, צו זײַן.

אז איך דערמ׳ן זיך דאס אלץ, צעשפּילט זיך אין מיר דאס, וואָס מ'רופט בא אונדז די פאַנטאַזיע, אביסל איבעריקס, דער צונג ווערט מיר אופגעבונדן, און אָט וויל איך אים איצט פארטרויען דאס, וואָס איך האב שוין לאַנג קיינעם נישט פארטרויט.

ער זעט א דעם גאָספּראָם? ער זעט, שטייענדיק און קוקנדיק אף אים פון דער ווײַטלעכער ליבקנעכט־גאַס, ווי ער איז איצט פאר־טונק׳ט, פארטוש׳רט און אין דער נאַכט שוואַך אפּילע זיינע קאָנטורן אָנצוזען?

איז, אויב ער וויל, וועל איך באַלד, אָט ווי מיר שטייען דאָ אזוי, א לעוואָנע ארויסרופן, א הויך־שײַנענדיקע, איבערן גאנצן פּלאַץ, איבערן גאנצן שטאָט, כאָטש ס'איז נישט קיין צייט איצט פון קיין לעוואָנע...

און אָט זאָל ער זען: א יאָ, ליכטיקער געוואָרן? א יאָ, דער גאָס־פּראָם איז איצט מיט מאטעוועער ליכט, ווי אין מילך פארגאָסן?

אָט האט ער די איינצלנע מויערן און געבײַדעס זיינע פאר זיך, וואס זײַנען איינס מיט אנדערן מיט גלעזערנע קאָרידאָרן, ווי מיט לענגלעכע צוג־וואַגאָנעס, פארייניקט.

ז ל ער אויך אף די דעכער א קוק טאָן און זען.

ער כידעשט זיך?

סע זיצט איינער אף א דאך?.. זאָל ער אויסוואַרטן, באַלד וועל איך אים זאָגן, ווער סע זיצט.

און אָט אפן צװײטן דאך—א צווייטער, און מיטאמאָל, אף די עטלע־כע דעכער, אף יעדן דאַך—אן אַנדערער.

דאָס זיַינען יענע, פון וועלכע מיר האבן דא פריער גערעדט, דאָס זיַינען: אָסאָקין, מאריאַסין, דער יונג־אויסזעענדיקער, שוואַרץ־פארב ווינטער „זשיר" מיטן ציטערנדיק־פארשרומפּענעם רעכטן אויג, אויך דער עטוואָס אין פלייצע געבויגענער, מיטן שארפן, וואך־אָנגעשטרענגטן פּאָנעם, הוסטנדיקער און רויכערדיקער פּאָליטקאַטערזשאַן.

און אָט אויך איך און ער, דער כאווער מיליציאָנער, אף א דאך...

און די לעוואָנע־ליכט איז לופטיק־לײַכט, און דער גאנצער גאָס־פּראָם־ביניען א לײַכטער.

ער טיילט זיך פון דער ערד אָפּ, הייבט זיך לופטבאלאָניש אין דער לופט אוף... און ווער ס׳איז איצט נאר א וואַכנדיקער אין שטאָט, ווער אפן גאס ווו געפינט זיך, קאָן אים איצט, ווי א לײַכטן נײַעם מויער־דיריזשאבל אינדערלופטן, זעען.

און אָט פליִען מיר פון שטאָט ארויס און אפן מילך־מאַטן אוקראַיִנישן סטעפּ קומען מיר, ווו אפן וועג אונדז דערפער, כוטערס באגעגענען, פארשלאָפענע, מיט לעוואָנע־מילך באגאָסענע, פארטויעטע, און ווער אויך דארט איצט א וואַכנדיקער, הייבט די אויגן אוף, קוקט אינדערלופטן און דערזעט אונדז, וויל דאס דאָרף גיין אופוועקן פון כידעש, אבער ער דערמאָנט זיך, אז איצט זיינען קיינע כידושם קיין כידושים, אז נאכן טראַקטער אפן פעלד, נאָכן ראַדיאָ אין דאָרפראט, נאָכן עראָפּלאַן, וואָס יעדער דאָרף־קינד אפילע האט שוין געזען, קאָן שוין אויך אזא מאַכינע, א גאנצער גאסן־ביניען, מיט מויערן, מיט צוועלף און פערצן־שטאָקיקע קאָרפּוסן, מיט קאָרידאָרן, וואָס זעען אויס ווי לאַנגע צוג־וואַגאָנעס, וועלכע פארייניקן א קאָרפּוס מיט א קאָרפּוס, אינדערלופט פליִען.

און מיר פליִען ווײַטער—דורך סטעפּ, דורך דערפער, דורך שלאָפנדיקע כוטערס און דורך אפן וועג זיך אונדז טרעפנדיקע שטעט.

און די ריכטונג האלטן מיר אף מײַרעוו פון אונדזער גרענעץ, אהין, צו דער אמאָל געוועזענער, אלטער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, וואס איז איצט ניט די הויפּשטאָט, דערפאַר, וואָס איבער געוויסע, נישט פון אונדז אָפּהענגיקע סיבעס, האט געמוזט איר אָרט אן אנדערער אפּטרעטן, און מיר פליִען איצט אהין, ווילן דער אלטער, איר גרויסן יִיכעס געדענקענדיקער, א וויזיט אָפּשטעקן. מיר זיינען דאך יונג.—פון אונדזער

אָרט זיך אופהייבן און א פלי טאָן איז אונדז א קלייניקייט, און זי וואַרט געוויס אף אזוינס, אף קאָוועד מיר זאָלן איר אָפּגעבן.

און אָט דערנענטערן מיר זיך צו איר. מיר דערזעען זי פונווײַט, ווי זי שלאָפט אף איר באַרג־טייל, שלאָפט אין טאָל, ווו ס'שלאָפט איר טײַך, און מורמלט און קאטשעט גאָלדענע זיכרוינעס צו איר צופוסנס.

זי איז אבער, זעט אויס, טרויעריק, כאָטש איר צופוסנס גאָלד און כאָטש אירע קלויסטער־קופּאָלן גאָלד.

און ווען זי דערזעט אונדז מיטאמאָל אפן האריזאָנט זיך ווײַזן, זײַנען מיר פאר איר, דאכט זיך אונדז, טאַקע אן עמעס ווילדער כידעש. מיר זעען: זי שמײכלט און

„чудо — юдо, рыба -- кит...

איז איר אף די ליפּן...

אָבער באַלד דערוווסט זי זיך, ווער מיר זיינען, אז א יונג־נײַ־אופגעקומענער, נישט קיין לעגענדע־העלד, נאר א הײַנטצײַטיקע ווירקלעכע מאַמאָשעס.

און זי דערפרייט זיך מיט אונדז און זי קוקט זיך ארום, וואָס פאר אן אָרט זי זאָל אונדז אָפּגעבן, און ווו, אף וואָסער פאר א פלאַץ אירן זאָל זי אונדז אופנעמען.

אפגיך... אפגיך... און זי געפינט, אז דער איינציקער פלאַץ פאר אונדזער קאָוועד און ווו מיר זאָלן זיך מיט אונדזער גרייס קאָנען אויסשטעלן, איז איר איינציקער גרויסער פלאץ, דער פלאַץ פון סאָפּיעווער קלויסטער.

און מיר קומען אָן, שטעלן זיך אוועק. מיר פארפולן אים, דעם פלאַץ, אינגאנצן, מיר שטעלן זיך קאָם אײַן, און מיר זעען, ער זאָל אונדז די זײַטן נישט רײַבן.

מיר רוען אָפּ, און די אלטע שטאָט, די איר גרויסן ייִכעס געדענקענדיקע, וויל אונדז מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן, ווי אן עלטערע, וואָס ייִנגערע קרויווים זײַנען צו איר צוגאַסט געקומען. אָבער מיט וואָס?

זי זעט: מיר זײַנען אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און אופגעלעגט, און אויך א גרינגע רײַזע האבן מיר געהאט, און גאָרנישט פעלט אונדז, גארנישט גייט אונדז נישט אָפּ, עפּשער נאָר, מעגלעך, א שפּיל טאָן.

אין זי לייגט אונדז פאָר: א שפּיל פון אַלטע בעסטע כפּייצים אירע, כאָטש זיי זיינען איר גוואַלדיק טײַער, אָבער צוליב אונדזער קאָוועד און פאַרגעניגן, און אזוי ווי קיין אנדערע האט זי ניט, לייגט זי אונדז די קופּאָלן פון סאָפּיעווער קלויסטער פאָר: נאט, הייסט עס, שפּילט.

און הערסט, כאַווער מיליציאָנער, איך ווייס ניט פונוואַנען, נאָר אין מויל בא אונדז אלע, בא יעדן איינעם באווײַזט זיך א שטרוי אזאַ, וואָס מע שפּילט מיט איר אין זייפנבלאָזן, און יעדן איינעם פון אונדז ווערט אף איינעם א קופּאָל פון די זעקס אָדער זיבן סאָפּיעווער קלויסטער־קופּאָלן אָנגעוויזן.

און הערסט ווײַטער, כאַווער מיליציאָנער, יעדער איינער טוט זיך מיט זײַן שטרוי צו איינעם א קופּאָל א בויג, נעמט אים אוף, ווי מ׳נעמט איף א זייפנבלאָז, און ער בלאָזט, און דער קופּאָל צעבלאָזט זיך, ווערט דורכזיכטיק, לויטער־וואַסערדיק, דין־הײַטלדיק און מיט פאַרבנשפּיל באלויכטן.

און ווידער מיטאמאָל, כאַווער מיליציאָנער, באווײַזט זיך אין יעדער מיט פון די קופּאָלדיקע זייפנבלאָזן עפּעס א פארשוין צווען; א מעשונע אָנגעטאָנענער, וואָס איצט זעט מען אזוינע זעלטן, אבער פריער איז א גרויס שטיק לעבן אונדזערס פארפלייצט געווען פון אזוינע; אזוינע, וואָס האבן זייער געוועלטיקונג אפן גרויסן זעקסטכיילעק וועלטיקן לאַנד פארשפּרייט, און באזונדערס דאָ, אין אָט דער שטאָט האבן זיי זייערע אן אַלטע, פארפונדעוועטע נעסט געהאט: אף דער ערד און אונטער דער ערד, אויבן קלויסטערס, אונטן — היילן („פּעשטשערעס”) און פארפינצטערדיקע קאַטאקאָמבעס.

און אין איינעם א קופּאָל האט זיך א דיאקאָן באוויזן, אין אן אנדערן — אן ארכידיאקאן, אין איינעם — א מיטראָפּאָליט, אין אן אנדערן — אן ארכימאַנדריט, און אלע — מיט די ספּעציפישע בגאָדים, גאָלדענע קאָלדרעס, שאלאכוואנעס, מיט הויכע קלאבוקעס, מיט ווײַסע און שוואַרצע טוכן אראָפּגעהאנגען, מיט ציילעמס אף די קלאָבוקס, ציילעמס אף די ברוסטן און ציילעמס אין די הענט.

און וואָס מער מיר האבן די זייפנבלאָזן געבלאָזן, אלץ מער זיינען די פארשוינען אינעווייניק אָנגעזועענער געוואָרן, אלץ קלאָרער, און נישט נאָר מיר האבן זיי געזעען, נאָר ווער ס׳וואָלט און ווען דעמאָלט אין שטאָט אף א גאס ווו געשטאַנען, אויך יענער וואָלט זיי זיכער...

און מיטאמאָל פאַרהוסט זיך דער פּאָליטקאָמערזשאַן און זײַן זײַפּנבלאָז, מיט זײַנעם אַן אַרכימאַנדריט. פּלאַצט, און מיר, דאָס דערזעענדיק, צעלאַכן זיך, און אויך אונדזערע אַלעמענס זײַפּנבלאָזן מיט אונדזערע דיאַקאָנעס, אַרכידיאַקאָנעס, מיטראַפּאָליטן און אַנדערע ענלעכע שלעק־פאַרשוינען פּלאַצן.

מיר האָבן אָפּגעשפּילט... די אַלטע קרויווע, די אַלטע שטאָט, נאָך אָט דעם קיבעד, וואָס זי האָט אונדז מעכאַבעד געווען, שטייט און שמייכלט פאַרלוירן:

זי האָט אירע גאָלדענע קעפּ און קופּאָלן אָנגעוווירן.

מיר טרייסטן זי: מיר ווײַזן איר אַן אָפּ איר צופוסנס, אָף איר טײַך, וואָס מיט זײַן גאָלד קאָן איר דאָס פאַרלוירענע קאָמפּענסירן.

זאָל זי ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך, זאָל זי אָף איר גאָלדענעם טײַך אַ קוק טאָן און זען, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע קרעפטן ער טראָגט, ביז אַהער ניט אויסגענוצטע, און וויפל אויך שיינקייטן, וואָס האָט אַזוי ווייניק, אויסער פאַר געציילטע, האַנאָע פאַרשאַפט, און זאָל זי ניט אַלט זײַן, די קרויווע, און זאָל זי זיך פאָרשטעלן, וואָס איר טײַך און אירע ברעגן שטייען נאָך פאַר,—זאָל זי אָף איר הײַנט און אָף הײַנט שוין אָפּגעטאָנענעם, אָף איר אַנהייב, איבערבויונג און איבערקאָנסטרויִרונג אַ קוק טאָן—אָף איר נײַ גאָלד, און דאָס אַלטע וועט איר קײַן שאָד זײַן און ניט באַנק טאָן.

און ס׳איז אַ לעוואָנע, און מיר טוען דאָ און נעמען און פאַרוואָרפן אַ נעץ, אַ גרויסע, אַ לאַנגע פון איר באַרג־טייל אין איר טײַך אַראָפּ, און מיר האַלטן זי אַביסל לענגלעך, דערנאָך שלעפּן זי אַרויס, און די נעץ ברענגט אויסער וואַסערליכט—לעוואָנע־טראָפּנס, אַ גאַנצן פּאַק זאַכן פון איר אַלטסטער, עלטסטער און אורעלטסטער געשיכטע דאָ:

פון אַ מאַמאָנט־קינבאַק, ביז אַ האַק פון דער שטיין־טקופע, ביז געבויך־זאַכן און קלייזאַכן פון דער בראָנדזע־און אײַזן־טקופעס, ביז אַ געץ, אַ שטיינערנע „באַבע" פונעם געצנדינערשן פעריאָד, פון וואָלאָדימיר און אָלגעס צײַט פון צוריק מיט אַ יאָר טויזנט, דאַן פון—שפּעטער, פון באַטיס (Батий)־צײַטן, ליטוויש־פּוילישע הערשאַפט, קאָזאַקן־צײַט, העטמאַנס א. אז״וו.

און מיר זאָגן איר: זע, דאס איז פון איין נאָר גען, אי דאס פון א קליין נאָר ביסל זי אין וואַסער האלטן. אָט וועלן מיר זי גאָכאַמאָל אריינלאָזן, און ווידער ניט אף לאַנג, און זאָל זי א קוק טאָן.

מיר טוען אזוי און שלעפן ווידער, אויסער לעוואָנע־טראָפּנס, עפּעס דענקמעלער ארויס...

נישט נאך שטאַרק פארזשאווערט, נישט נאָך שטאַרק מיט טייַך־געוויקסן פארוואקסן. מ׳זעט: ערשט נישט לאַנג נאָך וואסער־איינוווינער.

און דאס זיינען:

א בראָנדזענער גוילעם פון איינעם (ניקאָלייַ דעם ערשטן), וואס איז באַ איר פריִער אן אידיאָטיש אויסגעטטראָטצטער אף א הויכן פּיעדעסטאל געשטאַנען, מיט דער אָנגעכמורעטער צורע, מיט די קייַלעכיק סאָווישע אויגן.

דאַן א צווייטער: א לעמעשקעוואַטע, גוטמוטיקער אף דער צורע, מיט דייַטשישע באַקנבאַרדן,—אלעקסאַנדער דער צווייטער.

דאן דער דריטער, דער גאָר לעצטער־סאטראפּ פון רוסישן שוין פארלאַמענטארישן פּעריִאָד פון נאָכן 5־טן יאָר—סטאליפּין, מיט זיין זיכער־פּעסטער האנט בא דער ברוסט אין סורדוט־באָרטן פארלייגט; יענער, וואס איז גערופן געוואָרן די צאַרישע קרוין צו ראַטעווען, רוסלאַנד פון דער „געשענקטער" קאָנסטיטוציע צו באַפרייַען, זי ליקווידירן און דאס לאַנד פון רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונגען און נייַע אויסבראָכן צו פאַרהיטן. זאָל זי זען: פאַרוואָס פאַר א קליין שטיקל צייַט זי, און צו־זאַמען מיט איר דאס גאַנצע לאַנד, איז אָט דאָס שווער־דריקנדיקע און דערנידערנדיקע איבערגעקומען.

דאן אונטער די גוילעמס,—האָבן מיר איר אָנגעוויזן,—האָט זיך אין דער נעץ נאָך עפּעס געפונען: קעפּ, קערפּער, אזוינע, וואָס האבן אין זייער צייַט נישט באוויזן ארופצושווימען, זיך ערגעץ אין באָדן־מאָך פאַרהאַלטן.

מאַרטירער, העלדן, קאָרבאָנעס פון די זעליאָנעס, סטרוקס, דעני־קינס, פּעטליורעס און אנדערע באנדיטן, וואָס זי האָט זיי אין אירע ווענט געזען, אף אירע ברעגן, אף אירע וועגן, ארום דער שטאָט, ווי וועלף ארומשנאָרען געהאט און וואָס איצט פון זיי קיין זייכער אפילע, זי איז פרייַ פון זיי.

און אָט זאָל זי זען:

אין איינער א זײַט פון נעץ האט זיך עפּעס דאָרט צאַפּלען גענומען. א פּישעלע, א גאָלדן פּישעלע, א צוקונפט־פּישעלע, א פּיל־צוזאָגנדיקס, א גרויסע טרייסט אין אזאַ טויטן־נעץ.

און מיר האָבן איר אף אירע ווײַטע, מיט לעוואָנע־פאַרגאָסענע, הויכע ברעגן אָנגעוויזן, אף אירע „מיזשגוריעס״,טריפּאָליע, ווי פון דער הייך דאָרט באַווײַזט זיך אין לעוואָנע עפּעס א גרופּע יוגנט ארויסגיין... אן אויס־טערלישע גרופּע, א מארטיריש־אויסזעענדיקע, ווי ערגעץ אין א נישט לאַנגער נאָך שלאַכט דאָרט געקילעט, אָבער אין דערזעלבער צײַט א זינגענדיקע—,זייער אָפּפער קיין אומזיסטיקער,—און אין דער ווײַטער שײַן קאָן מען פאַר יעדערן פון זיי, פון לעוואָנע בלאסקייט ארויס, א גאָלדן פּישעלע זיך זען צאַפּלען...

אונדזער קרויווע איז צופרידן. צו אונדזער קרויווע קערט זיך, זעען מיר, א שטיק לעבנלוסט אום צוריק. זי דאנקט אונדז, וואס מיר האבן אין איר נישט פארגעסן, און אזאַ ליכטיק־שײַנענדיקן ווײַזט איר אָפּגע־שטעקט, און אין איר (זי מוז זיך מוידע זײַן) פאַר די לעצטע יאָרן אביסל יערידע געטרייסט.

מיר געזעגענען זיך. די צײַט איז אונדז שוין שפּעט. די נאַכט פאַר לעוואָנע־אומוואנדלונגען האט א גרענעץ, און מיר זיינען דאך קיין נאכט־וואנדלער, און אזוינע לוקסוסן קאָנען מיר זיך זעלטן־ווען פאַרגינען.

און דערצו נאָך זיינען מיר דאָך... אן אנשטאלט. גאָספּראָם הייסן מיר, א ביניען, וווּ צענדליקער אונטערנעמונגען געפינען זיך, מיט זייער האק־פּאַק דאָרט: מיט זייערע ביוראָען, קאָנצעליאריעס, שרײַבטישן, שרײַבמאַשינעס, מיט אזויפיל געשעפט־פּאפּירן, ווערט־פּאפּירן, ראַפּאָרטן, באריכטן, כעזשבוינעס; צימערן, קאָרידאָרן, קאַבינעטן, ליפטן, זאַלן מיט אזויפיל, מיט א אַ מענגע אָנגעשטעלטע, זאוון און פאַמזאַוון, יוריסקאָנסולטן, געשעפטספירער, בוכפירער; אָרטקאָמען, פאַרטיי־קעמערלעך, מיט אזויפיל איניאָנים, אזויפיל זאָרגן, וואס פאַר יעדן פון די מיטארבעטער איז דער טאָג צו קורץ און באנאכט כּלעמען זיי זיך אים און לאָזן אים ניט שלאָפן נאָכן טאָג, און יעדער פון זיי כאַפּט זיך אוף פארדערצײַט, האט מוירע צו פארשפּעטיקן, אײַלט, כאַפּט עפּעס איבער און קומט צו דער ארבעט נאָך אסאך פריִער פאר דער באשטימטער צײַט,—איז מוזן

מיר דאך אײַלן: מיר האבן דאָך נאך אזאַ וועג אף צוריק, און צודערצייט מוזן מיר אין שטאָט, אף אונדזער פלאַץ קומען און זיך שטעלן, קיינער זאָל אונדזער אָפּוועזנהייט פאר די עטלעכע שאָ ניט באמערקן...

מיר געזעגענען זיך דערום. מיר הייבן זיך גלײַך אוף און מיר זײַנען שוין אין לופטן ווידער.

פון דאָרט אויס, פון דער הייך און פון די קאָרפּוסן אראָפּ, געזעגענען מיר זיך ווידער מיט דער שטאָט, צו וועלכער מיר האבן דעם וויזיט געפּראוועט.

מיר פּאָכן צו איר—ווער מיט א גריס־טיכעלע, און ווער מיט א הוט—פונוויטן, און זי קוקט אונדז נאָך און שרײַט אונדז: „אף ווידערזעען" פונונטן.

און אָט זײַנען מיר געקומען, כאַווער מיליציאָנער, און דו ביסט אף דײַן פּאָסטן ווידער, און איך נאָך אלץ אביסל... נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעניכטערט. אָבער כ'גלויב, אז פּאַר דער קורצער לופטרײַזע־צײַט האסטו דו אביסל פון דײַן שטרענגקייט נאָכגעלאָזט, ווייל איך אויך אביסל... פון מײַן פרייד און טומל, און איך קאָן שלאָפן גיין, און דו קאָנסט בלײַבן, און אין רײַאָן מיך מאטריִעך זײַן איז איבעריק, און—

— אף ווידערזעען! א צווייט מאָל וועלן מיר דאך שוין באַקאַנט זיין, און אויב דאָס ערשטע מאָל האב אים וויניק, וועל דאס צווייטע מאָל אים מער באפרידיקן.

— אף ווידערזעען.

1933.

לענינגראַד

1. דענקמעלער

דאָס ערשטע, וואָס האט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, באלד ווי איך בין פון אָקטיאַבער־וואָקזאַל ארויס, איז געווען דער דענקמאָל פון אלעקסאַנדער דעם 3־טן.

כ׳האב זיך גלייַך צו אים דורכן פרייַען פּלאַץ, וואָס טיילט אים אָפּ פון וואקזאַל, געלאָזט, אבער באַלד האב הינטער זיך א פּייַפל פּייַפן און א וואָרנדיקע שטים צו מיר רופן דערהערט:

— טאָווארישטש, טאָווארישטש...

האב זיך אומגעקוקט. א יונגער ארבעטער מיט א רויטער אָרדנער־סטענגע אפן אַרבל האט מיך אָנגעיאָגט, מיט א בלייַפעדער און עפּעס א ביכעלע אין האנט, און מיר א זאָג געטאָן:

— שטראָף, כאַווער.

— פארוואָס?

— דורכן פלאַץ טאָר מען ניט.

— כ׳בין א פרעמדער, האב ניט געוווסט,—האב זיך גענומען פאר־ענטפערן.

ס׳האט ניט געהאָלפן.

נעמענדיק בא מיר דאס שטראָף־געלט און ארויסגעבנדיק די קווי־טאַנציע, האט זיך דע־ ארבעטער מיט מיר צערעדט, מיך געפרעגט: פונ־וואַנען איך קום און וואָס מייַן באשעפטיקונג.

— פון דאָרט־און דאָרט, און פרעסע איז מייַן באשעפ־טיקונג.

— איז אויב אזוי, איז צאָלט טאקע, ניִשקאָשע, איר וועט אים באַ־שרײַבן און אף אים היפּשלעך פארדינען.

— ניין, איבעריק פאַרדינען, זע איך, וועל שוין אף אים ניט.

אָט איז ער:

אף א הויכלעכן פירעקעכיקן גראניט־געשטעל שטייט א פערד. א געזונטער, אָנגעפּאַסעטער, זאַטער, מיט א גרויסן קאָפּ און מיט א שטאַרק־פליישיק געבעטן אונטן. ער איז טעמפּ, פארגליווערט, סטאַטיש. דאס איינציקע לעבעדיקע אין אים, וואס ער האלט די אויגן און דעם קאָפּ אף לינקס צו דער ערד אָפּגעבויגן, גלײַך ער שעמט זיך פארן רײַטער, וואס ער האט אף זיך זיצן...

דער רײַטער:

א טיפּישער, זמאָליקער פריסטעוו־געהילף, אָדער זשאנדארם, מיט ברייטע פּאָליציי - פלודערן־מאַטיאָכעס, מיט קורצע שטיוול; א טעמפּ־געגאָלטער קאַרק, מיט א קײַלעכיק באראשקן היטל, א קובאַקע, מיט א צוגעפּלעטשטן זענעק; א בלאָנד מאָפּסן־פּאָנים, וואָס קוקט און זעט ניט, און א ברייט, קאָמיש געזעס פון א איזוואָזשטשיק, וואָס וואָלט זיך געמעגט מיט זיין פּאָנעם מיט די ערטער בײַטן.

אז איר גייט צו, דערזעט אים, צעלאַכט איר זיך. קיין שענערע קאַ־ריקאטור אף דער זעלבסטהערשונג האט איר ערגסטער סוינע ניט גע־קאָנט אויסטראַכטן. די רעוואָליוציע האט זי דערום געלאָזט, נאר אנ־שטאָט די לויב־ווערטער, ווי ס'פּאסט פאר א „געקרוינטן", האט זי בא איר פּאָלקס מאָעט, בא דעמיאַנען, אנדערע עטוואָס באַשטעלט, און דער פּאָעט האט זיך פירסטראָפיק אזוי אויסגעדריקט:

Мой сын и мой отец при жизни казнены.
а я пожал удел бесмертного беславья,
торчу здесь пугалом* чугунным для сграны
навеки сбросившей ярмо самодержавья.

---

* Пугало — הייסט הײַנט דער דענקמאָל.

דעם צווייטן דענקמאָל — פּעטער דעם גרויסנס.

ס׳א לענינגראַדער יול־פאַרנאַכט. באַ אונדז, דאָרעם־לײַט, שלאָפן אין דער צײַט שוין אייניקע, און אַנדערע קערן זיך אַפילע אף דער אַנדערער זייט שוין איבער, און דאָרט — נאָך פאַרנאַכט, פאַר זונפאַרגאַנג אַפילע.

כ׳האָב זיך נאָך א לאַנגן שפּאַציר אפן סענאַט־פּלאַץ (היינט — דעקאַבריסטן־פּלאַץ) געטראָפן. זיך ארומגעקוקט: פון איין זײַט דער סענאַט און סינאָד, מיט א טויער־אַרקע פאַרייניקט, דורך וועלכער א שמאָל־פאַרכאָלעמטע, שטילע אַלייע־גאַס איז אנצווען, פון דער אַנדערער — דאָס אזוי אַלטע אַדמיראַליטעט־הויז.ביידע, סײַ דער סענאַט־סינאָד, סײַ די אַדמיראַליטעט, אין טראַדיציאָנעלן אַראַנזש געפאַרבט די ווענט, און ווײַס — די קאָלאָנעס...

פון דער דריטער זײַט, אין הינטערגרונט — „איסאַקי“, מיטן געגילדטן פלאַטשיקלעכן קופּאָל און מיט די רונדיקע שטאַרק־הויכע וואַכטע־גאַניקלעך, וואָס מענטשן גייען אהין ארויף, קעדיי די ווײַטע לענינגראַדער געגנט צו באַקוקן, א׳ן וואָס, ווען איר קוקט ארויף אף די גאַניקלעך, און אײַער בליק טרעפט איינציקע אדער גאַנצע מענטשן־גרופּעס, ווײַזן זיי זיך אײַך אויס, ווי פיגמייען און שפּילצײַג־מענטשעלעך.

דאָס פון דריטער זײַט, און פון דער פערטער — די ניעווע, מיט איר מעכטיקער 4—5 הונדערט־מעטערדיקער ברייט און מיט איר נישט ווייניקער מעכטיקער גראַניטענער געצוימטקייט; אירע צווי ווײַט־צעוואָרפענע אָרעמס אף רעכטס און אף לינקס, דורך וועלכע בריקן זײַנען איבער געוואָרפן, פאַרייניקנדיק די לענינגראַדער שטאָט־טייל מיט פּעטראָגראַדער און וואַסיליעווער אינדזל, און אף די בריקן, האָב איך דערזעען, האָבן זיך שוין, אין פאַרנאַכט נאָך שוואַך אנצווענדיקע, לאַמטערנס צעצונדן, טראַמווײַען זײַנען איבער זיי הין־און־הער, ווי לעבעדיקע, רויטהויטיקע, פויזנדיקע כאַיעלעך געקראָכן, און אפן האָריזאָנט — א טונקל ראָז־שטויביקע זון, וואָס פאַרגייט, פאַרגייט און שטייט עפּעס אַלץ אף איין אָרט, ווי זי קאָן זיך פון דער שטאָט ניט שיידן.

און דאָ האָב איך פּלוצלונג אין סקווער, וואָס אנטקעגן סענאַט מיטן פּאָנעם צו דער ניעווע געווענדט אפן שטיינערנעם פעלדז דעם געוויסן „קופּערנעם רײַטער“ אפן פערד דערזען.

דאָס פערד — א יונגס און מיט דריַ פיס אין געלויף און איַנדערלופטן. די נאָזלעכער באַ דעם צעפּאָכעט, א הייך פון מיט־געיעג און פון אַף א הויך אָרט אַרופשטיַיגן, שלאָגט פון דעם, און איינע א געזונט־אָדערדיקע האַנט פון רײַ־טער האַלט עס פאַרן צוים, און די צווייטע האַנט האלט ער אף פארויס, צו דער וויַטסטער שטרעקע, צום האָריזאָנט און ווי צום זונפאַרגאַנג געשטרעקט.

אויך דער ריַיטער יונג, לופט־באַגיַיסטערט און פון ריַיט־געיעג קוקן, אזש ביז מעשוגאַעס פאַרכאַפּטע, זיַינע אויגן פון אונטערן יונגן קופּערנעם שטערן ארויס, און דער גאַנצער קערפּער איין באגער, איין ווילן־פארוואנדלונג — אהין, קיַין מערכאַקים, דער זון נאָכצויאָגן, זי פארהאַלטן און אויך זי, ווי דאס פערד, צו צוימען...

ס'איז, קוקנדיק אפן דענקמאָל, גלײַך צו זען: דער קינסטלער האט דא, — באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין — אויסער די פערזענלעכע אייגנשאַפט פון ריַיטער, אויך דעם אויסדרוק פון זיַין יונג־געשיכטלעכן קלאַס געגעבן — זיַין ווילדע עקספּאנסיע, זיין שטרעבן צו וועלט־און אייראָפּע־האַנדל, צו נײַע יאַבאָשע־און וואַסער־וועגן דעראָבערן, און טירן און פענצטער אין אומבאַקאַנטע לענדער און קאָנטינענטן דו כצוהאַקן.

איר שטייט און קוקט, און היפּש ערע פאר א פּאָרשטייער פון א פרעמדן איַיך קלאַס דערוועקט זיך אין איַיך, וויַיל איר ווייסט, אז בעגעגייע דעם פריערדיקן קלאַס, דעם מיטלאלטערלעך־פעאָדאליקן, וועלכן אָט דער פּאָרשטייער איז געק מען יאַרשענען, איז ער פיל פּראָגרעסיווער, לעבנספייַקער, פּאָרגעשריטענער, געשיכטלעך־גערעכטער און בארעכטיקער געווען.

איר קוקט אפן פעלדז און אפן שלאנג, וואס דעם ריַיטערס פערד האט אף אים מיטן פערטן פוס אַנגעטראָטן, און איר דערמאָנט זיך: וויפל האַסנדיקע און גיפטיקע שלענג צום צעטרעטן, וויפל שטערונגען און מניעס האט אָט דער פארשטייער, אליין נאָר בא דעם גרונט־פארלייגן אָט די שטאָט אויסצ ב־יען, געהאַט אויסצושטיין; וויפל רוסישע קאָפּטאנעס מיט פרום־פראוואָסלאַוונע בערד צוזאַמען מיט קעפּ זיַינען דאָ און האבן געמוזט דאָ אָפּגעהאקט ווערן. אָבער סאָפּקאָ־סאָף האט אָט דער מענטש, אָט דער פּאָרשטייער, דער ריַיטער, געזיגט; סאָפּקאָלסאָף,

וואס געדאַרפט, געוואָלט—דורכגעפירט: די פענצטער־לאָך אף לופט און אף נייער שיין פארן אלטן רוסלאַנד קיין אייראָפּע דאָך דורכגעהאַקט, און די האַסנדיקע פעאָדאלע נעוויִעס און די עפּילעפּטישע קרייערייען פון די פארשיידענע סעקטאַנטישע און רעליגיעזע קעגנער: „быть пусту Петрограду“—זיינען ניט מעקויעם געוואָרן, נאָר פארקערט: קעגן אַלע סטיכיעס און מעניִעס, נעוויִעס און פּאָרויסזאָגונגען איז אַף אָט די ווייט־פּאַרוואָרפענע פינלענדישע בלאָטעס, אף אינדזלען, טייכער, טייכלעך, אָזערעס, דאָרט נאָר ווו זיין ווילן האט געוואָלט, און ווו זיין פוס האט פעסט א טראָט געטאָן, ווי דורך א צויבער, א שטאָט ארויס־גערופן געוואָרן, א שטאָט א וועלט־צענטער, אין אָט ליגט זי פאר אייך—דאס גרויסע, ווונדערלעכע אין אלע זינענס, מייסטער־ווערק, וואס אָנהייבנדיק מיט זיין—דעם רייטערס—צייט און ענדיקן מיט אונדזערער, האט זי, די אלעמען אונדז אזוי באוווסטע, גרויסע ראָל געשפּילט.

איר שטייט פאר אָט דעם דענקמאָל און נישטווילנדיק דערמאָנט איר זיך אין יענעם דענקמאָל, וואס איר האט פריִער געזען, און אינעם קונסט־אויסדרוק פון די צוויי דענקמעלער טוט איר דעם אָנהייב און סאָף פון דער היסטאָריש זייער־וויכטיקער עפּאָכע און צייט־אָפּשניט דערקענען, אן עפּאָכע, וואס הייבן הייבט זי זיך אָן און וואס דער ארייַנפירער אין איר איז א מענטש א וועג־און שטייגער־ברעכער, א מענטש, וואס די גרענעצן פון זיין גוואלדיק־גרויס. לאַנד זיינען אים צו ענג, וואס זיין ברוסט איז אים צעכראַסטעט, וויל לופט, איז פול דינאמיק, א גרויסער אקשאָנעסדיקער אומרו אף זיין שטערן, די אויגן ווילד, ווייט אריבער זיין דעראָבערטס, אף ווייטער און נאָך מער צו דעראָבערן געווענדט, און א הונגער איז אין זיין בליק. און דאס פערד, וואס טראָגט אים, איז אין אימפּעטפולן קאָנטאקט מיט אים, ס'שטרענגט די בעסטע און אלמעגלעכסטע כאַישע קויכעס אָן, אהין, וווהין דער רייטער וויל און שטרעבט, אים צו ברענגען.

אזוי הייבט זי זיך אָן, די עפּאָכע. און ענדיקן ענדיקט זיך (זע דעם ערשטן דענקמאָל):

מיט א טיפּישן פּריסטעוו־געהילף, מיט א טעמפּ־געגאָלטן קארק און פּאטיליצע, מיט א בליק, וואס זעט ניט מער, וויפל א פּריסטעוו־געהילף קאָן זען, מיט א קערפּער פון אזא קאָמפּלעקטקייט און אזא שווין זעט,

וואס נאָך דעם און ווײַטער איז שוין קײַן וואקסן ניט שײַעך, נאָר—פאלן, און די צוים פון סערד איז נאָכגעלאָזט, און דאס פערד האלט דעם קאָפּ אינדערזײַט אפּגעבויגן, ווי ס׳שעמט זיך מיטן רײַטער, ווײַל—מיטן זעלבן רעכט, וואס דער רײַטער אף דעם, האט דאָס פערד אפן רײַטער געקאָנט און געמעגט רײַטן.

אין זעלבן פאַרנאַכט, ווען כ׳בין אוועק פונדאָרט און אין דער נאָענט־דיקער פּאַלאַצן־גאסן (הײַנט,—די גאַס פון 9־טן יאַנוואַר) געקומען, האב, שפּאַצירנדיק און קימאַט איינער אַליין אף דער גאַס זיך געפונענדיק, פּלוצים איינעם א פאַרשוין א זייער מאָדנעם באגעגנט:

א באָרוועסן, אָן א היטל, מיט קורץ־צעפּליקטע פּלודערן, מיט א שטאַרק רויט־אנגעדראָלן פּאָנעם, א רויט סאַמעטן רעקל און רויט־לאַנגע האָר, קויטיקע, און אף הינטן אין א קובלעק פאַרפלאָכטענע,—אין א פעסטן, האַרטן, פערדישן.

ס׳איז אזוי שטיל געווען און אזוי ווייניק מענטשן אין יענער גאַס, און דער פאַרשוין האט מיט אזאַ הארכאָווע אפן מיטן אספאלטירטן בריק באָרוועס און מיטן קובלעק געשפּאַצירט, אז עס האט זיך בעשומויפן נישט געוואָלט גלויבן, אז אין אָט דער טויטער אײַנזאַמקייט פון אָט דער גאַס ארבעטן באטאָג דאָ ווען אנשטאַלטן און אינסטיטוציעס לעבע־דיקע און אז אויך, אויסער די אינסטיטוציעס, וווינט נאָך דאָ עמעצער.

אזאַ ספּעציפישקייט, אזאַ מין געדעכנישפולקייט ציט פון די ווענט פון יעדן מויער באזונדער, און פון אלע מויערן, איבער דער גאנצער גאַס, אין א לאַנגער שורע, ווי א סטרונע, שטייענדיקע, אז פון אומ־היימלעכקייט ווען און פון נישט וועלן דאס צוזען, האט מיר געדאכט, מײַדן מענטשן אָט די גאַס און דעם גאָרן־וועג אויס. באטאָג נאָך ווי באטאָג, באַטאָג קומט נאָך ווער, וועמ ס׳דארף און נויטיק האט, אָבער פאַרנאַכט גייט מען זי פאַרבײַ און ארום; קיינער, אויסער עפּשער נאָר אמאָל א פרעמדער, אהער פארבלאָנדזעט, און אויסער עפּשער נאָר א אַ פאַרשוין, ווי יענער, וועלכן, ווי כ׳האב אויבן געזאָגט, מע באגעגנט.

ווײַל—ווי נאר איר טוט אף דער גאַס א קוק, אזוי הייבט אײַך אָן גרוילן.

אָט ליגט זי:

אָנהייבנדיק מיטן ווינטער־פּאַלאַץ, גרויסן און קליינעם ערמיטאַזש, און ⁄ נדיקנדיק ווײַט־ווײַט מיטן באַוווסטן מראַמערנעם פּאַלאַץ זיינען אַלע מויערן מיט די פאסאדן צו דער ניעווע און צו איר אנטקעגניבערדיקער פעטראָגראַדער און וואַסיליעווער אינדזל־זײַט געווענדט. און אין אַלע אָט די מויערן־דערמאנט איר זיך—ערשט ניט לאנג נאָך קייסער, הויפלײַט, פירשטן, גראַפן, פאווארי טן, און פונקט פון אנטקעגניבער קוקט דער געגילדטער פעטראָפּאַוולער קלויסטער־שפּיץ ארויס, און באַם צופוסנס פון קלויסטער—באם ברעג, די פעטראָפּאַוולער פעסטונג. און גלײַך דער־מאָנט איר זיך: אײַ, ווי די קאַץ האט די מויז געליבט, ווי פונקט אנט־קעגן אירע גרויליקע פארגעניגנס האט זי דאפקע געגארט איר קאָרבן צו האבן, דאפקע אף שטענדיק מיט אים זיך זעטיקן און דאַפקע אים קיינמאָל פון אויג נישט ארויסלאָזן.

ס׳איז איצט פינצטערלעך אין די מויערן. כ׳ווייס ניט, צי דערפאַר, ווײַל ס׳איז ווײַסע נעכט און מע ברויכט ביכלאַל שײַן ווייניק, צי, ווי מיר דאכט, אז באשטענדיק דאָרט איצט ווייניק שײַן, גלײַך די אײַנוווי־נער פון דער גאַס זײַנען פאַרינטערעסירט דאס ספּעציפישקייט פון דער גאַס ספּעציפיש לאָזן: מער דערמאָנונג, ווי לעבעדיק, און ווילן ביכלאַל קעגן דער אמאָליקער פעסטונג מיט קײַן איבעריק ליכט זיך ניט ווײַזן.

ס׳א דערמאָנונג די גאַס, אז איר אמאָליקע ליכטיקייט האט זי אדאנק דער פינצטערניש פון דער פעסטונג באקומען, אז איר פרײַ לעבן־עקזיס־טענץ איז אין דער עקזיסטענץ פון די שלעסער פון דער פעסטונג אָפּ־הענגיק געווען, און אז פונעם פעסטונג־קאָרבן האט די פּאלאַצן־קאַץ איר כעיונע געצויגן, און אז איצט, ווען אויס די פעסטונג, איז אויס אויך די גאס, ביידע מוזיי, ביידע אין איין איינזאמקייט געהילט, און ביידע ווי נאָר דערוף בארופן און פונקציאָנירן, אז א פארנאַכטיקער שפּאצירער אמאָל, ווען ער גייט דאָרט אום און האט פון רעכטס און פון לינקס זיי ביידע, זאָל זייערע ביידנס אָפּגעשאַפנקייט, אָפּגעקילטקייט און שטיל־טרויערלעכקייט באקוקן, און ווען ער האט פאנטאַזיע, אויך לעבעדיקע בילדער פון זייער אמאָליק לעבן זיך פאָרשטעלן.

און אָט שטעלט זיך פאָר א שפּאצירער:

ס'א ווינטער־אָוונט. א ווינטער־נאַכט. די ניעווע און די ביידע שטאָטטיילן אף אירע ביידע זײַטן אין ווײַס־פֿראָסטיקן שניי געהילט און געקרעמפּעוועט. אף איין זײַט, אף דער פּאַלאַצן־גאַס — הויכע שטאָקן און אין אַלע שטאָקן ליכטיק. פֿון מויערן שײַנט מיט געמיטלעך, וואַרעם, זאָרגלאָזיקייט פֿין א זאָרגלאָז, לײַדיקגײַעריש און לוקסוריעז לעבן פֿון די אײַנוווינער, און אנטקעגן די פֿעסטונג — נידעריק, באַם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך, אין ווילגאַטנער קעלער־ערד, קליינשטיבלדיקייט, קנאַפּע שײַן און מוירעדיקע שטילקייט.

דאָרט, אף דער פּאַלאַצן־גאַס — א באַל, הויף־דאַמען און פֿון רײַכן אדל און הויכע מיליטער־לײַט פֿרויען און טעכטער. און קאַוואַליערן — דאָס פּרעכטיקסטע, שענסטע אויסגעהוליעטסטע און שפּאָרן־קנאַקעדיקסטע פֿון דעם, וואָס דער הויף, מיליטער און אדל האָט פֿון מענער נאָר פֿאַרמאָגט, צוזאַמענגעמישט אין פּוץ, בלענד, ליכט, באַל, מוזיק און לוסטיקע טענץ פֿאַרגעניגנס — פּרעכטיקע פֿרויען־לײַבער און עלעגאַנט זיי האַלטנדיקע און פֿײַנדיקע קאַוואַליערן.

און דאָרט — אויך מענער און פֿרויען, צו אייניציקע אין באַזונדערע קאַמערן. די קאַמערן שלעכט, מיט קעראָסין־לעמפּלעך, באַלויכטן. אלע אלציינס געקליידט: אין אלציינע שלעכט־געוואַנטיקע ארעסטאַנטן־כאַלאַטן. קיין מוזיק, נאַטירלעך, ניט, קיין טענץ — אוואַדע, די אייניציקע מוזיק — די וואַך אין די קאָרידאָרן. און דאָס אייניציקע פֿאַרגעניגן פֿון דער וועלט און די פֿאַרבינדונג מיט איר — דאָס „אייגל”, דאָס שמאָל שטיקעלע גלאָז, דורך וועלכן אלע ווײַלע קוקט א וועכטער־אויג אַרײַן און פֿאַרגינט אפילע ניט דעם אײַנזאַמען אין זײַן אײַנזאַמקייט צו בלײַבן.

ס'איז שטיל אין די קאַמערן, איבערקלאַפּן זיך איז פֿאַרבאָטן און אונטער א שטרענגער שמירע.

און דאָרט איז רוישיק: מענער־קאַוואַליערן פֿירן זייערע דאַמען פֿון טאַנץ אַרויס פֿון גרויסן זאַל און פֿין אוילעם־געדיכטעניש אין א זײַטיק צימער. אן אנדער קאַוואַליער פֿירט זײַן דאַמע אין זעלבער זאַל צו א פֿענצטער צו, פֿאַרנעמט א גאַרדינע און ווײַזט דער לופֿטיק־צעהיצטער פֿרוי אין קאַלטן, ווינטערנאַכטיקן דרויסן אַרויס, אף דער פֿאַרפֿרוירענע, אין אײַז און ווײַס געשמידטער ניעווע, און אויך אנטקעגנאיבער: אָט, דער דרויסן... און דערבײַ, באַמערקט ער, פֿלאַמט א ליב־וויבער

אויער־לעפל בא דער דאמע, און דער קאוואליער קוקט אפן בריליאַנט און אפן פלאמענדיקן לעפל און קען פון ביידע דאס אויג ניט אָפרייַסן.

און אויך דאָרט א דאמע... פלאמט. נישט נאָר איר אויער, נאָר זי אינגאנצן: זי האט זיך פון פארצווייפלונג, אייַנזאַמקייט א פסיכיש־גערירנע, מיטן קעראָסין פון לאָמפ באַגאָסן און זיך אָנגעצונדן.

אזוי איז, ווי באוויסט, אין איינער א נאַכט אין פעטראָפאוולעווער פעסטונג די יונגע קורסיסטן, וועטראווא, אומגעקומען. אזוי אין אנדערע נעכט אנדערע, אף אן אנדער אויפן, דורך זעלבסטמאָרד, מעשוגאַעס.

אזוי שטעלט זיך פאָר דער שפּאַצירער, ווען ער גייט פארנאַכט אין יענער גאַס אין דער שטיל־אַסאַלטירטער, מיט ווייניק באַזוכער, מיט די אַלטע שאָטנס, וואס קוקן אראָפ און ארויס פון יעדער טונקל און אפילע פון יעדער באַלויכטן פענצטער.

זיי רוען ניט, אָט די שאָטנס. זיי לעבן אומוואַנדלעריש און מע קען זיי, דאַכט זיך, אָפּט אף די דעכער זען, פון איין דאך אפן אנדערן אומשפּאַצירן, פון איין מויער־אַרייַנגאַנג צום אנדערן, און פון די קאַר־ניזן, פריזן, מאַסקעס, דאך־וואַזעס, טרעפ און גאַניקעס אראָפקוקן.

ס'איז דערום גאַנץ נאַטירלעך און קיין כידעש נישט, אז ווען איר וועט אף יענער גאַס אזא פאַרשוין, ווי איך האב באַגעגנט, באַגעגענען א באָרוועסן און מיט טראָלדן, מיט א רויט פאָנעם, רויט רעקל, מיט רויטע האָר און א האַרטן קובלעק אף הינטן, ווי בא א פערד, פאַר־פלאָכטן, וועט איר אים, ווי איך, פאַר א פאַרקערפּערונג פון יענע שאָטנס אָננעמען, אַן אומוואַנדלעריש געשטאַלט פון א קינד, אן אייניקל, א דיאַק, א דינער פון יענע פּאַלאַצן צייַטן, וואס גייט איצט אין אוילעם־האַטויהע ארום, א זינד־דערמאָנונג פון אַלטע פאַרגעניגנס און פאַרברעכנס, און קיין א־דער פּאַסנדיקער גאַס, ווי אָט די גאַס, פאַר זייַן אוילעם־האַטויעדיק אומשפּאַצירן האט דער פאַרשוין, טראַכט איר, טאַקע ניט געקאָנט אויסקלייַבן. זי פּאַסט אזוי פאַר דעם, מיט איר שטרענגער מויער־שורע, מיט די פאַרטרויערטע און פאַרשלאָפענע קאנאַלן צווישן מויער און מויער, ספּעציעל אמאָל געמאַכטע צוליב גאַנראַל־שפּאַצירן פאַר די אַמאָליקע אייַנוווינער, און וואס איצטער פּוסטעווען זיי, די קאַ־נאַלן; קיינער גייט דורך די טרעפ, וואס פירן אראָפ צו זיי, ניט אראָפ, און די אייַזערנע רינגען בא די טרעפ, באַשטימט אף די גאנדאלן צו־

צובינדן, זיינען-איצט, פונלאַנג שוין ניט געבּרויכן, פאַרזשאַווערט. און ביכלאַל, דאַכט אייַך, אז די גאַנצע גאַס,—כאָטש באַווינט, כאָטש אין יעדער מויער בא יעדער ארופגאַנג שילדלעך פון ארבעטנדיקע און פונק־ציאָנירנדיקע אנשטאַלטן, שמעקט מיט זשאַווער. און ביכלאַל, די לופט א מוזיי־לופט. און שפּאַצירנדיק אזוי, טראַכט איר ווייַטער און איר זיינט זיכער, אז וואָלט דער לעניגראַדער קאָמווירט איבעריקע ווינונגען פאר די אייַנוווינער און אויך פאר די אנשטאַלטן ערגעץ אנדערש אף אן אַנדער אָרט געהאַט, וואָלט ער זיכער אָט די גאַס און דעם גאַנצן קוואַרטאַל אפילע, אף א היסטאָרישן מוזיי אָפּגעגעבן. און גוט וואָלט געטאָן, ווען אָפּגעבן, ווייַל אנדערש ווי א מוזיי קאָנט איר זי ניט דענ־קען, אַנדערש ווי א מוזיי קאָנט איר זי ניט אָנעמען און נעמט זי טאַקע ניט אָן, אָט די גאַס.

2. אספּעקטן

און נישט נאָר די גאַס א מוזיי. זעכציק מוזייען זײַנען פאַראַן אין לענינגראַד, און דער שענסטער, דער אינטערעסאנטסטער פון זיי איז — אַליין לענינגראַד. די ארענע פון צוויי־הונדערט־יאָריקן געראַנגל, אַן אָרט פון גרויסע לײַדנשאַפטן און געשיכטלעכן וועלט־ווערט, וואס וווהין איר וועט ניט א קוק טאָן און אין וואָס פאַר אַספּעקט איר וועט די שטאָט ניט באַטראַכטן, באגעגנט איר און שלאָגט זיך אָן מיט בערג מיט אינטערעס, ווי אָט לעמאָשל:

איר געפינט זיך אף פּעטראָגראַדער זײַט, נישט ווײַט פון דער ניעווע: אין אַן אלט, פארוואָרלאָזט סקווער פארוקט, אָפּגעצאָמט, שטייט א הײַזל; איר קומט ארײַן, איר דערזעט: דאס הײַזל איז א פורלע, אָנגעטאָן אף א צווייט הײַזל. דאס אייבערשטע — נײַ, פון ציגל, דאס אינעווייניקסטע — אלט און א הילצערנס. ס'איז פּעטער דעם גרויסנס, געבויט אין 1707, איינע פון די געציילטע הײַזער, וואס האבן זיך פון אָנהייב אַכצנטניאָרהונדערט פארהיט.

ס'איז קליין, נידעריק, די לאָדן — איינטאָווולדיקע, מיט אײַזערנע פּרענטעס באשלאָגן. די פענצטער אין גראַטעס. אינעווייניק — די ווענט שוואַרצע, צי פון צייט, צי פון א מין אײלפאַרב אָפּגעקראָכן. די צימערלעך קליין, דאָס הויז־ראָד ווײַט נישט קייזערלעך, טיש, בענק, קיילים, זייגער, בילדער — פּראָסט און גוואלדיק־געוויינלעך, און פאַר אונדזער צײַט — אפילע ארעמלעך.

אין קאָרידאָר, וואס פירט צום הײַזל — די געשיכטע, ווי אזוי פּעטערבורג האָט זיך געבויט: אין בילדער, דיאגראמעס, פאראָרדענונגען און באפוילן פון יענער צײַט.

דאָס זײַנען יענע יאָרן, ווען רוסלאַנד האָט בײַ די שוועדן די פֿעס־טונג אָפּגענומען, די שוועדישע אַרמײ און פֿלאָט פֿאַרטריבן, און אויף זייער אָרט זיך אַליין בויען גענומען און יענץ אָרט פֿאַר זיך צו פֿאַר־פֿעסטיקן.

ווער ס'וויל, קאָן דאָרט, אין קאָרידאָר־מוזייומל, יעדיעס קריגן, און ווער ס'ווייסט אויך נישט פֿון דאָרט — ווייסט און דערמאָנט זיך: ווי שווער ס'איז אָנגעקומען יענע בויונג, ווי קיינער האָט דעמאָלט אין יענעם ווילד פֿינלענדישן העק, ווו הוילע בלאָטעס, זומפּן, קריכיקע ערטער און אָפּטע פֿאַרפֿלייצונגען, נישט געוואָלט קריכן און מע האָט געמוזט מיט צוואַנג, מיט גוואַלד אהער בויער, אופּזעער, פֿאַרשיידענערליי באַאַמטע שלעפּן.

פֿון רוסלאַנד אהין ווײַט. פֿון מאָסקווע קיין פּעטערבורג, — דערציילט די געשיכטע, — האָט אַפֿילע פֿאַר אויסלענדישע געזאַנדטשאַפֿטן, וועלכע זיינען דאָך אין די בעסטע פֿאַר יענער צייט רײַזע־באַדינגונגען געשטעלט געוואָרן, דער וועג נישט ווייניקער פֿון פֿינף־זעקס וואָכן געדויערט.

הײַנט, ווער שמועסט, פֿאַר נישט קיין געזאַנדטשאַפֿטן, פֿאַר גע־וויינלעכע בירגער, רוסישע באַאַמטע, שוין אָפּגערעדט פֿאַר די טויזנטער און צענטויזנטער מיט גוואַלד־מאָביליזירטע, פֿון אַלע רוסישע ווײַטסטע געגנטן אין גובערניעס אהער געשיקט — באַלמעלאָכעס, פֿויע ים — צו־פֿוס און אָן די מינדסטע וועג־באַקוועמלעכקייטן, — וויפֿל פֿון זיי זיינען אפֿן וועג אויסגעשטאָרבן, וויפֿל זיך צעלאָפֿן, וויפֿל זיך אויסבאהאַלטן.

הײַנט די, וואָס זײַנען שוין געקומען, — וויפֿל פֿון צינגע, פֿאַרשיידענע שלאַפֿקייטן אומגעקומען; און נישט נאָר די לעבעדיקע האָט מען מיט גאָרנישט באַזאָרגט, נאָר אַפֿילע ניט די מייסים מיט... קוורע.

אָט שרײַבט איינער א בראָנשווײַגער רעזידענט, וועבער, אַן איידעס פֿון יענער בוי־צײַט.

... „אַז אַ פּויער איז געשטאָרבן, פֿלעגט מען אים אוועקלייגן אויף אַ הויך־אָנגעזען אָרט, אָנגעצונדן וועקסענע ליכט בײַ זיין צוקאָפּנס און צופֿוסנס, קעדיי אַרויסרופֿן מיטלייד בײַ די לעבעדיקע — צו שענקען נע־דאָוועס אויף קוורע. אַז מע האָט צונויפֿגענומען וויפֿל מע האָט באַדאַרפֿט, פֿלעגט מען אים אײַנוויקלען אין ראָגאָזשעס, פֿאַרבינדן פֿון ביידע זײַטן ווי אַ זאַק, אוועקלייגן אויף אַ טראָג־ברעטל, און צוויי פּויערים פֿלעגן

אים אוועקטראָגן. אָפט פלעגן זיך די טרעגער מיטן מעס אויך אין וועג אָפשטעלן, ווידער ליכט אָנצינדן און פונסנײַ נעדאָוועס זאַמלען.

אָט אזא די „ארבעטער־פאַרזאָרגונג".

דערזעלבער וועבער דערציילט ווײַטער וועגן די ארבעט־באַדינגונגען און וועגן דער „טעכנישער אויסשטאַטונג":

„פון אלע עקן רוסלאַנד האט מען צונויפגעקליבן פאַרקנעכטעטע ארבעטער, נישט געווינט צו ערד־גראָבן. אויסער דעם האט די ערשטע צײַט אויסגעפעלט לאָפּעטעס, ברעטער, טראָג־און שלעפ־וועגעלעך. באַם אופשטעלן די ערשטע פעסטונג האט מען באַדארפט האבן ערד. איז אָבער אינדערנאָענט ניט געווען, ווײַל איבעראַל בלאָטעס, וואסער, זומפּבריקער באָדן, האט מען גענומען שלעפן ערד צו די באַסטיאָנען פון ווײַט אָפגעלעגענע ערטער אין אלטע זעק, ראגאָזשעס, אָדער גאר פּאָשעט אין די פּאָלעס"...

דאַן ווײַטער:

„1709 ווערט ארויסגעגעבן א באפעל ארויסשיקן קײַן פעטערבורג 40000 ארבעטער פון גאַנץ רוסלאַנד—אין צוויי פּאַרטיעס. קומען דארפן זיי צום ארבעט־סעזאָן אף זעקס כאדאָשים, צו 20000. אף יעדן מענטשן האָט מען געדענקט אסיגנירן צו א רובל א כוידעש. געדענקט... אָבער ניט אַסיגנירט"...

איר שטייט און קוקט אף פעטערס שטיבעלע און דערמאָנט זיך: אף וועמענס ביינער האָט עס די ווסישע זעלבסטהערשונג איר צוקונפט געבויט, מיט וועמעס הענט, קויעך און מארך, פאַר וועמעס גליק, וווילטיק און אינטערעסן?..

און ווײַטער מיט פופצן מינוט גאַנג פון יענעם שטיבעלע אף וואַסיליעווער אינדזל, שלאָגט איר זיך אין א צווייטער דאטע אָן, אין א צווייטן דענקמאָל פון א צווייטן בויער, וואס האט מיט אנדערע אויפאנים און אַנדערע מיכלען אַן אנדער גרונט פאַרלייגט—פון נישט קײַן שטאָט און נישט קײַן לאַנד, נאָר א גרונט פאַר אלע לענדער, נישט מיט די הענט פון איין קלאַס צום נוצן נאָר פון א צווייטן, נאר פאַר זיינע אייגענע, וואס איז א לעמענס נוצן און פאר פארניכטונג פון קלאַסן.

אף וואַסיליעווער אינדזל, אף דער צוזאַמענפאָר־גאַס (אַמאָל „קאדעטישער") קאָנט איר אף איינעם א רויט־געפאַרבטן ראָג־מויער א מעמאָריאַל־ברעט, מיט גאָלדענע אויסיעס אף מראמער, לייענען פאָלגנדעס:

„דאָ האָט דעם 4-טן יוני 1917 צערעטעלי, עפּענענדיק דעם ערשטן אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט־צוזאַמענפֿאָר, געזאָגט: „נישטאָ איצט קיין איין פּאַרטיי אין רוסלאַנד, וואָס זאָל זאָגן: גיט אונדז די מאַכט אין אונדזערע הענט“... לענין פֿון אָרט: פֿאַראַן!.. די פּאַרטיי באָלשעוויקעס“.

און אָט, צווישן אָט די צוויי דאַטעס, פֿון אָנהייב אכצנטניאָרהונדערט און אָנהייב צוואַנציקסטן, צווישן אָט די צוויי ווײַטסטע פּאָליוסן, — פּעטערבורג און לענינגראַד — ליגט זי, די שטאָט, אָט די זעלטענע קונסט־מאַכינע, די פֿאַרקערפּערונג, פֿון איין זײַט, פֿון דער גרויזאַמער פֿאַרשקלאַף־און פֿאַרקנעכט־מעלוכע, וואָס די וועלט האָט ווען ווו נאָר ערגעץ געזען, און, פֿון דער אַנדערער זײַט, דער טויער צו אַלעם פֿרײַעם און באַפֿרײַטן, דער פֿאָרום פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע (דערמאָנט זיך: 17—1905), —

יענע שטאָט, וואָס וווּהין איר טוט ויך ניט קיין ווענד — אויף יעדער גאַס, געסל, פּלאַץ און ווינקל — קאָנט איר סימאָנים, דענקמעלער, איידעס געפֿינען, וועלכע דערציילן, אַז צוזאַמען מיטן פֿאַרברעכערישן גרונט־פֿאַרלייג פֿון דער מאָנאַרכיע און איר אָנהייב האָט זיך פֿון די פֿאָלק־טיפֿעונישן שוין דער גאַרונג־רוף צו איר סאָף און ענד געריסן; אַז אָנהייבנדיק פֿון פּעטער דעם גרויסן, יעקאַטערינע די 2־טע, ניקאָלײַ דעם ערשטן, און ענדיקנדיק מיטן לעצטן זייערן — מיט ניקאָלײַ דעם לעצטן, איז האַנט בײַ האַנט, אַקסל בײַ אַקסל, ווו נאָר די מאָנאַרכיע איז געגאַנגען, איר מאַלעכאַמאָוועס איר שוין נאָכגעגאַנגען, זי ניט אָפּגעלאָזט און אירע טריט געהיט.

אָט ליגט זי, די שטאָט, די אַזוי געשיכטלעך־אָנגעזעטיקטע, וואָס זעלטן־ווו וועלכע מאָדערנע וועלט־שטאָט קאָן זיך צו איר אין דעם זינען פֿאַרגלײַכן, ווו בוכשטעבלעך איר יעדע גאַס, הויז, מויער קאָן אײַך אַ לעבעדיקע לעקציע דינען און אײַך אַ געוויסע געשעעניש פֿון גרויסן באַטײַט און וויכטיקייט דערמאָנען: אָט דאָ קייסער, פֿירשט, באַראָן, גראַף, סאַטראַפּ, טאַליען, און דאָרט — אָן אופֿרײַסער, רעוואָליוציאָנער, טעאָרעטיקער, אָדער פּראַקטיקער, אַ פֿאָלק־און קלאַסן־לערער, און פֿאַר פֿאָלק־און קלאַסן־ווײ געליטענער.

אָט נעמט די גאַסן, וואָס די רעוואָליוציע האָט זיי מיט די נעמען פֿון יענע, וואָס זייער אָנדענק איז איר טײַער, אָנגערופֿן: קאַלײַעוו, כאַל־

טורין, לאַוואָוו, טשערנישעווסקי, פלעכאַנאָוו, נאָגין, אוריצקי־פּלאַץ פלאַץ פון די דעקאַבריסטן, וואָראָוסקי־פלאַץ, גאַסן פון נײַנטן יאַנוואַר, פון דריטן יול, פון פינפונצוואַנקיצכטן אָקטיאַבער און אזוי ווײַטער,— און איר זע', ווי יעדער נאָמען איז א שטיק רעוואָליוציע, יעדער נאָמען טאַקע איז מיט אָט דער שטאָט און מיט די פארגעקומענע דאָ געשע־ענישן פארבונדן, און איר וועט דערפילן, אז די פון לאַנגע דוירעס געדריקטע אונטערערד האט זיך דאָ אף שײַן, אף ליכט, אף לעבן, אף שאַפן און אף אלעס אַלטס און פארורטיילטס אָפצושאַפן, ארויסגעריסן.

אָט האָט איר די גאַס, ווו די אַלטע „פּראַוודא" האט זיך צוערשט אומלעגאל געדרוקט, דערנאָך שפעטער,—האלב לעגאל, און הײַנט—די „פּראַוודא"־גאַס, ווו די „לעגינגראַדער פּראוודא" דרוקט זיך. ווער ס'ווייסט ווייניק, דעם זאָגט עס ווייניק. אָבער ווער ס'ווייסט, קאָן פון אָט די אין העלדנמוט דערמאָנענדיקע גאַסן, געסלעך, מויערן, הײַזער, די גאַנצע רוסישע ג שיכטע, אָנהייבנדיק פון אונדזער צײַט און גייענדיק אף צוריק, ביז פעטער דעם גרויסן, אף היסטאָרישע דענקמעלער און ביגיאָנים שטודירן און אופשטעלן; יענע געשיכטע, וואס הייבן הייבט זי זיך אָן מיט א וועלט שטאָט אף בלאָטעס בויען און קאָרופּטירטע מאָנאר־כיסטישע געזעצלעכקייט אף א כאַבאַר־און גנייווע־באָדן צו פארפלאַנצן (זע פעטערס באפעל)* און ענדיקן ענדיקט זי זיך מיט דעם, וואס מיר אלע ווייסן און געדענקען, מיט וואס זי האט געענדיקט—מיטן באַוווסטן „באַפעל נומער 1".

* *
*

און אָט א צווייטער אַספּעקט:

ס'איז אין מײַנע ערשטע טעג אין לענינגראַד. פרעמד. כ'בלאָנדזע אָן א וועג, אָן א פלאַן. און אָט בין איך אף נעווסקי. יעדער הויז, הויף,

* П неже ничто так ко управленю государством не нужно есть, как крепкое хранение прав гражданских, понеже всуе закони писать, когда их не храняг, или ими играть как в карты, прибирая масть к масти, чего в светe так нет, как у нас было. а отъ части и еще есть и зело часто всякия мини чинит под ф)ргецией правды того ради сим указам, яко печатью все устави и регламенты запечатывается, дабы никто недерзалъ иным образом всякия дела вершть и располагать не против регламентов... Печ. С. II 1724 года.

בריק פארכידעשט מיך און איך צעפרעג זיך בא אומגעדולדיקע און בא ווייניק־צייט־האבנדיקע דורכגייער, און מיטאמאל—א באקאנטער, א רוסישער פריינט, שוין לאנג ניט געזען, ניט באגעגנט. אליין אן ארכיטעקט. דעם בארוף אבער פארלאזט. איצט א רעזשיסער, און פון טאמיד אן—אן ארטיסטישע נעשאמע.

ער איז הויך, גרויסרוסיש־וווקסיק,—א ווונדערלעכע פיגור. שטאמט פון אן ארעמפויערישער שטוב, פון דער אמאל אזוי ארעמער ראזיאנער גובערניע. דער טאטע זיינער, ווען ער נאך א קינד, איז איבערגעפארן קיין פעטערבורג, אנגעקומען פאר א דינער אין דער קונסט־אקאדעמיע, און אדאנק דעם איז זיין זון, מיין פריינט, אהין אלס שילער אנגעקומען און זי געענדיקט. ער האט זיך אבער פיל אנגעליטן פארן אנקומען און אויך דערנאך.

ער האט דערום היפש פיינט און געדענקט ווייט ניט צום גוטן יענעם רעזשים, בא וועלכן און אדאנק וועלכן ער, זיין טאטע, זיין גאנצע פאמיליע איז אזויפיל אויסגעשטאנען; דאך זיין לעבנסלוסטיקייט האט ער ניט פארלוירן, און פון זיין האלב־שטרויענעם ברויט, וואס ער האט קינדווייז אין זיין ראזיאנער גובערניע געגעסן, לאכט ער נאך איצט און מאכט אויך אנדערע לאכנדיק...

איך דערפריי זיך מיט אים, ער—מיט מיר. איך, ווייל א פריינט, און אויך דערפאר, וואס אין אים האב דעם ריכטיקן, לעבעדיקן „בעדעקער" און וועגווייזער איבער לענינגראד געקראגן: א הי קימאט געבוירענער, וואס ליבט, ווייסט, האט און קאן פיל דערציילן פון לענינגראד. ער—ווייל איך זיין גאסט, איכל אים א גוטער אויער אין אויסהערער זיין, און דאס האט ער ניט פיינט און אויך שטארק ליב אפילע.

ער זאגט מיר גלייך:

— אך, א שאד, איר וואלט באדארפט קענען דעם אמאליקן פעטערבורג, אט דעם ניעווסקי טאקע, אין אט טאקע דער איצטיקער שא, לעמאשל, האלבן טאג, זען, ווער סע האט דעמאלט דא שפאצירט און ווי זיך געהאלטן. איר וואלט באדארפט זען, זאגט ער, אן אמאליקן שיקאפיצער, ווי ער האט געשפאנט, ווי ער האט דעם טרייפענעם קאפ געהאלטן, ווי די שווערד באדערזייט מיטן רעדעלע אף דער ערד זיך נאכגעשלעפט,

און מייַן פרייַנט טוט זיך א שטעל אינמיטן גאַנג, אינמיטן שמועס מיט מיר, אינמיטן טראָטואר. ער ציט אף זיך גלייַך ווי א מאסקע אָן, איינס און צוויי און — ס׳שטייט שוין פאַר אייַך א געשטאַלט, א העכטע פארוואנדלונג, א פאַרשוין, וואס מייַן פרייַנט האָט פון זייַן זיקאָרן און פון פאַרגאַנגענהייט ארויסגעשלעפט. שטייט פאַר אייַך מיטן גאַנצן כיין, באנעם און מיט אלע פאָסטעמקעס. אַלע דורכגייער שטעלן זיך אָפּ, כאַפּן אף מייַן פרייַנט א קוק; זעען, ער שטעלט פאָר, קאָפירט עמעצן, פאַרשטייען גלייַך וועמען; אלע לאַכן, מייַן פרייַנט אויך.

— Офицерье! — טוט ער מיר א זאָג נאָך דער פאָרשטעלונג, און אין זייַנע גראָוו־קינדערשע אויגן באַווייַזט זיך א האַס, און וואס האלבשטרויענע ברויט צינדט זיך אָן אין זיי. ער טוט זיך ווייַטער א שטעל א פיגור, ווי געזאָגט, א וווּנדערלעכע, ער טוט מיט די אקסל א צי און איך דערזע אף אים א מאַנטל, א הענגמאַנטל. דאס שפאַצירט א גענעראַל.

ס׳דאַכט מיר, כ׳זע די רויטע לאַצן פון זייַן מאַנטל, די מיליטעריש־ארויסגעמושטרירטע גייַווע, און די פוסטע ליפּט און נישטיקייט, וואס דער גענעראַל האט אין זייַן ברוסטקאַסטן. אוילעם ארום זעט ווידער, וועמען מע שטעלט פאָר. ס׳איז שוין קימאַט א רעדל ארום אונדז, מע זאָגט:

— אַרטיסטן...

אז מיר שפאַצירן ווייַטער אביסל, קאָן זיך מייַן פרייַנט ניט אָפּהאַלטן פון מיר אויך צו באַווייַזן אקאָקי אקאקאַוויטשן אף ניעווסקי, ווי ער לויפט אין א שנייַדנדיקן פעטערבורגער פראָסט פארנאַכט נאָך דער ארבעט דורך ניעווסקי אין זייַן געלעכערט שינעלעכל...

און דאָ ווערט מייַן פרייַנט עפּעס טרויעריק. ער דערמאָנט זיך געוויס אויך זייַן שינעלעכל אמאָל. ער דערמאָנט זיך גלייַך אין גאָגאלן. אָן אים, — זאָגט מייַן פרייַנט, — קאָן מען זיך גאָר דעם אלטן פעטערבורג נישט אויסמאָלן, ער פלעגט אים טאָמיד, — זאָגט מייַן פרייַנט, — זען אין א שפאַנישן שוואַרצן מאַנטל אייַנגעהילט שפאַצירנדיק... ער פלעגט אים זען זיך אָפּשטעלן, ריידן צו זיך אליין. און ווען מע וואָלט זיך צוגעהערט — איז מייַן פרייַנט זיכער — וואָלט מען פון אים זייַנע, טאַקע גאָגאָלס, ווערטער פון זיין „ניעווסקי פּראָספּעקט” געהערט:

О, Боже, что за жизнь наша, вечный раздор между мечтой и существенностью...

ווײַל—און דאָ ווערט מײַן פֿרײַנט נאָך טרויעריקער—ווײַל, זאָגט ער, קענענדיק און צוזעענדיק דעם אַלטן פּעטערבורג, מיט פֿון איין זײַט—דאָס אַזוי זאַט און אויסגעכאַליעטע גוטע און זאָרגלאָזע לעבן פֿון די „הויכע לײַט", דער אַריסטאָקראַטיע, אַדל, מיליטער און פֿינאַנץ־און האַנדל־בורזשואַזיע. און, פֿון דער אַנדערער—די אַקאַקי אַקאַקעוויטשעס, אָרעמע לעבע באַאַמטע, קעלער־לײַט, קינדער־פּראָסטיטוציע, ווי עלף־צוועלף־יאָריקע מיידלעך האָבן זיך אויף ניעווסקי־פּראָספּעקט פֿאַר די רײַכע פֿאַר די פּיס געפּלאָנטערט, און פֿאַר אייגן און פֿאַר טאַטעס־מאַמעס ברויט די קערפּער אויף צעפּוילטע און דעגענערירטע פֿאַרגעניגנס פֿאָרגעלייגט; קענענדיק און וויסנדיק דאָס אַלץ—איז ווי דען אַנדערש האָט מען זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן דעם רוסישן געוויסן אין געשטאַלט פֿונעם רוסישן גאָען, דעם ווירקלעכקייט־קענער און באַקלאָגער,—אויב ניט פֿון קיינער אַן אויפֿגעשטאַנענעם (ער קאָן ניט ליגן, ניט רוען), גייט אַרום איבער דער שטאָט, וווּ ער האָט געלעבט, געשאַפֿן און געווירקט, באַשטענדיק אין אַ שוואַרצן מאַנטל געהילט שפּאַצירט, שטעלט זיך אָפּ, רעדט צו זיך אַליין:

О, Боже, о Боже...

און דאָ איז שוין מײַן פֿרײַנט מינאָר זייער. ער האָט רעכט דערויף, ווײַל, ווי געזאָגט, איז ער אַ שווערע יוגנט דורכגעגאַנגען, און כאָטש פֿון עלטערן און עלטערנס עלטערן געזונט לײַב־און בייִנער געירשנט, דאָך אָבער פֿון שווערן לעבן היפּש אונטערגעריסן, און דערפֿאַר זײַנען אים אַלע אונטערגעריסענע אייגן, דערפֿאַר אייגן אַזוי גאָגאָל, דערפֿאַר זיין יעדע שורע אים באַקאַנט.

און נישט נאָר גאָגאָל אַליין, און נישט נאָר זיינע שורעס, נאָר די גאַנצע רוסישע קלאַסיקער, אָנהייבנדיק פֿון די 30־ער, 40־ער, 50־ער און 60־ער יאָרן אאַז"וו, פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, אויף וועלכע ער האָט זיך דערצויגן, און וואָס אויך אָן זיי, זאָגט ער, איז דעם אַמאָליקן פּעטערבורג זיך ניט פֿאָרצושטעלן און צו דענקען—אַן נעקראַסאָוון, בעלינסקין, דאָסטאָיעווסקין אאַז"וו, ביז צו דעם געבראָכענעם און אינערלעך־אונטערגעריסענעם בלאָק אפֿילו,—און אַלע זיי, זאָגט ער, פֿלעגט ער דאָ,—אייניקע שוין געשטאָרבענע און אַנדערע לעבעדיקע,—אין שוואַרצע מאַנטלען געהילט אַרומגיין זען, אַלע אומבלאָנקענדיקע, אַלע נישט גע־

טרייסטע, פאַר וועלכע דער ווידערשפּרוך פון טרוים אוןווירקלעכקייט איז פאַטאַל געווען, דערום אליין קראַנקע און זייערע קרעאַטורן קרענקלעכע, און די איינציקע טרייסט, וואָס ס'איז זיי יאָ געבליבן, איז געווען גאָר־אַלס מאַציייווע־טרייסט, זײַנע ווערטער, וואָס אף זיין דענקמאָל אופגעשריבן:

Знаю, мое имя после меня
будет счастливее меня.

* * *

... מײַן פרײַנט איז א קינסטלער. דערצו איז ער הויכוואוקסיק, האט לאַנגע פיס, און פון מינאָר צו מאזשאָר איז א שפּרונג טאָן איז א קלייניקייט.

און אזוי ווי ארכיטעקט איז ער, און אזוי ווי נאָכן אויב דערמאָנטן געשפּרעך שפּאַצירן מיר ווײַטער און גייען פאַרשיידענע קונסט־ביניאָנים, מאנומענטן, אלטע דענקמעלער, הײַזער, מויערן פון פאַרשיידענע געוויינים געבויט, פאַרבײַ, קאָן ער זיך ניט אײַנהאלטן, רײַסט דעם פריערדיקן שמועס איבער און טוט פלוצים א זאָג: „יאָלקי־פּאַלקי”, א פּאַסקודנע בורזשואַזיע, אָבער אראַנק איך כאָטש פארדערפאַר, פאַר אָט דער גאָלדענער יערושע.

און דאָ טוט ער זיך א שטעל און דעמאָנסטרירט מיר א קאָלאָנע, איינע פון עטלעכע אף א פאַסאַד פון איינעם א ביניען.

— זע, — זאָגט ער, — ווי פון איר קײַלעכיקייט און גלאַטקייט אָטעמט מיט לעבעדיקס. ס'ווילט זיך זי מאמעש א גלעט טאָן. פאראַן, — לערנט ער מיך, — פאַרשיידענע קאָלאָנעס: שטרענגע, אבער טרוקענע, דעקאָראַטיווע און אינעווייניק פוסטלעכע, אנדערע נאָר אף די מאַסע פון א העכערן עטאַזש אונטערצושפּאַרן, אָבער אן אייגענעם אן־און פאַרזיכיקן ווערט. די אָבער, וואס איך ווײַז דאָ, זײַנען, אויכער זייער דעקאָראַטיווקייט און באַהילפיקייט, אליין א זאך, לעבן זייער אייגן לעבן, אומאָפּהענגיק פון ארום און פון אלעם. און זע, ווי דער קינסטלער האט זיי ווי לײַב געליבט, ס'ווילט זיך זיי מאמעש א גלעט טאָן...

און דאָ ווערט מיר ווײַטער א לעקציע געגעבן, איליוסטרירט מיט מויערן און מיט גאַנצע גאַסן און קוואַרטאַלן, אין לענינגראַד פון איבער צוויי הונדערט יאָר מעלאָכע און מײַסטערשאַפט פון די בעסטע קינסטלער־אויסלענדער: איטאַליענער, פראנצויזן, ענגלענדער, האלענדער, דײַטשן, און אויך רוכישע — אין אָנדענק געבליבן.

אָט לעמאַשל, שטייען־מית פאַרן ווינטער פּאַלאַץ. באַראָקא־מוסטער... מײַן פרײַנט קוקט מאַמעש אַף די ווענט. ווי הויך ער איז, ציט ער זיך העכער, שטעלט זיך אַף די שפּיץ פינגער, עסט דעם בנין מיט די אויגן, ווײַזט מיר דעם קאַפּריזן כיין און די געבראָכענע ליניע פון די פענצטער, קאַרניזן, וואַזעס, מאַסקעס, דעם גאַנצן ליאַלקע־סטיל, און ווי דער גאַנצער פּאַלאַץ ווי אַיין בלומען־גאָרטן.

ער דערמאָנט דעם מײַסטער ראַסטרעלין. ער פאַ־כלינעט זיך פון ליב צו אים, באַוווּנדערט זײַן פאַנטאַזיע, לייענט זײַן ווערק, ווי מע לייענט א ליד. הײַנט זיין פאַרנעם: ביז טויזנט צימערן און זאַלן אינע־ווייניק. און פלוצים צעלאַכט ער זיך. ער דערמאָנט זיך, פאַר וועמען דאָס אַלץ איז געבויט געוואָרן.

— דערמאָנט זיך — זאָגט ער — די רוסישע מאָנאַרכישע דינאַסטיע פון נאָך פּעטער דעם גרויסן ביז יעקאַטערינע דער צווייטער. יעקאַטערינע די ערשטע, יענע מעגושעם־גראָבע דיגסטמויד, די קורלענדער גאַסטהויז־קור... דורך וויפל הענט זי איז דורכגעגאַנגען, ביז זי האָט צו פּעטער דעם גרויסן אָנגעטראָפן, און נאָך פּעטערן, ווען זי איז שוין אַפן טראָן געזעסן.

הײַנט נאָך איר, די עליזאַוועטע פּעטראָווּנעס, די אַנא לעאָפּאָלדאָווּנעס און די גאַנצע סעריע געשמינקט־קויטיקע ווײַבער, וואָס האָבן קיינמאָל דאָס לײַב ניט געוואַשן, און א שלעכטער רייעך האָט פון זיי געטראָגן, און וואָס אַף די בעלער און אַף די טאַנץ־אָוונטן, „אַנסאַמבלען״ פלעגן זיי מיט זיך ספּעציעלע פושקע עך מיטראָגן אַף וואַנצן, פליי און אַנדערע קריכיקע, וואָס זײַנען אַף זיי אומגעקראָכן, צו פאַנגען, און אַהין, אין די פושקעלעך, אַרײַנגעוואָרפן... — יענע גראָבע, קויטיקע ווײַבער, וואָס פּאַ־לאַצן האָבן זיי באַדאַרפט און פון קלאַזעטן נישט געוווּסט, קײַן נויטיקייט נישט געפילט, און וואָס געוויסע באַדערפעניש האָבן זיי אין זייערע אייגענע, אַזוי רײַכגעפּוצטע, צימערן באַפרידיקט, און וועגן וועלכע איינער א גראַף פון יענער צײַט, אויב איר געדענקט, קלאָגט זיך:

„וואָס כוט מען צום געשטאַנק אין די פּאַלאַצן... עלטערע און קינדער „גייען״ אין שטוב אין פאַרמאַכקירטע, שיין־אינקרוסטירטע שקאַ־טולקעס און קאַמאָדן. אָבער עס ווערט לאַנג ניט אַרויסגעטראָגן, און דער געשטאַנק טראָגט זיך איבער די פּאַלאַצן״...

— יאָלקי־פּאַלקי — כאַכעט דאָ מײַן פרײַנט, — הײַנט ווי האָט ראַסטרעלי פאַר אַזױנע גאָר געבויט, הײַנט ווי האָט ער זיך באַצויגן צו אַזױנע.

מיר גייען ווײַטער.

מײַן פרײַנט פאַרגעסט באַלד זיין באַגײַסטערונג מיטן פריעריקן, ער האָט שוין פאַר דעם נײַעם, פאַר וועלכן מיר שטעלן זיך אָפּ, באַגײַסטערונג, איז פון יעדן מינדסטן אין היספּײַלעס, יעדער דעטאַל פון אים ווי אויסגעשטודירט און דערלערנט. ער רעדט פון דעם אַלעם, וואָס ער באַווײַזט מיר, ווי פון אייגענעם, גלײַך ‑זיינע פינגער האָבן דאָס אַלץ אַליין געקנאָטן און געמײַסטרעוועט, גלײַך אַף אַלע רעשטאַוואַניעס באַם בויען אָט דאָס אַלעס איז ער אַרומגעקראָכן אין אויסגעוועזן.

ער ווײַזט מיר דאָס ווענעציע־ווינקל, ווי מע רופט דאָס, אַפן ווינטער־קאַנאַלכל, וואָס ס'ווערט דערמאָנט בא פּושקינען אין ״פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ״.

— זעט — זאָגט ער — די נישעס און די סטאַטועס אין די ווענט, צווישן וועלכע דאָס קאַנאַל־געסעלע איז אַרײַנגערוקט. די רינגען פאַר די גאָנדאָלעס צו צובינדן. די צוויי קײַלעכיקע האָרבאַטע בריקעלעך, איינס אין צענטער פון קאַנאַל, דאָס צווייטע צו דער פּאַלאַץ־גאַס צו; היינט קוקט: פון איין זײַט — דער ערמיטאַזש, פון דער צווייטער — די קאַזאַרמעס פון סאָף אַכצנטן־אָרהונדערט. און אין דער פּערספּעקטיוו — די אַלטע הײַזער פון דער מאָיקאַ (טײַך).

מײַן פרײַנט קאָן פונדאָרט ניט אַוועקגיין. די מעשופּע־טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צום וואַסער, דערמאָנען אים, און ער שטעלט זיך פאָר: דאַמען און פרײַלנס מיט לאַנגע שלייפן, פּאַזשן און קאַמערהערן, קאַוואַלירן, הויפלײַט אין פאַרנאַכטיקע פאַרגעניגנדיקע שיף־שפּאַצירן, אין יענע צייטן, וואָס ער אַליין געדענקט זיי נאָך, און וואָס זעלטן ווען ער און ווי אַזױנע ווי ער, האָבן אַפילו ניט די ז‑יע געהאַט אַהער צוגיין און אַף די דאָרט שפּאַצירנדיקע צו קוקן אַפילו: די פּאַלאַצן־גאַס איז אַמערסטן פאַר פרעמדע און ווייניק־געוווּנשענע געשפּאַרט געווען.

ער ווײַזט מיר אַפן ערמיטאַזש, דערמאָנט מיר, אַגעוו, אין די ערשטע יאָרן, ווען יעקאַטערינע די צווייטע האָט אים געגריגדעט, און ווען זי האָט שוין היפּשע קאָלעקציעס פון אויצרעס און אַנטיקן אַהין אָנגעזאַמלט,

ווי זי שרײַבט צו אײנעם אירן א פרײַנט דעמאָלט מיט אָט די ווערטער טאַקע וועגן ערמיטאַזש:

„פיל אויצרעס און אנטיקן זײַנען פון מיר שוין אָנגעזאַמלט, און האנאָע פון זיי האָבן דערווײַל גאָר איך און... די מײַז".

מיר זײַנען ניט ײַט פונעם מראמער־שלאָס, וואס יעקאַטערינע די צווייטע האט פאר איר געליבטן אָרלאָוון אויסגעבויט. מיר קומען צו און ס'ווערט מיר באַוויזן: דאָס אײנציקע נישט־געשטוקאַטורעטע הויז פון יענער צײַט. אינגאַנצן פון סיבירער מראמער און פינלענדישן גראַניט געבויט. ס'אָן שום דעקאראַטיוון באַציר—גלאַט, קאַלט, שטרענג, טרוקן, טונקל. און מײַן פרײַנט האט אַפּי׳ע פאר אָט דער טרוקנקייט היספּײַלעס.

— קוקט דערויף, זאָגט ער, און זעט, ווי ס'ווייט פון דעם הויז דער מאטעריאל זײַנער—דער קאַלטער סיביר און דער נישט־ווײַניקער קאַלטער פינלאַנד, און ווי אזוי דער קינסטלער האט בא דעם מאטעריאל זײַנע אײגנשאַפטן פון זײַן געאָגראַפישער סוויווע נישט געוואָלט אוועקנעמען און מיט גאָרנישט—נישט מיט קײַן קוויט, געמעל, סקולפּטור אים נישט געוואָלט דערוואַרעמען.—זעט...

און מײַן פרײַנט האט מיר היפּשע שאָען אָפּגעגעבן פון טאָג, אוונטן און פארנאַכטן. די גאַנצע צײַט בין איך מיט אים איבער דער שטאָט ווי אין א מוזיי אומגעגאנגען, און ער איז מיר א געטרײַער פילוויסנדיקער גיד געווען, און לעקציעס זײַנען מיר געגעבן געוואָרן וועגן די פארשיידענע פּעטערבורגער בוי־קונסט־סטילן: באַראָקאַ, קלאסישער סטיל, נעאָקלאַסישער. דער כילעק צווישן זיי—פון באַראָקא מיטן שיקערלעכן פּוץ און שפּילערישן קאַפּריז פון פארשיידן־געגרופּירטע עלעמענטן, וויט־גערעכנט אף באַלדיקן עפעקט. נישט אזוי דער קלאַסישער, וואס טײַלט זיך אויס מיט זײַן ניכטערקייט און קלאָרקייט, מיט די גלאַטע, ברייטע ווענט, מיטן שטרענגן ריטם פון די עלעמענטן אין דער ריי צעשטעלטע, און פאר אלעמען—די קלאָר־פאנאנדערגעשטעלטע קאָלאָנעס אין די פּאָרטיקעס מיט א פראָנטאָן, די ראטאָנדעס און האַלב־ראטאָנדעס, די הערשנדיקע גלײַכע ליניע, די שטרעבונג צו סימעטריע און די קלאָר־אויסגעשפּראָכענע פּראָפּאָרציעס.

דאַן קומט א דריטער פּעריאָד פאר פּעטערבורגער שטאָט־און הײַזער־בוי, דער אזויגערופענער בורזשואזער פּעריאָד: די יערידע־צײַט פאר

דער ארכיטעקטור, וואס ציט זיך פונעם קלאסישן פעריאָד ביזן נעאָ־קלאַסישן, אן ערעך פון 1840 ביז 1910, און וואס באשטייט אין דעם, וואס ס'פארשווינדט די איינהייטלעכקייט פון סטיל, ס'באווייזן זיך פסעוודאָ־רוסישער, פסעוודאָ־וויזאנטישער, פסעוודאָ־גאטישער פסעוודאָ־ראמאַנישע סטילן.

ס'קומט אויף די עקלעקטיק, די כטיליזאַציע און גייסט פון רענע־סאַנס, באראקא און אויך פארשיידענע מיזרעך־סטילן. אין יענער צייט גייט פארלוירן דאס געפיל פון איינהייטלעכקייט און גאנצקייט פון די באזונדערע שטאָט־טיילן, ווי לעמאָשל, אפן וואונדערלעכן אמפיר־פלאַץ, מיטן אלעקסאנדרינער טעאטער פון ראָסי, באווייזט זיך א לעפיש הויז אין פסעוודא־רוסישן און פסעוודאָ־ראמאנישן סטיל מיט דעטאַלן גענומען אויך פון אנדערע...

ס'שווינדלט מיר אין קאָפּ פון מיין פריינטס אָנווייזונגען, לעקציעס וועגן אָט דעם אלעם, וואס איז סאָפּקאָלסאָף נישט מיין זאַך, און וואס דאָס אלץ צו באַנעמען דאַרף מען אין דעם געביט, אזוי ווי מיין פריינט, באהאווט זיין, און ווען, אין בעסטן פאַל, קאָן איך דאָ נאָר א שוואַכער טאלמיד זיין און איינצלהייטן וועל געוויס ניט פארגעדענקען.

ס'שווינדלט מיר דערביי א קינאָמאטאָגראַפישע גיכקייט פון פאַר־שיידענע קינסטלער־נעמען, ארכיטעקטאָרן, דעקאָראטערס, סקולפּטורס, מאָלער, אז"וו: ראסטרעלי, קווארענגי, ראסי, זאַכאַראָוו, וואראניכין, טאָם־דעטאמא, שטאָקענשניידער, סטאסאוו־פאלקאנעט, קלאדט, ברילאָוו, יעגימאָוו, קאוואס, און ווער קאָן זיך זיי אָנגעדענקען, ווער קאָן אזאַ פּרעכטיקן קימאַט צוויי־הונדערטיאָריקן בוי־פעריאָד, מיט אזאַ געיעג איינס דאָס אַנדערע אין רייכקייט, אין לוקסוס און אין גרויסע בוימייסטער־נעמען זיך איבערצושטייגן, אין זיקאָרן פארהאלטן, אויסער ספּעציאליכטן, אויסער אזאַ איינער, ווי מיין פריינט איז, וואס אויסער וואס ער האט דעם געביט געשטודירט, איז ער נאָך קינסטלער און עמעסער קונסט־געניסער.

און ווען איך שטיי מיט אים, לעמאָשל, פארן אדמיראליטעט־הויז, מיטן גוואלדיקן פארנעם זיינעם, מיטן וואונדערלעכן קאָלאָנקע־כורעמל און גאָלדענעם נאָדל־שפּיץ, קריכט ער מאמעש פון דער הויט, דראפּעט זיך, וויל דעם גאַנצן ביניען און יעדער דעטאַל ווי איינשלינגען, האט

אליין האנצע ביז שיקרעס, און פון זיין שיקרעס ווער איך אויך אנגעשטעקט.

ס'איז פארנאכט. אף דער שמאלער, אלטמאדישער, מיט שטייןגעברוקירטער גאס, וואס ליגט צווישן אדמיראליטעט־הויז און צווישן דעם גארטן־סקווער מיט גראז,ביימער, באסיינען און דענקמעלער, איז שטיל, קיינער נישטא, אפן טויער פון אדמיראליטעט־הויז שטייען נאר א פאר מאטראסן, האלטן וואך. אן איליוזיע שאפט זיך, אפן הויז קוקנדיק און דאס שטילקייט צווזעענדיק: באלד וועט זיך דורכן גרויסן צעעפנטן טויער דער ערשטער בויער פון הויז, פעטער דער גרויסער, מיט זיין סוויטע זיך באווייזן. ס'באווייזט זיך אבער קיינער. איך מיט מיין פריינט זיינען, אויסער דער וואך, קימאט די איינציקע איצט אפן גאס.

מיין פריינט, ווי שיקער, אויגן בא אים ווי בא א סאמנאבול. ער רעדט און באווייזט מיר די געניאליטעט פון א זאכאראוון. ער פארכלינעט זיך, דערציילט, ווייסט די געשיכטע פון דעם הויז, וואס פאר א מעטאמארפאזעס דאס האט דורכגעמאכט, ביז ס'האט די איצטיקע זאכאראוו־פארם באקומען.

ער ווייזט מיר די אייגנשאפטן פונעם מייסטער, ווי דער איקער אכט האט ער נאר אף דער אויסערלעכער זייט געלייגט, אף דער זייט, וואס קוקט צו דער גאס, אבער „אנו, קומט, פרווט אריינגיין אין הויף, און זעט"...

איך גיי אריין. ווירקלעך: א ווילדער קאנטראסט צום דרויסן. א לעפישעוואטע, האמעטנע, טונקל־טעמפע קאזארמע. דער הייפעך, זאגט מיין פריינט, אויב איר געדענקט, צו יענעם קינסטלער, וואס האט די קונסטאקאדעמיע געבויט, וואס אויסערלעך מאכט זי דאפקע ניט קיין איבעריקן איינדרוק, דערפאר אינעווייניק, דערמאנט זיך, די אופגאנגען פון עטאזש צו עטאזש, די צימערן, די ווענט, סטעליעס אז"וו.

און נאך אלעם דערציילטן, אויסגעהערטן און מיר באוויזענעם בלייבט שוין אויך מיר דאס אדמיראליטעט־בילד אין די אויגן אף באשטענדיק, מיט אלע פראטים און איינצלהייטן, מיט דער בעעמעס העכטער און פאשעטער געניאלקייט, מיט זיין גרויסער קונסט־שפאר און פאשעטער אויסדריקלעכקייט, אזוי, אז איך וועל דאס שוין נישט פארגעסן און איך בין איצט גרייט פון א טאלמיד קימאט א ווייסער ווערן, און פאר ווייניקער ווייסנדיקע וואלט איצט אליין א דערקלערער געקאנט זיין.

און נישט נאָר דאס בילד אליין בלײַבט מיר.

אָט זייַנען מיר אין דער גאַס פּנעם בוי־מײַסטער ראָסי.

איך קום אָן מיט מײַן פרײַנט פון איינעם אן עק. איך טו א קוק און ווער געפּלעפט: פון ביידע זײַטן איינס אנטקעגן אנדערן, די גאנצע לענג פון גאַס פּארנעמענדיק, צוויי נאר איינשטאָקיקע לאנגע געביידן מיט צוויי רייען ווײַס־ריטמישע קאָלאָנעס. נישט קײַן גאַס, דאכט אײַך, זעט איר, נאָר אין א זעלטענער זאַל האט איר געטראָפן. כאָטש אָן א סטעליע אפן קאָפּ, גלויבט איר, אז א סטעליע איז דאך פאראן. דער פון הילצערנע זעקס־עקיקע שאשקעס אויסגעלייגטער בריק, וואס מאַכט די דורכפאָרנדיקע פערדס טריט טויבלעך אפקלינגען און שוואַך צו הערן, דאַכט אייך, ווי פון העכטן פארקעט צו זיין. ס'איז דאָרט באשטענדיק שטיל, די לופט געדעמפט, און ווי אין א מין ביינהאשמאָשעס געפינט איר זיך.

אוביפראַט, אז איר הייבט די אויגן אויף צום צווייטן עק גאַס און דערזעט דעם הינטערשטן טייל פון אלעקסאַנדרינער טעאַטער, וואָס שליסט אָפּ און פארענדיקט די גאַס מיט א מין איבעראַשנדיקן פאַסאַד, גאַרנישט ווי באַ אַן הינטערשטן טייל פון א געבײַ, און מיטן ארופגעהויבענעם קאָפּ שאַפט פאר אײַך א הויך־פריידיקע, ליכטיקע און ארופליענדיקע פּערספּעקטיוו, בלייבט איר שוין גאָר מיט אַן אָפן מויל שטיין, איר האט קיין ווערטער נישט פארן געזעענעם און אין עטלעכע מינוט שפּעטער דערמאנט איר זיך און זאָגט זיך:

— יאָ, נישט אומזיסט האט די ראַטנמאַכט אָט די געניאַלע קינסטלער און זייערע ווערק פארגעדענקט, נישט אומזיסט האלט זי זייערע שאַפונגען און נעמען טײַער, נישט אומזיסט האט זי זיי דענקמעלער געשטעלט (זע די דענקמעלער קווארענגין און ראסין אנטקעגן דער בירזשע אף וואסיליעווער אינדזל), ווײַל זיי זייַנען און בלײַבן א שאַפונג־קוואל אן אייביקער, ווײַל בא אזוינע ראסי־קינסטלער־גאַסן קאָנען זיך אונדזערע נײַע קינסטלער קומען לערנען און אומופהערלעכע באגײַסטערונג שעפּן, און אויך נ י ש ט קיין קינסטלער—אף אזוי צו באוואונדערן און קונסט־געשמאַק זיך דערוואָרבן.

מײַן פרײַנט, וואָס האָט מיך געפירט, געבראַכט און זיך אליין אָפּגעשטעלט צו באַקוקן די גאַס, שווײַגט אויך ער, וואָס איז שוין, ווי איר פאַרשטייט אליין, ניט איין מאָל דאָ געווען, נישט איין מאָל זי אליין

און צוזאַמען מיט אַנדערע באַוווּנדערט, האָט קיין ווערטער ניט. האַ, זאָגט ער נאָר, וואָס זאָגט איר? יאַלקי־פּאַלקי...

אַזוי אויף ראָסי־גאַס. אַזוי אויך, ווען איך קום דערנאָך מיט אים צום אַמאָליקן גענעראַל־שטאַב צו, מיט דער קונציקער — אַפילו פאַר ספּעציאַליסטן־אַרכיטעקטאָרן — צו באַוווּנדערנדיקער אַרקע, מיט איר האַלב־פאַרקײַלעכיקטן דורכפאָר־טויער, מיט אירע הויך־אָפּקלינגענדיקע צווײ מײַלער־עפענונגען באַם ארײַנגאַנג און ארויסגאַנג, וואָס ווען ס׳איז ניט אַזאַ טומל, ווען ניט די ארײַן־און ארויס־פאָרנדיקע אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, דראָזשקעס און אַנדערע פאָרווערק, און ווען איר וואָלט אין יענעם הויכן, האַלבקײַלעכיקן קאָרידאָר אַליין געבליבן און דאָרט אַ הויך קאָל ארויסגעלאָזט, וואָלט אײַך, זײַנט איר זיכער, דאָס ווידערקאָל אַן אָפּקלאַנג פון אַלט־רוימישע אַרקעס צוריקגעבראַכט און אײַך געמאַכט הערן.

די אַרקע איז ניט אַזוי אַלט, ווי קונציק און שיין איז זי מיט איר אײַן עפענונג צו נעווסקי צו, און נאָך שענער מיט איר צווייטער, וואָס טוט פאַר אײַך מיטאַמאָל אַן איבעראַשנדיק בילד אַ ווײַז — אָפן אוריצקי־פּלאַץ. פון ביידע זייטן דער גענעראַל־שטאַב, אינמיטן — די סאַמע גרעסטע אינדערוועלט מאָנאָליטיש גראַניטענע אַלעקסאַנדער־קאָלאָנע, די הייך 50 מעטער, די וואָג — 224 טאָן, און וואָס שטייט אינמיטן פון יענעם פּלאַץ, פון וועלכן אַזויפיל פּאָליטישע פאָרקומענישן און דערמאָנונגען טוען אָפּ אײַך אַ כלינע, אָף אים אײַנוועלכיקן קוק נאָר געבנדיק.

דאָ, דערמאָנט איר זיך, איז בעיסן דעקאַבריסטן־אופשטאַנד, ניקאָלײַ דעם 1־טנס כאַיל אויסגעשטעלט געווען. דורכדאַנען איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער פון די רעוואָלוציאָנער־שאָסן פון סאָלאָוויאָוון געלאָפן. דאָ האָט זיך דאָס האַלב נאָך אָבערגלויבערישע פאָלק אין בלוטיקן זונטיק (דעם 9־טן יאַנוואַר) געזאַמלט, קומענדיק בא ניקאָלײַ דעם בלוטיקן גערעכטיקייט און שוץ צו בעטן; דורכדאַנען האָט זיך די רויטע גוואַרדיע צום ווינטער־פּאַלאַץ דורכגעריסן און צו דער קערענסקי־רעגירונג אַ סאָף געמאַכט, און נאָך, און נאָך. און אָף אָט דעם אַלעם קוקט דאָס וווּנדערלעכע אַרקע־אויג מיט כאָכמע און קונסט־באַציִיקונג...

ס׳קוקט און ס׳זעט, ווי ס׳איז אַ טומל און אַ שטויב־און שטיינגערודער איצט אָפן פּלאַץ. מ׳פלאַסטערט, מ׳אַספאַלטירט. אַ מאַסע

ארבעטער, מענער, פרויען, יוגנט, זיינען דאָרט איצט מיט שטיין־האַקן, מיט אַספאַלט־קאָכן, מיט שטויב־און שטיין־דרויבלען און איבערזיפּן באַשעפּטיקט.

און ס'דערמאָנט זיך דאס אויג: מעגלעך דאס זיינען קינדער, ברידער פון יענע, וואָס האָבן אין פינפטן און אויך אין זיבעצטן יאָר זייער בלוט אַף אָט דיזעלבע שטיינער פאַרגאָסן, און קינדער, ברידער קערן זיי איצט איבער, פארפלאַסטערן, פאַרצעמענטירן זיי אף אייביקן זיכער און אף דויר־דוירעס אנדענקען. און דאס אַלטע ארקע־אויג קוקט און ס'באזיניקט די געשעענישן, און ס'ווערט אייך ווי עפּעס טרויעריקלעך דערפון, אָבער דער טרויער גייט אייך גלייַך איבער, און די ארקט־קונסט, און די ארומיקע אלע ביניאנים, די פון אזויפיל שיוערע צייַטן געבליבענע זייַנען א שטיק טרייסט אייַך, א דערלייַכטערונג פון אלעם שווערן און אלעם געוועזענעם, און א זיכערער צוזאָג אף ווייַטערדיקן און אף שטענדיק גליקלעכן.

און דאָ פאַרענדיקט מיט מיר מייַן פרייַנט אינייגעם א פאַרנאַכט זייַנע קונסט־שפּאצירן און די פאַרשיידענע לענינגראַדער רייַכטימער מיר צו באַווייַזן.

מיר געפינען זיך אף דער לאַנגער, גלייַכער, שטילער ברעג־גאַס פאר דער ניעווע. ס'איז ווידער א יון־פאַרנאַכט, וואס זאַמט, האלט זיך לאַנג, ווייַספארגייעריש, האַלב ווירקלעך, האַלב טרוים, און קאָן בעשומויפן אין נאַכט, אין עמעסער ווירקלעכער, צו וועלכער מיר זיינען געוווינט, ניט איבערגיין.

ווייניק שייַן ברענט נאָך אין די הייַזער, ווייניק אף די גאַסן, נאָר אף די בריקן, ווייַט פאַרן אויג צו זעענדיקע, בריקן—אף איינעם, וואס פירט אף פעטראָגאַדער זייַט, דער צווייטער—אף וואַסיליעווער אינדזל, ברענען שוין לאַמטערנס און מאַכן די הין־און הער־דורכפאָרנדיקע טראַמווייַען, ווי אין א ווייַטן חלום, פארן אויג דורכפאָרן.

די אַלטע רעגירונג־געביידעס פון אַמאָל, סענאַט־סינאָד, איסאַקי, דער גרויסער, גרינער סקווער, וואס פאַרן ווינטער־פּאַלאַץ, פעטער דער גרויסער אפן פעלדז אפן פערד, די, ווי שטאָל און קאַלט־אויסזעענדיקע

ניעווע, די גראניט־ווענט, וואס צוימען די ברעגעס אירע ביזן גאַרטל, די גאָלדענע נאָדל־שפּיצן פון ווייַט, פון איין זייט, פון פּעטראָפּאוולער קלויסטער, פון דער צווייטער זייט — פון דעם אדמיראליטעט־הויז, וואס שטעקן אין שטילער האלב־טאָג, האַלב־נאַכטווערנדיקער לופט — אָט דאס אַלץ מאַכט מיך מיט מײַן פריינט שטילשווײַגן, פארשטומט. מיר שטייען פארגאפטע ביידע; און ביידע מיר, דאכט מיר, טראַכטן מיר איינס:

— ווי נאָך, אין וואס פאר א שטאָט איז צו זען אזוינס? ווי נאָך האט עמעצער אזוינס גאָר אויסגעטראַכט, אויב נישט אין א כאָלעם אמאָל, — ווען א שטאָט אנטשטייט, א שטאָט ווערט פארשווונדן מיט דער לײַכטער לופטיקייט פון א כאָלעם... און מיר שטייען און מיר שווײַגן שטיל, און מײַן פרײַנט האט דאָ מער ניט וואס צו זאָגן, און איך — ניט וואס צוצוגעבן.

* * *

און נאך איין אספעקט:

וווינענדיק אין זנאמינסקער האָטעל, האב זיך דערוווסט, אַז אינעם זעלבן האָטעל האָט אין 1866־טן יאר געוווינט קאראקאָזאָוו, דער ערשטער רעוואָליוציאָנער, וואָס האט דעם ערשטן אטענטאט אף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן געמאַכט.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג בלײַבן אליין אין צימער, פלעג איך זיך זיין מארטירערישע בילד פאָרשטעלן: דאס אויסגעצוגענע פּאָנעם, צוויי מאָל לענגער ווי ברייט, אין די אויגן — צאַר און אָפּקומעניש. דאס מויל א ביסל קאָטע — אויך א סימען אף צאַר. די האָר אין א גלאַטן שרונט, מערסטנס, אף לינקס געקעמט, און אף רעכטס — א קליין נאָר ביסל. ער זיצט אין א מין קראַנקן־כאַלאַט, זעט אויס פארצווייפלט, אין גליוווער, און זיין בליק שוין ניט ווי אף דעם אוילעם. קוקנדיק אף אים, קאָן מען מיינען: א מענטש שוין שווער מיט יאָרן באלאָדן, שוין בײַ די 60־ער קימאַט, ווען א נדערעמעסן איז ער, בעיס ער איז אף דער טליע ארופגעגאַנגען, ניט מער ווי 26 יאָר־אַלט געווען.

כ׳האָב געטראַכט פון זיין צײַט און פון די אויפאנים און מיטלען, מיט וועלכע די בעסטע פאָלקס־קינדער דעמאָלט האבן געוואָלט און גע־

דענקט זי איבערצואנדערשן; וויפל אידעאליזם און געבענטשטע אוטאָפּיע! ווי יונגע מענטשן האבן זייערע יונגע לעבנס, ווי שטיינער אף א בריק געלייגט, ווי נאַיִוו און ווי די שמעטערלינגען איז מען אפן פּיַיער געפלויגן. און ווייניק איז יענער רעוואָליוציאָנערער יוגנט זייער אייגן לעבן געווען אוועקצוגעבן, נאָר „ווען איך וואָלט געהאַט הונדערט לעבנס—זאָגט קאראקאָזאָוו בעיס דער אויספאָרשונג—און דאָס פאָלק וואָלט זיי בא מיר געפאָדערט, שווער איך בא אלעם הייליקן, אז איך וואָלט קיין איין מינוט ניט געטראַכט, זיי פאַר א קאָרבן צו ברענגען”, מיר גלויבן.

אָט א פּאָר פּאַקטן: איך שטיי און קוק ארויס פון זנאמענסקער האָטעל, אין אנטקעגן מיר לינקס—דער האטעל „אָקטיאַבער”, ווו מע דערציילט מיר, האט דאָרט דער רעוואָליוציאָנער פּאקאטילאָו, בעיס ער האט געגרייט באָמבעס צום אטענטאט אף פּלעווען, אליין פון א באָמבע אופגעריסן געוואָרן.

און אָט גיי איך אין א שטיל לענינגראַדער געסל. מענטשן דאָרט ווייניק. פון די טראָטוארן קוקט גראָז ארויס. און איינער א באַקענטער, וואָס שפּאַצירט מיט מיר דעמאָלט, דע מאָנט מיר אן עפּיזאָד, וואס איך האב אמאָל אליין ערגעץ אין א בוך „Былое“ געלייענט, ווי איינער א רעוואָליוציאָנער האָט אף איינעם מיט א באָמבע געוואַרט. ס'איז געווען ווינטער, א פראָסט נאָך אן האָדליע און א מוירעדיקער גליטש. דער רעוואָליוציאָנער האט, קעדיי קיין כשאד ניט ארויסטרופן, אַף איין אָרט ניט געטאָרט שטיין, זיך געמוזט אומדרייען, אָבער אונטער די פיס גלאָז, און איין אומפאָרזיכטיקער שפּאַן און וואקל, פאַלט ער, און ער אליין ווערט זיין אייגענער קאָרבן פאלן.

— איר ווייסט — זאָגט מיר מיַין באַקאַנטער—אָט דאָס איז דאָס געסל, אָט דאָס איז דער טראָטואר, ווו יענער האט זיך געדרייט און געשפּאַטעוועט.

און אָט וויַיזט מען מיר דאָס „סמאָלענסקער פעלד”, ווו מע האָט קאראקאָזאָוון געהאַנגען, און אָט אנדערע פעלדער, ווו געהאַנגען מע האט אַנדערע, און ווו דו גייסט ניט און ווו דו גיסט ניט א קוק, קאָנסטו דאָ א דערמאָנונג און א זייכער פון יענע העלדן־און מאַרטירער־טאַטן געפינען.

ס'איז דערום פאַרשטענדלעך, אַז אַ מענטש פֿון אונדזער דאָר, באַזוכנדיק לענינגראַד, די שטאָט, ווו דער בראָכשטול פֿון דער רעוואָליוציע איז געשטאַנען, ווו זי האָט געבלוט און געבוירן, וויל יענע שפּורן זען, יענע ערטער אינטערעסירן אים, און—זעט טאַקע—ווער מיט אַן עקסקורסיע גייענדיק, ווער מיט אַ גרופּע, און ווער אַליין.

און אויך איך האָב אין איינעם אַ פרימאָרגן, פאַר זיך אַליין ניט באַמערקט, אַף דער זנאַמענסקער (היינט „אופשטאַנד") גאַס זיך געטראָפן.

ס'איז אַ שיינער זומערדיקער פרימאָרגן געווען. די גאַס אַ שטילע, מיט שטיין געפלאַסטערט.

איך קוק אַף די שטיינער. זיי האָבן פיל צו דערציילן פון פינפטן יאָר, אויך פון זיבעצנטן, פון פעוראַל און אָקטיאַבער—אָבער איצט שווייגן זיי, רוען אָפּ פון געשעענישן.

כ'ווייס ניט גענוי, ווו דער ציל פון מיין וועג געפינט זיך, נאָר מיין אינסטינקט פירט מיינע פיס ריכטיק, און נאָר איין מאָל טו איך אָפּן טאַווריש פאַלאַץ אַ פרעג, און מע ווייזט מיר אָן—אַ סעדערדיקע גאַס, אַ פאַרטישקעווע, און איצט— פון גרויסן קאָכיקן און רוישיקן לענינגראַד דערווייטערט.

איך גיי ניט אַליין. די גאַנצע צייט, דאַכט מיר, באַלייט מיך עמעצער. איך קוק זיך אום, צי באַדערזייט, צי פון הינטן, מיין באַלייטער, אָבער האָבן האָב איך אים געוויס. דאַכט מיר, קאַראַקאָזאָוו באַלייט מיך די גאַנצע צייט, ער איז מיין האָטעל־מיטוווינער, און אין אַלע מיינע גענג אין לענינגראַד—מיטגייער, און ביפראַט אין אַזאַ גאַנג, אין גאַנג פון פּאָליטישע שפּורן און געשעענישן, און באַזונדערס נאָך פון אַזוינע, וואָס זיינען נאָך אים געשען.

און אָט זיינען מיר אין הויף פון טאַווריש; דער הויף, דער סאָד און דער פאַלאַץ שמעקן מיט אַלט, מיטן אַכצנטן־יאָרהונדערט, מיט קלאַסישן סטיל, מיט עפּעס פאַרגליווערטס און שוין מיט מאָך באַוואַקסן.

איך פאַרוואונדער זיך: זע, ווי גיך עס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן די שפּורן פון יענע, וואָס האָבן דאָ מיט זייערע פיס דאָס גרויסע רוסישע גוטס און דעם אַלרוסלענדישן גורל געטראָטן: די קרופּענסקיס, זאַמיסלאָווסקיס, מאַרקאָווס, גוטשקאָווס, מיליוקאָווס, שינגאַריאָווס,—ווי גיך פאַרגעסן! און אַ גרויסע טרייסט איז אייך, ווען איר זעט, ווי אַנשטאָט

יענע, וואס פלעגן ערשט מיט פופצן יאָר צוריק דא אַהער, אין דער רוסישער גוטבאַזיצערישער געזעצגעבערישער פּאַלאַטע קומען, און דאָ, מיט וואָרט און טאט די צעפּילטע, פאַרברעכערישע זעלבסטהערשערישע רעגירונג שטיצן און אונטערהאַלטן, אנשטאט זיי — איצט פון אלע עקן רוסלאַנד פאַרזאַמלטע יוגנט־ דאָ, אין קאָמוווז א. נ. פון כ׳ סטאַלין, לערנען — עמעצן אנדערש אונטערצוהאַלטן און אונטערצושטיצן, אויך מיט וואָרט, אָבער גאָר מיט אַן אַנדערש קלינגענדיקן, און אויך מיט טאט, אָבער ווי ווײַט איז די פון יענער!

און אָט זיינען מיר אין טאַווריטשן. צוערשט אין קאָרידאָר. איך וויל גיין ווײַטער. דער וועכטער לאָזט ניט. ער זאָגט: פאר איינצלנע באזוכער איז דער באַזוך ניט דערלויבט, נאָר מיט עקסקורסיעס, גרופּעס. איך וואַרט: עפשער וועט זיך איינע אזאַ אנקומען, באַווײַזן. דער וועכטער ווײַזט מיר אָן אף איינעם אַן עקסקורסיע־פירער, וואס וואַרט אויך: אין א באַשטימטער שאָ דאַרף טאַקע אַזאַ איינע קומען.

ער איז אָן העגט, דער עקסקורסיע־פירער. די ארבל פון רעקל אין די קעשענעס פארשטעקט. איך צערעדט זיך מיט אים. ער איז אַן ארבעטער, האָט באַ דער אַרבעט די העגט פאַרלאָרן, ער האָט דערנאָך די פעוורואַל־ און אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געשטודירט און אפן טאַווערישן פּאלאַץ און אף סמאָלנע איליוסטרירט ער זיי פאַר די באַזוכער־עקסקורסאַנטן.

איך בעט אים, ער זאָל מיך אין דער זיצונג־זאַל פון דער אמאָליקער דומע ארײַנפירן. ער טוט עס. מיר גייען דורך די גרויסע קולוארן־זאַל מיט די פיל וווּנדערלעכע קאָלאָנעס, וואס אין יעקאַטערינע־פּאָטיאָמקינס צײַטן איז דאָרט געווים א גאַסט־און טאַנץ־זאַל געווען. מיר פאַרהאַלטן זיך אָבער דאָרט ניט. ס׳ציט מיך אין זיצונג־זאַל.

און אָט בין איך אינעווייניק. ניט קײַן איבעריק גרויסע, די זאַל. ס׳איז איצט קיינער דאָרט ניטאָ. די טריבונע פוסטעוועט. קאַלט, פינצטערלעך. עס פוסטעווען אויך די פיל דעפּוטאַטן־בענקלעך מיטן רויטלעכן לעדער באַצויגענע. אפן אנשפּאר־ברעטל פון יעדן בענקל — א קליין סימענדל פאַר א נאָמען־און פאַמיליע־נאָמען־בלעטל, וואס איז אין יענע צײַטן אף יעדן דעפּוטאַט־בענקל צוגעקלאַפּט געווען. איצט ניטאָ קיין נעמען. מײַן פירער אבער ווייסט: ווער ווו ס׳איז דאָ געזעסן און

וועמעס פלאַץ ס'איז דאָ געווען.—ווער דאָ—פרעג איך—מײַן פירער אנטפערט.—„ווו מאַרקאָוו, פורושקעוויטש"?—ער ווײַזט.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר פון פורושקעוויטשעס אָרט קאָן איך ניט אָפגיין. מײַן פירער, וואָס וואַרט אף זײַן גרופּע, פאַרלאָזט מיך אף א ווײַלע, ער גייט אוועק; איך בלײַב אַליין. איך גיי אַלץ פון מײַן אָרט ניט אָפּ. איך קאָן ניט אָפגיין, ווי פון א געליבטנס אָדער פון א געליבטערס מאַצייווע. עפּעס קערן מיר זיך דאָך אן, אַלע דעמאָלט אונטערדרוקטע פעלקער אין רוסלאַנד מיט אים נאָענטע, זייער נאָענטע פרײַנטלעך; ער האָט דאָך אונדזערע נעמען אזוי פיין און אזויפיל און אזוי צום גוטן דעקלינירט.

איך דערמאָן זיך, דאָרט אפן אָרט שטייענדיק: מע האָט מיר דערציילט, ווי בעשאַס אין דער פערטער דומע איז דער ייִדיש־בורזשואזער דעפּוטאַט ניסעליאָוויטש אמאָל מיט א פאַרטיידיקונג־רעדע פאַר ייִדישע, מ'שטנס געזאָגט, צאַרישע רעכט ארויסגעטראָטן, האָט זיך פורושקעוויטש אים אנטקעגן אוועקגעזעצט און אים גלײַך אין פּאָנעם דעם געוויסן ייִדישן קופּלעט פון ייִדישן שונד־טעאַטער מיט אן איבערקרימערישן לאָשן געזונגען:

„שלוימע גאָרגל איז געשטאָרבן
א. אז"ו.
כאַווע, אוי, אוי, כ:ווע!"

שטייענדיק אזוי פאר פורושקעוויטשעס בענקל, און זײַענדיק דעמאָלט אליין אין זאַל, האָב איך מיטאַמאָל מײַן האָטעל־מיטוווינער און מײַן באַגלייטער פאר זיך שטיין געזען. ער האָט אף מיר עפּעס מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט. ער האָט מיך געוויס אין א זעלטענער לאַגע געזען: ווי איין אויג האָט בײַ מיר געוויינט, דאָס אנדערע געלאַכט. דאָס וויינענדיקע—פאַר דער שאַנד און דערנידערונג פון יענער צײַט, און דאָס לאַכנדיקע—פאַר איצט, ווי ווײַט מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען פון יענער שאַנד...

איך בין נאָך אַלץ בײַם יענעם בענקל געשטאַנען, זיך אויך דערמאָנט די ערשטע ניקאָלײַס טראָן־רעדע בײַ דער עפענונג פון דער ערשטער דומע, דאָס צעטרײַבן די ערשטע, וויבאָרג, דעם ליבעראַל־פּראָוואָקאַטאָרישן

פֿולווער פֿון די קאַרעטן... דאָן די צווייטע, דריטע, פֿערטע דומע מיט זייערע פֿאָרשטייער און פּאַרטייען־קאַמף. די לופֿט איז נאָך פֿול פֿון זיי, אין אויער קלינגען נאָך פֿאַרשייטע אַרויסטרעטונגען פֿון יענע יאָרן. אָבער שטייענדיק דאָ, אין האַלב־טונקלען זאַל, מיט דער קאַלט־פֿינצטערלעכער טריבונע, פֿילט איר, אַז ווי אויף אַ בייסהאַקוואָרעס געפֿינט איר זיך, און איינע אַ פֿליג, וואָס זשומעט אין זאַל, אָדער אויף אַ פֿענצטער ערגעץ, שטרײַכט דאָס שטילקייט און דאָס בייסהאַקוואָרישע אונטער.

איך בין לאַנג אַזוי ווי אין פֿאַרגעסנקייט פֿאַרזונקען געשטאַנען, ביז מײַן מיטגייער האָט עפּעס ווי אַ הוסט געטאָן און מיך פֿון ראַיוינעס אופֿגעוועקט:

ס׳איז צײַט, הייסט עס, און איך בין אַרויס.

ווידער דער אַמאָליקער, אין פּאָט־אָמקינס צײַט, טאַנץ־און גאַסט־זאַל. פֿאַרבײַ דעם באַוווּסטן ראַדזיאַנקי־צימער, וואָס אין די כראָניקעס פֿון דער פֿעבראַלער רעוואָליוציע און אין אַלע רעוואָליוציע־שרײַבערס מעמוארן ווערט ער אָפֿט דערמאָנט, און דורכן קאָרידאָר, ווו דער וועכטער שטייט, אויך דער גרופּן־פֿירער, וואָס אָן די הענט, און ווארט נאָך אַלץ אויף זײַן גרופּע — אין הויף אַרויס, וואָס מיטן סאָד און מיטן פּאַלאַץ שמעקט מיט אַלט, מיט אַכצנטניאָ הונדערט, מיט קלאַסישן סטיל און מיט געשעעניש, שוין לאַנג מיט מאָך פֿאַרוואַקסענע.

און איך בין אין סמאָלנע אַוועק.

איך גיי אויך איצט מיט מײַן מיטגייער. דער שיינער לענינגראַדער זומער־טאָג מיט זײַנע שיינע שטילע און ניט שטילע געפּלאַסטערטע גאַסן פֿירן אַהין. אַביסל זײַנען מיר שיקערלעך, פֿון גוטן וועטער, דער קימאַט דאָרעמדיקער זון, גוטער לופֿט און גלאַטע טראָטוארן, און דערי־קער, — פֿינעם אָפּגעקומענעם און טויטן טאַווּרישן קומענדיק, און גייענדיק צום רוישיקן און קװיקן היינט פֿון דער בויערישער און אימפּעטפֿולערווירקלעכקייט, וואָס אין סמאָלנע איז אין זיבעצנטן יאָר פֿאַרן גאַנצן לאַנד געבוירן און וואָס אויך איצט, איז אויב פֿאַרן גאַנצן לאַנד שוין סמאָלנע נאָר אַ ליכטיקע דערמאָנונג, איז פֿאַר לענינגראַד אָבער נאָך סמאָלנע — סמאָלנע, דער הויפּט־נערוו פֿון שטאָטישער און געגנטלעכער פּאַרטיי פּאָליטיק און אַדמיניסטראַטיווע פֿאַראָרדענונגען. ווײַל אויך איצט דאָרט דער אויספּירקאָם, אַ ריי סעקציעס און קאָמיסיעס פֿון לענינגראַדער ראַט און פֿון געגנטקאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי...

און אָט זײַנען אויך מיר דאָרט. מיר שטייען, פאַר אַלעמען, אין דרויסן, פאַרן גרויסן ווערק פונעם בוי־מײַסטער קוואַרענגי, וואָס איז איצט ווײַס געפאַרבט, אַזוי ווײַס, אַז עס בלענדט אַזש.

איר טראַכט, ווילנדיק־ניטווילנדיק, אַז קונסט, עמעסע קונסט איז און בלײַבט אַ לאַנגדויערנדיקער און צו באַוווּנדערנדיקער מוסטער. וואָס פאַר אַ קאַוואָנעס און וואָס פאַר אַ ציל דער קינסטלער האָט זיך אין זײַן צײַט באַזשאַפן דאָס ווערק ניט געשטעלט, נאָר אויב ער האָט זיי קינסט־לעריש־אויסשעפנדיק געשטעלט; כ׳מיין, אויב ער האָט מיט זײַן גאַנצער איצ געגעבענער קינסטלער־ענערגיע געטרײַ דעם ווערק געדינט, לעבט עס דערנאָך איבער זײַן צײַט און זײַן ציל, און עס בלײַבט גילטיק און אַ שעפערישער גענוס און פאַרגעניגן אויך פאַר אַנדערע צײַטן און אַפילע פאַר קעגנזעצלעכע צום קינסטלערס ציל.

ווײַל אָט האָט איר: אָט דאָס קוואַרענגי־ווערק איז געבויט אין 1806—08, געמיינט, אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע פאַרמאַציע, אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, דעם געשמאַק פון יענעם קלאַס, זײַנע קונסט־אינטערעסן און באַדערפעניש צו באַדינען,—אַ דערציִונג־אינסטיטוט פאַר אַדעליקע טעכטער. און איר שטייט פאַר דעם ווערק אין 1932־טן יאָר און זעט, ווי ס׳איז גאָר קיין סטירע ניט צו 1932 און צו די אינטערעסן, וואָס באַדינט איצט. פאַרקערט, איר טראַכט: גראַד דאָס טאַקע האָט דער קינסטלער געמיינט; דערצו, אייגנטלעך, האָט ער געצילט, זײַן ווערק זאָל פאַר יענעם יאָרהונדערט ווי ניט איז פאַרבײַ, און דעריקער זאָל צום איקער, צום איצט אין זײַן הויפּט־באַרוף, אַריבערקומען.

און אָט שטייט עס פאַר אונדז: מיט זײַן גאַנצער באַנײַטער פּראַכט, ווײַס־געפאַרבט, און מיט אַ מין ספּעציעל־אונטערגעשטראָכענער זויבער־קייט, מיטן זעלטענעם טרעפּ־אַרופגאַנג אין האַלב קרײַז, מיט די צוויי צוגאָב־געבויען בײַ ביידע זײַטן, און אויך דאָס גאַנצע געבוי אַ האַלב קרײַז, וואָס ווי גרויס ס׳איז ניט און ווי עס פאַרכאַפּט אײַך ניט דער אָטעם, בײַם ערשטן קוק טוענדיק אויף דעם, דערפילט איר זיך אָבער באַלד, ווי אין אָרעמס אַרומגענומען, וואָס לאָדן אײַך אײַן און מיט אַ וווּנדערלעכער האַרכאָווע לייגן אײַך די טרעפּ צום אַרופגאַנג פאָר.

איר פאַרהאַלט זיך אָבער אַ ווײַלע איר פאַרגלײַכט באַלד יענץ געבוי, פונוואַנען איר זײַט נאָרוואָס געקומען, דעם טאַווירישן, מיט דעם, מיט

סמאָלנע, און איר געפינט: קיין מאָשל און קיין דימיען! ווען יענץ בעט זיך ש׳ין, ווי פון עלטער, אָפּגעלעבט, צו דער ערד, צו שטיל, פאַרטישקעוועטקייט און צו מוזיי־און מאַציייוועדרו, רייסט זיך אָט דאָס געבוי, מיט די הויכע אופגאַנג־טרעפּ, מיטן גאַנצן פראָנט און מיט די זייטן־געבויען—אין לופט, אינדערהויך, צו מונטערן און צו לעבנוועקנדיקער טעטיקייט.

און ניטווילנדיק קומט אייך א געדאַנק ארויף: כאַראַקטעריסטיש, ווי צוויי פאַרשיידענע קלאַסן־פאַרשטייערשאַפטן האבן זיך צוויי פארשיידענע כאַראַקטעריסטישע ערטער אף זייער היסטאָרישע טריבונעס, אף זייערע ארויסטרעטונגען און אף זייער קלאַסן־מעהוס צו אנטפּלעקן אויסגעקליבן.

און געוויס,—טראַכט איר ווייטער,—האָט בא דער פאַרטיי באָלשעוויקעס באַם אויסקלייבן סמאָלנע פאַר איר צענטער, אלס הויפּט־מאטיוו דעמאָלט, דעריקער נאָר געזעלשאַפטלעכע אין פּאָליטישע סטראַטעגישע געדינגס, אָבער פאָסט־פאַקטום, אין נאָך דעם שוין, ווי יענע מאָטיוון האבן אָפּגעדינט און דאס געשעענע איז געשען, און איר שטייט און קוקט איצט אף דעם געבוי, טראַכט איר, אז עפּעס אויסער אלע מאָטיוון האָבן די געשעענישן טאַקע דאָ, און דאַפקע דאָ געדאַרפט געשען. דער פאַקט ווערט א סימוואָל.

און דאָ קומט איר אריין אין קאָרידאָר פון ערשטן עטאַזש, וואס אף רעכטס און אף לינקס באוויייזט ער זיך מיט זיין עטוואָס טונקעלער, באַטאָג מיט עלעקטרע־באַליכטענער, געוועלבטער סטעליע. א לאַנגער, א שמאָלבלעכער, וועדליק עטלעכע נאָר מענטשן אינדערברייט, און אין זיינעביידע זייטן—טירן, טירן, טירן, וווּהין מענטשן גייען אריין, ארויס, סע רודערט זיך, מע איילט זיך.

כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך גיי ניט און פרעג זיך ניט נאָך אף קיין באַזונדערע זאלן און צימערן, וואָס האָבן, ווי באַוווּסט, בעייס דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אזאַ גרויסע ראָל געשפּילט, ווי, לעמאָשל, דאָס צימער נום 107 (דעמאָלט 17), ווו דער רעוום־ליטקאָמיטעט האָט זיך געפונען, אָדער דאָס צימער, ווו לענין האָט געוווינט, אָדער די גרויסע זאַל, ווו דעם 25־טן אָקטיאַבער 1917 האָט זיך דער צווייטער אלרוסלענדישער ראַטנצוזאַמענפאָר פון סאלדאַטן־ארבעטער־און פּויערים־דעפּוטאַטן געעפנט. כ׳גיי ניט און פרעג ניט. ס׳איז פאַר מיר גענוג אליין

דאָ אין קאָרידאָר צו שטיין, אליין פון אזויפיל דערינערונגען, וואָס איך האָב באַ אַנדערע געלייענט, און איך פון אייגענע פאָרשטעלונגען איבערשטראָמט צו ווערן, אום ביז קאָפּ־פאַרדרייען צו טראַכטן: וואָס דאָ האט זיך ערעוו יענע טעג און אליין אין יענע טעג געדאַרפט כאָן!

אָט שרייַבט וויד.

„די לאַנגע געוועלבטע קאָרידאָרן, באַלויכטן מיט א ריי עלעקטרישע לעמפּעלעך, זיינען פול געוועזן פון א שטראָמענדיקן יאַם כאָלדאַטן און אַרבעטער, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך געבויגן אונטער שווערע, גרויסע פּעק צייַטונגען, פּראָקלאַמאַציעס און פאַרשיידענע אַנדערע דרוקזאַכן. דער רויש פון זייערע שווערע שטיוול האָט דערמאָנט דאָס טויבלעך אומופהערליכע דונער־הילכן".

און אָט איז אביסל לופט און אָטעם פון יענער צייַט. לענינס באַוווסטע בריוו צו פּעטערבורגער און מאָסקווער קאָמיטעטן, ווי ער שרייַבט,— אייַלנדיק, אימפּעטדיק; עס פילט זיך, אז די פינגער ברענען אים פון אומגעדולד:

„די געשעענישן שטעלן פאַר אונדז אונדזער אויפגאַבע אזוי קלאָר אז דאָס אָפּהאַלטן זיך איז מאַמעש א פאַרברעכן. אונדזער באַוועגונג וואַקסט. די רעגירונג פאַרשטאַרקט אירע ווילדע רעפּרעסיעס. אין מיליטער וואַקסן די סימפּאַטיעס צו אונדז. די וואלן אין מאָסקווע — 47% באָלשעוויקעס — א ריזיקער ניצאָכן. מיט די לינקע עסערן — א זיכערע מערהייט אין לאַנד. אויב מע קאָן ניט נעמען די מאַכט אָן אן אופשטאַנד, דאַרף מען טייקעף צוטרעטן צום אופשטאַנד".

און אָט גרייט מען זיך:

אין רעוומיליטקאָמיטעט (צימער 17, הייַנט 107) איז אלץ געהילט אין טאַבעק־רויך. עס לויפן מיליטערישע שטאַפּעטן. ס'קומען באַפולמעכטיקטע נאָך אָנווייַזונגען און מאַנדאַטן, כ'זע די מידע, מיט רויטע אויגן פון שלאָפלאָזיקייט, כאַווייריִם פּאָדוואָיסקי, אנטאָנאָוו־אווסייענקאָ און פיל אַנדערע וואַכנדיקע און דאָ אויך טאַקע דרעמלענדיקע. באַם פענצטער א טיש, באַ דער וואַנט לינקס פון טיר א צווייטער, באַ דער אנטקעגנאיבערדיקער — א בעט. די מיטגלידער פון רעוומיליטערישן קאָמיטעט דעזשורען א קייַלעכיקן מעסלעס דאָרט,

און אָט ווײַטער:

דאָס דערבײַיִקע צימער, וואָס לעבן רעוומיליטער־קאָמיטעט, באַשטעלט מיט טישן, ווו ס'אַרבעטן די מאַשיניסטקעס, שטאַרק אויסגעמאַטערטע מיידלעך אופאָרען דעם שרעקלעכן אנגעלויף פון געקומענע נאָך ספראַוו־קעס, מיט ביטעס און אָנקלאַגעס. פאַלסטו אריין אין יענעם וואַסער קאָך, אזוי דערזעסטו מאַסן צעהיצטע פּנעמער און הענט שטרעקן זיך נאָך דער אָדער אנדער דירעקטיוו נאָך דעם, אָדער אנדער מאַנדאַט; שעלי־כעסן און באַשטימטגען פון גוואלדיקער וויכטיקייט און באַטייט ווערן טאַקע דאָ אפן אָרט ארויסגעגעבן, און דאָ אפן אָרט • טאַקע דיקטירט מען זיי אף די טשאַקענדיקע מאַשינקעס, מע שרײַבט זיי אונטער מיט א בלײַשטיפט אף דער קני, און איינער א כאַוער, א גליקלעכער פּונעם באַקומענעם, פליט אוועק אין דער פינצטערער נאַכט אף א דול־אימפּעט־דיקן אווטאָמאָביל.

דאַן ווײַטער.

פיר אזייגער באַנאַכט פונעם 24־טן אָקטיאַבער האָט מען פאַרנומען די וואָקזאַלן. 5 אזייגער—דעם טעלעגראַף אין די עלעקטרישע סטאַנציע. 7 אזייגער—דעם טעלעפאָן. אזוי איז די רעוואָליוציע געשען. און צען אינדערפרי האָט דער רעוומיליטקאָמיטעט ארויסגעלאָזט אַן אופרוף:

„צו די בירגער פון רוסלאַנד: די צײַטווייליקע רעגירונג איז אראָפּ, די מעלוכע־מאַכט איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פונעם אָרגאַן פון דעם פּעטראָגראַדער ראַט פון ארבעטער־און סאָלדאַטן דעפּוטאַטן"...

און אָט איז די גרויסע זאַל, די זאַל, ווו דעם 25־טן אָקטיאַבער אָפּדערנאַכט האָט זיך געעפנט די זיצונג פונעם צווייטן אַלרוסלענדישן ראַטנצוזאַמענפאָר פון ארבעטער און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, ווו דער, וואָס האָט געעפנט די זיצונג, האָט געמאָלדן: אין נאָמען פון רעוומיליטקאָמיטעט דערקלער איך—די צײַטווייליקע רעגירונג עקזיסטירט ניט מער...

און נאָך אים טרעט ארויס לענין מיט א פּראָגראַם־רעדע, אין וועל־כער ער זאָגט: „פון הײַנט הייבט זיך אָן אַן נײַע טקופע אין דער רו־סישער געשיכטע, און די איצטיקע דריטע רעוואָליוציע דאַרף ברענגען אין איר סאַכאַקל דעם זיג פון סאָציאַליזם". און שפּעט באַנאַכט האָט זיך

אַהין באַוויזן דער אָנפירער מיט די מיליטערישע אָפּעראַציעס, אַנטאָנאָוו־אווסייענקאָ. אין זאַל ווערט שטיל. און יענער דערקלערט: „דער ווינטער־פּאַלאַץ געפאַלן, קערענסקי אַנטלאָפן, די איבעריקע מיניסטאָרן ארעסטירט"...

און וועגן דער היסטאָרישער זיצונג אף מאָרגן דעם 26־טן אין דער־זעלבער זאַל שרײַבט ריד אזוי:

„ס'איז געווען 40 אף 9, ווען דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן צו־וויסן געטאָן וועגן ארויסקומען פון פּרעזידיום מיט לענינען — דעם גרויסן לענין — צווישן זײַנע מיטגלידער. לענין — שטאַרק זיך אנהאַלטנדיק אָן עק פונעם פּיופּיטער און מיט זײַנע קליינע אויגן באַטראַכטנדיק די מאַסע, איז געשטאַנען און אויסגעוואַרט, ניט וועגנדיק קיין אכט אף דער אומ־אופהערלעכער אוואַציע, וואָס האט געדויערט לאַנגע מינוטן. ווען די אוואַציע האָט זיך געענדיקט, האָט ער א זאָג געטאָן פּראָסט: מיר טרעטן איצט צו צו בויען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג... שפּעטער... פּלוצלונג, לויט אַן אַלגעמיינעם אימפּולס, האבן זיך אַלע אף די פיס א שטעל געטאָן, אונטערכאַפּנדיק די אַלדערמונטערנדיקע טענער פונעם אינטערנאַציאָנאַל... אַן אַלטער גרויער סאָלדאַט האָט געוויינט ווי א קינד...

. . . .

עמעצער האט מיך א שטויס געטאָן. איך זע, איך האב עמעצן אין וועג געשטערט, כ'פּלאָנטער זיך צווישן די הין־און הער געשעפּטלעך־אײַלנדיקע און לויפנדיקע אין קאָרידאָר. איך גיי אין א זײַט אָפּ.

איך זע מײַן מיטגייער מיט מיר שטיין, און אויך ער, ווי איך, א באַזוכער דאָ. פריער מיט מיר אין טאַווריטשן געווען, און איצט מיט מיר אין סמאָלנע, און ער ווייסט, וואס אלע וויסן פון סמאָלנע, און איך פרעג אים: הא, זאָלן מיר נאָך אין די צימערן גיין, אין די זאַלן ארײַנ־קוקן? און ער זאָגט: ניין, גענוג אין די קאָרידאָרן.

מיר בלײַבן און פאַרהאַלטן זיך נאָך א ווײַלע. דערנאָך גייען מיר ארויס. מיר קומען אין גרויסן סקווער, וואס פאַר דער סמאָלנע געבײַדע, וואס מיט גראָז פאַרזייט, מיט ביימער פאַרפלאַנצט, מיט סטעזשקעס אף שפּאַצירן און בענק אף זיך זעצן, און מיר זעצן זיך אוועק אף איינער. מיר קוקן אפן געבוי און קענען די אויגן פון איר זעלטענער ווײַסקייט,

פון איר טרעפּ־ארופגאַנג, פון איר לופטיקייט און פון איר אײַנדערהייך זיך ציִען און צו מונטערקייט וועקן ניט אָפּרײַסן.

און אָט אזוי האבן מיר דעמאָלט דעם ערשטן באזוך אף דער באַנק אין סקווער קעגן סמאָלנע, אין סמאָלנע פארענדיקט. פארענדיקט האָבן מיר אָבער ניט מיטן ערשטן באזוך. ווײַל אלע מאָל, יעדער טאָג קימאַט, ווען ס'איז נאָר צײַט געווען, צי באַטאָג, צי פאַרנאַכט, צי אפדערנאַכט, פלעג איך מיט מײַן מיטגייער אף יענער באַנק אין סקווער זיך טרעפן, מיטן פאָנעם צום געבוי, שטילשווײַגנדיקע, און קיינמאָל פון דערויף צו קוקן ניט זאַטע.

3. ווירקלעכקייט

נאָכדעם, ווי איר האט זיך שוין פיל אָנגעזען מיט די לענינגראַדער אויסטערלישקייטן, מיט די מוזייומס, פּאַלאַצן, שלעסער, פּלעצער, גאַסן, קלויסטערס, בריקן פון אליין דער שטאָט און אויך פון איר ארום און געגנט, פון צאַרסקאָיע (היינט דעטסקאָיע) סעלאָ, פּעטערהאָף אז״וו; נאָכדעם, ווי איר האט זיך אנגעקוקט מיט די אלע אוצרעס פון יענע שלעסער, צונויפגעזאַמלט פאר אזויפיל יאָרן פון פרעמדע לענדער און אויך פון אייגענעם לאַנד, די אנגעפולטע מיט זיי צימערן, זאַלן־אנפילאדעס, איינס שענער פון אנדערן, איינס רייכער און צו באוווּנדערנדיקער פון אנדערן, מיט די אזויפיל מעבלען, בילדער, גאָבעלענען, מאזאַישע פּאָלן, פּלאפאנען, כפייצים פון פאַרשיידענע קונסט־און שמוק־זאַכן געשניצט, געקלעפּט, געמאָלט, אינקרוסטירט אז״וו—דערפילט איר זיך ווי געענגט מיטאַמאָל, איר דערפילט, גלייך איר האט לאַנג אין ווי עפּעס א פּאַנאָפּ־ט קום ארומשפּאַצירט. איר ווילט מיטאמאָל א פריַיען, לעבעדיקן אָטעם טאָן, און דעם עמעסן, שוין טאַקע ווירקלעכן, נישט געוועזענעם, נאָר היינטאָגיקן לענינגראַד צו זען.

ס'איז אייך דעמאָלט א פאַרגעניגן איבער דעם מיט מענטשן־ווימלענדיקע גאַסן אומגיין, אף אונדזער ארבעטער און אזוי אוילעם קוקן, דעם ווייַט נישט־יאָנטעוודיקן אָנגעטאָנענעם, דעם גאָר נישט מוזייומדיק־אויסגעפּוצטן, דעם—בא וועמען לוקסוס איז אפילע אין לעקסיקאָן ניטאָ: ס'קיין צייט דערוף, און ניטאָ פון דעם צו טראַכטן...

ס'איז אייך א פאַרגעניגן, ווי מיר איז א פארגעניגן געווען, צו שטיין אין פענצטער פון האטעל, ארויסצוקוקן, זען פאר זיך אט דעם אופשטאַנדפּלאַץ, לעמאָשל, מיט דעם אָקטיאַבער־וואַקזאַל אנטקעגן...

צען נומערן טראַמווייען גייען דורך דעם פּלאַץ דורך, פֿינף גאַסן קרייצן אים איבער. יעדער גאַס און טראַמוויי־נומער ברענגט, פֿירט צו אין אָפּ מענטשן־מענגעס פֿון וואָקזאַל און צום וואָקזאַל.

דער וואָקזאַל אַליין — אַ שטענדיקער אומרו: טאָג ווי נאַכט שיט ער אויס און שלינגט איין פֿון ווייט־אָנגעקומענע און נאָענט אין דער געגנט וווינענדיקע פּאַסאַזשירן.

אָט זעט איר: פּויערים, אַרבעטער, מענטשן מיט מעלאָכעס און פֿון געוווּרבן און מענטשן אָן שום מעלאָכעס — אין גרופּעס, אין אַרטעלן. אייניקע מיטן אַלט־געוווינטן געוווּרב־געצייג, און אַנדערע — אָן, קומען אָן, פֿאָרן אָפּ, פֿון לענינגראַד, קיין לענינגראַד, פֿון ניזשנע, פּסקאָוו, פֿון וואָלאָגדע און פֿון דער ווייטער אוקראַינע אַפֿילע.

גרופּעס האַלטן זיך צוזאַמען מיט פּעק און מיט קלומקעס. יעדע גרופּע מיט איר אָרטשאַפֿט־דיאַלעקט, מיט איר לאָשן און אָנפֿירער, מיט איר פֿון דער שטאָט איבעראַשט זיין, און מיט איר אין טומל פֿאַרלוירנקייט.

איר קוקט און זאָגט זיך: זע, ווען איז רוסלאַנד, די ערשט ניט לאַנג אַף אָקסן זיך שלעפּנדיקע אַזויפֿיל אַף באַנען געפֿאָרן; ווען איז אַזאַ פֿעלקער־איבערוואַנדערונג פֿון קאַנט צו קאַנט, פֿון געגנט צו געגנט און פֿון איין עק צום אַנדערן פֿאָרגעקומען; ווען אַזאַ און אַזויפֿיל איבערוואַנדערונג, ווי איצט.

עמעצער, דאַכט זיך אייך, האָט אַ גרויסן קאָכלעפֿל אין דער מאַסן־געדיכטעניש אַריינגעשטעקט, מישט, דרייט, קערט איבער, אַ פּאַרע גייט פֿון דער געדיכטעניש און, איר פֿילט: אַ געשמאַק און נאַרהאַפֿט פֿאָלקסמייכל קאָכט זיך דאָ.

ס'אַ געמיש: שטעט און בוידעם פֿאָדערן, און דאָרף, שטעטל שטעלט צו, און קיינע איבעריקע הענט נישט איבעריק, און וועמ'ס הענט און פֿיס ס'האָט, איז דאָס גאַנצע גרויסע לאַנד זיין פּלאַץ. און איר פֿילט, איר הערט, הערט בעכוש און מאַמעש, ווי אַ גרויסער פֿאָלקס־גאָרגל, אַ הויכריידער שרייט און רייסט זיך: נאָך, נאָך, און ווידער און נאָכאַמאָל: נאָך.

און אָט זעט איר צווישן אַלעם, וואָס פֿון אָקטיאַבער־וואָקזאַל שיט זיך, אַ גרופּע זיך אויסטיילן: ציגיינער. מאַסנביל אין רעקלעך, העמדער איבער הויזן, אין זשילעטן און שטיוול. הויכע, שלאַנקע, מיט שוואַרצע בערד און אָן בערד, מיט פֿייערדיקן און קנאַקנדיקן ציגיינער־לאָשן, און ווייבער מיט קליידלעך באַ די פֿאַרטעכער פֿאַרשטעקט, מיט קינדער אַף די הענט, קינדער פֿאַר זיי און הינטער זיי נאָכלויפֿנדיקע.

אויך אָט די גרופּע, זאָגט איר זיך, אָהער, אויפן רוף פון פאָלקס־גאָרגל, אויפן רוף פון הויכריידער, איז שטאָט געקומען. און איר פילט, זעט, זעט בעכוש און מאַמעש און קאָנט גיין שווערן, אַז שוין נישט אויף ציגיינערן, שוין נישט אויף קאַפּצאָנישן, טאַבער־שמאַטעדיקן וואַנדערן, נאָר אויף אַרבעט, אויף צו דער גרויסער בויער־מאַסע צושטיין, אויף שאַפן, און אַליין אין גרויסן קאָך איבערגעשאַפן צו ווערן.

און אָט א פּאָר אונדז גוט־באַקאַנטע: א יידישער מעלאַמעד, דאַכט זיך, פון א ווייסרוסישער פּראָווינץ האָט זיך אַהער, מיט א קינד, א ייִנגעלע פון א יאָר אַכט־ניין פון וואָקזאַל אַראָפּגעלאָזט. דער טאַטע— אין א מעלאַמדיש לאַנג קאַפּאָטע־זעקל צעשפּליעט; דאָס קינד—אין א טוביטייקע, האַלט ער פאַרן הענטל, האָט מוירע פאַר די אָנגעקומענע טראַמווייען, מוירע פאַר די אוועקגייענדיקע, מוירע פאַר פאָרויס־און צוריק־גיין, מוירע פאַר זיך, מוירע פאַרן קינד און מוירע פאַר דער מוירע.

און אויך פאַר אַט די פאַרשווינען, זעט איר, וועט זיך דאָ א קאָרעוו, א גויעל געפינען, און אויב נישט קיין קאָרעוו, איז ראַטנמאַכט א קאָרעוו אויב נישט קיין פריינט, זיינען הימל און ערד דאָ פריינטלעך.

און אָט איז א מאָנגאָל: אַן געלט, אָן לאָשן, און שטייט מיטן ציטערינג־קאָלירין פּנים און מיט די צוויי הויכבערגלדיקע קנאָכן־באַקן, — פאַרלוירן, און כאָטש מע זעט זיין, דעם מאָנגאָלס, לאַגע איצט נישט איבעריק און נישט גלענצנדיק, דאָך אָבער לאַכן זיינע אויגן, ווייל, נישקאָשע, אויך ער האָט אַן אַדרעס: די שטאָט, די מאַכט און די אַרבעט...

און אַזוי איבעראַל, אַזוי טאָג נאָך טאָג—צוגן פירן אָפּ, צוגן ברענגען מער צו, ווי אָפּ, און די שטאָט וואַקסט, ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ אָנגעפולטער, גרעסער.

און אָט האָט איר אייך טאַקע א קליין ציפער־קאָלאָנקעלע, וואָס באַווייזט די צאָל פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג דאָ פאַר דער מילכאָמע, דאַן, ווי אַזוי בעיס דער רעוואָליוציע—אַדאַנק דעם הונגער, אינטערווענץ און בלאָקאַדע—איז אַראָפּ, צוריקגעגאַנגען און איינגעשרומפן, און ווי איצט וואַקסט ווידער: 1913—237,2 טויזנט אַרבעטער; 1917—379,2. 1921—91,2, 1922, 69,6, 1930, ווידער 229, און איצט, 1932—געוויס שוין די ציפער פון 1917 איבערגעשטיגן.

ס'איז אײַך אַ פֿאַרגעניגן, זאָג איך, צו שטיין און צו קוקן אַף דער
גרויסער איבערוואַנדערונג אין שטאָט, וואָס ניט קוקנדיק אַף די אומגע־
הויערע וועג־און שטייגער־שווערקייטן, וואס איז מיט דער איבערוואַנ־
דערונג פֿארבונדן און וואס די איבערוואנדערער האבן צו לײַדן און
אויסצושטיין פון זיי, דאָך פילט איר, אז ווי א דערפרישנדיקער און א שטיק
געשיכטלעכער בראָכע־רעגן איז זי—מענטשן צו אנדערע, העכערע פראָ־
פעסיעס ארופצוהייבן, מענטשן פון אורזיידישע פרימיטיווע פראָדוציר־
געווינשאַפטן,—צו עכט טעכנישן, פארפולקומטן און קאָמפּליצירטן מאַ־
שינען־וו.רק צו רופן, סאָכע־לײַט—צו גרויס אינדוסטריעלן פראָלעטאַ־
ריאַט, מענטשן, צו מיט שטרוי־געדעקטע שטיבלעך געווינט—צו גרויס־
זאַוואָדישע קאָרפּוסן און אײַנריכטונגען. און צוזאַמען מיט דער נײַער
ארבעט, פילט איר, קומט אויך דער נייער באוווּסטזײַן — אויס מיטן
יעכידישן, קליינייגנטימערישן, מיט שטיבל און פעלדל און דאָרפישער
באגרענעצטקייט! פון הײַנט אָן—א ברודער צו א קלאַס און בירגערלעך
מיט א גאַנץ גייענדיק און שאַפנדיק לאַנד געקניפּט און געבונדן—אַף
קאַמף פאַרן לאַנד, קאַמף פאַרן קלאַס און צו זייערע ביידנס שווערי־
קייטן אַן אַקסל אונטערצושטעלן.
און נישט נאָר דאס זעט איר, דורכן פענצטער ארויסקוקנדיק, נאָר
אפט אין די פאַרנאַכטן, ווען די געוויסע ווײַסע נעכט־בלאַסקייט, וועלכע
ס'איז ווי אף א ווײַטן יאַם, אָדער אף א ווײַט פעלד צוזען אמאָל, פולט
די לופט אָן, און רופט, ווי אי אף רו, אי אף וואָכן, און דער גרויסער
ציפערבלאַט אפן וואקזאַלישן טורעם־זייגער, וואס איז פון גאַנצן ארום
דער איינציקער נאָר עלעקטריש באלויכטן, באווײַזט שוין האלב צען,
האלב עלף, האַלב צוועלף, און דאס אף רו און אף וואַך־רופנדיקע
בלאסקייט שטייט נאָך אלץ אין איין מאָס, נישט העלער און נישט
טונקלווערנדיקער, און די באוועגונג באַם וואָקזאַל, דער פארקער אפן
אופשטאַנד־פלאַץ און אַף די גאַסן, וואס קרײַצן אים איבער מיט טראַמ־
ווײַען, דראָזשקעס און אווטאָמאָבילן, ווערט אלץ ניט קלענער, א קליין
ביסעלע נאָר געדעמפטער,—אָט דעמאָלט פלעג איך זיך מיט מײַן האָטעל־
מיטווינער אפן שוועל־פענצטער זיצן טרעפן, אינדרויסן ארויסקוקן, און
אף דער גרויסער מאַכע, וואס אנטקעגן אונדז, באַם וואָקזאַל, אפן
אופשטאַנד־פלאַץ און אף די טראָטוארן ווימלענדיקער קוקנדיק—פארן

טאָג און פאַרן לאַנד דעם לאַנדס א טאָג־באַלאַנס מאַכן: וויפל האָט היינטיקן טאָג אָט די מאסע אריינגעבראַכט דעם לאַנד.

און מיר האָבן ווי רעכנפירער אף דער כעזשבן־ברעט די ביינדלעך געוואָרפן: אָפּ און צו, פּלוס־מינוס, אזויפיל און אזויפיל היינט פאַרדינט, אזויפיל און אזויפיל האָט דאס פאָלק אף זיין געברויך אויסגעגעבן און שוין — קיין באַלעבאָס, קיין אומזיסט־עסער, קיינער קימאַט וועט היינט נאכן טאָג אף איבעריקס און אף לוקסוס דעם פאָלקס מיט מי פאַרדינטסטע וועלטן פאַרשווענדעריש ניט אויסגעבן, נאָר דאס מויסרעס אין פאָלק־קאַסע צוריק, און די קאַסע וואקסט, און נאָר אף נויטיקן, און נאָר אף אליין דאס פאָלק צו באַרייכערן ווערט אויסגעגעבן.

און זעט, ווי ס׳זעט אויס דער באַלעבאָס נאָכן טאָג: איין גרויסע, שווער פאַרהאָרעוועטע ארבעטנדיקע מאַסע, אין בויעריש־געבענטשטער ציגל, ליים, קאַלך, וואַפּנע, מאשינען־אייל און פעטס אויסגעשמירט...

און מיין האָטעל־מיטוווינער פלעגט מיר אנטקעגן דעם, וואס מיר האָבן היינט פאַר די פענצטער געזען, א בילד פון זיין צייט פאַר די אויגן ארויפברענגען, ווי נאָך א שווערן פאָלקס־ארבעט־טאָג האָבן אמאָל די פרעמדע צום פאָלק אף זיין כעזשבן די נאַכטן געהוליעט: אין שענקען, בארן, קאבארעען און רעסטאָראַנען, ווו אף איין העמד שטיקעכץ און געהעפט פאַר איינער א שאַנסאָנעטקע איז אמאָל מער אויסגעגעבן און אויסגעבראכט געוואָרן, ווי אף גאַנצער גובערניע קינדער, און ווי אף איין פריצישן ליבלינגס־הונט, מער ווי אף א גאַנץ דאָרף, אף צען דערפער.

יאָ, עמעס, אייגנטלעך לאָזט זיך אָט דער כעזשבן נישט נאר אין לענינגראַד פאַרנאַכט, דורך א פענצטער ארויסקוקנדיק, מאַכן, נאר אין גאנצן לאַנד, אין אלע שטעט, פון אלע פענצטער איצט. דאָך אין לענינגראַד אבער פיל בעסער, עס בעט זיך דא מאמעש. ווייל — אָט־אָט, און שיר־שיר האָבן דאָך דא אנדערע כעזשבוינעס געוואָלט מאַכן... דערמאָנט זיך: יודעניטש, קראנשטאט. א האָר איז דאך אָפּגעגאנגען, אז זיי, אז יענע זאָלן דאָ איצט די באַלעבאַטים זיין און דאס איצטיקע ווירקלעכקייט זאָל ווייט אנדערש ווירקלעך זיין און אויסזען.

אָט ווייז איך אָן מיין האָטעל־מיטוווינער אף איינער א ניי־פאבריק, נישט ווייט פון דאָרט, ווו מיר וווינען, ווו ערשט מיט עלף־צוועלף יאר צוריק האָבן דאָרט אין איינער א נאַכט כיל פּראָפּעסיאָנעלע פרויען־

נייטאָרנס און אויך נישט פּראָפּעסיאָנעלע ווייסע קיטלען־כאַלאַטן, ווי טאַכריכים געניית פאַר די רויטארמייער, וואָס האבן בעייסן קראנשטאטער אופשטאַנד גענדאַרפּט צו די קראנשטאַטער שיפן און פעסטונגען באנאַכט דורכן אייז און שניי זיך דערקלייבן, זיי זאָלן זיך ניט אויסטיילן און מע זאָל זיי אין די געוויינלעכע שינעלן ניט דערקענען.* אָט ערשט איז דאס דאָך געווען. אָט ערשט האָט מען דאך פאר אָט דער זעלטן־שיינער שטאָט ביכלאַל נאָר טאַכריכים געניית: אירע ניי־פאַבריקן האבן טאכריכימשע פּראָמפּינפּלענער געהאַט. אין זאַוואָדן פּוסט, דער פּוטילאָווער האָט, ווי באַוווסט, מיט דער איינציקער זייער־וויכטיקער צינדמאַשינקע־פּראָדוקציע זיך באַשעפטיקט. אַלע אנדערע זאַוואָדן—מיט אַנדערע ענלעכע וויכטי־קייטן. און, אדעראַבע, לאָמיר זען, ווי זעען אויס, און וואס ארבעטן איצט אויס אונדזערע פאַבריקן און זאַוואָדן?

און ווידער נאָר א קליין ציפער־קאָלאָנקעלע:

„לענינגראַד האט אויסגעפילט דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון איר אינדו־סטריע אין גרונט שוין פאַר 3 יאָר. לענינגראַדער אינדוסטריעלע פּראָ־דוקציע פון וו.ס.נ.כ, און פון פאָלקאָמבאזאָרג פארן 1931־טן יאָר באַ־טרעפט 3 מיליאַרד 460 מיליאָן. לענינגראַד איז איצט דער הויפט־צושטע־לער פון טורבינעס, קעסלען, דיזעלן, מאָטאָרן און אנדערע קאָמפּלי־צירטע אויסשטאַטונג פאר גאַנץ פסר״ר.

* ...„אוונט. די שטימונג אין די צעכן א געדריקטע. מענטשן האבן געארבעט שווייגנ־דיק. אלעמען האט באומרויקט די לאַגע פון פראָנט. יעדער הילך פון א סנאַריאַדן־אופ־רייס האָט נאָך מער פארשטאַרקט דעם אומרו. ווער וועמען? אָט די פראגע האט געמאַטערט קימאַט די גאַנצע פאבריק. פּלוצלונג א רוף: אף א פארזאַמלונג!.. אין א פאָר מינוט דער מיטינג געעפנט. הונדערטער אויגן האבן זיך אומגעדולדיק געווענדט צו דעם, וועלכער עס האט פאַמעלעך ארופגעקלעטערט אַפן טיש, ער האט געזאָגט: די לאַגע היגטער קראנשטאט איז א שווערע. פון איבערז הענגט אָפּ צו פארגיכערן דאס ליקווידירן דעם אופשטאַנד. דער שטאַב פון דער 7 טער ארמיי באפיילט אונדזער פאַבריק געבן ביז אינדערפרי 3000 ווייסע כאַלאַטן... אן אלטע ארבעטערין האט זיך ארופגעדראַפּעט אף א טאַבורעטקע, און אירע ווערטער האבן נאך מער געריירט די פארזאַמלטע. קעדיי צו נעמען קראנשטאט, מוזן אונדזערע כאַ־ווירים זיך דערקלייבן דורכן אייז אומבאמערקט. מע מוז פארמאסקירן די רויטע העלדן אין שניי־פארב. ווילן מיר ניט אויספילן דעם זאַקאַז? הונדערטער פעסטע, פארזיכערטע שטי־מען האבן געענטפערט: ס׳וועט זיין געמאַכט צום טערמין!..״

(„ליטנאַזעטע״ פאַרן 29 יון 1932)

4 מיליאַרד 832 מיליאָן—דאָס איז אין געלט דער אויסדרוק פון יענער גיגאַנטישער פּראָדוקציע־גרייס, וואָס די לענינגראַדער זאַוואָדן וועלן געבן אין פערטן, שלוס־יאָר פונעם פינפיאָר. אין די לענינגראַדער זאַוואָדן וועלן זיך אַרייַנגיסן נייַע צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. די אינדוסטריעלע אַרמיי פון לענינגראַד (אויסער די אונטערנעמונגען פון פאָלקאָמבאַזאַרג) וועלן ציילן ביז 425 טויזנט אַרבעטער". א. או"וו.*

אזוי, אז אָט די שטאָט, וואָס איז ערשט געווען די אַרכילעס־פּיאַטע, דאָס שוואַכסטע, אומבאַשיצטע און געלונגנסטע פּאַרן סוינע אָרט אַף אונדז אַנצופאַלן, ווערט איצט אונדזער פעסטונג און מעכטיקער פאַר־פּאָסט אַף סײַ אין שאָלעם־צייטן אונדזער לאַנד־אינדוסטריע צו שטיצן, סײַ אַף דער צייט פון מילכאָמע אונדזערע גרענעצן אזוי צו פאַרפעס־טיקן, אז דעם סוינע זאָל זיך וואָס וויַיטער אַלץ ווייניקער זיי אַריבער־צוטרעטן גלוסטן.

און אָט בין איך אין איינעם א באַסטיאָן פון דער פעסטונג: אַפן שיף־בוי־זאַוואָד אַפן נאָמען פון מאַרטי...

נאָר פּאָר אַלעמען—וועגן די באַשיצער:

אין זאַווקאָם. ס'איז איבעררייַס־צייַט. ס'קומט א יונגער אַרבעטער, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר, ער וויל אַפן אַרבפּאַק. דער סעקרעטאַר לייגט אים פאָר, ער זאָל זיך אויסקלייַבן, וווהין ער וויל. ערטער, זאָגט ער, האָט דער זאַוואָד אַפן מעדיציניַשן, פּעדאַגאָגישן, אווטא־וועג־שן. קיינע שוועריקייטן וועלן ניט זייַן. זאָל נאָר ער, דער אַרבעטער, אַן אַנקעטע אויספילן. מירן אונטערשרייַבן.

נאָכן אַרבעטער—אַן אַרבעט־מיידל, מיט דערזועלבער ווענדונג און דערזעלבער ענטפער. און אזוי נאָך און נאָך, א גאַנצע ריי.

כ'קוק און זע: דאָס זייַנען נישט קיין איינציקע פאַלן, נישט צעפּעליק און ניט נאָר הייַנט איז מען געקומען אַפן אַרבפּאַק זיך בעטן, נאָר א טאָגטעגלעכע און מאַסן־דערשייַנונג. דאָס שטראָמט און שטרעבט די גאַנצע זאַוואָד־יוגנט,—און אויך נישט נאָר די יוגנט—זיך איבערצוקוואַלי־

---

* זע די בראָשור „לענינגראַד און איר געגנט אין 1932 יאָר", מעלוכיש־עקאָנאָמישע אויסגאַבע. מאָסקווע־לענינגראַד.

פּיצירן, צו העכער וויסן שטייגן. און דאס קאָנט איר איצט איבערלייי־ ענען אף יעדן ארבעטערס פּאָנעם, וועלכן איר באגעגנט אין זאַוואָקאָם, אין די צעכן און בא די ווערקשטאטן,—אף אַלע פּענעמער עפּעס א מין מידקייט צו באמערקן, וואס זאגט, אז אויסער דער פיזישער ארבעט, מיט וועלכער מע איז אפּן זאַוואָד, פאַרנומען, האט מען נאך אן ארבעט אויך אויסערן זאַוואָד,—דאָס זיינען קורסן, אָוונט־שולן, ארבפּאַקן, וואָס לאָזן דעם ארבעטער זיך רעכט ניט אויסשלאָפן און מאַכן אף די ארבעטערס פּענעמער יענע צווייענדיקע מידקייט צו מערקן. און אָט די מידקייט פאַרפּיינערט, באזיניקט, אינטעליגענטיזירט, אזוי צו זאָגן, און טיילט אויך אָפּ א פּאָנעם פון א פּאָנעם, נישט ווי אמאָל, ווי מיר זיינען געוווינט געוועזן צו זען אין א זאַוואָד: איין פאַרכוישעכט, איין אַלגעמיין ארבעטער־פּאָנעם.

אָט שטייט א באָכערל פאר מיר. ס'איז דער, וואָס מע האט מיר אין זאַוואָקאָם רעקאָמענדירט און מיר אים געגעבן, ער זאָל מיך אין זאַוואָד פירן און דאס מיך אינטערעסירנדיקע צו באַווייזן. א יונגער נאָך. פון א יאָר צווייאונצוואַנציק. שוין געארבעט עטלעכע יאָר באם ווערקשטאַט דאָ, און איצט אף קולט־באַדינונג ארויסגערוקט. כ'האָב אף אים געוואַרט. און אָט איז ער דאָ, און א פּעקל ביכער מיטגע־ראַכט.

כ'צע־ייד זיך מיט אים. ער דערציילט מיר זיין ביאָגראַפיע בקיצור. שטאַמט פון לעבן כאַרקאָוו. פון א קליין יידיש שטעטל. דער טאַטע, א קלעזמער, איז אים פרי געשטאָרבן. ער א יאָסעם, איז אין דער רעוואָ־ לוציע און בירגער־קריג מיט פּארוואָרלאָזטע א פאַרוואָרלאָזטער איבער־ גאַנץ רוסלאַנד אף די בופערן ארומגעפאָרן, ביז ער האט זיך קיין לע־ נינגראַד צוגעשלאָגן און אף מאַרטי אָנגעקומען.

איך כאַפּ א קוק אף זיין פּעקל. אף א גוטן אינטעליגענט געזאָגט גע־ וואָרן דעם אינטערעס צו אזוינע זאַכן,—ער שטודירט געשיכטע און פּי־ לאָסאָפיע.

ער פירט מיך איבער די צעכן. אפּן וועג באקענט ער מיך מיט די ביאָגראַפיעס פון אייניקע זיינע כאַוויירים, וואס ער האט מיט זיי פריער באַם וואָרעטאַט געארבעט.

אָמ ווײַזט ער מיר און פירט מיך צונויף מיט אײנעם א סטיאָפּע יאַקאָוולעוו. א בלאָנד באָכערל, מיט א היפּש פארשײַטער דאָרפישער היטשקע, וואס קריכט אים פון אונטער דער קעפּי. אבער אין באַנעם, מאַניערן, האַלטן זיך — שוין אן אַרבעטער.

מײַן פירער דערציילט: מיט עטלעכע יאָר צוריק — פון דאָרף א רוי באַשעפעניש אָנגעקומען, א כוליגאַנעוואַטע, א האַרמאָניקע־פאַרשוין, ביז מע האט אים אין ק מיוג ארײַנגענומען. און פון דעמאָלט — א נײַער, דער דיסציפּלינירטסטער, א מוסטער פאר אלע אנדערע, א לערער פאר אָפּגע־שטאַנענע, סײַ באַם וואַרשטאַט, סײַ בעיס קאמפּאַניעס און אין אלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אָנלאָדונגען.

ער לאַכט איצט, סטיאָפּע, בעיס מע שטעלט אים מיר פאָר. אלע אײוורים אין אים לאַכן. ער איז שטאָלץ, אָבער ניט באַרימעריש, ניט איבערנעמעריש מיט זײַן איבערגעבורט. ס׳פילט זיך אין אים נאָך די דאָרפישע גוורע, אָבער שוין צוזאַמען מיט שטאָטישער קולטור און ארבעטער־אַכראַיעס.

און אָט ווײַזט מיר מײַן פירער א צווייטן עקזעמפּליאַר. ריווע קאָ־נאָוואלאָווע. עפּעס א נישט־געווינלעכער געמיש פון א נאָמען מיט א פאַם ליע־נאָמען.

— צוויי נאַציעס, — ראַמט מיר אײַן מײַן פירער, — האבן אף איר גע־האָרעוועט... די מאַמע א ײדישע, דער טאַטע א רוס.

ס׳איז גלײַך אין איר צוזען דעם געמיש. באַשײדן, — די אויגן, עפּעס האַלב באַ זיך און האַלב צו איר מיטשפּרעכער געווענדט, און צוזאַמען מיט דער באַשײדנקייט אויך יענער סאָרט רוסישע פּראָסטקייט, ניט־געצוווּנגנקייט און נישט באהעלטעניש פארן וואָרט און קערפּער.

כ׳האב א נארישקייט געטאָן: זי האָט אין האַנט בא מיר א בלאקנאָט מיט א בלײַפעדער דערזען, און האט מיר גלײַך אָפּגעהאַקט:

Я вам больше ничего не скажу.

זי וויל ניט אירע ווערטער זאָלן פארצייכנט ווערן און ערגעץ־ווו, נאָך טאָמער אין דער פּרעסע מע זאָל וועגן איר דערמאָנען.

ס׳זײַנען מיר שוין אבער איבעריק אירע ווערטער, גענוג זי אליין און דאס, וואס איך ווייס פון איר. זי ווערט איצט פון זאַוואָד פאר א

אינסטרוקטערן אין פ.ז.או. געשיקט. א סימען אף פּאָרשריט און אויסטיילן זיך געזעלשאַפטלעך און אין דער מעלאָכע.

זי האָט דאָס פּאַרדינט, ריווע קאַנאָוואַלאָווע. דער גאַנצער צעך קוקט מיט ליבע און מיט א מין איבערנעמען זיך מיט איר, בעייס ביר שטייען, שמועסן מיט איר. איר דערפאָלג, זעט מען, איז נישט נאָר אירע־, נאָר אלעמענס. מע גרייסט זיך מיט איר, אבער נישט מע איז איר מעקאַנע און נישט מע באַדויערט איר אוועקגיין. דער גאַנצער צעך זעט אויס, ווי ער וואָלט אנטוויינט א קינד, אָבער קינד בלייבט קינד—אַן אייגנס, נאָענטס, פאַר אלעמען אין די אויגן אויסגעוואַקסן, און א דערמונטערנדיקער באַווייז, אז אלע, ווער סט׳נאָר וועלן, קאָן אויסוואַקסן.

ווירקלעך: אז איר גייט דאָרט דערנאָך און קוקט אף די באַ די וואַרשטאַטן־שטייענדיקע, זעט איר, אז אסאַך העכערע ערטער, שטעלעס, אמטן פאַר אָט די דאָ שטייענדיקע און ארבעטנדיקע ווארטן: אלע קאנדידאטן אף העכערע פאָכטן צו פאַרנעמען, אלע אף ארויסגערוקט צו ווערן, ווייל קולטור וואקסט און יורט איצט אין די אינעוויניקסטן פון די מאַסן, און די גאַנצע צייט איצט קומט פאָר, און שפּעטער וועט אלץ מער און מער פאָרקימען, אן איבערוק, אן ערטער־בייט, א איבערוואַנדערן פון נידעריקן אף העכערן, פון אָפּגעשטאַנענעם צו מער קוואליפיצירטן, ון שוואַרצאַרבעט ביז הויכע מעלוכע־אמטן אפילע.

כ׳האַלט זיך אָפּ פון איינציקע א־בעטער, שלאָגלער, ארויסגערוקטע, מיט וועלכע מיין פירער האט מיך אפן וועג איבער די צעכן גייענדיק באקאַנט, צו באַשרייבן, ווייל דאָס וואָלט מיך צו וויט פארפירט. כ׳האלט זיך אויך אָפּ פון די צעכן אליין צו באַשרייבן, ווייל דאס לאָז איך פאר ספעציאליסטן און קענער פון דער זאַך, צו וועלכע כ׳וויל דילעטאנטיש זיך ניט מישן, און איך בעט דערום מיין פירער, ער זאָל מיר נאָר דאס גרייטע באַווייזן: שיך אפן שטאַפּל, וואס האַלטן זיך אין בויען, אָדער אַפן וואַסער אַראָפּגעלאָזטע, שוין דערבויטע.

ער ווייזט: „ריאָן” און „קיבאַ”—פּארטיק, „וואָלגאליעס”, „סיעווזאפּליעס”, „דווינאליעס”—אריבער האלב שוין גרייטע.

כ׳שטיי און קוק און דערמאָן זיך, ווי אונדזער האנדל־פלאט האט ערשט מיט עטלעכע יאָר, אין א פרעמדנס אייגן, אין א פרעמדן גרויסן האפן, ווי אין א לאָנדאָן, אָדער האמבורג, לעמאָשל, אז סגעזען.

כ׳דערמאָן זיך, אז בעסאַכאַקל, לויט דער סטאַטיסטיק, האט דער סאָוועטישער האנדל־פלאָט צום 1־טן יאנוואַר 1925 געהאַט אין עקספּלואַטאַציע 200 איינסן מיט א 257,900 טאנאזש. א גאנצע ריי שיפן שוין אָפּגענוצטע און טעכניש פארעלטערט. און באַלד נאָך יענעם יאָר זיינען זיי פון „סטרוי״ ארויס, טיילווייַז צום קאפּיטאַלן רעמאָנט, און טיילווייַז אף ברוך. און אין רעזולטאַט האט אין צוויי יאָר ארום, צו יאַנוואַר 1927־טן יאָר, דער טאנאזש פון אונדזער פלאָט זיך פארקלענערט ביז 212,674 טאָן.

איצט אָבער—באַווייַזט מיר מייַן פירער מיט ציפער,—צו יאַנוואַר 1932־טן יאָר ציילן מיר שוין העכער 300 איינסן מיט 697,596 טאנאזש, און פאר הייַנטיקס יאָר זיינען ביז 15־טן יול אונדז צוגעקומען נאָך 15 איינסן מיט 57,360 טאָן, און סאָף יאָר וועלן נאָך און נאָך צוקומען, און אף אזאַ אופן וועט דער טאנאַזש פון אונדזער האַנדל־פלאָט שוין די ציפער 700 טויזנט טאָן ווייַט־ווייַט אריבערשטייַגן.

איך שטיי, קוק און דערמאָן זיך נאָכאַמאָל, ווי אונדזער ביסל צאַריש־אַרכאיש ארעמקייט, וואס איז אונדז פון איר געבליבן, האט אויסגעזען: קריטיק, טעכניש־קריכעריש און קאַליקעוואטע, און איצט זעט—ס׳ארא גרויס, רייַך און שפּאָגלנייַקייט, אין אַלע היגזיכטן נייַ, סייַ אין פארנעם (מיר בויען איצט 6 טויזנטאָניקע געהילצ־פירער און ביז צענטויזנטאָניקע נאַפט פירער־ריזן), סייַ אין קאָנסטרוקציע, סייַ אן אויסערלעכער פארגעניגן פארן אויג זיך צו שפּיגלען. נישט ערגער איצט, נישט אפּגעשטאַנענער פון דיזעלבע טיפּן שיפן פון א לאדע אנדער גרויס לאנד, ווי פראנקרייך, ענגלאַנד, וועלכע איר באגעגנט איצט אין אונדזערע האפנס, אין לענינגראַד, אָדעס, באַטום, מאַריופּאָל א. אז״וו.

איך קוק און דערמאָן זיך אינדזער שלימאַזלדיקע אפּהענגיקייט פון יענע יאָרן, אונדזער געצוווּנגען זיין אנצוקומען צו די אויסלענדישע שיפ־פירמעס, און וויפל ס׳האט אונדז אָפּגעקאָסט אָט די אָפּהענגיקייט...

כ׳דערמאָן זיך, ווי אין ווינטער 1925, זייַענדיק דערמאָלט אין האמבורג, און נאָענט־שטייענדיק צו דער דייַטש־רוסישער לאגער־און טראנספּאָרט־געזעלשאַפט („דערוטראָ״), ארבעטנדיק דאָרט אלס אנגעשטעלטער. וואס פאר אן אנגסט און ערגער מיר האבן איבערגעלעבט אדאַנק אונדזער טראנספּאָרטדיקער ארעם־לאגע,

ס'איז געווען סאָף נאַוויגאַציע־סעזאָן, ערעוו דעם, ווען דער פֿינלענדישער אויסגוס הייבט אָן צו פֿרירן, דעמאָלט, ווען מע אײַלט וואָס גיכער אַלץ, וואָס ס'ליגט בײַ אונדז אין אויסלענדישע האַפֿנס, אויף סקלאַדן, לאַגערן, פֿון סכוירעס און גיטער קיין לענינגראַד דורך דעם נאָענטסטן יאַם־וועג צו פֿאַרשיפֿן. נישט האָבנדיק קיין אייגענע, האָבן מיר דעמאָלט געמוזט מאַסן שיפֿן בײַ פֿאַרשיידענע פֿירמעס דינגען. פּראַכט־באַדינגונגען — שווערע. די קאָניונקטור צו יענער צײַט אויפֿן שיפֿן־מאַרק — אַ הויכע. אָבער דעריקער שווער דאָס, וואָס אַזוינע פֿאַר די שיפֿן האָט אַ ריזיקע געשטעקט אין אײַז, אויב דער אויסגוס וועט אײַנפֿרירן, צו בלײַבן שטעקן, האָבן די פֿירמעס אין די קאָנטראַקטן מיט אונדז שווערע שטראָף־אָפּצאָלונגען באַשטימט, אין פֿאַל, אויב מיט זייערע שיפֿן וועט דאָס, וואָס מעגלעך ס'זאָל געשען, געשען טאַקע.

און די שיפֿן זײַנען טאַקע שטעקן געבליבן. זיי האָבן ניט באַוויזן קיין לענינגראַד אָנצוקומען, און דער פֿראָסט האָט זיי אויפֿן וועג פֿאַרכאַפּט.

מיט גרויס מי און צאָרעס האָבן זיי אונדזערע אײַז־ברעכער „לענין", „קראַסין" ערשט אין אַ כּוידעש אַנדערהאַלבן אַרום פֿון זייער געפֿענקעניש באַפֿרײַט, און פֿאַר דער צײַט האָבן מיר געצאָלט, אוי, געצאָלט — מיט געלד, מיט בלוט...

— איך ווייס, — האָט מיר דעמאָלט איינער אַ פּראָקוריסט פֿון דער „דערוטראַ" געזאָגט: אייניקע שיף־אייגנטימער האָבן פֿון אונדז איצט באַקומען באַלד מער וויפֿל זייערע גאַנצע שיפֿן האָבן שוין די ווערט...

איך קוק איצט אויף אונדזערע נײַ־אויסגעבויטע, ליכטיק־פֿאַרביקע שיפֿן־אַלבאַטראָסן און טראַכט:

אויס מיט דער אָפּהענגיקייט! אויס שוין אַנדערע אויף אונדזער אָרעמקייט צו שפּילן און אויך צו געווינען! אויס מיט דער קאַפּצן־אוישער־שפּיל! אויס מיטן ניט קאָנען מיט אייגענע פֿאַרקער־מיטלען דעם וועג צו אַנדערע לענדער און פֿון אַנדערע לענדער צו אונדז צו געפֿינען! אונדזער האַנדל־וועג ווערט דאָ, אויפֿן מאַרטי־זאַוואָד, געזיכערט, און אויסער האַנדל אויך נאָך עפּעס: דעם וועג פֿאַרן סוינע, אויב ס'וועט זיך אים פֿאַרוועלן אונדזער רו צו שטערן און אונדזער פֿעסטן ווילן אין פֿעסטונג פֿון שאָלעם צו בלײַבן אַנצורירן, צו פֿאַרשטעלן.

און דאָס אַלץ טוען זיי, אָט די סטיאָפּעס, די ריווע קאַנאַוואַלעוו׳ און אַנדערע ענלעכע צו זיי.

און איך האָב זיך געטראַכט:

אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד בײַ א שיף־באַנײַונג און פאַרן וואַסער זי אַראָפּלאָזן בין בײַגעווען; געזען, ווי דער קיבעד פון באַנײַונג ווערט יעדער מאָל א באַוווּסטער פּערזאָן, א מיניסטער־מאַן, א בירגערמײַסטער, גענעראַל, אָדער די פרויען פון אַזוינע, אָפּגעגעבן; געזען, ווי מע שמײַסט די פלאַש שאַמפּאַניער אין דער נאָז פון שיף פאַר דעם, ווי די שטריק פון שיף ווערן פון שטאַפּל אָפּגעשניטן; געזען, דעם ווילדן יובל בעשאַס די שיף נעמט זיך שווין פון שיפּוע־דעק אַראָפּרוקן, די „האָך״־געשרייען, די פּאַטריאָטישע הוראַ, מוזיק א. אַז״וו.

דאָרט—יאָ. דאָ—ניט. אָבער וואָלט איך דאָ געזען, וואָלט איך דאָ בײַגעווען, וואָלט איך געוויס דער ערשטער, ווי אַלע ערשטע, אויסגע־שריען: הוראַ, ריווע קאַנאַוואַלאָווע! הוראַ, סטיאָפּע יאַקאָוולעוו און קלעזמערס זון, געוועזענער „בעזפּריזאָרניק״ און איצט געשיכטע־און פילאָ־סאָפיע־שטודירנדיקער! הוראַ!—אייך מײַן ערע, יובל און באַוווּנדערונג.

* *
*

און אָט בין איך אין א צווייטן באַסטיאָן: אין „רויטן דרײַעק״.

דאָרט אין מאַרטי—שיפן, דאָ—נישט מער ווי קאַלאָשן, אָבער מיט א פּראָדוקציע־אַרויסלאָז פון בעסאַכאַקל 160 טויזנט פּאָר א טאָג, מיט בע־סאַכאַקל 22 טויזנט אַרבעטער (פון זיי—בײַ א 3000 פּאַרטייער און אַן ערעך אַזויפיל אויך קאָמיוגיסטן). אויב איר ווילט אויסגיין דעם גאַנצן זאַוואָד און אין אַלע צעכן, סקלאַדן, מאַגאַזינען אויסזײַן, דאַרפט איר זיך מאַטריעך זײַן און א שטרעקע פון א 42 קילאָמעטער דורכמאַכן.

הײַנט שטעלט זיך אים פאָר:

אויסערלעך פאַרנעמט ער א גאַס. אינעווייניק—האָב איך, נאָך פיל שאָ דאָרט אַרומגיין און אויסקוקן, געפילט, אַז ווי כ׳האָב איינעם נאָר א נאָגל פון א ריז באַטראַכט. וואָס פאַר א מאַמעש האָבן דאָרט שאָען!

און דאָך, ווי גרויס ער איז, האָב גייענדיק פון וואַלץ־צעך אין פרעס־צעך, פון דאָרט—אין צושנײַד־צעך, ווײַטער—אין שמיר־צעך, דאַן—אין

קאַלאָשן־צונויפשטעל־צעך, צום קאָנווייער, ווו פאר אײַך אין די אויגן הויבט מען אָן מיט א נאַקעטער קאָלאדקע, מע ציט אף איר ארוף אן ערשטן טייל, דאן א צווייטן, און אזוי ווײַטער, ווו אפן זעלבן טיש וואקסן און קומען צו אלץ נײַע און נײַע טיילן, ביז איר דערזעט א פארטיקן קאַלאָש שוין, און אין עק טיש שמירט מען אים אף גלאַנץ און מע שיקט אים שוין אף טריקענען.—גייענדיק אזוי און קוקנדיק אף דער ארבעט, און בעייסמײַסע אף אזויפיל מענטשישע פּענעמער, און זעענדיק, ווי דאָס אָרט און די ארבעט וואָלטן דאָך באדארפט זיין א גענוגער גוירעם אף ניוועלירן, פארווישן, אף נישט אפּצוטיילן מענטש פון מענטש און פּאָנעם פון פּאָנעם, און דאָך—קיין ניוועלירונג נישט, דאָ, ווי אויך נישט אף מאַרטי־זאַוואָד, ווי אויך נישט אין אלע אנדערע זאַוואָדן, ווו מיר איז די לעצטע צײַט צו זײַן אויסגעקומען. אומעטום דאָסזעלבע: דאס אינדיווידועלע שפּארט, נישט געקוקט אף דער גרויסער מענטשן־צאָל, וואס אין יעדער אזוינע אונטערנעמונגען איז קאָנצענטרירט און פאר־זאַמלט. און דאס דערקלערט זיך נאָר מיט איינס: מיט דער גרויסער מאָס איניציאַטיוו און טעטיקייט, צו וועלכער יעדערער פון דער גרויסער צאָל ווערט גערופן.

זיך געטראָפן אין זאַוואָד האב אין א טאָג, ווען ס'איז געגאַנגען דאָס אונטערשרײַבן זיך אף דער האַלוואָע פון 4־טן שלוס־יאָר.

מע האט באַדארפט זען די בריגאַדעס, וואס האבן די איינציקע, גע־צײלטע, וועלכע האבן זיך נישט געוואָלט, אָדער, ווי זיי האבן געזאָגט, נישט געקאָנט, באטײליקן זיך אינעם זיך־אונטערשרײַבן, ווי אזוי און מיט וואָס מע האָט זיי גענומען; ווי אזוי אליין אַרבעטער, אויך אליין נישט איבעריק פיל פארדינענדיקע, וועלכע האבן זייער כויוו דער מעלוכע מיט אונטערשרײַבן זיך אף א כוידעש־געהאַלט און מער, שוין געדעקט, האבן מיט אָט די אָפּשטייענדיקע, געציילטע אײַנגעטײַנעט; ווי פּראָסט, ווי גלײַכע צו גלײַכע, מיט וואָס פּאַר א היימיש ארבעטער־לאָשן, וויסנדיק יענעמס אלע נויטן און מאַנגל, דאָך פּאָדערנדיק, אײַנ־ריידנדיק, איבערצײַגנדיק מיט באווײַזן אויך זייער מאַנגל און נויטן, מאָטיווירנדיק אָבער מיט דעם, וואָס „ווען גיסטו? א פרעמדן גיסטו? זיך אליין דאָך... די מעלוכע זײַנען מיר”... און ווי אזוי פאר איינער א פרוי, אינדערעמעסן מער, ווײַזט אויס, אקשן, ווי נויטבאַדערפטיקע, האט

זיך א צווייטע פון דער האלוואַ־בריגאַדע אוועקגעשטעלט און איר גאָרקיס ארטיקל „פון דער רעכטער אין דער לינקער קעשענע" איבער־געלייענט, און יענע, פון ארבעטער און ארבעטערנס ארומגערינגלט, וואס האָבן אף איר צושטימונג און אף איר לעצט וואָרט געוואַרט, האט א זאָג געטאָן: „גערעכט, גיט אהער". און האט די ליסטע, וואָס מע האט איר דערלאַנגט, געכאַסמעט.

מע האט באַדאַרפט זען, ווי אין איינעם א צעך האט זיך איינמיטן דער ארבעט די באוווסטע טשערעפּאַכע אף א דראָט אונטער דער סטעליע איבער אלעמענס קעפּ זיך רוקן גענומען, ווי זי האט געקרענקט, געער־גערט. אייניקע האבן די אויגן אראָפּגעהאַלטן, אנדערע זײַנען אף יענע, וואָס איבער זיי האט זי זיך באַוויזן, בייז געווען, און ווי בא אלעמען, סײַ באַ די אומשולדיקע, סײַ באַ די שולדיקע איז איין באַגער אין די אויגן געווען צו לייענען: וואס גיכער פון איר פּאָטער וו׳ערן, פון דער שאַנדע.

און צום סאָף טאָג, ווען אין איינעם א צעך איז א מיטגליד פון דער זאַוואָד־צײַטונג־רעדאַקציע מיט א נאָך נישט געדרוקטן ראַפּאָרט צום נארוועך רײַקאָם פון ווקפּ(ב) און צו דער לענינגראַדער „פּראַוודא" ארײַן, און האט היך איבערגעלייענט: אין נאָמען פון פּאַרטקאָם, זאַוו־קאָם, דער דירעקציע, קאָמיטעט פון קאָמיוג און פון דער רעדקאָלעגיע— א ראַפּאָרט:

„דער שלאָגלערישער צוואַנציקטויזנטדיקער פּראָלעטאַרישער קאָ־לעקטיוו פון קאלאָשן־זאַוואָד האט דעם און דעם פיר אזייגער באַטאָג אויסגעפילט די פּארגעבונג אף אונטערשרײַבן די האַלוואָע פון 4־טן שלוסיאר— אנטשפּרעכיק דעם פּאָנד פון כוידעשלעכן ארבעטלוין—אף 100,6%, ארומכאַפּנדיק 96,4% ארבעטער פון זאַוואָד".

האט מען באַדאַרפט זען, ווי מע האָט אָט די יעדיע באַגעגנט, ווי דאס פיניש־דערגרייכן פון דער פּארמעסטונג מיט אנדערע זאַוואָדן, און פון די צעכן צווישן זיך אינעם זעלבן זאַוואָד, האבן געווירקט און פון צופרידנקייט בא אלעמען די באַקן געררויטלט.

דאַן ווײַטער פונעם ראַפּאָרט:

„דאס הונדערטפּראָצענטיקע אויספילן די פּארגעבונג איז א קלאָרער באַווײַז אף דעם אומבאַגרענעצטן צוטרוי פון די ארבעטער־מאַסן פון

אונדזער זאַוואָד און פון „איט־ער“ צו דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי און פון דער ראַטנמאַכט. צווייונפערציק אַלטע ארבעטער זייַנען אַרייַנגעטראָטן אין לענינס פּאַרטיי, זעכציק יונגע שלאָגלער האבן אנגעגעבן מעלדונגען אין קאָמיוג... דער אומבאגרענעצטער ענטוזיאַזם, וואס די ארבעטנדיקע פונעם קאָלאָשן־זאַוואָד האבן ארויסבאוויזן באם אונטערשרייַבן זיך אף דער האַלוואָע, באַווייַזט, אז די ארבעטער פון קאַלאָשן־זאַוואָד שטייען אין דער שערענגע פון די פעדערשטע קעמפער פארן סאָציאַליזם“.

יאָ, באַווייַזט טאַקע...

איך באקען זיך, שטייענדיק אין צעך, מיט פאַרשיידענע ארבעטער. אָט איז א טייל פון דער שערענגע. כ׳ טשיסטיאַקאָוו—פארדינט 150 רובל אַ כוידעש—זיך אונטערגעשריבן אף 310. כ׳ בראַווקין — אנטשפרעכיק 90—אף 300. מאזעל 170—אף 300. סמירנאָוו 210—אַף 350. פילאַטאָוו 147—אף 280 א, אז״וו. פרויען: כאַווערטע ריבינסקאַיא פאַרדינט 90 ר., זיך אונטערגעשריבן אף 130. כאַווערטע קלער 110—אף 200.

און אָט א גאַנצע גרופּע פרויען פונעם אונטערגעניי־ווארשטאַט האט זיך אונטערגעשריבן אף אן אנדערהאַלבנכאדאָשימדיקן געהאַלט...

און ווער וועט זיי אויסרעכענען, ווער וועט זיי ציילן, אָט די אלע, וואס די מעלוכע זייַנען זיי, וואס גיבן דער מעלוכע הייסט באַ זיי, נישט געקוקט אף אלע שווערקייטן און נויטן, נישט גיבן, נאָר זייער אייגענע זאַך שטיצן און אייגענע און אלעמענס צוקונפט באזאָרגן.

א שאָד,—האב איך זיך געטראַכט,—וואָס דער קינפטיקער היסטאָריקער וועט דאס, וואס איך האב הייַנטיקן טאָג אפן זאַוואָד געזען, שוין נישט זען. דאס וואָלט אים פיל מער געגעבן, ווי אין פילע ארכיוון זיך גראָבן, ווי מעמוארן, כראניקעס, ביכער, צייטונגען צו לייענען. ער וואָלט דאָ גלייַך אפן ערשטן קוק דערזען, ווי אין אונדזער שווערער „פּראָזע־צייַט“ שאַפט זיך געשיכטע און ווונדערלעכער עפּאָס פאר שפּעטערע צייַטן, פון דער גרויסער אָפּפערוויליקייט און אָפּפערגרייטקייט פון די מאַסן, וואס האט אָפט גאָר קייַן נאָמען, און וואס ווערט מעגלעך נאָר דאן, ווען מאַסן וואַקסן אויס, דערהייבן זיך .און ווערן רייַף צו אָנרופן זייער אידעאל באם נאָמען.

נאָר אָט נאָך אַ פּאָר ווירקלעכקייט־פֿאַקטן:

איך פֿאָר אין אַ טראַמוויי אין איינער אַ לענינגראַדער גאַס, ווייט שוין פֿון צענטער. מענטשן אין טראַמוויי ווייניק. ס׳גראָם. אויף איינער אַן אָפּשטעל־סטאַנציע קריכט אַרויף אַן אַלטער מאַנאַך, מיט אַ ווייסגרויער באָרד, אין אַ ווייט לייַוונטענעם כאַלאַט, מיט אַ פּאַטריאַרכן־שטאָק אין טשעכאָל. באָרוועס, די הויזן בײַ די פּיס־קנעכל, ווי מע פֿאַרבינדט אַ זאַק. אויפֿן קאָפּ אַ מאָנאַכישן קלאָבוק פֿון צוויי פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פּליוש־שטאָפֿן: דער פֿאָדערשטער טייל פֿיאָליעט און די הינטערשטע — ווי מײַזנפֿעל, גראָוו.

איך קוק אויף אים: זיין באָרד, פּאָנעם, הענט, קליידער, און די באָרוועסע פֿיס אַפּילע — שטאַרק זויבער. אײַן אויג זײַנס, דאָס רעכטע, פּראָפֿעסיאָנעל־פֿרום, און דאָס אַנדערע — צוגעמאַכטלעך פֿאַרטראַכט און כיטרע.

די גאַנצע צײַט קוקט ער אַנטקעגן זיך און די אַנטקעגנאיבעריקע פֿענצטער פֿון טראַמוויי. זײַנע ליפּן, גלײַך זיי ווילן עפּעס אַ תּפֿילה שעפּטשען, אָבער איבערן אומפּאַסיקן אָרט, האַלטן זיי זיך אָפּ.

כ׳זע, ער רופֿט בײַ קיינעם קיין נײַגער, קיין כידעש און קיין אינטערעס ניט אַרויס. אויסער בײַ מיר און בײַ אַ ייִנגעלע, וואָס זיצט מיט זיין מוטער לעבן מיר. דאָס ייִנגעלע, זע איך, האַלט אַ שול־ביכל אין האַנט — „דער יונגער שלאָגלער". דאָס ייִנגעלע איז פֿאַרכידעשט, קוקט אויפֿן מאָנאַך און בייגט זיך צו דער מוטער צו און פֿרעגט בײַ איר שטיל: מאַמע, „ЧТО ЭТО" — נישט „КТО" באַמערקט, נאָר „ЧТО", גלייך ס׳וואָלט קיין מענטש געווען, נאָר אַ זאַך אַ זעלטן צו זעענע...

אַזוי ווײַט, טראַכט איך, איז שוין אונדזער קינדערש לעבן אַוועק, אַז ס׳ווייסט ניט, ס׳האָט קיין אַנונג שוין פֿון אָט דער מאַכט, וואָס האָט ערשט מיט וואָסערע געציילטע נאָך זעכצן יאָר צוריק, אַזויפֿיל מויכעס נאָך אין רוסלאַנד באַהערשט...

דערמאָנט זיך: דאָס אַזויפֿיל לאַנגפּאָליקע, פֿלעדערמײַזיקע ווייס־און שוואַרץ־מאָנאַכנטום, וואָס אַ נישטיקן נאָר שפּור פֿון איר, פֿון אָט דער מאַכט, קאָנט איר נאָך אין די אויגן פֿון אָט דעם מאָנאַך פֿאַרבליבן זען: ווי איין אויג, דאָס פּראָפֿעסיאָנעל־פֿרומע, בעט, אין תּפֿילה פֿאַרטאָן און פֿאַרגלאַנצט: „גאָט, דאַכט זיך, בעט עס, גאָט, וואָס האָסט

געענטפערט אַוואָרמען אין קאַלכויוון און דאַניעלן אין לייבן־גרוב, ענטפער אויך אונדז״... און דאָס לינקע, וואָס כיטרע, איז וואַך, קוקט, זוכט פאַרבינדעטע אין דער גלייכגילטיקער, צו זיינע אינטערעסן, ארומרינגלונג אוןווירקלעכקייט, זוכט, כאַפּט אויף יעדער גלאַנץ פון עמעצנס אָן אויג, וואָס ס'דאַכט זיך דעם, אַז ס'איז קעגן דער מאַכט געווענדט; אַ וואָרט, וואָס ווידער, ווי ס'דאַכט זיך דעם, קאָן קעגן אונדזער מאַכט אויסגעטייטשט ווערן.

ס'איז כיטרע, כאַיִש פאַרטייעט, דאָס אויג.

און אָט, אַז ס'דערהערט, דערזעט, ווי אנטקעגן זיצט איינער אַ האַלב שוין אַרבעטער, האַלב נאָך פויער, נישט לאַנג, זעט אויס, פון דאָרף אין שטאָט אַף אַרבעט אַראָפּגעקומען, וואָס האָט נאָך פיל באַציונגען און פאַרבינדונגען מיטן דאָרף; אַז ער דערהערט, ווי יענער, האַלטנדיק אין אַ מיטן שמועס מיט עמעצן, דערציילט: „דריי ברידער זיינען מיר, און קיינער פון אונדז רויכערט ניט, טרינקט ניט״... און דער טאָן, דער נוסעך פון דערציילן שמעקט אַביסל מיט „שטונדע״, מיט סעקטע און מיט לאַקריצדיקן פריידיקעריי־נוסעך זייערן — כאַפּט זיך אויף דאָס אויג, טוט אַ בליצל: אָטאָ־אָט, הייסט עס, יאָ, יאָ... און אַז דער דערציילער דערציילט ווייטער, ווי אַזוי ער איז נאָרוואָס איגדער־היים, אין דאָרף געווען, און ווי אַזוי מעלוכע־פאַראָרדענונגען און פאַרשיידענע דעקרעטן ווערן ביזן אָנקומען פון שטאָט אין דאָרף אַפן וועג פאַרקריפּלט, שלעכט אויסגעטייטשט און אָנגעווענדט — דערפרייט זיך שוין גאָר דאָס אויג... דאָס רעכטע, בעטנדיקע, הערט אַפילע אויף צו בעטן, און דאָס לינקע בליצלט, טוט זיך אַ וואָרף אַ קלוגעטשקן, וואַרט אַף אַ נעס: האַ? עפּשער וועט זיך עס פונדאַנגען, פון דאָ, פון טראַמוויי, איצט אָנהייבן... עפּשער, ווער ווייסט, וועט ער באַלד אויך אויסערן טראַמוויי, אַפן גאַס אַ פאַרזאַמלטע מאַסע דערזען... עפּשער שרייט שוין דאָרט די פון אים אַזוי־געגאַרטע מאַסע: „נידער! נידער מיט דעם, וואָס אָט דעם מאַנאַך באַ אונדז אין לאַנד, און אַנדערע אין אַנדערע לענדער איז אַזוי פאַרהאַסט! עפּשער?

קיין נעס אָבער געשעט ניט. יענער האַלב־פויער, האַלב־אַרבעטער דערציילט טאַקע, אָבער פון דער דערציילונג באַקומען זיך פאַרן מאַנאַך קיין איבעריק־גינסטיקע רעזולטאַטן און אויספירן נישט. דער שמועס

איז אן אָפּענער, א געוויינלעך־בירגערלעכער, וואס קריטיקירט, אָבער אן איבעריק בייז און מיינען.

און דאס לינקע אויג לעשט זיך, דאס רעכטע בעטנדיקע הייבט ווידער אָן צו בעטן: „גאָט" א. אז"וו. און אף דער נאָענטער אָפּשטעלסטאַנציע קריכט ארויס און שטייַגט אראָפּ דער מאנאַך. דער טראַמוויי גייט ווייַטער. דאס יִינגעלע, וואס מיטן שול־ביכל „דער יונגער שלאָגלער", האט נאָך אלץ פון דער מוטער אף זייַן פראַגע קייַן ענטפער ניט באַקומען, און באם ארויסגייין פון מאנאַך, הער איך, פרעגט ווידער: מאַמע ? что это

און איך בלייַב נאָכדענקען דעם מאנאַך. איך זע אים אין א ווייַטער, לאַנגער גאַס פון דער שטילער פאָרשטאט אף אויסער דער שטאָט, מיט די באָרוועסע פיס, מיטן פאטריאַרכן־שטאָק און מיטן קלאבוק פון די צווייפארביקע שטאָפן — ארויסשפּאַנען, און ער גייט, גייט ווייַט אויך אויסער שטאָט און אויסער יִישעוו.

און אָט זע איך אים שוין בא א האָריזאָנט עו געך — דעם געשיכטלעכן רודימענט, דאָס אָפּגעלעבטע, דאס בא קיינעם קיין אינטערעס נישט דערוועקנדיקע, וואס פון אונדזער קינדער־ווירקלעכקייט שוין אויסגעמעקט, אין זייער פסיכישן רעמאנענט פיגורירט שוין ניט, און אויך נישט נאָר בא קינדער, נאר באַ קיינעם בא הייַנטיקן טאָג אין אונדזער לאַנד שוין נישט, און ווער ס'געדענקט און האלט נאָך יאָ אזוינע פיגורן אין זיקאָרן, זעט ער זיי איצט אף ווייַטזראנדיקע האריזאָנטן שוין אוועקשפּאַנען און פארשווינדן. פארקערט: פון יענע האָריזאָנטן אנקומענדיק, זעט ער, קינדער, א יונגן שלאָגלער־דאָר מיט שול־ביכלעך, וואס אין זיי ווערט שוין פון די פארגייענדיקע נישט דערמאַנט אפילע, נישט ווי זיי האבן געלעבט, נישט ווי זיי לעבן, און ווו זייערע בעטנדיקע און כיטרע אויגן גייען שוין דארט נישט אָן קיינעם. און צוזאַמען מיט די קינדער פון די האָריזאָנטן קומען אָן אויך עלטערע שלאָגלער, און אויך זיי מיט ביכלעך, וואס אין די פּאַרמאַזאָליקטע, פארהאָרעוועטע הענט האלטן זיי, און שוין מיט האלב, פון עלטער אויסגעלאָשענע אויגן, קוקן, לערנען זיך, ווי אזוי פונסנייַ יונג זייַן און ווערן.

און דאָ דערמאָן איך זיך אין איינעם אזאַ עלטערן.

כ׳געפֿין זיך אין איינעם א פרימאָרגן מיט א קאמפּאַניע אין א צוג, וואס פֿירס קיין צארסקאָיע (הײַנט דעטסקאָיע) סעלאָ, דער זייגער באַ צען. מיר זיצן אף איינער א באַנק. אנטקעגן אונדז, צווישן אנדערע, אן ארבעטער אן עלטערער, שוין אריבער די פופציק געוויס. זעט אויס מיד, מאַט, געל, פֿון ניט דערשלאָפֿן, זיכער פֿון א נאכטוואַכטע־ארבעט.

אין די הענט, זעען מיר, האַלט ער א בוך. געעפֿנט אפּדערמיט. אויך א העפֿט, א בלײַפֿעדער. ער כאַפּט אלעמאל א קוק אין בוך און א שרייב אין העפֿט. דער שלאָף באַפֿאַלט אים. דער קאָפּ — שווער. ער שטאַרקט זיך אָבער, קוקט און שרײַבט ווידער.

אַמאָל אָבער איז דער שלאָף גוויווער. דער קאָפּ זינקט... ער רײַסט זיך אוף, צעבורקעט זיך. פֿון ראַנגלען זיך מיט דעם, וואָס ער וויל, און דעם, וואס ער דאַרף, ווערט אים דאס פּאָנעם נאָך געלער און שאָטנדיק־אײַנגעפֿאַלענער.

איך כאַפּ א קוק אין בוך: אן אלגעברע. אן אַלטע־אויסגאבע. נאָך פֿון צאַרישע צײַטן. ס׳א מאַנגל באַ אונדז אין ביכער. נײַע אויסגאַבן קלעקן ניט. און פֿאַר אָט דעם, טראַכט איך, פּאַסט עפּעס אויך די אַלטע. ער האַלט באַ פּראָגרעסיעס. $\sim = 1:0$ — איינס געטיילט אף נול איז גלײַך אומענדלעכקייט. ער לייזט אופגאבעס.

צוערשט, אז ער לייענט איבער, זיינען אים די אויגן נאָך שלעפעריק פֿארסאָוועט, גלײַך ער זעט נישט, באנעמט נישט גאָר נישט. דערנאָך אָבער, אז ער דרינגט ארײַן, כאַפּט דעם ריכטיקן זין און די לייזונג־מעגלעכקייט, טוען אים די אויגן א פינקל, פֿאַרגעסט אָן שלאָף, זײַן האַנט כאַפּט זיך פֿארן בלײַשטיפֿט, דאס פּאָנעם לעבט אוף, איז פֿול וואכזין: געלייזט, און ער רוט אָפּ, און נעמט זיך פֿאר א צווייטער...

הימל און ערד זײַנען איידעס, אז אין דעם פרימאָרגן, יול 1932, האט דער טאָג אין קיין שום פענצטער פֿון קיין וואגאָן, פֿון קיין צוג, אף קיין באַן־ליניע, פֿון קיין לאַנד אפֿן גאַנצן ערדקײַלעך אזאַ א בילד — אן ארבעטער פֿון א נאַכטוואַכטע פֿאָרנדיקער, אן אויסגעמאַטערטער, א שלאָפֿן־ווילדיקער, מיט אן אלגעברע אין דער האַנט, דאס לעצטע ביסל מאַרך־אנשטרענגען באַם אופגאבן לייזן, נישט געזען אינערגעץ, אויסער עפּשער נאָר באַ אונדז נאך ערגעץ — נאָך אף ליניעס, נאָך אזוינע איינע ארבעטער, מײַסטער, וואס אונדזער נײַ־ווירקלעכקייט האט זיי צוגעשפּאַרט, זיי

דערמוטיקט, דערוועקט, יונג אקשאָנעס־בלוט אין זיי אריַינגעגאָסן, אף נישט אפצושטײן, אף מיט אלע צוזאַמען די נישט־גענומענע פעסטונגען צו נעמען, אף דאס, וואס פאר אנדערע שווער בייַצוקומענדיקע, בייַצו־קומען: העכער און אפסניַי אף אײגענע ארבעטערשע מעלוכישע און וויסנס־טרעפ צו שטײגן, הימל און ערד זיַינען אײדעס...

און דאָ האָט זיך מיר ווידער דאס בילד פונעם אפן האָריזאָנט אָפּ־גײענדיקן גריַיזן מאָנאך מיטן פאטריארכן־שטאָק פאָרגעשטעלט:

יענער גײט אָפּ, און אים אנטקעגן פון האָריזאָנט ארויסגײענדיק, גײט דאס קינד, דער יונגער שלאָגלער, און אויך א יונג־עלטערער, א מידער ארבעטער — פון יאָרן, פון נעכט ניט־שלאָפן, אבער מיט אן אריאָל־שײַן אפן קאָפּ און מיט א ליכטיק־שײַנענדיקן פראָגרעסיע־צײכן ~ = 1:0, אײנס געטײלט אף נול איז גלײַך אומענדלעכקײט.

און גענוג!

4. ווייסע נעכט

אף ראָג יאמסקאיא (הײַנט דאָסטאָיעווסקי)־גאס שטייט א פינפשטאָקיק הויז. אלט שטוקאַטורט, קאָליר — בלאָטע מיט וואַסער, וואס שיילט זיך, לושטשעט זיך און ס׳פאלן שוין פון דעם הויטלעך טרוקענע. דאָרט הענגט א מעמאריאל־ברעט:

„דאָ האט געלעבט און אין דעם און דעם יאָר איז געשטאָרבן פ. מ. דאָסטאָיעווסקי".

איינמאָל פאַרנאַכט, בײַנהאשמאָשעס, ד. ה., ארום צוועלף־האַלב איינס אף אונדזער צײַט־זייגער האב איך זיך פאר יענעם הויז געטראָפן. געגנוי זיך אף פריער דערפרעגט און געוווּסט, ווו און אין וואס פאר א קוואַרטיר האט געוווינט דער פון מיר געזוכטער אײַנוווינער, בין איצט אנטקעגן איינעם א פענצטער, וואס מיט א קויטיקלעך פארהאַנגל פארהאַנגען, געשטאנען. א מענטשלעכער שאָטן האט זיך מיר דורכן פארהאַנגל און אין דער אָרעמלעך־באַלויכטענער שטוב געוויזן. און — אזויוי ווײַסע נעכט זײַנען פאָרט ווײַסע, און ווי אײַערע נערוון זאָלן ניט געזונט זײַן, ווירקן זיי דאָך אזוי אָדער אנדערש אף אײַך, און אזויוי דערצו, איז איידער נאָך איך בין צו יענעם אָרט צוגעקומען, האבן מיר שוין די פיס, פון ערע צו יענעם אָרט, זיך אונטערגעבראָכן, האט דערום, פאר יענעם הויז שטייענדיק, זיך מיר געדאַכט, אז באלד, אָט באַלד וועט זיך דאס פענצטער עפענען, און דער שאָטן, וואָס כ׳זע איצט דורכן פארהאנגל אין דער שוואַך־באלויכטענער שטוב, זיך אומדרייען, וועט מיטן קאָפּ אין דרויסן אפן ראָג קוזנעטשנאיא און יאמסקאיא ארויסקוקן.

— וועמען איך מיין?

— אים, דעם מיט דער סטיל־רוסישער, קײַן האָר נישט געריכטער, באָרד, מער גראָוו ווי שוואַרץ, און הויך ביז די אויגן פאַרוואַקסן, מיטן אַלטמאָדישן פּידזשאַק, מיט די קלײנע לאַצן, מיט די טאַשמעס באַ די בּרעגן און קימאַט ביזן האַלדז פאַרשפּיליעט. דער קאָפּ א געווײנ־לעכער, האָר אַפן קאָפּ ווייניק, און אויגן קלענער פון מיטלגרייס און שוואַרץ־קרענקלעך.

כ׳וואָלט זייער גערן געווען, ער זאָל ארויסקוקן; נאָך מער גערן, ווען ער וואָלט אינגאַנצן ארויס אין אָט דער שפּעטער שאָ, ווען מענטשן שוין ווייניק, און ער וואָלט נישט ווײַט פון יענער גאַס, אף פּושקין־סקווער, געקומען און אף אַ באַנק זיך זעצן.

כ׳וואָלט צו אים, האָט מיר געדאַכט, דעמאָלט צוגעגאַנגען, זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט:

— איך איינער, זיינער... וואס איז שײַעך זאָגן... פאַרערער, וויל זיך דאָ פאַרשטעלן און אים דערציילן א קוריאָז, וואָס האָט מיט א״ם, ווען ער האט אין דער פריסטער יוגנט נאך, זיין, דאָסטאָיעווסקיס, „רוכעס״ געלייענט, געטראָפן.

ער איז נאָך זייער יונג געווען, ווי געזאָגט, דער פאַרערער. אין ליטעראַרישע מעטאָדן, ריכטונגען, זשאַנרען זיך נאָך ווייניק פאַנאַנדער־געקליבן, אָבער ליטעראַטור געשלונגען. די ליטעראַרישע פונקציע פון פּאַמפלעט אים אומבאַוווסט. און בּיכלאַל נאָך אפילע ועכט דאס טײַטשוואָרט, דאכט, ניט פאַרשטאַנען.

און ס׳האט געטראָפן: אַז דער ציל, די טענדענץ, וואָס דער אווטער האָט זיך אין אָט דעם בוך דורכצופירן געשטעלט—די רעוואָליוציע פאַר־מיִעסן, ביז דר׳ערד דערנידעריקן, זי שענדן און אַף טויט־קאָמפּראָמענ־טירן, האט באַ אים, באַם לייענער, גאָר דעם היפּעך, וואָס דער אווטער האָט געוואָלט, דערגרייכט: געווירקט אף אים רעוואָליוציאָניזירנדיק.

אגעוו, נישט מיט אים אליין. דער לייענער האָט מיט יאָרן שפּעטער ווענן דעם מיט פיל פון זײַנע דאָר־כאַווײרים גערעדט, און מיט אלע קימאַט דאָסזעלבע, מיט יעדן דערזעלבער קוריאָז...

מיט וואָס דערקלערט זיך עס? מיט דעם, וואס די פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע לופט, מיט וועלכער יענער דאָר האָט געאָטעמט, יענע ערעוו־שטורעמדיקע, מיט וועלכער די גאַנצע ארומיקע אטמאָספער איז געווען

אָנגעפּילט מיט איר, האט אונדז אומעטום געמאַכט זען נאָר דאָס, לויט אונדזער מיינונג, זעענסווערטיקע; האט אונדז פון יעדער מין פרעמדע ווירקונגען אָפּגעהיט, זיי צו אונדז ניט צוגעלאָזט, אַפילע ניט, ווען דער אופווירקער איז אַליין די אונדז אַזוי נאָענט־קינסטלערישע ליטעראַטור געווען, און אַפילע אויך ניט, ווען אָט די פרעמדע ווירקונגען און טענדענצן דורכצופירן, האָט זיך אַזאַ איינער, ווי ער, אונטערגענומען.

און אָט אַזוי, לעמאָשל, ווען זיין העלד סטאַווראָגין קומט איינמאָל אַפּדערנאַכט אין קלוב פון די אַדעליקע, און שטייענדיק צווישן אַ גרופּע פאַרזאַמלטע, שטרעקט מיטאַמאָל — נישט מיר, נישט דיר, נישט פאַר וואָס־ווען און אָן שום סיבע — די האַנט אויס. און מיט צוויי פינגער טוט אַ נעם אָן איינעם דאָרט אַן אָנגעזעענעם פאַרוואַלטונג־מיטגליד פאַר דער נאָז, און נעמט אים אַזוי איבער דער גאַנצער זאַל, פאַרן גאַנצן פאַרזאַמלטן אוילעם, אַ געפּלעפּטן און אַ פאַרשעמטן, אומפירן — וואָס מיט דעם האָט דער אָווטער זיכער זיין העלד פאַר אומנאָרמאַל שוין צום אָנהויב און באַלד אין ראָמאַן אַרייַנקומענדיק, געוואָלט באַווייַזן: זעט, הייסט עס, מיט וועמען מיר האָבן דאָ צו טאָן, מיט אַ דעגענעראַט און אַ פּסיכיש גערירטן, — האָבן מיר, די לייענער, קעגן אַלע לאָגיק און דעם אווטערס קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם מיין, לאַכלוטן עפּעס אַנדערש. אונדזערע אידעאַלן אַנטשפּרעכיקס און אונדזערע באַגערן סימפּאַטישעס, אין דעם געזען. מיר האָבן געזען — דאָס פירט דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, אין דער פּערזאָן פון סטאַווראָגינען, דעם רוסישן אַדל פאַר דער נאָז... און — אַליין שוין פאַר אָט זיין אַפילע כוליגאַנוואַטער דרייסט, פאַר אָט דער אַנאַרכיסטישער האָזע, אַליין פאַר דעם, וואָס ער איז קעגן אַפילע דער עלעמענטאַרער מענטשלעכער אַנשטענדיקייט אַרויסגעטראָטן, אַליין נאָר פאַרן סקאַנדאַליזירן צווישן אַדל, איז ער אונדזער ליבלינג אָפּן מעשעך פונעם גאַנצן ראָמאַן געוואָרן.

אין נישט נאָר ער, סטאַווראָגין, מיר האָבן אונטער אונדזער שוץ און פליגל גענומען אַפילע ווערכאָווענסקין (דעם יונגן), דעם שוין קלאָר־קלאָרן, און אַפילע פאַר אַ קליין קינד צו זען, פאַרברעכער־טיפּ, דעם אַוואַנטיוריסט, שווינדלער און אַף אַלץ און אַלעם גייענדיקן און גרייטן, אויך אים — פאַרן צעטומלעניש, וואָס ער טראָגט מיט זיך, פאַרן אופרייַס־מאַטעריאַל אין זיינע פּאָלעס, פאַר זיין אַף טרייפּענעם, אָבער פּאָרט

קעגן דער אַלטער געזעלשאַפט רעוואָלטירנדיקן, פאר זײַן קערז, ברעכן און ארויסטרעטן קעגן אַלע אנגענומענע ביז אַהער הייליקייטן, מאראַלן, פאָרמעס און פרינציפן, און מיט אלע אנאַרכיסטישע מיטלען קאָשער, ביז אפילע מיט א קאטאָרזשניק, א מעסערשטעכער קלאָמפערשט רעוואָליוציאָנערע געשעפטן צו פארפירן—אַפילע אויך אים אונטער אונדזער פליגל.

פארשטייט זיך, ס'א קוריאָז. פארשטייט זיך, האב איך דעם אווטער געוואָלט זאָגן, אז ס'איז נישט קעדײַ וועגן אזוינע זאכן און ביכלאַך וועגן קינדערײַען צו דערמאָנען. אויב אבער כ'האב יאָ דערציילט, איז נאָר קעדיי צו באַווײַזן, ווי אזוי קינדער האבן צווישן זייערן אזוי געליבטן אַווטער מיט דעם זיי נאָך מער געליבטן אידעאַל, צווישן וועלכע ס'איז אַזאַ מוירעדיקע קריג אף לעבן און טויט און אַף איינס דאָס אַנדערע אופצופרעסן, פאָרגעקומען, שאָלעם געמאַכט, וואס, צום באַדויערן, איצט, ווען שוין נישט קיין קינדער, קאָנען שוין פאר קיין פאל נישט...

כ'האב די לעצטע צייט,—האב אים געוואָלט דערציילן,—נאָכאַמאָל געלייענט דעם בוך, „רוכעס". און איך מוז אים זאָגן, אז אויב פונעם ערשטן מאָל לייענען האט זיך באַקומען פאַרן אווטער א קוריאָז, איז פונעם צווייטן מאָל פארן אַווטער—א בלאמאזש.

זאָל ער מיר מויכל זיין, אָבער ס'איז מיר אַ ביזיאָען געווען לייענעדיק צו זען, ווי אזוי ער האט די „סאָציאַלע באשטעלונג" פון זיין גייסטיקן פאטראָן, דער רוסישער מאנאַרכיע, דורך איר שאָליעך פאביעדאָנאסצעוון אים געגעבענער, שלעכט אויסגעפילט.

איך רייד דאָ ניט, נאַטירלעך, וועגן דעם זײַטיקן פערסאָנאַזש אין בוך, פון די געניאַל-געגעבענע פאַרשוינען, ווי דער גובערנאַטער פאָן לעמפקע, זײַן ווײַב די ליבעראַלשע א. אז"ו, וואָס, סאָפקאַלסאָף, האט ער ניט זיי דאָך דעריקער געמיינט, ניט זיי זיין הויפט-ציל, נישט אף זיי זיין הויפט-קינסטלערישע אופמערקזאמקייט.

איך רייד פון די הויפט-ראָליסטן, פון די, אַף וועלכע ער האט זיך דערהויפט פארמאָסטן און מיט זיין שאַרפער קינסטלער-האק זיי אין וואָרצל געוואָלט דערלאַנגען: סטאווראגינען, ווערכאווענסקין, קיריללאָוו, שאטאָוו, ליפוטין א אז"וו. אט דאס גאַנצע געזינדל; וואס לייענעדיק

באַם אווטער וועגן זיי, דאַכט זיך, ער האַלט אין איין טײַטן און אנוויײַזן
דער זע״בסטהערשונג, ד׳עם באַשטעלער: זע, קוק, מיט וועמען, מ׳שטיינס
געזאָגט, איז דא צו קעמפן,—מיט פּסיכאָפּאטן, דעגענעראַטן, אידיאָטיש־
קרענקלעכע ווינקל־פּארשוינען און מיט א פּאָר פּאָשעט קרימינעלע, וואס
דאַרף מען טאָן מיט זיי?—ווען אביסל נאר א בעסערער אדמיניסטראטער,
ווען אביסל נאר א קליגערער און טיכטיקערער מאכט־און גובערניע־
פּאָרשטייער, ווען ניִשט אַזאַ נישט און לעמעשקע, ווי אט דער פּאַן־
לעמפּקע, וואס אנשטאט באַלעבאָס צו זיין און מיט א געזונטער האנט
אנצופירן, ווערט ער אליין גאר פון זיין ווײַב, דער צעקראַכענער און
היסטערישער ליבעראַלשע, אנגעפירט, צום פרייד און כויזעק פון די
ווערכאַוועןסקיס; ווען נישט אט דער און ווען אף זיין אָרט א בעסע־
רער, איז די גאַנצע זאַך ליקווידירט, ווי אַן ארטיקע עפּיזאדישע טרע־
פעניש, און איינס און צוויי—און אט די גאנצע ליבע קאַמפּאַניע וואלט
מען אין א קינדער׳שן קולעק געקאַנט צונויפנעמען און זיי דער־
קוועטשן.

איר לייענט און זעט און גיט אַפּ דעם גערעכט דעם אווטער: יאָ,
טאַקע, ווארום ווער זיינען זיי, וועמען שטעלן זיי פּאָר און וועמעס
אינטערעסן דריקן זיי אויס און פּארטרעטן טאַקע, אט די עמעס־טאַקע
פּסיכאפּאַטן, פּריציש־ליבעראַלע זונדלעך און קליינבירגערלעכע רעזאָנירנ־
דיקע לומפּן, וואס לעבן ניט, דענקען ניט, נאר פאַנטאַזירנדיק אנאָנירן,
און פון פּריציש־לומפּישן פּוסטונפּאַס האבן א קאַשע־געמיש פּאַרטראַכט
פון ביליקן דעמאָניזם, מיט אוואַנט־יוריסטישער אינטריגע, אונטער דער־
געפּעלשטער פירמע פון א באַוועגונג, וואס אפילע די פּסוילעס פון איר
טיש איז צו זיי ניט אראָפּגעפאַלן.

אוואַדע, טראַכט איר, מוז זיך אזוינס, מיט וואָס ס׳האט זיך פּארענ־
דיקט, טאַקע פּאַרענדיקן: מיט געשטאַנק, קאָמפּראָמענטאַציע און איבל־
געפיל צו אָט דעם גאַנצן אפּפּאַלנדיקן פּארשוינען־אסאָרטימענט.

יאָ, טראַכט איר, אבער... וואָס קער זיך דאס אַלץ אָן מיט רעוואָליוציע
מיט עמעסער, מיט דער, וואָס פון די טיפסטע פאָלקס־גויטן, ליידן
ארויסגערופענער, מיט דער היסטאָריש־נויטווענדיקער און קומען־מוז־
דיקער? און צי מיינט מען בעעמעס, אז מיט אזוינס, און מיט אזוינע
קאָן מען רעוואָליוציע אויס רעוואליוציע מאַכן?

מיר זײַנען דערבײַ ניט געשטאַנען... אָבער מיר זײַנען זיכער, אַז אַפילע אליין דער באַשטעלער, פּאַביעדאָנאָסצעוו, לעמאָשל, האָט, איבער־לייענענדיק דעם בוך, געוויס צו זיך דעם אַווטער, זיין געזינונגס־און אידעען־פרײַנט, גערופן, אנטקעגן אים מיטן קאָפּ געשאָקלט און געזאָגט:

— ניין, פרײַנט, ניט אזוי... ווײַל מאָנעפשעך—איז דאס גאַנצע נישט מער טאַקע, ווי דו מאָלסט, אַ באַנדע באַנדיטן, א שטיין אין א קאַליוזשע פון א גרופּע גײַסטיקע כוליגאַנעס און לײַדאַקעס, איז דאָך ניט קעדײַ דער פּולווער, איז דאָך דאס פון האַרמאַטן אין וואנצן געשאָסן. אויב זשע אָבער ניט, אויב א באַוועגונג, זאָל זיין נאָך אין עמבריאָנעלן צושטאַנד, נאָר וואָס געוויסע סיבעס, מיר ווייסן ניט וואסערע, האבן זי ארויסגערופן, און מיט געוויסע וואָרצלען, זאָל זיין דערווײַלע נאָך שוואַכע, שטעקן שוין אין דער געזעלשאַפט, איז ווו זײַנען די וואָרצלען, די סיבעס?

ס'איז דאך לעכערלעך אף אזאַ אויפן און מיט אזוינע מיטלען מיט א קעגנער צו קעמפן—אים פּאָרויס שוין זײַן ווערט צו פארקלענערן (ווען אפילע זי איז בעעמעס א קליינע), אוביפראַט, ווען, לויט מײַן מיינונג, גאָר ניט קליין. ווײַל, ווער ס'האט אן אויג, דער זעט: דאס וואָלקנדל אפן האָריזאָנט, דערווײַל ווי א דלאָניעכל, האט די טענדענץ אין א גרויזאַמקייט אויסוואַקסן, דעם גאנצן הימל צו פאַרנעמען, די זײַן צו פאַרשטעלן, און א פארניכטנדיקן, אלץ ארויסרײַסנדיקן שטורעם אף אונדזער לעבן, מאַכט און אָרדענונג־סיסטעם צו ברענגען...

וואָרום ווען אַנדערש, פריינט אַווטער, וואָלט איך וועגן איר אן אַנדער מיינונג געווען, וועגן אָט דער רעוואָליוציע־הידרע, וואס וואקסט אין אונדזער מאַזל צו אונדזער שלימאַזל, וועלכע לאָזט אונדזערע הערשער און הערשאַפט באַנאַכט ניט שלאָפן, באַטאָג נישט רוען, און וואס אַלע גרעסטע העקער פון מאטעריעלע און אינטעלעקטועל־גײַסטיקע מאַכט־בארופן מוזן גערופן ווערן קעגן איר, קעגן אָט דער הידרע אף קאַמף אף לעבן און טויט, ארויסצוטרעטן; וואָלט איך, זאָג איך, אן אַנדער מיינונג וועגן איר געווען, וואָלט איך דיך אף אָט דער צעלייג־און צעשטער־אַרבעט נישט געדונגען און די באַשטעלונג אַפן גראַנגל ניט געמאַכט. אָבער, פרײַנט, געמיינט האב איך א היסטאָרישן גראַנגל און דאס, וואָס דו האסט דא ארויסגעבראַכט, דאס ווערק, וואס ליגט

פאר מיר און כ'האב דאס נאָרוואָס איבערגעלייענט, איז נישט קיין פאמפלעט אף זיי, נאָר פיל מער — א דאָקומענטאַלער ארעמקייט־באַווייז אף אונדזער אנמעכטיקער און נישטיקער פאָרשטעלונג וועגן זיי, וועגן אונדזער סוינע, און פאַר אלעמען, אנטשולדיק פריינט, אף דיין אָנמעכטיקייט... אנטשולדיק, אזוי וואָלט איך געזאָגט, ווען איך קאָן דיך ניט, יאָ קענענדיק דיך אָבער, און וויסנדיק און שעצנדיק דיין קראַפט ביז סטיכיע, דיין גרויסע קאַמף־ליידנשאַפט און שאַרפקייט באַם פאר אָדער קעגן געוויסע זאַכן ארויסטרעטן, און זעענדיק דאָ דיין שוואַכקייט, הייב איך אָן... יאָ, הייב איך אָן דיך כוישעד זיין אין... געוויסע סימפּאטיעס צו זיי, און אז דו האָסט דאָ אין דיין שעליכעס געפעלשט, האסט ניט געוואָלט, אָדער, בעסער געזאָגט, ניט געקאָנט דיין קראַפט ארויסבאַווייזן, גלייך אינערלעך ערגעץ ביסטו פאר זיי, און (צווישן אונדז זאָל דאס בלייבן), ווי מיר דאַכט, און באַ עטוואס אן אנדער לאַגע, איז א קלייניקייט גייט אָפּ, און דו וואָלסט זייער גרעסטער פּארטיידיקער, דער גרעסטער פאַרויס־קעמפער און סימפּאטיקער געקאָנט זיין און ווערן. אנטשולדיק, פריינט־אַווטער.

———

אָט אזוי האָב איך, שטייענדיק יענעם באַנאַכט פאַרן פענצטער פון אווטער, ווען מיין באַגער זאָל געוועזן דערפילט ווערן און ער וואָלט פון שטוב ארויס, אים געוואָלט זאָגן. ער איז אבער ניט ארויס. דער שאָטן, וואס כ'האָב אין זיין וווינונג דורכן פאַרהאנגל געזען, האט אַלע ווײַלע זיך אין שטוב דרייענדיק געוויזן, אבער נישט געקוקט אף מיין שטאַרקן ווילן און אף דער גרעסטער מאָס מיין בליק אנשטרענגען, וועלנדיק אזויערנאך אים פון שטוב ארויסרופן, האט זיך מיר גאָרנישט נישט איינגעגעבן, און כ'האב גאָרנישט געפּויעלט.

דערפאַר אבער אן אנדערס מאָל, מיט א פּאָר טאָג שפּעטער, אויך א באַנאַכט, ווען כ'בין — ווי איך האב שוין דערמאָנט, און ווי איך פלעג זיך נויהעג זיין אלעמאָל, ווען איך האב צייט געהאַט, אין סמאָלנע־סקווער צוזאַמען מיט מיין האטעל־מיטוווינער, אף דער סמאָלנע־געביידע קומען קוקן, — ווען כ'בין דעמאָלט מיט אים, ווי אלעמאָל אף א באַנק געזעסן, געקוקט, נישט גערעדט, נאר פארשטייענדיק זיך איינס דאס אנדערע

מיט שטילער פארשטענדיקונג זיך געטיילט,—האב עפּעס נישט באמערקט, ווי צו מיין מיטווינער, וואָס כ׳האב א׳ם שטענדיק צו מײַן רעכטער זײַט זיצן געהאט, איז דאס מאָל עמעצער אויך צו מיין לינקער זײַט צוגעקומען.

— ווער?

— דער, וואָס כ׳האב שוין געזאָגט: אין אלטמאָדישן פּידזשאַק מיט די קליינע לעצלעך ביז הויך געשפּיליעט, א רוסישע באָרד אין טראדיציאנעלן סטיל געקעמט, אויגן קליינע און שווארץ־קרענקלעכע.

כ׳האב נישט באמערקט, ווי ער איז צוגעגאנגען, אויך נישט—צי מײַן האטעל־מיטווינער איז שוין פון לאַנג מיט אים באקענט, צי ערשט נאר וואס זיך באַקענט. כ׳האב נאר, אופכאַפּנדיק זיך, געטראפן: צוויי פון מײַנע ביידע זײַטן זיצן, ריידן און האַלטן שוין אין א געשפּרעך אינמיטן.

גערעדט האט דער פון מײַן רעכטער זײַט, וואס מיט זײַן דארער פיגור, אנבאָרדיק־לענגלעך פּאנעם, מיט אן שום נאציאנאליטעט־געהעריקייט סימען אף דעם, איז ער א היפּשער קאָנטראסט צו דעם, וואס אף דער לינקער זײַט, געווען.

דער רעכטער האט געזאָגט:

— ווער־ווער, אבער ער, דער פון מײַן לינקער זײַט, זיין מיט־שמועסער, האט דאך געוויס געמוזט וויסן, אז אלע, אן אויסנעם, גע־זעלשאפטלעכע פארמען, און די מאַכט־פאָרם, ווי איינע פון זיי, בײַטן, ענדערן זיך, ווײַל דער געזעלשאפטלעכער אינהאַלט איז ניט קיין אייביק־געגעבענער, בלײַבט נישט פארגליווערט, ניט אף איין אָרט און אין איין שטאַנד שטעקן.

אזוי בענעגייע קליינפעלקער־מאַכט, אזוי אויך בענעגייע גרויסע: דער־זעלבער געזעץ פארן קליין מעלוכעלע, ווי פאר גרויסע אימפּעריעס, און ווי סײַ די גרויסע, סײַ די קליינע, ווען זיי שטעלן זיך אָט דעם געזעץ אנטקעגן, ענדערן אליין ניט די פאָרם, נאר ווארטן ביז דער אינהאַלט וועט זיי פון אינעווייניק אופרײַסן.

יאָ, איז פאַרוואָס־זשע ער, מיט אזוינע פארשארפטע כושים האט ניט דערהערט, ווי דאס אומבאדינגט קומען־מוזנדיקע קלאַפּט שוין אין טויער, קלאַפּט און ראקעט אין אַלע צוגעשלאָסענע טיר־און לאָדן, ניט געהערט אָדער זיך געמאַכט ניטהערנדיק און זיך פארלאָזט אף די דרעמלענדיקע

און פאַר גראָשנס געדונגענע וועכטער, די טראַדיציאָנעל־פּעפּעריש־געפּעלצטע, הילכיק אין פּוסטע פּאַרקנס קלאַפּנדיקע, וואָס קלאַפּנדיק און קלוימערשט וואַך־זײַענדיק, טוען אַליין טאָמיד גרויסע סרײַפעס און געשיכטלעכע מאַזאַלעס פאַרשלאָפן.

נאָך מער: ער האָט זיך אַליין פאַר אַזאַ וועכטער פאַרדינגען, נישט פאַר קיין גראָשן, אומזיסט, נאָר פאַר אַן אידעע פון זעלבן ווערט.

ווײַל דאָס איז דאָך ניט צו גלויבן, אַז אַליין טאַקע די רוסישעווירקלעכקייט איז אים אַזוי ליב געווען, אַז זי האָט אים געקענט מיט איר אומזויבערער הוילקייט און מעגושעמדיקייט פאַנגען; ניט צו גלויבן דאָך, אַז אַליין דער רוסישער יוכטענער מאַכט־שטיוול, וואָס ער האָט אים אַזוי גוט געקענט און וואָס האָט אים, ווי אַלעמען טיף אין נאָז אַרײַנגעשטונקען, האָט בײַ אים געקאָנט אַזאַ באַגײַסטערונג אַרויסרופן, אַז זײַן זײַט זיך צו שטעלן און מיטן גאַנצן אים געגעבענעם געווינישן פּאַטאָס זײַן רעכט נישט נאָר אין דער קעגנוואַרט, נאָר זײַן גערעכטיקייט און באַרעכטיקונג אַפילו אין דער ווײַטער צוקונפט צו פאַרטיידיקן.

ניין, זיכער נישט אַליין דער שטיוול, נאָר די אַזוי צו זאָגן (אויב מע קען אַזוי זאָגן) די אידעע פון שטיוול, די אידעע פון מאַכט,—פון וואָסער רויסטער מאַכט ס'זאָל נישט זײַן, אַבי מאַכט (און עפּשער, אין קלאַמערן באַמערקט, דאַפקע פון דער רויסטער, ווײַל דאָ האָט פאַרן גרויסן קינסטלער, ווי ס'טרעפט אָפט מיט קאַפּריזן פון גרויסע, דאָס סאַמע רייצנדנסטע און פּיקאַנטסטע געשטעקט: אַ קונץ צו באַווײַזן, ווי ער וועט סאַמע פון גאָר דער וועלט און געשיכטע פאַרורטיילטסטע, גראָבסטע און מעגושעמסטע צו אַזאַ הייך אויפהייבן, אַז אַלעס אַנדערע, זאָלן מוזן צו דעם דעם קאָפּ פאַררײַסן). יאָ—האָט ער געטראַכט—וואָסער מאַכט, אַבי מאַכט מיט דער גרויסער מעט: זאָל זײַן שטיוול־הערשאַפט, אַבי וועלט־הערשאַפט. איין מאַכט, איין וועלט־קייעך, איין אַלסלאַווישע אימפּעריע, איין פּראַוואָסלאַוונער גלויבן... און דאַן (אַזאַ זײַן געדאַנקענגאַנג)— אויף איאַ־סאָפיאַ אַ ציילעם... צאַרגראַד, דאַרדאַנעלן, טערקײַ, גאַנץ קליין־אַזיע—אונדזערע... דאַן—די אָפּגעצערטע, ווייכלײַביקע, דעגענערירטע אייראָפּע וועלן מיר מיט היטלען פאַרוואַרפן, אַזיע אומבאַוואָפנט, און מיר וועלן זי מיט געלעכטער נעמען, און דאַן—פון אַטלאַנטישן ביזן שטילן אָקעאַן

די גאַנצע יאַבאָשע, אונטער איין קרוין, איין עגידע, און דער אידעאַל, צו וועלכן אַלע פון די עלטסטע־עלטסטע צייטן געקווינטע און הערשער האבן געשטרעבט, סאָפּקאָלסאָף דורך אונדז דערגרייכט... און דאס האט דאך עפעס א ווערט, און צוליב דעם איז שוין קעדײַ פּיל, וואס אין אנדערע אומשטענדן לאָזט זיך ניט פארזען, יאָ פארזען, פיל, וואס ווען מע האט ניט אזוינע פּערספּעקטיוון קאָן מען דערוף ניט מויכל זיין, ווען אָבער יאָ פּערספּעקטיוון, יאָ מויכל זיין.

אָט אזוי האט ער געטראַכט, און ער האט זיך צו דינסט זיין אידעאַל געשטעלט, מיטן גאַנצן טראָץ און אקשאָנעס געוויניִשער, דאס פאר אַלעמען אומרעכטיקע צו בארעכטיקן, דאס אַל־אָפּגעשטאנענסטע פארן פאָרשריטלעכסטן צו מאַכן, און דאס געוויסנלאָזסטע פאר וועלט־געוויסן.

און,—האט דאָ דער פון מײַן רעכטער זײַט צו דעם, וואס אין מײַן לינקער טײַנענדיק ווײַטער פארגעזעצט,—מויכל זײַענדיק, האט ער אבער שוין צופיל מויכל געווען, און פארזעענדיק—מער ווי פיל אויך פארזען. ער האט מויכל געווען אף אזוינס, וואס אליין דער לעבן־געזעץ האט דערוף א טויט־שאָטן שוין געוואָרפן, און פארזען האט—די גאָרע וועלט־מעכאַניק, די קויכעס־פארהעלטעניש און באוועגנדיקע קרעפטן פון דער צײַטיקער און באַלד נאך זיין צייט קומענדיקער געזעלשאפט: די רײַבונגען, סטירעס און ווידערשפרוכן, וואס וועלן אנטשטיין און אויס־וואַקסן צווישן הערשנדיקע און אונטערדריקטע פעלקער, צווישן אופגייענ־דיקע און פאַרגייענדיקע קלאַסן, וועלכע ער, אין גרויס פארבלענדעניש און אלע היסטאָרישע געזעצן איגנאָרירנדיק, האט זיי פאר נישטיק גע־האלטן, מיט זיי זיך גישט גערעכנט און די כעזשבוינעס אָנעם אייגנט־לעך־געשיכטע־שאפנדיקן באַלעבאָס געמאכט.

און באקומען האט זיך—וואס באקומען. אן אידעאַל, וואס ס'איז נאר צו באוואונדערן, ווי אפילע ער, און אפילע אויך מיט זיין גאנצער פאנטאסטישער אײַנבילדונג־קראפט האט געקענט פאר אזוינס זיך גאר אײַנשטעלן, אין אזאַ אונטערנעמונג א גײַסטיקער שוטעף צו זײַן, און מיט אזאַ שרעק פאר דער גאנצער וועלט זיך פרום־פּײַערלעך און אידעאַליס־טיש טויוולען.

און וואלט מען עס אין זיינע שריפטן ניט צו לייענען געהאַט, וואלט מען עס, ווען עמעצער דערציילט עס, פאר אומעגלעך געהאַלטן, בא־

װונדערס, נאך פאר אים, א מענטשן, וואס אליין אט די מאַכט, פאר וועלכער ער האט זיך דערנאך אזוי אײַנגעשטעלט, האט דאך אים פריער פאר איר מינדסטן נאָגל און פאַר אירע גרעסטע פארברעכנס אפן עשאפאט אופגעבראַכט...

פארשטייט זיך,—האט דער פון מײַן רעכטער זײַט דאָ צוגעגעבן,— אז ס'איז נאַריש און ביז קאמיש איבעריק איצט, נאך דעם, ווי אלץ, וואס האט אין דער נויטווענדיקער ריכטונג באדאַרפט גיין און געשען, איז געשען און געגאַנגען טאַקע, וועגן אזוינע זאַכן גאָר צו דערמאָנען, און מיט געוועזענע קעגנער נאָך זייער אלץ־פאַרשפּילן צו דיסקוטירן. איבע־ ריק און קיינער טוט עס באַ אונדז נישט. אויב זשע אבער דער פון מיין רעכטער זײַט האָט דאָס אַלץ ביזאַהעריקע ארופגעבראַכט, מיט זיין קעגנער דעם שמועס פאַרפירט און אָט דאס אַלץ אים פירגעהאַלטן, איז דאָס נאָר, קעדיי ער זאָל אים קענען בעטן, יענער, דער קעגנער, זאָל אים איינע א פסיכאָלאָגישע רעטעניש לייזן. ער איז דאָך ער... פסיכאָלאָגיע זיין פאך. איז וויל ער באַ אים פרעגן: ווי געשיקט זיך, וואָס ער, וואס אלע פאַרבאָרגענע, קרומע גענג און אומגענג פון אלמענטשלעך־זעלישן האט ער פון מײַלנווײַט ארויסגעזען, אלעס פארהוילענע פאַר די האָר ארויס־ געשלעפּט און אַף דער שײַן געשטעלט,—פאַר וואָס־זשע זיין אייגענער גאַנג, און פאַר וואָס ער אליין איז פאַר זיך אליין פארהוילן געבליבן? ער מיינט, זײַן אומקריטישע באַציונג צו אלע זיינע געזעלשאַפטלעכע צוקונפט־שפּירונגען, ער מיינט, זיין ניט וועלן אויסקלאָרן די סיבע און זײַן מוירע פאר אלעם נײַ־געשען, וואָס דאס האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך פאַר דער מוירעדיקסטער פאָרם פון אומגעשען, פאר די פאָלעס פון דער רעאַקציאָנערסטער סטאבילקייט האלטן. ווייניק זאָגן „זיך האַלטן”, נאָר ער זאָל אָט די סטאבילקייט נאָך פארגעטערן, און ווי מעיאיעש זיין זיך אליין, דעם מענטש, די מענטשהייט, צו אייגן־מענטשלעכער מאַכט צו קומען, האט ער שטיינער און העלצער אין מאַכט־טרעגער פארוואנדלט; און אנשטאָט זיך אליין אין דער צו־ קונפט א נײַ־געבוירענער, אן אופגעשטאַנענער און אליין זיך אן אייגענער אידעאל צו זען, איז ער אף צוריק, צו פארמאָכטער און מיט ניליי־שמעקנ־ דיקער געטערײַ אף זעלבסטפארקנעכטונג און פארניכטונג, אף אלע פיר אין בלינדעניש־טאַפנדיק געקראָכן.

ער וויל אים פרעגן: ווי אזוי האָט ער ניט א טראַכט געטאָן, אז עפשער איז די סיבה פון אָט דער זעלן־שאָפלדיקייט און אלדי ווערדע־פאַרלירן באַדינגט פון דעם מוירעדיקן צייַט־פרעס טאַקע, פון דערזעלבער סטאַבילקייט, וועלכע האט אים ביז צו סאַריסטישער ליידנשאַפט באַם קושן די פאראָסטעטע קייטן אַפילע דערפירט; צו דעם, אז דאס אייגנטלעך, פאַר וועלכן ער, לויט אלע זייַנע אייגנשאַפטן, האט דערפאַר א קאנאָישער און אָפּפּערדיקער אפּאָסטאָל באַדאַרפט און געקאָנט זייַן, איז געווען דערפאַר א שענדער, געדונגענער שעלטער און מיט די ביליקסטע זילזולים פון א זייַטיק געסל אן אנפאַלער; דערפירט צו דעם, אז אָפּט ווערט באַ אונדז איצט דאס פּאָנעם פון בושע רויט, לייענענדיק אייניקע זיינע גאַנצע ווערק, און פון אייניקע ווערק נאָר אייניקע זייַטלעך, פרעגנדיק זיך, ווי פאָרט זיך אַזאַ געווינעס מיט אַזאַ... וואולגאריטעט, אזאַ מענטשן־קענען מיט אזוי גאַנצע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און ערעוו־באַוועגונגען געמיין־רעכילעסדיק באַהאַנדלען און באַנעמען, ווי ער האָט אין אייניקע ווערק געוויסע זאַכן באַהאַנדלט און באַנומען? ווי לעמאָשל: זייַן אפלאַכן פון די „סאָציאַלע אידייעלעך", ווי דאָס אַרייַנלייגן אין מויל איינעם זייַנעם א העלד, יענער זאָל פאַר אים זאָגן, פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך וועל דערציילן וועגן יענעם העסלעכן קנעכט, וועגן יענעם פאַרשטינקענעם און פון זנוס־צעפוילטן לאַקיי, וועלכער וועט דער ערשטער ארופקריכן אפן לייטער מיט א שער אין האַנט און וועט צעררייַסן די געטלעכע צורע פון גרויסן אידעאַל אין נאָמען פון גלייַכהייט, קינע און... מאָגן־פאַרדייונג".

דאַן די ווערטער א צווייטן העלד (ווערכאָווענסקין), וואס טייַטשט אויס א דריטן, שיגאליאָוון, און זייַנע א צונויפגעשטעלטע רעוואָליוציאָנערע פראָגראַם—אַזוי:

„יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט שפּירט נאָך דעם צווייטן און איז מעכויעוו אים צו מאַסערן. יעדערער געהערט אַלעמען און אַלע יעדערן. אַלע זייַנען קנעכט און אין קנעכטשאַפט גלייַכע... צום אלעם ערשט ווערט פאַרקלענערט דער ניוואָ פון בילדונג, וויסן און טאַלאַנט.

דער הויכער ניווא פֿון וויסן און טאַלאַנט איז נאָר פֿאַר גרויספּעיִקע. איז דאַרף מען ניט קיין גרויסע פֿעיִקייטן; גרויס־פֿעיִקע האָבן שטענדיק פֿאַרכאַפּט די מאַכט און זײַנען געוואָרן דעספּאָטן; גרויספּעיִקע קענען נישט נ י ש ט זײַן קיין דעספּאָטן און האָבן שטענדיק מער צעפּוילעריש געווירקט ווי נוצן געבראַכט. דאַרף מען זיי פֿאַריאָגן, אָדער קעפּן. ציצעראָנען שנײַדט מען אָפּ דעם צונג, קופּערניקן שטעכט מען אויס די אויגן, שעקספּירן פֿאַרשטיינט מען... קנעכט מוזן זײַן גלײַכע”.

— שענדלעך,—זאָגט דאָ דער פֿון מײַן רעכטער זײַט,—שענדלעך אט די פֿאָרשטעלונג זײַנע וועגן דער רעוואָליוציאָנערער פּראָגראַם, שענדלעך זיין פֿאָרשטעלונג וועגן אָט דער קלוימערשטער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער רעוואָליוציע, איר מאָראַל—די מאָראַל פֿונעם פֿאַרשטינקענעם קנעכט מיט דער שער אין האַנט!

און דאָ האט דער פֿון מײַן רעכטער זײַט זיך אַליין אינמיטן די רייד איבערגעריסן און אנטשוויגן געווארן. כ׳ווייס ניט, צי פֿון גרויס אופּגעבראַכט זיין אף זיין קעגנער, צי פֿאַרקערט, עפּשער פֿון גרויס מיטלייד און ראכמאָנעס און ווי נישט וועלן דעם היסטאָריש־געשלאָגענעם נאך מער צו שלאָגן. אָבער, אנטשוויגן געוואָרן איז ער. אליין אבער, האב איך געפֿילט, האט אנטשוויגנווערנדיק דאָך נאָך ווײַטער די דיסקוסיע פֿאָרגעזעצט, שטיל, אין זיך, און די ראַיעס און באַווײַזן האט ער שוין נישט פֿאַרן מויל און פֿאַר זיין קעגנער געבראַכט, נאָר אלדי פּאמפּלעטישע רעכילעס מיט אייניקע בילדער, פֿון מיר און פֿון אים די לעצטע טעג אין לענינגראַד געזעענע, אפּגעשלאָגן.

ער האָט זיך דערמאָנט.

אָט געפֿינען מיר זיך אין פּעטראָפּאַוולעווער פֿעסטונג, מיר גייען איבער די קאָרידאָרן מיט א גרופּן־פֿירער, וואָס פֿירט אונדז אריין אין איינער אן ארעסטאַנטן־קאַמער. דער אטעם פֿון יענער צײַט שוועבט נאָך דאָרט: פֿון די נאַקעטע ווענט, פֿון דעם טונקל־טרויעריקן פֿענצטער, הויך באַ דער סטעליע, פֿון דעם איינזאמען בעטל און פֿון דער שווערער טיר מיטן געווייסן „אייגל”, וואס אונטער דעמס וואך האט זיך דער ארעסטאנט טאָג ווי נאַכט, יאָרן און קעסיידער געפֿונען.

אונדזער גרופּן־פירער דערציילט דער גרופּע וועגן לעבנשטייגער פון די ארעסטאַנטן, וועגן זייער אַלטאָג און אויסגענומענע טעג, וועגן גע־שעענישן און צופאַלן אין לעבן פון די ארעסטאַנטן. ער דערקלערט אויך דעם טורמע־אַלפבייז, וואס מיט זיַין הילף האבן זיך די ארעסטאַנטן איבערקלאַפּנדיק זיך צונויפגערעדט. ער הייסט איינעם פון דער גרופּע אין א צווייטן, נאָענטשכיינעסדיקן ארעסטאנטן־צימער אריַין, ער זאָל זיך איבערצייַגן, צי מע הערט אין צווייטן. יאָ. און ער איליוסטרירט און קלאַפּט אויס א פראזע...

ס'איז שטיל אין צימער. די גאַנצע גרופּע איז פארכאַפּט און הערט אין דעם גרופּן־פירערס קלאַפּ א היסטאָריש־ווידערקאָל, פון די ווענט אן אַלטן גרויל, אזאַ, וואס ווי שוואַך ער האט זיך אַליין אין די טורמע־ווענט נישט געהערט, אָבער פארן גאַנצן לאַנד און פאַר די בעסטע פונעם לאַנד האט עס מיט קוילע־קוילעס געשריִען און מע האט עס געמוזט דערהערן, און ווער ס'איז פריַי געווען, האט אף דער פריַי מויכל געווען, איז אַליין אהער קלאפּן געקומען, אום די מאַכנע פון די הערנדיקע צו פארגרעסערן.

און דאָ, דערפיל איך, כאַפּט זיך אין דעם פון מיַין רעכטער זיַיט אוף א טיַינע צו זיין קעגנער:

— נו, און ווי איז ער, זיין קעגנער, געווען, און ווו זיין אויער צו אָט דעם קלאַפּן, צו אָט די ווענט, צו דער קאַרגער שיַין, צו די קאַמערן און קאַרצער, צו די וועכטער אין קאָרידאָרן, צו די „אייגלעך" און צו דער גאַנצער גרויליקער ארומריגלונג? ווו זיין אויג צו זען די פארור־טיילטקייט און פארברעכערישקייט פון אָט דעם אלעם, און אז אין, לויט היסטאָרישע מאָסן, קורץ שטיקל צייט ארום וועלן ברידער, קינדער פון אָט די דאָ אַמאָל ארעסטירט־געזעסענע דאָ ארומגיין, א גרופּן־פירער וועט דאס אלץ באוויַיזן און יענץ קאָל זיי מאַכן הערן, און אז ווער (ווער ס'זאָל ניט זיין), וואס האט א ליאַדע מינדסטע מיטגעפיל־שיַיכעס צו אלעם יענעם נאָר געהאט, וועט פון די ברידער, קינדער שוין געוויס ניט צום גונסטן און צום אכטנדיקן דערמאָנט ווערן...

און דאָ דערמאנט זיך דער פון מיַין רעכטער זיַיט א צווייט בילד פון אים און פון מיר געזען:

מיר האבן אין די ליכטיקע, קונסטפולע, מיט זון־שמעקנדיקע זאלן פון ערמיטאַזש אומשפּאַצירט. פריער — אין די אונטערשטע עטאַזשן פון

די באָוויליש־אשורישע, עגיפּטישע, גריכיש־רוימישע און מיטלאַלטערלעכע סקולפּטורן. דערנאָך — אין די אויבערשטע פון מאָלערײַ, אָנהייבנדיק מיט דער איטאַליענישער פון 14־15־יאָרהונדערט, דאַן פראַנצויזישער א. אז״וו.

אוילעם אין ערמיטאַזש, ווי באַוווסט, שטענדיק א גרויסער: אייגצלנע באזוכער, דאַן גרופּעס. דערי־קער — גרופּעס: קינדער, יוגנט, דערוואַקסענע, ארבעטער, אנגעשטעלטע, רויטארמייער, היגע לענינגראַדער און פון אנדערע שטעט אנגעקומענע, און אויך אויסלענדער. — דער ערמיטאַזש האט וואס צו באַווײַזן און מיט וואס דאס אויג צו פאַרנעמען.

און אָט דערזעען מיר א גרופּע, אַזש פון אוזבעקיסטאַן געקומען, יוגנט, קאָמיוגיסטן. מיר פרעגן: ווי קומען זיי אהער? זיי ענטפערן: פּרעמירטע. שלאָגלער מיט א רײַזע אַזש צו אזאַ צווייטן עק לאַנד, ווי לענינגראַד, איז פון אוזבעקן־לאַנד באלוינט געוואָרן.

יונגע באכערעמלעך, מיידלעך. באָכערים, מיט ריטל־פיגורן, דאַרלעכע און קרעפּטיקע — האבן מיטגעבראַכט אסאַך פאַרלוירנקייט, פאַרפרעמדטקייט און איבעראשונג פון אלעם דאָ, אין דער גרויסער הויפּטשטאָט, געזעענעם. מיידלעך. — מער היימיש, מער אריענטירט און ניט אזוי פארשעמט, ווי ייִנגלעך.

אז די גרופּע קומט אין דער גרויסער זאַל אריַין, ווערט זי, גלײַך א סטאדע שעפּסן פון א פינצטערן באַרג־שפּאַלט אף דער ליכט ארויסגעקומען, ווי פארבלענדט. אלע איניינעם האלטן זיך, קיינער טיילט זיך, פון מוירע, פון דער גרופּע ניט אפּ, און אז איינער קוקט אף איין בילד, קוקן אַלע אף דעמזעלבן.

און דאָ נעמט דער גרופּן־פירער זיי דערקלערן די בילדער פון דער גרויסער זאַל, דאן אין די זײַטיקע צימערן זיי צו פירן, און אויך די בילדער פון די זײַטיקע זיי צו באווײַזן און דאס כאראקטעריסטישע, דאס, וואס ס׳טיילט אפּ שול פון שול, עפּאָכע פון עפּאָכע און מײַסטער פון מײַסטער אין אלגעמיין און דאן דעטאַל זיי קלאָר מאַכן.

מיר זײַנען די גאַנצע צײַט אָט דער גרופּע נאָכגעגאַנגען, מיר האבן געטראַכט: אוזבעקנלאַנד און ערמיטאַזש. אזיע מיט אירע מענער באַ אלעם פעאָדאַל־פינצטערן און רעליגיעז־פארקנעכטעטע, און בא די מענער — די נאָך מער פארקנעכטעטע פרויען. דאָרט, ווו וואסער איז דעם אָרעמען פון רײַכן מיט קאַרגער מאָס אויסגעטיילט געוואָרן, און וויסן

איז ניט געווען אפילע ווער ס'זאָל אויסטיילן, ווײַל וויסן האט אפילע דער רײַכער ניט פארמאָגט. קינדער דאָ פאר אונדז, געוויס פון די אָרעמסטע עלטערן, אמאָל דורך קנעכטשאַפט און אָפּהענגיקייט דורכגעגאנגענע, וואס־ווער וייס? ווען אמאָל וואָלטן זיי א פרײַ וואָרט געהערט, אויפֿגעפּאַט א קונסט־וואָרט, א קונסט־בילד ווען געזען, און אויב יאָ געזען, וואס פאַרשטאַנען, און ווער האט זיך דערמאָלט די מינדסטע מי' דען געגעבן זיי דאס צו דערקלערן, אויגן עפענען, זיי פאר קונסט־געניסער מאַכן, ווער פארינטערעסירט, אז זיי, אזוינע אָפּגעשטאַנענע, מיט שאָף און מיט שמוּיס און מיט קנעכטן־שווייס שמעקנדיקע, פון דער האנאָע פון דער וועלט זיי האנאָע־האָבנדיקע מאַכן.

און אָט זײַנען מיר מיט זיי אין א קליין צימערל באַ דער זײַט פון דער גרויסער זאַל: רענעסאנס, מיט א פּאָר געציילטע קליינע קונסט־אנטיקן פון ראפאעל און לעאנארדע־דע־ווינטשע.

דער גרופן־פירער האלט פאר נויטיק זיי נאך דער גרויסער זעט פון די פארשיידענע עפּאָכעס, שולן, מײַסטערס אף א פּאָר זאכן די העכסטע קונסט־שליימעס צו איליוסטרירן.

מיר שטייען פאר איינער לעאנארדעס א מאדאָנע מיטן קינד. נישט מער, ווי א פערטל פּאַפּיר די גרייס, און עפשער נאך ווייניקער. און אוזבעקישע אויגן קוקן, און דער גרופן־פירער דערקלערט, וואס פאר האַרמאָניע, טיפקייט, קלאָרקייט און אויך קימאַט ספינקסישע רעטזעלהאפטיקייט איז אין אָט דעם קליין פערטלבויגנדיקן בילדל צו זען, און אוזבעקישע קינדער—האבן מיר געזען אין זייערע שווארצזוניקע אויגן אָט דאס בילדל ארײַנגענומען אף צו פארגעדענקען, אף דעם נאכצודענקען, ס'זאָל בא זיי בלײַבן, און דאס ביסל קונסט־זוימען דא אין ערמיטאַזש באקומענע—אהין, צו זיך אין דער ווײַטער היים ברענגען, אום דאָרט דאס צו געשמאַק, גענוס און צו פיין־געפיל צו פארפלאַנצן.

און דאָ האט זיך ווידער בא דעם פון מײַן רעכטער האנט צו זײַן קעגנער א טײַנע אופגעכאַפּט:

האַ? איז ווו איז דאָ דער פאַרשטונקענער לאַקיי מיט דער שער אין האַנט, ווו, ווער ווען האט נאָך מער געלערנט דאָס „געטלעכע" בילד צו שעצן, ווי דאָ, אין דעם, דעם קעגנער אזוי פארהאַסטן פרײַהײַט־לאַנד? און ווו זײַנען די אוזורפאטערן, און ווו די דעספּאָטן, ווו

די גרויספּעיִקע דאָ, וואס האָבן די ערמיטאַזשן, ווי יעקאַטערינע די צווייטע, פאַר זיך און פאַר די מײַז אָפּגעשלאָסן, פאַר אייגענער און פרעסעריש־דעספּאָטישער האנאָע און פארן גרויסן פאָלק זיי קיינמאָל צוטריטלעך ניט צו מאַכן, ניט אף נאָענט צו גיין, אָפּגערעדט שוין — אף אינעווייניק ארײַנגיין, גלויבנדיק מאַכן דאס פאָלק, אז דאָס זיינען זאַכן נאָר פאַר פריצישן ווילטיק באַשאַפענע, און דאס האט געבראַכט דערצו, אז ווען דאָס פאָלק האָט אמאָל יאָ באַקומען די מעגלעכקייט אַהין ארײַנגיין, איז עס שוין ניט ארײַנגעגאַן, נאָר זיך ארײַנגעריסן, און שוין מיט קאעס און פאַרביטערונג טאַקע דעם פריצישן ווייל צו צעשטערן, און טאַקע מיט א שער אין דער האַנט... אָבער ווער האט צו דער שער דערפירט, ווער האט אָפּגעריסן פאלק פון אָט א דעם, פון אים אליין, פון זײַנע אייגענע געוויניִשע קינדער געשאַפענעם? און ווער — אז ס'איז די צײַט געקומען, און אז פריציש גוטס האט געדאַרפט, געמוזט צעשטערט ווערן, ווער האט באַם צעשטערער די שער פון האַנט ארויסגענומען און ווער האט דאָס, וואס קאָן נישט נאָר פריצים, נאָר דעם גאַנצן פאָלק דינען, און וואָס דאַרף נישט צעשטערט ווערן, נישט געלאָזט צעשטערן?

און דעד פון מײַן רעכטער האַנט האַלט זיך ווײַטער אָפּ פון צו דיסקוטירן און פון מיט ווערטער קעגן זײַן קעגנער ארויסצוטרעטן.

און ווײַטער קומט אים א בילד פאַר די אויגן: פון אלטן, באָרוועסן מאָנאַך מײַן פאטריארכן־שטאָק פון איין זײַט, און פון דער אנדערער — דער מידער ארבעטער, דער נאָך־נאַכטוואַכטע־געקומענער, איבער אן אלגעברעיִשע אופגאַבעס, האַלט באַ פּראָגרעסיע $\sim = 0:1$.

און פלוצים באַווײַזן זיי זיך ביידע — איבער סמאָלנע, איבער דער שפּעטער און נאָכן טאָג אָפּרוענדיקער געבײַדע, וואָס מיט איר גרויסן, קימאַט גאַנצן גאַסן־פארנעם זעט אויס שטיל, און מיט אלע טירן, טרעפּ און פענצטער אין דער ווײַסער נאַכט א דרעמלענדיקע; באַווײַזן זיך: איינער, דער מאָנאַך, מיטן רוקן צו סמאָלנע, אף פון סמאָלנע צום האָריזאָנט אוועקצוגיין, און גייט טאַקע... און דער צווייטער, דער מיטן שײַנענדיקן אומענדלעכקייט־צייכן מיטן פּאָנעם פון סמאָלנע, אום פון דאָרט אף דער שטאָט, אף לענינגראַד זיך לאָזן, און ער לאָזט זיך...

און מיטאַמאָל דערפילן אויך מיר זיך אויבן! איך, מײַן מיטגייער און אונדזער קעגנער, און מיר שטעלן זיך הינטער אים, ווי אף אים צו באַלייטן.

די שטאָט שלאָפט. דער מיט דעם ליכטיקן אריאל־שײַן אף זײַן קאָפ פּאָרויס, און מיר—הינטער אים.

ער שטעלט זיך ניט אָפּ, קערעוועט, זיך ניט אויס, אום זיין גאַנג איבער דער שטאָט און אף אלע אונדזערע איצט שלאָפנדיקע שטעט פאָרצו־זעצן. און מיר—איך, מײַן באַגלייטער און אונדזער קעגנער—לאָזן זיך ערגעץ אינמיטן אראָפּ.

ס'א שטילע, מיט־נאַכטיקע שלאָפנדיקע גאַס, מיט הויכע פינפשטאָקיקע מויערן באַ ביידע זײַטן. איך דערקען זי גלײַך: יאַמסקאיא.

באַם ראָג בלײַבן מיר שטיין. אונדזער קעגנער טיילט זיך אפּ און גייט אין הויז ארײַן, אין יענעם, וואס איז אַלט־שטוקאַטורט, בלאטע און וואסער־קאָליר, און וואָס טרוקענע הויטלעך שיילן זיך שוין דערפון און פאַלן.

ער קומט אין קאָרידאָר ארײַן. אין עטלעכע מינוט ארום באווײַזט זיך אין איינעם א שטאָק ליכט אין א פענצטער. דאס פענצטער פאַרהאַנגען, און דורכן פארהאַנגל זעען מיר א מענטשישן שאָטן זיך דאָרט אומדרייען.

איך מיט מײַן באַגלייטער שטייען שטיל, ביז ס'לעשט זיך אויס דאס ליכט, און דאַן, אין פארטאָג שוין, דערזען מיר ווידער די מעמאריאל־ברעט אף יענעם הויז מיט די גאָלדענע אויסיעס שוין שטאַרק אָפּגעריבן:

—„דאָ האט געלעבט און אין דעם יאָר איז געשטאָרבן פ. מ. דאָסטאָיעווסקי".

1932.

מאָסקווע

1. א שווערע דערמאַנונג

ס'איז געווען אין 1920־טן יאָר, ווען דאס לאַנד האט קימאַט אַלע אירע בעסטע זין אין די וואַנדייעס, וואָס אַף אַלע אירע עקן, געהאַט צעשיקט; ווען אין מאָסקווע איז אַפילע פון די פּאַרטיי־און רעגירונג־אָנפירער קימאַט קיינער, אויסער געציילטע, די אמערסט אַפּן אָרט דאָרט נויטיקסטע, נישט געבליבן.

ס'איז געווען, ווען אף מיזרעך, אף דאָרעם און אַף צאָפן פון לאַנד האבן נאָך לעצטע האָלעוועשקעס פון די שוין דערדושעטע און אָפּגעלאָשענע סרייפעס, וואס די ווײַסגוואַרדייִשע גענעראַלן—דעניקן, קאָלטשאַק א. אַ.—האבן אָנגעצונדן, זיך געדרויכערט, און שוין האט אף מײַרעוו א נײַע סרייפע אויסגעבראָכן; דאס לאַנד איז פון די פריִערדיקע מילכאָמעס און בירגער־קריג מאט און אויסגעשעפּט ארויס, און איצט האט עס די גרעסטע אָנשטרענגונג געמוזט מאַכן, קעדיי פון דעם פאָרלעצטן אָנפאַל אף אונדז מיצאַד די פוילישע פּאַנעס זיך אָפּצושלאָגן.

לעצטע ארבעטער פון די אָפּגעקילטע און אויסגעלאָשענע פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען אַפּן פראָנט אוועקגעשיקט געוואָרן, אום אונדזער ארמיי צו שטאַרקן און איר מוט צו פעסטיקן. דעם לעצטן ביסן פון מויל האָט דאס לאַנד פון מויל זיך ארויסגעריסן, אום די קעמפער אַפּן פראָנט כאָטש ווי ניט איז און מיט וואָס ניט איז צו דערנערן און דערהאַלטן.

אָט דעמאָלט האב איך זיך קײַן מאָסקווע געטראָפן.

— מאָסקווע... דעם לאַנדס־מאַרך און הויפּט־נערוון־קניפּל, וואס מיט אַלץ האָט זי אָנגעפירט, אַלץ רעגולירט, וואס אף אלע פראָנטן האט איר אויג געוואכט, וואס אלע זאָרגן פאר אָרדענונג אין לאַנד און פאר מאָ־

בילייזירן די קויכעס פון לאַנד זײַנען אַף איר געלעגן, וואס אַלע פראָנט־יעדיִעס זיינען די ערשטע דורך דראָט־און דראָטלאָזן־טעלעגראַף אַהין געפלויגן,—יעדיִעס וועגן קאַמף און שלאַכט, מאַפּאָלעס און ניצכוינעס; יעדיִעס וועגן הונגער און מאַנגל, וועגן פּאַראַט און סינע צו מאָסקווע.

ווי האט זי דעמאָלט אויסגעזען, מאָסקווע?

האַלב טויט אין א מין פּאָמפּייע—די שטאָט...

אין מאָסקווע איז דעמאָלט פון איר צווייִמיליאָניקער באַפעלקערונג, וואָס פון פאַרן קריג, נישט מער, ווי א 6־7 הונדערט טויזנט געבליבן,

די גאַסן קימאַט ליידיק, אויסער נאָר אין די שאָען, ווען מע גייט אין און פון די אנשטאַלטן. מענטשן האבן זיך, ווי פאַר מוירע פאַר דער ליידיקייט פון די גאַסן, בא די הײַזער און באַ די מויערן זיך גערוקט און געהאַלטן. 4־5 באַטאָג לויטן אַלטן זייגער, אָדער 7־8, לויטן נײַעם, באָלשעוויסטישן, איז שוין אפילע אף די צענטראַלע גאַסן זעלטענע נאָר דורכגייער געווען צו טרעפן. די זון האט נאך הייס געשײַנט, דער טאָג נאך אין זײַן גאַנצער קראַפט באַטאָגיקער, און מענטשן שוין אזוי וויי־ניק, אזוי נישטיק־ווייניק.

קראָמען און קלייטן נישטאָ: צוגעמאַכט און נישטאָ וואס צו פאַרקויפן, דער אוילעם—א פאַרשמאַכטער, די מעלוכע האט נישט וואס צו געבן, ברויט האָט זי יאָ—א פערטל, ווען אסאַך שוין, איז א האַלב פונט אף א מענטשן. אין די אַנשטאַלטן גיט מען זעלטן־ווען וואס עפעס פון פראָדוקטן ארויס. מע אײַלט זיך דערום קיינער נישט: ניטאָ צו וואס. קײַן פורן־פארקער—נישטאָ וואס פירן. קיינע טראַמוויַען—די פאַרקן טויט. קיין איזוואָזשטשיקעס—קיינער דינגט ניט, דאַרף ניט.

מע זעט אויך ניט קיין רעדלעך און קײַן גרופּעס מענטשן אין גאַס אוילעם קלײַבט זיך נאָר ארום די בעקערײַען, ווען מע גיט ארויס ברויט, און אויך—ווען מע גיט ניט ארויס: אליין שוין דער אויוון און וואַרע־מען ברויט־רייעך ציט דעם אוילעם צו זיך צו.

אָט איז א פאַרנאַכט. די בעקערײַ געשלאָסן, דער אוילעם שטייט דאָך באַם פענצטער, קוקט אף די גרויסע, פעטע און פלינק־געזונטע שטשורעס, וואס אָט זײַנען זיי אף די פּאָליצעס, אָט אַפן פּאָל, און אָט אפן פענצטער, און האבן גאָר פאַר קײַן מענטשן קײַן מוירע ניט. ס׳איז א גוט לעבן באַ זיי און הוילער יאָנטעוו... מענטשן קוקן אף זיי און

זיינען זיי, דאַכט זיך, מעקאַנע. „געוועזענע", און פון דער נײַער מאַכט באַליידיקטע, יענע, וואס זיינען פון זייער פריערדיקן פריווילעגירטן שטאַנד אַראָפּגעשטויסן, בורטשען בייז און געפינען דאָ א שאַס־אַקוישער זייער פאַרבאַהאַלטענע סינע, קאַעס און ציינקריצעניש אין א האַלב־לעגאַלן אויפן פאַרן אוילעם ארויסצוברענגען.

— ס'איז איצט זייער צײַט,—זאָגן אייניקע פון זיי,—זיי טיילט מען ניט קײַן פערטל און קײַן אַכטל.

— אַוואַדע,—זאָגן אנדערע,—„ווער ס'ארבעט ניט, דער עסט ניט", די, וואס ארבעטן—עסן וואס מיר, און באַ זיי איז עסן אָן ארבעט.

דאָס רעדט מען אזוי אלעגאריש־פארשטעלט: מע זאָגט „די שטשורעס" און מיינען מיינט מען עמעצן אַנדערש און מע קוקט זיך אום, צי האט זיך ניט קיין פרעמדער, קײַן „זייערער" ניט צוגעשאַרט.

און ווידער אמאָל: די שטאָט פוסט, ווער ס'איז אָפּגעפאָרן, איז אָפּ־געפאָרן און זיין אָרט פאַרנעמט ניט קיינער. די שטאָט־האָט דאס לעצטע פון זיך אויסגעפּאָמפּעט: ארבעטער, פאַרטייער און אנדערע מאָביליזירטע, און אלץ אפן פראָנט אָפּגעשיקט, און צוריק קײַן מאָסקווע איז,—איבער מאַנגל אין טראַנספּאָרט, איבער שלעכטע, נישט באַוואָרנטע וועגן, אויסער נאָר ווער ס'האָט באַזונדערס נויטיק באַדאַרפט,—קיינער ניט געקומען.

די גאַסט־הײַזער און האָטעלן דערום פוסט. אז מע איז אַמאָל ארײַנ־געקומען אין א גאַסט־הויז און מע האט באַם באַדינער, אָדער באַם אופ־זעער אף א צימער געפרעגט, פלעגט ער אַפן גאַנצן קאָרידאָר אָנווײַזן, אף ביידע זײַטן צימער־טירן פונעם קאָרידאָר, און זאָגן: „קלויבט אײַך", ווײַל אלע קימאַט ליידיק און נישט פאַרנומען.

אזוי די שטאָט און די גאַסן. די מאָסקווער הויפן נישט גערייניקט: קיין וועכטער, קײַן אופּראמער און מיסט־ארויספירער. מײַ־כוידעש האט איר נאָך געקאָנט טרעפן אין די הוי.ן מיסט פונעם גאַנצן ווינטער אָנ־געוואַלגערט, און אונטער די בערג — נאָך אײַז־און שניי־סימאָנים פאַרבליבענע.

אין די שטיבער האָט מיט ניט, מיט שלעכט־געהייצטן ווינטער און מיט מײַזנקויט געשמעקט.

מײַז זײַנען שותפים געווען צום הונגער. דער הונגער האָט זיי פון די אויסגעליידיקטע שפײַכלער, קאמערן, קעלער און ביידעמער אין די

הונגעריקע הײַזער געטריבן, און אזוי ווי עסן דאָרט ווייניק, האבן זיי קליידער, שיך און אלץ, וואס ס'איז זיי צו די שאַרפע ציין געקומען, געפרעסן.

זיי זײַנען שותפים אויך צו די מענטשנס בעטן געוואָרן, זיינען אף מענטשנס שלאָפעדיקע לײַבער און פענעמער אומגעקראָכן.

קעץ זײַנען געווען א יעקאר־אמציעס. די פרײַז אף זיי האָט פון טאָג צו טאָג געשטיגן. מע פלעגט זיי אופכאַפּן. מע האט נישט געוווסט, צי די כאַפּער נאָר זייערע פעל געברויכן, צי עפשער נאָך עפעס אויך אויסער זייער פעל... ס'איז דערום זיי שווער געווען צו קריגן.

כ'געדענק: אין הויף, ווו מיר האבן דעמאָלט געוווינט, האבן זיך אלע שכיינים צונויפגעלייגט און פאַר 30 טויזנט רובל קאַם אזאַ ·איינע, א מעציע, געקריגן. זי האט לויט דער ריי, איין טאָג בא איין שאָכן, אן אַנדערן באַ אן אַנדערן באַדאַרפט זײַן, און מיט די שטוביקע מײַז זיך ספראַווען. זי האָט זיך אָבער ניט ספראַוועט.

כ'געדענק: ווען מיר האבן זי צו אונדז אין שטוב געבראַכט, איז ווי נאָר זי איז אף דער קיך־שוועל ארופגעטראָטן און שוין אונטערן פריפעטשעק א פאָר שטשורעס, ווי די קעלבער די גרייס, דערזען, אזוי האט זי זיך אף צוריק צום דרויסן אויסגעקערעוועט, ווי איינער זאָגט: ניין, ס'געשעפט ז'קיין געשעפט, און אף אזוינס נעם איך זיך ניט אונטער...

אזוי פוסט, פאַרוואָרלאָזט די שטאָט, די פאָרשטעט און אויך דער צענטער.

די קרעמל־וואַנט, וואס צום רויטן פלאַץ געווענדט, טראָגט נאָך סימאָנים פון די קוילן, וואס מע האָט אין איר בעיים דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געשאָסן. זי איז געשטופלט, זעט אוים ווי נאָך פּאָקן.

איר זײַט, וואָס קוקט צו מאָסקווע דעם טײַך, האט פאַר זיך טאָמיד אומעטיקע, פוסטע און קאַלט אין דער לופט־שטעקנדיקע פאַבריקן־קוימענס צו זען געהאַט, און קיינמאָל פון זיי—נישט באַטאָג, נישט באַנאַכט,— קיין רויך, קײַן פאַבריק־הודען, און קיין ארבעטער האבן זיך נישט אריין, נישט ארויס פון דאָרט באַוויזן.

נישט פריילעכער איז דער קרעמל־וואנט אויך צו דער אילינקע־זײַט געווען צו קוקן, דאָרט, ווו ס'האט אמאָל מיט קויף־פאַרקויף, מיט האַנדל־

װאַנדלשן און סאָכרישן קאָך־לעבן געזשומעט, איצט — אַ גרױס־געמױערטער און מיט װיטרינעס געגלעזטער בײסױלעם.

די נײַע מאַכט, װאָס האָט דאָס אַלטע מיטן װאָרצל אױסגעריסן, און דאָס, װאָס איז טיף אין בורזשואַז־פּאָליטישן, עקאָנאָמיש־שטײגערישן באָדן געזעסן, פֿאַריאָגט, די נײַע מאַכט האָט דערװײַל נאָך, איבער ביטערער צײַט און מאַנגל, נישט געהאַט עס מיט װאָס צו פֿאַרבײַטן: די אַלטע עקאָנאָמיק אױס, קײן נײַע אָבער נאָך ניט געשאַפֿן, דעם אַלטן באַלעבאָס — דעם גרױס־הענדלער, פֿאַבריקאַנט און פֿינאַנץ־מאַגנאַט — פֿאַרטריבן, אָבער זײַן אָרט האָט נאָך קײנער ניט פֿאַרנומען.

נישט פֿרײלעך איז אױך דער קרעמל־װאַנט אױף איר דריטער און איר פֿערטער זײַט געװען צו קוקן. אירע אַרײַנגאַנג־ און אַרױסגאַנג־טױערן זײַנען, פֿון אײן זײַט, פֿון אירע געטרײַסטע זין, פֿון אַרבעטער־פֿױערים קינדער, פֿון רױטאַרמײער באַהיט און באַװאָרנט געװען, און פֿון דער אַנדערער זײַט, פֿון אירע פֿאַרביסנסטע סאָנים, פֿון די דעמאָלט נאָך ריטועל־עקזיסטירנדיקע און פֿונקציאָנירנדיקע קלױסטערס און קאַפּעלעס באַלאַגערט, װי דער איװער־טױער, טעמפּל פֿון „װאַסילי", טעמפּל פֿונעם „דערלײזער" א. אז"װ.

אינדערפֿרי, אָפּדערנאַכט, באַטאָג און קעסײדער האָט מען באַם איװער־טױער דעמאָלט, אינעװײניק אין דער קאַפּעלע און אינדרױסן אױף די טרעפּ, גרופּעס בעטנדיקע און קניִעדיקע געקאָנט טרעפֿן. די ליכט אין קאַפּעלע האָט זײ געצױגן, גאָלדענע נאַר־שײַן האָט זײ שױן פֿאַר דער נײַער און אַלץ פֿון פֿריִער אױסדײַסנדיקער, מאַכט פֿאַרשפּראַכן.

פֿון „װאַסיליס" טרעפּ האָט מען אַמאָל אַ גאַלעך, אַמאָל אַ מאָנאַך אַראָפּקוקן געזען, אַ שטילן, רויִקן, פֿאַרטײַעטן און האָפֿענונגפֿולן... זײַן בליק צום דענקמאָל פֿון מינין און פּאָזשאַרסקי און צום שאַנד־און קעפּונג־אָרט געװענדט — „נישקאָשע, — האָט מען אין זײַן בליק געקאָנט לײענען, — רוסלאַנד איז רוסלאַנד, רוסלאַנד איז נאָך ניט געשטאָרבן, די מינינס און פּאָזשאַרסקיס װעלן זיך נאָך געפֿינען, און יענע, װאָס איצט אין קרעמל, די אַנטיקריסטלעכע און באַסורמאַנישע אָרדע, װעלן פֿאַר די לײדן פֿונעם גלױבן און פֿון די גלױביקע מיט די קעפּ אױפֿן שאַנד־און קעפּונג־אָרט באַצאָלן.

שטיל, פֿאַרטײַעט און מיט רעפּטיליש־פֿאַרעטערישע טריט האָבן יענע גאָטס־און קאַפּיטאַליסטן־קנעכט אויף דער סאָוועטישער קרעמל־ערד געטראָטן, און מיט די געדאַנקען אין הימל, אָבער מער באַ די לאַנד־גרענעצן, און באַ די דאָרט־לאַגערנדיקע גענעראַלן — זאָל זײַן רוסישע, פּוילישע, ענגלישע, ווער עס וויל, — אַבי זיי זאָלן וואָס גיכער קומען און זייער פֿינצטערע און פֿאַרפֿינצטערנדיקע מעמשאָלע צוריק אומקערן.

זיי האָבן געטרײַ געבעטן און פֿאַר לעצטע גראָשנס ליכט געצונדן, אינדערשטיל אוילעם גערופֿן, אָרגאַניזירט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט אָרגאַניזירן, אונטערגעהאַלטן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיי שפּעטער צונוץ געקאָנט קומען, און אונטערן צודעק פֿון געבעט צו גאָט, פֿאַרשווערער און אופֿשטענדלער געדעקט און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שלענג געוואַרעמט.

די רויטע פֿאָן, וואָס אויפֿן קרעמל, האָט יענע גאַלאָכים און מאָנאַכן צוגעזען, האָט אָבער אויף זיי קיין אַכט געלייגט, ווײַל ניט זיי, די פֿאַרטײַעטע, זיינען דעמאָלט די הויפּט־געפֿאַר געווען. דער איקער געפֿאַר — אויפֿן פֿראָנט, די הויפּט־געפֿאַר — די אָפֿענע סאָנים, וואָס לאָזן אויך ניט מיט די אינעווייניקסטע זיך צערעכענען: מיט די, וואָס רויִנירן; מיט די, וואָס ברענען פּראָוויאַנט־סקלאַדן, רײַסן בריקן, קערן איבער צוגן, וואָס לאָזן דאָס לאַנד צום מינימאַלןווירטשאַפֿט־וואָרט און טאַט ניט קומען. און די פֿאָן האָט צו אירע געטרייסטע אין לאַנד אויף איר פֿאַנען קאָל געשריגן, אויך צו די געטרײַסטע, וואָס ווײַט, אויסערן לאַנד, און צו אירע איבערגעגעבנסטע אין אַלע לענדער איר sos-געשר ייגעשיקט, „צו אַלעמען אַלעמען, אַלעמען”, ווען די אַרבעטער־זאַך איז אײַגן, ווען די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע געשעעניש איז זיי צום האַרצן נאָענט — זיי זאָלן העלפֿן, זיי זאָלן די קייט, וואָס רינגלט דאָס לאַנד אַרום, צערײַסן, די לעבעדיקע קייט פֿון סאָנים, די טויט־קייט פֿון הונגער און בלאָקאַדע, זיי זאָלן העלפֿן און נאָך אַביסל און נאָך אַביסל! — דאָס שווערע שטיקל צײַט איבערקומען, דעם קריג, דעם בירגער־קריג, און אַלערליי באַלייט־פֿאָלגן זייערע: שלאַפֿקייטן, רויִנירונגען און הונגער.

יאָ, ס׳איז הונגער געווען אין לאַנד, און אויף מאָסקווע, ווי געזאָגט, געגנוג אָנצוזען. די מעלוכע אָרעם און האָט ניט וואָס צו געבן, און דער איינציקער שפּײַזער איז דער ספּעקוליאַנטישער באַזאַר געווען — סוכאַראָווקע, סמאָלענסקער א. א.

דאָרט א טומל, א הו־האַ, מאַסן קעפּ, מאַסן מענטשן, א געדרענג. א געשטופּעניש און א אהין־און־הער אומגייענדיקער יאַם א קויטיקער,

אין לאַנגע רייען איז מען מיט שטעלעכלעך און וועגעלעך סכוירע אויסגעשטעלט געשטאַנען, און ווער ס'האט קיין שטעל און קיין וועגעלע ניט געהאַט, האט זיין סכוירע אף די הענט געהאַלטן, אָדער גאָר אף דער ערד ליגן געהאט.

מע האט פאַרקויפט און געהאנדלט מיט וואס נאָר עס האט זיך גע־לאָזט און וואס נאר א געברויכער דאַרף האבן און האט נויטיק; אבער— ווי דעם האַנדל! אַלטע, אָפּגעניצעוועטע מאלבושים, אָפּגעטראָגן מעבלי, שקראַבעס און שוכוואַרג פארשימלטס, וועש צעריסנס, פארזשאַווערט גע־צייג, אוכעדוימע אנטיקן און אויסטערלישקייטן.

דאס איז פון זאַכן. הייַנט עסנוואַרג: ברויט מיט שטרוי, אָדער שטרוי מיט ברויט, קויטיקע שטיקלעך כאַזער, שוואַרצער, שאָקאָלאַד־קאָליריקער צוקער, פערדן־וווּרשט, און איבער אָט דעם אלעם א געשריי און א ליאַרעם, ווי אף עפּעס רעכטס.

הענדלער זייַנען מיט סאַמאָווארעס און מיט פּייַערפאנען געשטאַנען. אף די פאַנען האט שלעכט פליישׁ, אדער געמיין טייג אף געמיינעם בוימלען געטשאַדעט און זיך געסמאַליעט, און ארום די סאַמאָווארעס און פאנען אן אוילעם, און די הענדלער רופן אף זייערע מייַכאָלים און געטראנקע אויס. אוילעם קויפט, עסט, טרינקט, שוויצט, און עסט און טרינקט ווידער.

שווינדלער, גאַנאָווים, לעפּקע פינגער, און קאַנדידאטן אַף הייַנט־מאָרגן צום וועגטל געשטעלט ווערן האבן זיך דאָרט אומגעדרייט און פונעם גרויסן טומל זייער פּאַרנאָסע געצויגן; זיי, און ענלעכע צו זיי אזוי א גאַנצן פרימאָרגן ביז האלבן טאָג, און אויך שפּעטער פון האלבן, ביז דער מאַרק איז אויסגעליידיקט געוואָרן, און א שלעכט גערעכעניש האָט ער נאָך זיך, נאָכן פאַרגאַנגענעם טאָג, געלאָזט, און נאָך אַן ערגערע דערמאָנונג, אַז אויך מאָרגן דערזעלבער טאָג, דערזעלבער מאַרק מיט די־זעלבע מאַראַדיאָרן.

און ווען דו פלעגסט אַמאָל דורכגיין נאָכן טאָג, פאַרנאַכט צו, ווע־די מאַרק־וועכטער האָבן דאס פון באַטאָג אָנגעקליבענע מיסט אָפּגען ראמט—שטרוי, היי, פּאַפּיר, שאָלעכץ, קויט א. אז״וו.—דאָס אָפּגעראמט,

צונויפגעשאַרט, אָנגעצונדן און געברענט, האָט זיך דיר געדאַכט, האָט זיך דיר אַזוי געוואָלט דאַכטן און האָסט זיך געווונטשן, אַז מיט אָט דעם מאַרקן־קויט און אָפּפאַל זאָל אויך דאָס מענטשן־קויט, דאָס פּאַראַזיטישע, ספּעקוליאַנטישע און אַלע די דנאָ־פאַרשווינען מיטן רויך אוועק.

ווײַל די העסלעכקייט האָט אָפּן באַזאַר געהערשט און נישט נאָר אליין פון שטאָט־הענדלער די העסלעכקייט, נאָר אויך פון די דאָרפישע, פון אַרום מאָסקווער דערפער, הענדלער, הענדלערקעס, וואָס פלעגן קומען אײַנדערפרי מיט די דאַטשע־צוגן אין שטאָט זייער מילך־און גרינס־פּראָדוקטן ברענגען, און פאַרנאַכט — אויסגעליידיקטע, אָן פּראָדוקטן, אָבער דערפאַר מיט פולע בוזעמער דעמאָלטיקן פּאַזיט אין בײַטלען מינץ צוריק אַהיים זיך אומקערן.

אָט אַ בילד:

ס׳איז נאָכן מאַרק. סוכאַראָווקע צעגייט זיך שוין. ווער ס׳וווינט אין שטאָט, גייט אין שטאָט; ווער אין די דערפער, אַרום — צו די וואָקזאַלן. מע ציט זיך שאַיאָרעס צו די וואָקזאַלן: יונג, אַלט, איינצלנע, גרופּעס. מע איז פאַרשוויצט, מע גראַגערט און מע טיילט זיך מיט די געשעענישן פון טאָג.

און אָט קומט מען צום קאַזאַנער וואָקזאַל צו. קיין צוג איז אַזוי גיך ניטאָ, און אַזוי גיך וואַרט מען אויך ניט אויף אים, ווײַל צוגן, ווי באַוווּסט, זײַנען דעמאָלט ניט איבעריק רעגולער געגאַנגען. מע זעצט זיך דערווײַל: אייניקע אָפּן בריק, וואָס פאַרן וואָקזאַל, אַנדערע אויף די טרעפּ פון וואָקזאַל, און וויפל ס׳קאָן אינעווייניק, אין וואָקזאַל, אַרײַן, שטופּן זיך אַרײַן אינעווייניק, און אַלע איינעם בילדן זיי אַ לאַנגע וואַרטנדיקע ריי.

מע כאַפּט אַ קײַ דערווײַל, ווער וואָס ס׳האָט אין שטאָט אײַנגעקויפט, אָדער ווער וואָס ס׳האָט פונדערהיים מיטגעבראַכט. אָפּגעגעסן און אָפּגעגראַגערט, ווערט מען מידלעך, און דער צוג איז אַלץ ניטאָ, און אַזוי ווי ־דער טאָג איז הייס, און צײַט איז נאָך לאַנג צו וואַרטן נעמט מען דערווײַל איינע אין דער אַנדערערס קאָפּ צו קוקן...

מע צעבינדט טיכלעך, פאַטשיילקעס, שאַלעכלעך. איינע לייגט דעם קאָפּ אוועק אויף דער אַנדערערס קני, און יענע זוכן, געפינען, און אויב

אַ קעמל, קנאַקט מען אַפּן קעמל, און אויב ניט, איז מיט די הענט און מיט די נעגל.

שטעלט זיך פֿאָר:

לאַנגע, שווײַגנדיקע הענדלערקעס - רייען אין הייסן טאָג זיצן, ליגן אויסגעצויגן, און סײַ די, וואָס לויזן, סײַ די, וואָס ווערן געלויזט, זיינען פֿאַר אַלעמענס אויגן, בײַ א וואָקזאַל, אין א וואָקזאַל, אין אָט דער וויכטיקער לויזיקער אַווידע באַשעפטיקט.

אין וואָקזאַל און בײַם אַרײַנגאַנג זיינען רויטע, לאַנגע פּלאַקאַטן געווען אויסגעהאַנגען: „די גאַנצע מאַכט—די סאָוועטן"! און „דאָס גאַנצע מינץ בײַ אָט די קנאַקערנס",—האט זיך עמעצער געוויצלט.—און שטייענדיק און אָט דאָס צוזעענדיק, האָסט זיך געטראַכט: זיי דאָ, און יענע דאָרט: דאָרט, אַפּן ווײַטן מײַרעוו־פּראָנט קומען איצט די ברענענדיקע שלאַכטן פֿאָר, דאָס לאַנד ווערט דאָרט פֿון די ייִנגסטע און בעסטע באַשיצט און באַזאָרגט, און דאָ, אין לאַנד, איז סוכאַראָווקע און סמאָלענסקער אינדזערע שפּײַזער און באַזאָרגער. און דו האסט זיך ווײַטער געווונטשן: וואס גיכער! זאָל שוין דער זיג גיך קומען, זאָל שוין דער באַלעבאָס, דער בויער, דער ווירטשאַפט־אופשטעלער צוריק קומען, זאָל ער שאַפן, וואס ער קאָן; זאָל ער ווײַזן, וואס ער איז בעקויעך, און זאָל ער צום אלעם ערשט אָט דעם מיִעס־לײַזיקן ספּעקוליאַנטן־האַנדל מיטן מיסט פֿאַרשאַרן.

אָט אזוי דער אויסערלעכער אויסזעען און די מאַטעריעלע נויטלאַגע פֿון מאָסקווע דעמאָלט.

— נו, און קולטורעל ווי?

— שוואַך, אויב ניט זאָגן, ערגער.

קיין נײַע שולן, אויסער א מינימאַלע צאָל פֿון פֿריִער פֿאַרבליבענע, און אויסער די, וואָס מע האט פֿאַר פּאָגראָם־און בירגער־קריג־יעסוימים געעפֿנט, זיינען, ווענדליך די נויט איז געווען, מער ניט געעפֿנט געוואָרן.

ווי גרויס די פּלענער פֿון פֿאָלקאָמבילד זײַנען ניט געווען, ווי שטאַרק זיין ווילן נישט װאָר די שטאָט, נאָר דאס גאַנצע לאַנד דעמאָלט מיט א פֿארצווײַגטער שול־נעץ ארומצוכאַפּן, איז אָבער די האַנט און די מעגלעכקייט זײַנע צו קורץ און קנאַפּ געווען אף דאס צו דערלאַנגען.

פאָלקאָמבילד האט ארום זיך שוין דעם בעסטן און פאָרגעשריטנסטן טייל לערער און פעדאַגאָגן קאָנצענטרירט און פאַרזאַמלט געהאַט, נייסטע שול־אין לערן מעטאָדן באַהאַנדלט, פערספעקטיוון און פלענער אָנגעצייכנט, אָבער ווייטער פון באהאנדלען און פון גאָר א מיזערן טייל אין דער פראַקטיק צו פאַרווירקלעכן, איז דאס ניט געגאַנגען, און איבער קריג און מיטל־מאַנגל, נאַטירלעך, ניט געקאָנט אוועקגיין.

אזוי אז העכסט־קוואַליפיצירטע פעדאגאָגן, הויך־געבילדעטע און רעוואָליוציאָנערן אין זייער פאַך, נישט קאָנענדיק נאָך זייערע מעטאָדן אין גרויסן אל־שולוועזן־מאַסשטאַב אָנצווענדן, זייַנען געצווונגען געווען דערווייַל, זיי אף אַן איינצל־שול, אף ווייניק קינדער, אי דאס אין דער פּראָווינץ ערגעץ פאַרוקט, זיי אָנווענדן, און, ווי גערטנער, זייערע פרווור־פלאַנצן אין אראנזשעריי אויסוואַרעמען.

קייַן מיטל־און הויך־שולן ניטאָ. פיל יוגנט האבן זיך דעמאָלט ערגעץ אַנדערש—אַף די פראָנטן—בא דער רעוואָליוציע רעוואָליוציע געלערנט, און די, וואס אינדר'היים פארבליבן, זייַנען פאַרבליבן אן סער רעוואָליוציע און אויסער לערע.

דער קולטור־אטעם, די ווירקונג פון דער הויך־טעכנישער אינטעליגענץ, ווי אגראָנאָמען, אינזשעניערן א. א.—ווי ער פילט זיך איצט, ווען זיי ארבעטן מיט און העלפן דער סאָציאַליסטישער בויונג, האט זיך דעמאָלט ניט געפילט. ווייַל א גרויסער, זייער א גרויסער טייל אירער האט זיך נאָך אין דער זייַט פון דער מאַכט און קעגן דער מאַכט געהאַלטן: אויב ניט אָפן געשעדיקט, איז אָבער מיטן גאַנצן האַרצן באַ די פריערדיקע באַלעבאַטים און רעגירער געווען, געהאָפט, געוואַרט און ארויסגעקוקט, אז באַלד וועלן זיי צוריק קומען און צוריק רעגירער און באַלעבאַטים ווערן.

דער קלענערער טייל, וואס האט שוין יאָ געהאַט איינעם א פוס אין דער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקייט און פראַקטיק אריינגעשטעלט, וואס האט שוין אפילע יאָ געהאַט מיטגעטאָן און פאַר נישקאָשע פאַר יענער צייַט גוט־געצאָלטע געהאַלטן צו דער רעוואָליוציע אף שטעלעס געגאנגען, האט דעם צווייטן פוס אָבער נאָך אלץ אינדערלופטן געהאַלטן: טאָמער וואס, און ווי א זאַך מאַכט זיך, זיי זאָלן קאָנען אויך דעם ערשטן צוריק ארויסכאַפּן...

אזוי די טעכנישע אינטעליגענץ, און אזוי אויך אנדערע וויסנשאַפט־לער פון פאַרשיידענע געביטן, פאַרשיידענע פאַכן, אַקאַדעמיקער, וויכ־טיקע, נישט וויכטיקע, און אויך אַלטע פאַרשימלטע אַזאַקריפן־קענער אַפילע.—מיט דער זייט צו דער מאַכט און קיין צוטרוי צו איר.

ס'איז געווען קאָמיש געוועזן צו זען, ווי אזוי אַלטע, אָפּגעלעבטע און פון דער רעוואָלוציע אינגאנצן אין טיראַזש ארויסגעוואָרפענע און גע־וויסע שוין מיט מאָך באַוואַקסענע „באַרימטקייטן" האבן זייער לאַגע ניט פאַרשטייענדיק, און ניט ווויסנדיק, אז ביכלאַל איז צו זייער געלערנ־טקייט איצט אויס, האבן זיך געבלאָזן, האבן צו דער מאַכט דעם רוקן אויסגעקערעוועט און געוואַרט מע זאָל נאָך זיי שעלוכים שיקן.

כ'האב געקאָנט אזוינע: איינעם אַן אַלטן, מיט א גרויסן פּליך—א שאָסיי א גאַנצן—אין ביידע זייטן צוויי זשמוטיקלעך האָר גראָוו־געגרייזלט און אויך פונפאָרנט נאָר א טשוביקל, א געוועזענע „באַרימטקייט" פון אַ פיל בעגדערדיק ווערק אף דער טעמע לעמאָשל, ווי „Как бого-родица Ходила по мукам", אָדער אן ענלעכן פראָפעסער מיט אן ענלעך ווערק, פון אזאַ ענלעכער וויכטיקייט, אף דער טעמע, ווי לעמאָשל: „די פיס־שלעסער פאַר די פרויען פון די ריטער אין מיטלעלטער". ס'איז קאָמיש געווען צו זען, ווי אזוי אָט די פראָפעסאָרן, גע־לערנטע האבן, אין זייער גרויס אומשולד און מיט אויוועראָטלשן שטאָלץ, די מאַכט סאַבאָטירט, זיינען אינדערהיים געבליבן, אף שטוב־אַרבעט צו טאָן—אבי ניט צו דער מאַכט, אבי ניט צו „זיי", ווי זיי פלעגן זאָגן, און ווי אזוי די ווייבער האבן זיי פאַרטעכער אָנגעטאָן, און די גרויסגעלערנטע פּראָפעסאָרן האבן אפן ריבאייזן כריין געריבן, די אויגן האבן זיי געטרערט און רייבנדיק און וויינענדיק האבן די מאַכט געשאָלטן...

אזוי די וויסנשאַפטלער, דאָסזעלבע אויך אין דער ליטעראַטור און אין אנדערע קונסטן.

אייניקע שריפטשטעלער, וואס די רעוואָלוציע האט זיי ווי א דונער געטראָפן, האבן באַלד, ווי זיי זיינען צו זיך געקומען, גלייך אין לאַגער פון די פיינט אַריבער, האבן די פּאָלעס פאַרקאַטשעט און נאָך די רייט־וואָגנס פון די „ווייסע" נאָכגעלאָפן.

אַנדערע האָבן זיך אופכאַפּנדיק, דער רעוואָליוציעס גרויסע שײַן דערזען, אָבער זיך אַליין שוין דערשלאָגן געפונען, און נישט דעם מוט האָבנ־דיק און ניט דעם גלויבן צו־קענען זיך צו איר דינסט שטעלן און איבערגעבוי־רענע און מיט באַנײַטע און דערפרישטע קױכעס אַף אירע הויכע קונסט־טרעפּ אַרופגיין, זײַנען זיי אַף די טרעפּ, וווּ די רעוואָליוציע האָט זיי געטראָפן, זיצן געבליבן מיט אונטערגעהאַקטע קני, אין אָנמאַכט און פּאַטאַל־טרױ־עריק די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, זיך געזאָגט: ניין, איר אָנהייב, אונדזער סאָף... און ס'איז טאַקע דער סאָף זייערער געווען.

אייניקע האָבן זיך אין פּאַרוקטע פּראָווינצן, ווי אין מאָנאַסטירן פֿאַר־רוקט, און אַנדערע טאַקע מאַמעש אין די מאָנאַסטירן, און פונדאָרט מיסטיש־רעליגיעז־געזאַנגען געלאָזט הערן.

אַנדערע זײַנען אַזוי זיך, פּאַסיוו און נישט אַנטיילנעמענדיק, ווו זיי זײַנען געזעסן, געזעסן, און נישט יאָ, נישט ניין, נישט פֿאַר און נישט קעגן דער מאַכט געהאַט, האָבן אויסגעוואַרט און צו טאָג־און רע־וואָליוציע־אָרדענונג קיין וואָרט ניט גענומען.

שריפטשטעלער אין מאָסקווע דעמאָלט דערום ווייניק. די פּראָזע האָט געשוויגן, די פּאָעזיע האָט פון פאַרשיידנקאָליריק באַבולע־פּאַפּיר אַרויס־געשריגן, און פאַרשיידענע ריכטונגען און האַלב־ריכטונגען האָבן פֿאַר־שיידענע קרײַזלעך און אויסגאַבלעך זאַמלביכלעך געהאַט, און אַרום איין טאַלאַנט אָן עכטן האָבן זיך זיבן נישטן און אומטאַלאַנטן אומגעדרייט, און זיבן שווינדלער און אומזיסט־עסער האָבן פון זיי כעיונע געצויגן.

אַליין די בעסערע האָבן זיך אַף די גאָרגלען געריסן, און אויסער מאָסקווע האָט זיי קיינער ניט געהערט און זייערע געזאַנגען זײַנען ניט דערגאַנגען, און די ערגערע, די, וואָס האָבן זיך לעבן זיי געריבן, און, ווי געזאָגט, פון זיי פּאַרנאָסע געצויגן, האָבן אין פּוסטע ביליקע קאַפּעעס זייער פּוסטע צײַט פֿאַרבראַכט און אין דעמאָלטיקן "Стойло Пегаса". טאַקע דאָס מיסט פון פּעגאַס געריינִיקט...

ליטעראַטור־פּרײַנט האָבן אין דער ליטעראַטור פון יענער צײַט ווייניק שפּײַז פֿאַר זיך געפונען, האָבן זיך אין די אַלטע דערמאָנט, און צו די קלאַסיקערס קאָרעטעס, צו די קלאַסיקערס שפּײַכלער געקומען.

מע איז פֿאַרבענקט פֿאַר גאָגאָלס דענקמאָל געשטאַנען. גאָגאָל, ווי טאָמיד, אָבער אויך איצט, — אַ שטאַרק פֿאַרטרויערטער אין זײַן בראָנדזע

אײַנגעהילט, מיט זײַן באַשטענדיק געבראָכן געמיט, מיט זיין אומעט און זאָרג אין די אויגן, און טאָמיד, אין אלע וועטערן, סײַ ווען שיין, סײַ ווען וואָלקנדיק און רעגנדיק, האט מען אויסער זיין, גאָגאָלס, אייגענע זאָרג, טאָמיד א קראָ אים אַפן קאָפּ, ווי זיין זאָרג צו דערפילן און אונטערשטרײַכן, שטיין געטראָפן.

קוקנדיק אף אים, האט מען געזען, ווי ער טוט זיך נאך אַלץ דעם גוירל פון דער רוסישער „טראָיקע” צום האַרצן נעמען:

„Эх, тройка, кто тебя выдумал;

Русь, куда-же несешься ты, дай ответ! не дает ответа“...

און דאס איז דאָך געווען דאָרט, דעמאָלט, אין 20־טן יאָר, ווען אַפילע שפּערלינג און שוואַלבן אף די דעכער האבן שוין געוווסט און דעם ענטפער געקענט געבן, אז די רוסישע „טראָיקע” איז שוין איצט ווייט־ווײַט, אויסער די רוסישע גרענעצן מיט גוואַלדיק־זיגערישן אימפעט ארויס, האט די פאסטראָמקעס איבערגעריסן, אין טוינע־לאַגער זיך ארײַנגעריסן, און אַז באַלד־באַלד וועלן זײַנע טאַקע, גאָגאָלס, ווערטער מעקוייעם ווערן:

—... и косясь постораниваются и дают ей дорогу другие народы и государства.

און די ליטעראַטור־ליבהאָבער, די קלאַסיקער־פארערער האבן, שטייענדיק דעמאָלט אזוי פאַר גאָגאָלס דענקמאָל, דערזען, אז ניין, אז נײַע אויסדריקער פאַרן נײַעם גוירל פון דער רוסישער „טראָיקע” מוזן קומען, נײַע קונסט פאָרמען, ווײַל נײַער לעבנס־אינהאַלט, און נישט געקוקט אף זייער גוואַלדיקער פאַרערונג און אָפּשײַ פאַרן אַלטן, און כאָטש נישט זעענדיק און נישט ווּסנדיק נאָך דאָס נײַע, האבן זיך דאָך מיטן רוקן צו גאָגאָלס געווּזענער זאָרג און צו דער שטענדיקער קראָ אים אַפן קאָפּ אויסגעקערעוועט...

מע איז צו פּושקינען נאָך פּאָעזיע געקומען. פּושקין איז ווי טאָמיד הויך, דאַן אָפן, אפּאָלאָן־ווּוקסיק, פון אַלע זײַטן אים ארויסצוזען, אף זײַן פּיעדעסטאַל געשטאַנען, אָבער אויך ווי טאָמיד ער אריסטאָקראַטיש־מידלעך דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, די לינקע האַנט בײַ דער ברוסט אין סור־

דוט אַרײַנגעטאָן, און מיט דער רעכטער — אַפּן רוקן פאַרלייגט, און שטאָלץ־אָפּגעזונדערט דעם הוט אין איר.

ער האט ווי דאס ארומיקע ניט באַמערקט. זײַן אויער, ווי צו זיין וויַיט־פאַרגאנגענעם פעאָדאַל־אַדעליקן געזאַנג־ריטם געניגט און צום ניַי־געשאַפענעם, ניַי־אָנגעקומענעם ווי טויבלעך:

„слух обо мне пройдет по всей руси великой, назовет меня всяк сущий в ней язык“

האבן די פאַרערער די פּאָעטיש יאַכסאָנישע און מיט זיכערקייט קלינגענדיקע ווערטער זײַנע אף זיין דענקמאָל געלייענט, און — יאָ, — האבן זיי געזאָגט, אָבער... אליין דאס וואָרט „Русь“ האט זיי שוין שאקירט, ס'איז זיי פיַינטלעך־פרעמד געווען, און ווייסנדיק, וואס אינעם לאַנדס גייסטיקער און מאַטעריעלער געאָגראַפיע קומט איצט פאָר, וויסנדיק, וואס פאַר אַן ענדערונגען אין דער עקאָנאָמיק וועט פאָרקומען, און וואס — בעמיילע שוין, אין די סאָציאלע פאַרהעלטענישן פאַר אַן ענדערונג, האבן אויך געוווּסט, אז דער געשמאַק און אַלע ארטן קונסט־אויסדריקן פון געשמאַק מוזן זיך ענדערן, און בעמיילע וועלן זיך איינגיכן אנדערע נעמען איבערן גאָרן איצט אנדערש־ווערנדיקן לאַנד צעקלינגען.

2. מאָסקווע איצט

... כ'האָב אויך איצט פּושקינען אַף זיין דענקמאָל געטראָפן. איצט איז געווען ווינטער, אַף זיין קאָפּ אביסעלע שניי און אויך אַף זיין ברוסט אביסעלע. ס'האָט מיר געדאַכט, אַז דאָס איז קעדיי אים זיין יאַכסאָנישן שטאָלץ און זיין זיך־איבערנעמענדיקע היץ צו קילן...

ער האָט מיר איצט אויסגעוויזן פיל עלטער און מעלאַנכאָלישער, פּושקין.

ער דערקענט שוין איצט גאָר דעם ארום נישט,—נישט די גאַסן, נישט די מענטשן, נישט די באַוועגונג.

ס'איז אזאַ געיעג, אזאַ איבערגעפלעכט פון טראַמווייען, דראָזשקעס, אַווטאָמאָבילן, אַווטאָבוסן און אַנדערע פאָרווערק, אַז אין דעם געמיש איז זיך טאַקע שווער פאַנאַנדערצוקלייבן.

מענטשן קאָנען זיך אַף די טראָטואַרן נישט האַלטן און פלייצן איבער די בריקן אריבער, און אויך די בריקן און די מיטגאַסן צו ענג.

ער דערמאָנט זיך: ערשט ניט לאַנג, אין די ערשט אויבנדערמאָנטע יאָרן, אַזוי שטיל דאָ. פונקט אנטקעגן אים, באַם סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר, אַזוי ווייניק מענטשן דעמאָלט, און אַזוי די לופט פאַרשלאָפן.

לעבן דעם קלויסטער פונעם מאָנאַסטיר מיט דער גרופּע הימל־קאָלירטע קופּאָלן, מיט די גאָלדענע שטערנדלעך אין זיי און מיט די געצעפטע צלאָמים, איז דעמאָלט קיינעם אויסער אַ יאָנטעוו טאָג נישט צו זען געווען.

אויסער אינדערפרי—אַ מאָנאַך אַמאָל, מיט אַ פאַרשמאָלצעוועטער ביז דער ערד אראָפּ קאַפּאָטע, ער איז אַ שטיל־צופרידענער פאַרן קלויסטער־פּלאַץ געשטאַנען, האָט אַף די פרומע ווייבער־ציילעמניצעס געקוקט, ווי זיי פלעגן די מאָנאַסטיר־טויבן מיט ברויט־ברעקלעך און טווע־קערנער

שפּיַזן. אָן אַלטער מינהעג, וואָס האָט פון גריכישן וועסטע־טעמפּל דורך וויזאַנטיע אין די רוסישע קלויסטערס און מאָנאַסטירן איבערגעוואַנדערט, און וואָס אויך דעמאָלט, אינעם אויבנדערמאָנטן 20־טן יאָר איז נאָך מינהעג און נישט גערירט געבליבן.

און איצט — ווער טויבן, ווער מינהעג, ווער ווײַבער־צײַלעמניצעס, און ווו מאָנאַכן, און ביכלאַל, ווו איז דאָס אַלץ אַנטקעגנדיקע פון דענקמאָל, פון סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר און קלויסטער פאַרשוווּנדן? ווו די גאָטעס־דינסטן, ווו דער נאָך דעמאָלט צוהערנדיקער גלאָקן־געקלאַנג, גאַלאָכים, דאַוונער, בעטער און האַק־פּאַק־דינערשאַפט, וואָס באַדינט עס און האַלט דאָס קלויסטערישע אונטער?

איצט איז דער פּאָרנט פון קלויסטער מיט פּלאַקאַטן באַהאַנגען, אויף קאַרטאָן — געמאָלטע אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, און איינער א רויטער שטאָף־פּלאַקאַט זאָגט: „אַוטאָדאָר.“ — וואָס איז דאָס פאַר א וואָרט? — טראַכט ער זיך און שטרענגט זיין זיקאָרן אָן און וויל זיך דאָס וואָרט פון זיַין אמאָליקן, אים אזוי גוט־באַקאַנטן רוסישן ווערטערבוך דערמאָנען.

ער דערמאָנט זיך אָבער ניט, ער פאַרשטייט ניט. און ניט נאָר דאָס.

ווען ער איז זיך מאַטריען, פּושקין, און גייט נאָר אויף א ווײַלע פון זיין הויכן פּיעדעסטאַל אראָפּ, לאָזט זיך רעכטס מיט טווערער גאַס ארונטער, אהין, ווו זי ענדיקט זיך, און ווו אמאָל איז איר, אָפן וועג צום רויטן פּלאַץ דער באַוווּסטער איווער־טויער געשטאַנען, וואָלט ער אים איצט, דעם טויער, נישט געפינען.

— וואָס הייסט?

— ס׳הייסט..

יענער טויער מיטן קליינעם האַלב־פינצטערטן קלויסטער־קאַפּעלעכל באַ־דערזייַט, מיט די ווייניקע עטלעכע טרעפּלעך צום קאַפּעלעכל, ווו טאָמיד, ווו סייַ באַטאָג, סייַ באַנאַכט, סייַ קעסיידער האָט מען דאָרט גאַנצע גרופּעס פרומע בעטער באַט בריק פונפאָרנט, אויף די טרעפּ, באַ דער שוועל, און אויך איינעווייניק, ליגן, קניען און בעטן געטראָפן, אָט יענער טויער און יענץ קאַפּעלעכל איז איצט ניטאָ.

ניטאָ דאָס אויסגעדאַוונטע, אויסגעבוקטע און אויסגעקושטע פינצטערע געבייַדעלע מיט די ווייניק גאָלדענע ליכטלעך און לעמפּלעך, וואָס האָבן פונדאָרט ארויסגעשייַנט, האָבן אזוי גערופן, אזוי געצויגן, אזוי גענאַרט

און דעם פרום־גלויבערישן אוילעם ווי געטערש גאָלד זיך אויסגעדאַכט. ניטאָ!

דער אַרײַנגאַנג צום רויטן פּלאַץ איז איצט פרײַ. און ווען פּושקין וואָלט זיך מאַטריעך געווען אַפן רויטן פּלאַץ ארופגיין, וואָלט ער געזען, אז מינינען און פּאָזשאַרסקי האט מען, צוליב שענערן אויסבליק און פרײַערן פּאַרקער, ארופצו, צו „האַסילין" געבעטן, אים אריבערגעטראָגן, און אליין „וואַסילי" איז אַן אנטירעליגיעזער מוזיי געוואָרן.

— גאָר? „וואַסילי"!? — דער גאָט־באגנעדיקטער, דער גאָט־דערווילטער?

יאָ! ער וואָלט באַדאַרפט מיט א לֿיאדע גרופּע באַזוכער, וואס באַשטייט פון יונג, אַלט, אַרבעטער, פּויערים, רויטארמייער, קאָמיוגיסטן, שילער, לערער פון הי, פון מאָסקווע און פון אלע עקן לאַנד אָנגעקומענע מיטן גרופּן־פירער און מוזיי־ווײַזער זייערן אין קלויסטער איצט ארײַנגיין: צוערשט קומט מען אין הויפּט־געבײַ ארײַן, ווו פּאַר אלעמען באַגעגנט אײַך א פינצטערניש, און פון דער העכסטער פינצטערער הייך הענגט אראָפּ אַן אלטער, פּאַרזשאַווערטער הענגלײַכטער אף קייטן. שמאָל־לענגלעכע פינגער־פענצטעלעך ווילן פון אויבן א שפּאָר ביסעלע שײַן אראָפּדערלאַנגען, אָבער אויך אָט די פינגער־פענצטערלעך זיינען פּארגראטעט, די טירן אַרום, וואס פירן אין אַנדערע, אין קלענערע, זײַטיקע אַלקיר־געבײַען ארײַן, זײַנען מיט אײַזן באשלאָגן, ווענט שטיינערנע, שווערע און אויך די פּאָדלאגע פון שטיין, און א קעלט וואָלט אים ארומגענומען און דורך די ביינער דורך, ווײַל נישט ווי אין א געבעט־הויז וואָלט ער זיך געפילט, נאָר ווי אין א קאַזעמאַט א קאַלטן, א שטיינעריקן, א דומפּיקן, אָן שײַן, אָן ליכט, און ספּעציעל געמאַכט, אַז קיין לופט און ליכט זאָל אהין ניט ארײַנגיין. און אזוי רעאגירט טאַקע דער אוילעם:

הערט מען, זאָגט מען.
הערט מען פון אַלע זײַטן:

Какая тьма! Каземат!

און סײַ יונג, סײַ אַלט קוקן פּאַרכידעשט אף זיך אליין, אף זייער נאָרוואָסיקן געשיכטלעך־רעליגיעזן נעכטן, גלויבן זייערע אויגן נישט, קוקנדיק אפן געציש־אָפּגעטערישן עקל, און מע זעט, ס'איז אים דאָ ענג, ס'ווארגט אים, דעם אוילעם... און דאן, נאָכדעם, ווי דער מוזיי־פירער נעמט זיי איבער אלע, דעם קלויסטער ארומרינגלענדיקע, קאָרידאָרלעך

צו פֿירן, די ענגע, שטיינערנע און ווערדליק אַף איין מענטשן זיך נאָר דורכצורוקן, און נאָכדעם, ווי ער דערציילט זיי און דערקלערט זיי דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפֿטן פֿון דער פּעאָדאַלער בוי־אַרכיטעקטור, נאָך דעם, ווי ער באַווײַזט די ווענט־און בילדער־מאָלערײַען, מיט די פֿינצטערע, מאָרעשכוירעדיקע אײַנהאַלטן און פֿאַרבן אַף רעליגיעזע טע־מעס, און דער אוילעם איז שטאַרק דאַנקבאַר פֿאַר די ידיעס, וואָס ער האָט דאָ באַקומען, פֿון אַן אַלטער גרויזאַמער עפּאָכע, וואָס אין אים דערוועקט זי עקל, און וואָס ערשט ניט לאַנג האָבן געוויסע יאָרשים פֿון יענער עפּאָכע אָט דעם עקל פֿאַרהייליקט,—ער וואָלט באַדאַרפֿט זען, פּושקין, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן ס׳פֿאַרלאָזט דערנאָך דער אוילעם אָט דאָס געבײַ, ווי ער קומט אַף די טרעפּ פֿון אַרויסגאַנגען אַרויף און טוט מיט דער פֿרישער לופֿט פֿון דויטן, פֿרײַען פּלאַץ אַן אָטעם, און מיט וואָס פֿאַר אַ נאָך מער דאַנקבאַר קייט אַלע, ווי איינער, טוען דעמאָלט די אויגן אַ הייב צום מאַוזאָליי, וואָס גישט ווײַט, בײַ דער קרעמל־וואַנט, צו יענעם, וואָס ליגט און רוט איצט דאָרט נאָך שווערער מי און שווערן לעבן־קאַמף מיט די יאָרשים און מיט די רעשטלעך פֿון אָט דער „הייליקייט".

ער וואָלט באַדאַרפֿט זען, פּושקין, די אויגן און דעם בליק בײַ אַלע און זיך פֿאָרשטעלן, אַז ניט נאָר אָט די צופֿעליקע גרופּע, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד קוקט, בליקט און איז איצט דאַנקבאַר אַזוי, אום צו פֿאַר־שטיין, אַז די ווערטער אַף זײַן דענקמאָל:

слух обо мне пройдет по всей Руси великой...

א. א. וו.—זײַנען איבערגעטריבן און אַ פּאָעטישע גוזמע, ווײַל ניט ער, ניט זײַן נאָמען, ניט דער נאָמען פֿון גאָען פֿון וואָרט איז אַף די ליפּן פֿון דער פֿילפֿעלקערדיקער און פֿילשפּראַכיקער רוסלאַנד אַף אויסצו־ריידן און צו דערמאָנען, נאָר יענער, דער גאָען פֿון טאַט, וואָס האָט אַזוינע טאַט־וווּנדער באַוויזן, און וואָס איז אַליין צו וווּנדער געוואָרן.

ער וואָלט דאָס באַדאַרפֿט זען, פּושקין, ער זעט דאָס אָבער ניט. אָבער ניט זעענדיק, פֿילט ער עס און ווייסט עס, און דערפֿאַר זײַן שטילע מאָרעשכוירע און מעלאַנכאָליע, דערפֿאַר זײַן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דערפֿאַר דאָס ביסעלע שניי איצט אַפֿן קאָפּ און אויך אַף דער

ברוסט דאס ביסל — אים זיין יאכסאָנישן שטאָלץ און זיין זיך־איבערנעמענדיקע היץ צו קילן.

* * *

ווי זעט מאָסקווע איצט אויס, און ווי האב איך זי איצט געטראָפן?

מאָסקווע האט איצט באַלד פערטהאַלבן מיליאָן באַפעלקערונג, וואס דאס מאַכט אויס אנדערהאַלבן מאָל מער, ווי פאַר דער מילכאָמע, און א 6־7 מאָל מער, ווי אין צוואנציקסטן יאָר.

עלף אייַזנבאַן־מאַגיסטראַלן האַלטן אין איין אומופהערלעכן צושטראָמען און אָפּשטראָמען מאַכן דאס בלוט פון גאַנצן לאַנד צום האַרץ פון לאַנד, קייַן מאָסקווע, און פון מאסקווע צו אַלע לאַנד־עקן און אייוועריס צוריק — ביז צום ווייַסן יאַם, ביז צום שוואַרצן יאַם, ביז צו די ווילדענישן פון מיטל־אזיע א. אז״וו א. אז״וו.

מאָסקווע שיקט פאַרטיעס סכוירע און מענטשן־מאטעריאַל און באַקומט רוישטאָף אף סכוירע און מענטשן צו באַאַרבעטן. נישטאָ די שאָ, נישטאָ די מינוט, וואָס נישט דאס לאַנד און נישט מאָסקווע זאָלן זיך אין אָט דעם שטאָף־וועקסל נישט נויטיקן.

מאָסקווע איז מיט מאַטעריעלער, אינטעלעקטועלער און גייסטיקער קראַפט איבערפולט, און יעדער עק־לאַנד ווענדט זיך נאָך יענער קראַפט צו איר.

מאָסקווע איז דער צענטער פון ראַטנלאַנד, און אין קאָמינטערן־זין — דער צענטער פון אַלע לענדער.

ס׳הערשט דאָרט די רוסישע שפּראַך, ס׳העלפן איר אָבער הערשן א מאַסע אַנדערע שפּראַכן פון די מאַסן פעלקער און פעלקערשאַפטן, וואס באַזעצן און באַוווינען רוסלאַנד.

איר באַגעגנט דאָרט טיפּן, מענטשן, קליידונג פון א ווילדן געמיש און עטנאָגראַפישן אַלערליי: עכט־אייראָפּעישע, ביז מענטשן מיט מאקאסינעס פון ווייַטן צאָפן, ביז א פיאָלעטעוון כאַלאַט פון אן אוזבעק, מיט זילבער־באַנייטער טיבעטייקע, ביז אַפילע א נעגער־פּאַרשוין פון דער פאַרוואָרפנסטער צענטראַל־אַפריקע, מיט א שטיק פּאָנעם פון אן אוראַנג־אוטראנג.

מאָסקווע איז איצט איבערפולט. מאָסקווע קלעקן די פּאַרקער־מיטלען ניט. פאַר מאָסקווער צענטראַל־גאַסן זיינען די טראָטואַרן צו ענג: טראָטואַרן פאַר מענטשן, און די מיט־גאַסן פאַרן פאָרווערק.

מאָסקווע קאָן זיך איצט מיט אַזאַ באַוועגונג באַרימען, וואָס זעלטן ווו אַן אַנדער שטאָט מיט דערזעלבער צאָל באַפעלקערונג אין אַן אַנדער לאַנד איצט ערגעץ. אזוי זאָגן אויסלענדער. דער איקער פילט זיך אין דער באַוועגונג אַזאַ אופגעלעבטקייט, אַזאַ הויכע לעבנסלוסטיקייט און אַזאַ קארנאַוואַלישקייט, אויב מע קאָן אזוי זאָגן, וואס אין קיין קאַפּיטאַליסטיש קריזיס־לאַנד (און וואס פאַר א לאַנד איז איצט פריי פון קריזיס) פילט זיך עס ניט.

איר דאַרפט ארויס אין די גאַסן אינדערפרי, ווען מע גייט אף דער אַרבעט, און א קוק טאָן, וואס טוט זיך אַף די טראָטואַרן, אַף די מיט־גאַסן, אַף די טראַמווייען, אַווטאָס, אַווטאָבוסן; וואָס פאַר א געדרענג, וואס פאַר א קאָך, וויפל ס'גייען און פאָרן, און וויפל ס'שטייען און וואַרטן. איר וועט באַוואונדערן די טראַמווייען, וואָס קאָנען אַזויפיל אַריינעמען, באַוואונדערן די מענטשן, וואס קאנען זיך אזויפיל ארייַנשטופן, און אַזאַ פולע, אַזאַ מאַסן־ענגעניש האט איר פאַר זיך, אַז ניטווילנדיק אין מעכאַניש הייבט איר אויף די אויגן, איר מיינט, און ווילט מיינען, אז באַלד, אָט באַלד וועט זיך א מיט־ראַש־אָנקומענדיקער שטאָטישער אויבערבאַן באַווייַזן, אָדער אייַער אויער וויל דעם כאַראַקטעריסטישן זשום פון אן אונטערגרונט־באַן (מעטראָפּאָליטען) פאַרנעמען.

יאָ. אַזוי ענג איז דער שטאָט, אַזוי קאַרג די פאַרקער־מיטלען, אזוי ווי לופט נויטיק. און דערום אויך גערעכט איז דער שטאָטס פאָדערונג, מע זאָל איר וואָס גיכער, וואס גיכער מיט אַן אויבערבאַן, אָדער מיט א מעטראָפּאליטען די ענגשאַפט לינדערן.

און די ענגשאַפט איז ניט נאָר אין צענטער, נאור איבעראַל, וווהין איר וועט, אַף וואס פאַר א ראַדיוס, קיין אויג ניט וואַרפן — פונעם טעאַטער־פלאַץ אין אַלע ריכטונגען: אף פּעטראָווקע, אף טווערער, דמיטריעווער, לוביאַנקע, מאָכאָווייער, אומעטום און איבעראַל געדיכט. די טראַמווייען באַווייַזן ניט אופנעמען, מענטשן באַווייַזן ניט אייַנשטייגן, און פון איבערבאַפעלקערונג און פון צופיל מענטשן אף א ניט־גענוגנדיקן פאַרקער, ליידן די מענטשן, ליידט דער פאַרקער, ליידן זיי ביידע,

און דאָך איז איצט א ווונדערלעכע אָרדענונג אין מאָסקווע. דער מאָסקאָוועט האט אָ די אָרדענונג איינגעפירט, און אלע בירגער העלפן אים די אָרדענונג צו היטן: אָרדענונג און זויבערקייט אפן גאַס, אָרדענונג און זויבערקייט אין די הויפן, און אַ גוטן סאַניטאַר־צושטאַנד אין די הייזער. די גאַסן—אַספאַלטירט. שטויב און שניי ווערט שטענדיק און רעגולירער גערייניקט, און די שטאָט הויבט אָן דינען אַ מוסטער פאַר אלע אַנדערע, וואס קומען צו איר זיך לערנען.

זי איז אויך שיין געוואָרן, די שטאָט, קימאַט ביז ניט צום דערקענען. פיל קלויסטערס, קאַפעלעס, טויערן און אנדערע געבאַען, וואס האבן איינמיטן די גאַסן געשטעקט, און וואס פלעגן דעם פאַרקער און די שיין פאַרשטעלן, זיינען איצט אראָפּגענומען און אָפּגעראַמט. די פלעצער פריי. די גאַסן אופגעריסן און צעעפנט.

די שטאָט האט ווי א נייעם אויסזען באַקומען. דער אַלטער פלאַן אירער איז אין טאָך נישט געענדערט: גלייכמאָס, סימעטריע איז, ווי פריער, וויניק, אָבער דאַפקע אָט די נישט סימעטרישקייט גיט איר באַזונדער כיין צו, אַן אויסטערלישן, וואס אין ערגעץ, אין קיין שטאָט, געבויט לויט די מאָדערנסטע פלענער אפילע, איז אים ניט צו געפינען.

מע האט נאָר דאס איבעריקע, דאס אַלטע באַראַבישע, מיט קיין גאַסן־און שטאָט־אָרדענונג ניט שטימענדיקע, באַדאַרפט אראָפּנעמען, און איצט, ערשט איצט איז איר וווּנדערלעכע אייגנאַרטיקייט און העכסטן סטיל ארויסצוזען.

מאָססאָוועט מיט זיינע פלאַנירער־אַרכיטעקטאָרן האבן זיך פיל געמיט, אָבער זייער מי איז מיט דערפאָלג און מיט פילן דאַנק פון די מאָסקווער, און נישט נאָר פון מאָסקווער, איינוווינער באַלוינט געוואָרן.

ס'איז א היפשע ארבעט געווען: היפש טראַדיציאָנעלער שימל האט געמוזט באַזייטיקט ווערן, קעדיי דאס העכסטע און דאס ווערטפולע פון די אנשיכטונגען פון פאַרשיידענע עפּאָכעס ארויסצושיילן. דערפאַר אָבער, וואס פאר א פאַרגעניגן איז איצט אף דער שטאָט, אף אירע פלעצער צו קוקן.

די הייזער אויסגעווייסט, איבערגעפאַרבט, נייערע געביידעס אין נייערע פאַרבן, און אלטע, פון אָנהייב נייצנטן־יאָרהונדערט רעגירונג־און אַדמיניסטראַציע־געביידעס, פון אַלטן רוסישן אַמפיר, מיט די ווייסע

זיילן און קאָלאָנעס — אין זייער אלטן אָראַנזש־געפאַרבט, וואס אינאָ׳ונט, אנטקעגן דער עלעקטרע־שייַן, זעען זיי אויך אמאָל ראָז, אמאָל בארדאָ, און צוזאַמען מיט די נייַערע האבן אויך זיי, די אַלטע, ווי אופגעלעבט, זיך אָפגעפרישט און ווי א נייַע הויט איז אף זיי.

ס׳איז א שטיק יאָנטעוו איצט די שטאָט. מע מעג זי קומען באַוווּנדערן, און מע באַוווּנדערט טאַקע. אייגענע זייַנע שוין געוווינט; אָבער פרעמדע, אז זיי קומען, אז זיי זעען אַזויפיל אַלט־נייַעם כיין, ווי איינס דאס אנדערע שטערט נישט, נאר איינס דאָס אַנדערע דערפילט נאָר, און ווי דאס נייע האט דאס אַלטע איבערגעגעסן, אַסימילירט און פאַרדייעט, און ווי דאָס אַלטע דינט נאָר אלס ארנאַמענט צום נייַעם, און ווי אף די מאָדערנסט־איינגעאָרדנטע גאַסן איז נאָך פונעם אמאָל א שטיק אַלטער מיזרעך, ווי פון טויזנט און איין נאַכט א מייַסע אַרויסגעכאַפּט, נישט קיין ווידערשפרוך, נישט קייַן דיסאָנאַנס, נאָר וווּנדערלעכע האַרמאָניע און עכטקייט, ווי, לעמאָשל, די ארייַנפאָר־און ארויספאָר־טויערן פון קיטייַגאָראָד און אף דער טעאַטראַלער דורכפאָר־גאַס, אָדער אף לוביאַנקער פלאַץ, — אז זיי זעען דאס, די פרעמדע, בלייַבן זיי פאַרוווּנדערט שטיין, זייערע אויגן האבן אין זייערע היימען נישט געזען אזוינס: אזאַ וווּנדערלעכן געמיש פון זיי אזוי באקאַנטס און זיי אזויפיל פרעמדס און אויסטערלישעס.

אָט זשומען און לויפן טראַמווייַען אפן טעאַטראַלן דורכפאָר: די גאַס איז ברייט, פון ביידע זייַטן היפשע טראָטוארן, אינמיטן אן אַספאַלטירטער בריק. פארן אויג — פון איין זייט, דער פילווימלענדיקער און קאָכיקער טעאטראלער פלאַץ; פון דער אַנדערער זייַט, לוביאַנקע. אווטאָמאָבילן יאָגן און דעריאָגן איינס דאס אַנדערע, אייניקע פליִען אַרויף צו לוביאַנקע, אַנדערע — אראָפּ צום טעאטער־פלאַץ, און מיטאַמאָל טוען א פאָר אווטאָמאָבילן, א קערעווע אָפּ פון גאַס און טוען זיך א לאָז ארייַן אין א טויער פון קיטייַגאָראָד, און דער טויער איז אַלט, גוואַלדיק אַלט, און די אווטאָמאָבילן נייַ, דאס לעצטע טעכניק־וואָרט, און א וווּנדערלעכע האַרמאָניע איז צווישן ביידע, און איינער דעם אנדערן גיט נאָר באַזונדער כיין צו.

יאָ, אַלט־מאָסקווע שטערט נישט. זי איז א טייל פון נייַעם און אליין ווי באַנייַט געוואָרן.

אז איר קומט, לעמאָשל, אפן רויטן פּלאַץ ארויף און דערזעט, פון איין זײַט, די קרעמל־וואַנט, די פאַרשוואַרצטע קופּאָלן, טורעמס, טורעמלעך מיט די פאַרגרינטע דעכלעך און בלעכענע פענדלעך, וואס דערמאָנען אַלט־טאָטערשן סטיל, טאַכטאַמיש־צײַטן און טאָטערשע אָנפאַלן און סריי־פעס, און איר ווייסט—דאס איז דער פעאָדאַלער שיכט. פונקט אַנטקעגן—די אילינקע און ניקאָלסקע גאַס, מיט די שווערע און פילפּענצטערדיקע מויערן, געבײַען, די געוועזענע גרויסע געשעפט־און סכוירע־לאַגערס, און איר ווייסט—דאָס איז דער רוסישער האַנדלס־קאַפּיטאַל פון לעצטן יאָרהונדערט, א צווייטער שיכט. רעכטס—„וואסילי“, לינקס—דער היס־טאָרישער מוזיי, און דער אַלטער פירעק איז געשלאָסן. און דאך ווארגן ניט, דריקן ניט אָ די אַלע אַלטע שיכטן אפן פּלאַץ, נאָר, פאַרקערט, וויפל לופט און ליכט נאָך פאַרן נײַעם מענטש און שעפער, וויפל פריי־אָרט אַף פרײַע הענט צו צעפירן פאַר דעם נײַעם באַלעבאָס, וואס האט די גאנצע אַלטע געשיכטע באהערשט, פאַרדײַעט און איר ירושה־קולטור אַסימילירט און וואס איז מיט גענוג וויסן און געשמאַק באַ־וואָפנט אַף פאר איר ניט באָטל צו ווערן, נאָר, פאַרקערט, קוקנדיק אַף איר און לערנענדיק זיך בא איר, טוט זי אים נאָר אלס האָפענונג און זיכערקייט דינען, אז ער וועט א בעסערע געשיכטע אויסבויען, א שע־נערע קולטור און פאַר שפּעטערדיקע דורות אמער אין אלע הינזיכטן צו באוווּנדערנדיקע ירושה לאָזן.

גייט ארויס און טוט איצט אַף מאָסקווע א קוק. דערמאָנט זיך אין צוריק מיט איין נאָר צענדליק יאָר, ווי זי האט דעמאָלט אויסגעזען, אין וואס פאר א שטאַנד דער פריערדיקער, אוועקגייענדיקער באַלעבאָס האט זי דעם איצטיקן געקומענעם געלאָזט, און טוט א קוק, וואס דער איצטיקער האט פאַר אזאַ קליינעם צײַט־פעריאָד דאָ אפן סאָציאַל־עקאָ־נאמישן, קולטור־שטייגערישן, מעדיצינישן, סאַניטאַרישן, קאָמונאַל־ווירט־שאפטלעכן געביט און אַף אַלע אַנדערע געביטן שוין אופגעטאָן.

דערמאָנט זיך:

אין איינער אָ דער שטאָט אריבער 300 קלובן, 25 טעאַטערן, אויסער 14 זומערדיקע, 20 צירקו, 50 קינאָס, אויסער קלוב־קינאָען. מער ווי הונ־דערט זויגקינדער־הייזער, מער פון הונדערט קינדערהיימען פאַר יעסלי־מים; הונדערט קראַנקן־הייזער אף דאָרט צו ליגן, הונדערט הייל־אַנ־

שטאַלטן פאַר פּאַציענטן, וואָס היילן זיך אינדערהיים, 50 סאַנאַטאָריעס הינטער מאָסקווע, באַ א פּערציק אָפּרו־הייזער; 2000 שולן מיט אַ 300־טויזנטדיקער קינדער־צאָל, הילפס־שולן און שולן פאַר נאַצמינדערהייטן, באַ א 20 הויכע לערן־אַנשטאַלטן: 2 אוניווערסיטעטן, א הויך־טעכנישע שול; אינסטיטוטן: טראַנספּאָרט, אינזשיניער־מעכאַנישער, טעקסטילער, אינדוסטריעלער, עקאָנאָמישער, כעמיש־טעכנאָלאָגישער־זאָאָטעכנישער א. אז״וו. א לאַנדווירטשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, באַרג־און מיליטערישע אַקאַדעמיעס; היינט פּראָפשולן, טעכניקומס פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטן, פאַבזאַוושולן, אָוונט־ארבעט־שולן, פּראָפּקורסן און פּאַרט־שולן מיט זייערע צען־טויזנטער און הונדערטער טויזנטער שילער, לערער און באַדין־פּערסאָנאַל. היינט וויפל נאָך אף יעדער פאבריק, אין יעדן זאַוואָד לערנט זיך, וויפל יונגע און אלטע דאָרט גרייטן זיך און קוואַליפיצירן זיך איבער.—דערמאָנט זיך.

גייט איצט ארויס אין מאָסקווע אף די הויפּט־גאַסן, אין די הינטער־גאַסן, אף אלע עקן און אין די ווייטסטע פאָרשטעט, און זעט די נייע אויסגעוואַקסענע געביידן, די איינצלנע, ווי גרופּעס, גאַנצענע קוואַרטאַלן־און שטאָט־טיילן.

זעט די באַוועגונג, דעם פאַרקער, די קראמען, געשעפטן, מיטן סאָוועטישן קויף־פאַרקויף, געקאָך און געווימל, און פאַרינטערעסירט זיך, פרעגט זיך נאָך, און איר וועט געוואַרע ווערן, אז מאסקווע אליין גע־ברויכט איצט נישט קיין סאָך און נישט קיין ביסל, נאר בעסאַכאַקל אַן ערעך 40 מיליאָן פּוד ברויט, אריבער צען מיליאָן פּוד פיש, 15 מיליאָן פּוד גרינס, 3 מיליאָן פּוד צוקער, 5 הונדערט טויזנט פּוד קאָנפעקטן א יאָר א. אז״וו., און אז פאַר אט דעם „ווינציקן” געברויך צאלט די שטאט מיט 13 פּראָצענט פון דער גאַנצער לאַנד־פּראָדוקציע: מיט אַוטאָמאָבילן, פאַרשיידענע שטאָפן, פאַרבן, קנעפּ, גלאָז, זייף, זאָטלען, מאַקאַראָנעס, מיקסטורן, בליישטיפטן, ווורשט, זאָקן, שפּילגעצייג און נאָך, און מיט 10 פּראָצ. פון גאַנצן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט פון גאַנצן לאַנד—און איר וועט שוין פאַרשטיין, אז נישט סוכאַראָווקע און נישט די ערשט אין 20־טן יאָר נאָך עקזיסטירנדיקע פאַרלייזיקטע און ספּעקוליאַנטיש־פּאַראַזיטישע הענדלער, הענדלערקעס שפּייזן

איצט מאָסקווע מאַטעריעל, און אז אויך נישט יענע זיך בלאָנדזשענדיקע גרויסהאַלטערישע, פליכעוואַטע פּראָפעסאָרן—זי גייסטיק.

ניין! איר דאַרפט אַרייַנגיין אין א ליאַדע רייַאָן, כאַפּן א קוק אין פאַרזאַמלונג־זאַל; זעט, ווער עס זיצט און באהאַנדלט שטאָט־איניאָנים, און בעמיילע שוין מעלוכע־איניאָנים, אַ קוק טאָן אף די פּרויען אין די טיכלעך און שאַלן, ווי מע הערט און ווי מע איז פאַרכאַפּט. און דאס זייַנען דאָך די, וואס זייַנען מיט יאָרן צוריק אַמעראַצים געווען, און—ווי אויסגעוואַקסן, וואס פאַר אַ פּאָרשריט אָט די אָפּגעשטאַנענע און אין אַמעראַצעס פאַרבאקענע עלעמענטן האָבן פאַר אָט דער קליינער צייַט דאָ דורכגעמאַכט: וויפל ארויסגערוקטע, וויפל פאַרנעמען שוין הויכע פּאָסטנס, און וויפל גרייטן זיך זיי מאָרגן צו פאַרנעמען.

דאָס איז פון איין זייַט, דאס פריער אפּגעשטאָנענע פאָלק; הייַנט פון דער צווייטער זייַט—די אינטעליגענץ: לעוערס, לעקטאָרן, דאָקטוירים, יוריסטן, אגראנאָמען, ווירטשאַפטלער, טעכניקער, אינזשעניערן, פּראָפעסאָרן, קינסטלער און שרייַבשטעלער; און יעדערער, וואס האט פון פריער, אָדער שוין פון איצט פון ארבעטער־פאָלקס מער־ארבעט מער וויסן און גייַסטיקן מער־ווערט באקומען, ווי זיי דינען צוריק דעם ארבעטער־פאָלק, ווי זיי גיבן אָפּ זייער מער־באקומענס, ווי מע ציט די קליי פון די ביינער, ווי מע הארעוועט שווער און אָפּט איבער די קויכעס; מע זעט, דאס פאָלק צו זיך ארופּציען און דאס אפּגעשטאנענע אף זייער אינטעליגענטן־שטעל צו שטעלן.

איר דארפט דאס זעען, קעדיי זיך איבערצייגן און צו זאָגן, אז שוין, מיטן אנאלפאבעטיזם בא אונדז איז אויס, צו דער אמעראַצעס אַן עק, און אז דאס פאָלק איז שוין ניט אזוינס, און לייענט שוין ניט אזוי, ווי באַ פּילניאַקן אין „ס'נאַקעטע יאָר" Кому—таторы, а кому—ляторы*, און פאַרשפּאָרט שוין צו געבן זיין טרויעריקע אומבאהאָלפענע און זיך אליין באדויערנדיקע באמערקונג:

И тут оманивають простой народ.

* В Москве на Мясницкой стоит человек и читает вывеску магазина: кому — таторы, а кому — ляторы и говорит: вишь, и тут оманивают простой народ.

3. דריי פּונקטן

אויסגיין, אויסקוקן און אויסזען גאַנץ מאָסקווע איז פיזיש אומעגלעך. כ׳האָב מיר דערום אויסגעקליבן דרײַ פּונקטן, די אַמערסט מיך אינטערעסירנדיקע און—

דאָס זיינען:

1) דער עלעקטראָזאַוואָד;

2) קוטוו. (Коммунистический университет трудящихся востока)—(קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פאַר די אַרבעטנדיקע פון מיזרעך);

3) צעדקאַ—(Центральний дом красной армии) (צענטראַלער קלוב פון דער רויטער אַרמיי).

אָבער צוערשט — וועגן ערשטן:

איר פאָרט מיטן נומער 3 טראַמוויי ביזן פּאָקראָווער בריק. דאָרט שטייגט איר אויס און גייט א קליין שטיקל וועג ביז צום זאַוואָד.

דער ריַיאָן איז א שטאַרק־באַלעבטער. ס׳איז אַן אַרבעטער־ריַיאָן. פיל שטייגן אויס פון טראַמוויי, פיל—איין.

ווי נאָר איר קומט אריַין אין געסל, וואס פירט צום זאַוואָד, אזוי דערזעט איר גלײַך א הויכן, רויט־ציגלדיקן טורעמדיקן טויער, מיט דרײַ אַריַינגאַנגען: צוויי פאַר פוסגייער און איינער פאַר פאָרווערק.

אַז איך בין אריַין, זיינען מיר פון הויף, ווו די זאַוואָד־קאָרפּוסן געפינען זיך, א מאַסע יונגע כעווריע, איינצלנע און גאַנצע גרופּעס, אנטקעגנגעגאַנגען. ווײַזט אויס, אַן איבערײַס. יינגלעך, מיידלעך, 17־16־יעריקע, פריילעך־געשטימטע, גוט־אויסזעענדיקע. מיידלעך אין ספּאָרטיווקעס, באָכערים אין סוועטערס. מע האט געלאַכט, געשטיפּט, מיט ווערטער זיך איבערגעוואָרפן.

כ׳האב זיך גלײַך דערמאָנט: אין איינער אַן אויסלענדישער שטאָט זייענדיק, פלעג איך אַלע טאָג דאָרט אַרבעטער, סײַ זומער, סײַ ווינטער, פון און אַף דער אַרבעט אין איינער א גרויסער פאבריק גיין זען: אַף דער אַרבעט—ווי שאָף אין טשערעדע, פון דער אַרבעט—בלאַס, אָן פרייד און אָן אביסל כיעס.

נאַטירלעך: די פאַבריק ניט זייערע, אהין קומט מען דעם מאַקסימום געבן און דעם מינימום נעמען. און דאָ, דער יונגער אוילעם, קינדער פון פאַבריק, פאַבזאַוושול־קינדער, די פאַבריק זייער אייגענע, געבן איז נעמען, די פאַבריק זייערס אַלץ: זייער קעגנוואַרט און צוקונפט.

שוין אָט דעם יונגן אוילעם דערזעענדיק, פילט איר גלײַך, אז עפעס שטימט דאָ ניט מיט אײַער אַמאָליקער פאָרשטעלונג פון א פאַבריק.

כ׳האב די אויגן אופגעהויבן און א קוק געטאָן: ס׳איז האַלב דרײַ א ווינטערדיקן באַטאָג. אין דרויסן טונקל. און פון די זאַוואָד־קאָרפוסן, קוקט א העל־פריידיקע עלעקטראָ־שײַן.

ס׳זעט אויס, עפעס גארנישט ווי פון קײַן זאוואד־קארפוסן, נאָר ווי פון עפעס באַלויכטענע זאַלן. כ׳האב דערפילט, איידער כ׳בין אַהין ארײַן, אז אויך די אַרבעטער אינעווייניק מוזן זיך אזוי פילן.

באַלד האב איך זיך פון הויף אַפן דריטן עטאַזש פון איינעם א מויער אופגעהויבן, אין זאַווקאָם. פון דאָרט—אין א קאָנטאָר מיט פיל אָנגע־שטעלטע. פון דארט ווײַטער—אין רעדאַקציע פון דער זאַוואָד־צײַטונג, ווו איך האב זיך מיט איינעם א כאַווער, א רעדאַקציע־מיטגליד, באַ־דאַרפט טרעפן, וואס ער האט מיך באדארפט פירן און, וואס מיך אינטערעסירט, מיר ווײַזן.

כ׳האב זיך באַקענט מיט אים: א יונגער מענטש אין די צוואַנציקער, א הויכשטאַלטנער, א שוואַרצער, און מיט א פאָנעם, וואס ווייסט פון קיין אָנשטרענגונג, וואס בלײַבט באַ אלע לאַגעס גוטמוטיק און רויִק.

ער גיט מיר די ערשטע יעדיִעס. ער בעט מיך נאָר, איידער ער וועט זיך מיט מיר איבער די זאַוואָד־קאָרפוסן לאָזן, זאָל איך מיט אים אין גאָרקיך ארײַן, ער וויל מיטעקן. שפעטער וועט שפעט זײַן.

— נישקאָשע, איר מעגט זי זען,—זאָגט ער,—אונדזער גאָרקיך.

און אפן וועג אהין־גייענדיק, דערציילט ער מיר דערוויַיל, אז דאס איז איינע א לעצט־אויסגעבויטע, איינע פון פיר אַפּן זאַוואד, ווו 800 מענטשן מיטאַמאָל עסן דאָרט.

מיר קומען אָן. כ׳זע—אַ גוואַלדיק־גרויסער רוים. די לאַנגע טראַדי־ציאָנעלע באראַק־טישן, ווי טאָמיד אין אזוינע קיכן, אָפּגעשאַפט. א טיש אַף פירן. א פירעקעכדיקער, מיט א זויבערער צעראַטע באַדעקט. מע גייט ניט און מע נעמט זיך ניט אליין, נאָר אלץ און אלעמען ווערט דערלאַנגט. מע ווארט אויך ניט לאַנג: די דינערשאַפט ווייסט ווען זי באדינט דאָ, און אז מאַנקירן און זאמען איז ניט שייַעך.

זי איז אקוראט: זי נעמט איַיערע טאלאָנען צו, און באַלד איינס—דאס ערשטע געריכט, באַלד צוויי—דאָס צווייטע, און דאן דריַי—דאס דריטע.

— יאָ, דריַי, און קיינמאָל, זאָגט מיין באגלייטער, נישט ווינציקער.

דאס עסן געשמאַק. פאַראַן מיטעקן פאַר פאַרשיידענע פריַיזן: פאַר 45, פאַר 65 און פאַר א רובל מיט צען קאָפּיקעס.

— פאַר א רובל מיט צען,—זאָגט מיין באגלייטער,—איז שוין קימאַט־קיַין באלאָנים ניטאָ.

אז מע דאַרף עס ניט.

כ׳דערמאָן זיך ווידער:

אין איינער א גרויסער האַפן־שטאָט אין אויסלאַנד זיינען פאר די טויזנטער ארבעטער, וואס ארבעטן בא די סבוירע־לאַגערס—אין די „שופנס“, „האַלעס“,—עס־שטובער איינגעאָרדנט.

דער מוניציפּאַליטעט לאָזט דאָרט פאַר די אַרבעטער קאַלטע און וואַרעמע מיטעקן אָפּ.

אַרבעטער ווייסן: ס׳איז א מין צדאָקע, און פון צדאָקע פאָדערט מען ניט איבעריקס.

די האַלעס—קויטיקלעך. טישן הילצערנע, לאַנגע. לאַנגע בענק. זעלבסט־באַדינונג. דאס עסן שלעכט, אָרעמלעך. דאס געשיר, ווי פאַר שלעפער און קאַפּצאָנים.

איך זאָג עס מיַין באגלייטער. ער איז צופרידן. ער וויַיזט מיר אָן: אן עלעקטרישע וואַגאנעטקע פירט דאָס געשיר פון דער עס־זאַל אַפּן ...יך, און פון קיך—אין עס־זאַל. די קיך איז אן עמעסע פאַבריק. אלץ

מאַשיניזירט און איבעראַל זויבער. און זי גייט אַלץ ווייַטער און ווייַטער צו פאַרפולקומונג און צום אַמבעסטן די אַרבעטער־אינטערעסן צו באַזאָרגן.

מיר זייַנען אַרויס פון גאָרקין. דער כאַווער־באַגלייטער האָט מיך פריִער אין קאָרפּוס פון די קלײנע טראַנספאָרמאַטערס געבראַכט, דערנאָך אין קאָרפּוס פון די גרויסע, מיט וועלכן ער באַרימט זיך אַזוי שטאַרק און רופט אים אָן דאָס „סאָוועטן־קינד“.

ער ווייַזט מיר אָן באַזונדערע אַרבעטער און אַרבעט־פּראָצעסן און האָלט פאַר נויטיק מיר דערקלערן בעייסן ווייַזן:

— קימאַט אַף יעדער עלעקטרישער סטאַנציע איז פאַראַן אַ טראַנספאָרמאַטער. די מאַשינעס (גענעראַטערס), וואָס געבוירן דעם שטראָם פון אַ לעפּיערעך נידעריקער דראַנג־קראַפט, גיבן איבער, מיט דער הילף פון די טראַנספאָרמאַטערס, די ענערגיע, וואָס לויפט אין די שטאַרקסטע ווייַטן און פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע באַוועגנג־קראַפט. דער אַפּאַראַט באַזיגט די שטרעקע, פאַרוואַנדלענדיק די נידעריקע דראַנגיקייט פון דער מאַשין אין אַ מעכטיקן עלעקטרישן שטראָם פון הויכן דראַנג...

— פריִער פלעגן מיר טראַנספאָרמאַטערס אַרייַנפירן פון אויסלאַנד, איצט מאַכן מיר שוין אַליין דעם גאַנצן אַפּאַראַט, ביזן לעצטן באָלט און שרייפל אַפילע. דער עלעקטראָ־זאַוואָד באַזאָרגט שוין מיט טראַנספאָרמאַטערס דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס.

ער באַרימט זיך און האָט מיט וואָס, מייַן באַגלייטער: אונדזערע רויע, לעפּישע און נישט־געווינטע הענט הייבן אָן די רוי־קראַפט פון אונדזער לאַנד אין מעכאַנישער פאַרוואַנדלען.

— דאָס איז ניט איבעריק גרינג אָנגעקומען. גענוג מי און ענערגיע איז דאָ אוועקגעלייגט געוואָרן, גענוג בלוט און געלט האָבן מיר פאַר אונדזער לערע די אויסלענדער באַצאָלט. און נאָכן אויסלערנען ערשט: — וויפל אומגעשיקטקייט די ערשטע צייַט, וויפל דורכרייַסן איבער אומבאַהאָלפנקייט און ווייניק דערפאַרונג. אָבער איצט, אַדאַנק דער לעניניסטישער פּאַרטייִשער, באָלשעוויסטישער אַקשאָנעס — דאָס אַלץ באַקעמפט.

— דער זאַוואָד איז אַפן גרויסן שליאַך פון גרויסע ניצחונות: דאָס פינפיאָר פאַר צוויי אַ האַלב יאָר געמאַכט. די פּראָדוקציע וואַקסט, די

צאָל אַרבעטער צוזאַמען מיט דער פּראָדוקציע. דאָרט, וווּ ערשט אין 27־טן יאָר איז אַ וויסטע שטיק בלאָטע געווען, זיינען איצט אָט די קאָרפּוסן־ריזן אויסגעוואַקסן אויף אַ שעטעך פון 25 האַ, און האַלטן זיך נאָך אַלץ אין איין פאַרגרעסערן.

אינעם 2־טן יאָר פון פינפיאָר האָט דער זאַוואָד געגעבן אַף 60 מי־ליאָן פּראָדוקציע, אין דריטן—אַף 168 מיליאָן, און צום סאָף פינפיאָר וועט ער געבן אַף 5'8 מיליאָן.

— אַ קליינעם ציפער־ציייגער אויך, ווי אַזוי די צאָל אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן:

אינעם	28־טן יאָר	—	2426	אַרבעטער
צום	29 „	1־I —	4267	„
„	30 „	1־I —	7090	„
„	31 „	1־I —	13793	„
„	31 „	15־XII —	22546	„

און צום סאָף פינפיאָר וועט די צאָל שוין 30 טויזנט דערגרייכן.

ער פירט מיך ווייטער, מיין באַגלייטער,—פון גרויסן טראַנספאָרמאַ־טער־צעך, מיט די שוין אין די „פעלצן”, ווי מע רופט זיי, אָנגעטאָן־שטייענדיקע און פאַרטיקע ריזן־טראַנספאָרמאַטערס, פון אָט דעם קאָרפּוס, וווּ פיל אַרבעטער, איינצלנע און גרופּעסווייז, פאָרען זיך, ווער באַם צונויפשטעלן, ווער באַ דעטאַלן, ווער באַם אָנהייבן, ווער באַם פאַרענ־דיקן, באַם טרוקענעס, פאַרקלעפּן און אַווטאָגענישן פאַרלייטן,—פירט ער מיך אין טערמישן צעך, דאָרט, וווּ ס'ווערן אויסגעאַרבעט די דינסטע וואָלפראַם־פעדעם, און מיין באַגלייטער באַרימט זיך ווייטער, און ער זאָגט און דערקלערט מיר נאָכאַמאָל:

— מיר האָבן די טעכנאָלאָגיע אויך פון אָט דער פּראָדוקציע שוין באַהערשט. איצט פּראָדוצירן מיר וואָלפראַם־פעדעם מיט אַ דיאַמעטער פון 17 מיקראָנען (אַ מיקראָן איז אַ טויזנטסטלעך פון אַ מילימעטער), און שפּעטער, רעכענען מיר, זיי נאָך מער פאַרדינערן, און נאָך אַביסל, נאָך אַביסל וועלן מיר זיך אַף דעם געביט מיט אַמעריקע אויסגלייכן.

ער דערמאָנט מיר, מיין באַגלייטער:

— די ערשטע וואלפראַם־פעדעם האָבן מיר אין פסר״ר באַקומען ערשט אין 25־טן יאָר. מיר האָבן נאָך דעמאָלט געהאַלטן אין דער סטאַדיע פון עקספּערימענטירן. און איצט האָט זיך דער עלעקטרישער זאַוואָד דער־שלאָגן, אז די וואלפראַם־אויסאַרבעטונג איז א נאָרמאַלע און טיפּיש־געוויינלעכע געוואָרן בײַ אונדז...

כ'זע: דער טערמישער צעך איז ווייניק אף א זאַוואָד פון געוויינ־לעכן טיפּ גאָר ענלעך. מיט די ספּעציעלע עלעקטרישע אויוונס, מיט די גרויסע בוטעלס, פלעשער, קאָלבן און סלויעס דערמאָנט ער פיל מער א וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריע, ווו פאַרשיידענע קונציקע פּרוּוון ווערן דאָרט געמאַכט. אין די עלעקטרישע אויוונס ווערן עפּעס שיפעלעך מיט א גרינעם פּראָשעק ארײַנגעשטעלט. אין פיר שאָ ארום באַקומט דער פּראָשעק א גראָוון קאָליר און ווערט אָפּגעשיקט אין לאַבאָראַטאָריע אף אַן אנאַליז. פון אָט דעם פּראָשעק ווערט האַרט־געשמידטער מעטאַל געמאַכט. מע פּרעסט אים און אין מעכאַנישן צעך נעמט מען אים אויסציִען.

ס'איז גענוג קונציק: פון א גראָבער שטיק ווערט ער אַפן ערשטן ווערקשטאט צו 55 מעטער לענג אויסגעצויגן, אפן צווייטן ווערקשטאַט — אין 350 מעטער, דערנאָך ערשט ווערט ער אף דרײַ פאַרשיידענע טישן דין געצויגן. דא לאָזט מען אים דורך דורך די דינסטע לעכעלעך פון עמעסן אלמאַז, ווו ער צעציט זיך ביז טויזנט מעטער לענג און ווערט אף קלעצעלעך אַרופגעוויקלט.

פון טערמישן האָט מיך מײַן באַגלייטער אין לאָמפּן־צעך, אין א זאַל, א האַלבן קילאָמעטער די לענג, געבראַכט.

ס'ארבעטן אַמערסט אין יענעם צעך פרויען. אָנהייבנדיק פונעם אויס־פּאַקן די לאָמפּן־גלעזלעך, וואַשן, טריקענען, ביזן פאַרטיקע עלעקטרע־שיין אין זיי ארײַנבאַקומען. אומעטום, בײַ אלע, מיט פיל שיין באַלויכ־טענע טישן, מיידלעך און פרויען.

זויבער געקליידט — יעדערע בא איר ווערקשטאַט. פיל פּלאַץ איינע פון דער אַנדערער אָפּגעטראָטן. פיל לופט און ליכט אין דער גאנצער זאַל.

ס'איז שטיל, ס'זשומען נאָר אייניקע ברעך־מאַשינדלעך אף די גלע־זערנע רערלעך, וואס ווערן אין די לעמפּלעך ארײַנגעטאָן, צו צעברעכן. וואלפראם־פעדעם ווערן אף די נויטיקע שטיקלעך געשניטן, אלץ איז

מאַשיניזירט, די אַרבעט אַ לייכטע, כאָטש אַן אָנגעשטרענגטע און פאָדערט אויפמערקזאַמקייט און פּאָרזיכט.

און אָט זיינט איר באַם וואַשן דאָס לעמפּל געשטאַנען. דאָס איז אין איין עק זאַל, און אָט אין אַ צווייטן עק, וווּ אַלץ וואָס געהער צום לעמפּל, איז שוין איינעווייניק און ווי ס׳געהער צו זיין אויסגעפּאַרטיקט, אַ׳ן דאָס פאַרטיקע לעמפּל ווערט אָף שיין אויסגעפּרוווט: זיך אָנגעצונדן, גוט. ס׳ווערט אָוועקגעלייגט, און די פרוי כאַפּט אַ צווייטס שוין, און דאָס צווייטע ברענט שוין...

מיין באַגלייטער, דער, ווי געזאָגט, הויכער, שטאַלטנער, מיט אַ היפּש היטל שוואַרצע האָר אַפן קאָפּ, געזונט, דאָס פּנים רויק, לעבט איבער, ווי אַ געניטער און אַ היימישער דאָ, די אַלע אַרבעט-פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר פון אָנהייב זאַל ביז עק זאַל, און איז פול האַנאָע.

ער זאָגט מיר: דעמזעלבן פּראָצעס, פונעם ארומוואַשן ביז ליכט אין קאָפּ, מאַכט אויך דורך אונדזער אַ מענטש, אונדזערער אַן אַרבעטער דאָ: ער קומט אָפּט אַ דאָרפישער, אַן אומוויסנדיקער, אַן אומבאַוווּסטזיניקער, און—קומט אַריין אין אונדזער ביבליאָטעק, כאַפּט אַ קוק אָף אונדזערע רויטע ווינקלען און זעט, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָ ווערט געפירט און אָפּגעטאָן.

מיר פאַרלאָזן דעם לאָמפּן-צעך און קומען אינעם רויטן ווינקל טאַקע פון אָט דעם צעך. ס׳רעדט זיך אַזוי „אַ ווינקל", ס׳איז נאָכאַמאָל אַזאַ גרויסע זאַל, ווי אַליין דער צעך איז.

פאַרשיידענע גרופּעס, זע איך, אין פאַרשיידענע ווינקלען אין פאַרשיידענע זייטיקע צימערן. און אויך אינמיטן זאַל, אָף בענק, אַרום אַן אָנפירער זיצן. דאָ קומען פאָר פאַרשיידענע לעקציעס, לימודים, פּראָדוציר-באַראַטונגען, פּראָפּלערע און גלאַט פאַרזאַמלונגען.

איך קום צו צו איינעם אַ ווינקל: מע גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער 17-טער פּאַרטיי-קאָנפערענץ, וואָס קומט איצט פאָר אין מאָסקווע.

פאַר אַ צווייטער גרופּע דערקלערט אַ לעקטער די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער אַמאָליקער „ציצענער מאָסקווע" (Ситцевая Москва), מיט איר אָפּגעשטאַנענער טעכניק און נישטיק-קנאַפּער פּראָדוקציע.

אַ דריטע גרופּע באַהאַנדלט די שלעכטע אויפירונג פון איינעם אַ בריגאַדיר, אַ׳ן ס׳שטייט די פראַגע פאַר דער פאַרזאַמלונג, צי אים אַראָפּנעמען, צי אים לאָזן אָף זיך אויסבעסערן.

אין איינעם א זייטיקן צימער א סאָיופּאַרטשול, אין א צווייטן — א ליקבעז, אין א דריטן — אן אוויאכים־גרופּע.

איך באַוויַיז ניט צו ריידן מיט קיינעם, ווײַל דער אוילעם איז פאַר־נומען, און אויך מײַן צייט איז קורץ, איך וויל נאָך אין דער ביבלי־אָטעק זיין, אין דער רעדאַקציע א קוק טאָן, און גייענדיק אין ביבלי־אָטעק און אין רעדאַקציע, צערייד איך זיך מיט מײַן באַגלייטער.

איך ווער געוווּר:

אַליין א לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער. פריִער דאָ געאַרבעט אַפן טראַנספּאָרמאַטער־צעך, איצט האט אים די פּאַרטיי אָפּגערופן אין רע־דאַקציע, אין דער זאַוואד־צײַטונג „עלעקטראָזאַוואָד".

— ער קאָן דאָך אבער שלעכט רוסיש? — האט ער געטײַנעט.

— נישקאָשע, — האט מען אים געזאָגט, — מע וועט אים אויסבעסערן, ער וועט זיך צולערנען, אבער גיין מוז ער.

און אָט ווײַזט ער מיר א צײַטונג־קאָמפּלעקט, וווּ אין יעדן נומער קימאַט איז זײַנס אַמאָל אַ לייטאַרטיקל, אמאָל א קאָרעספּאָנדענץ, אמאל א פעליעטאָן. ער שמייכלט דערבײַ: זיך אויסגעריבן, הייסט עס, און מע איז נישקאָשע פון אים צופרידן.

— אַגעוו, דערציילט ער מיר: די צײַטונג דערשײַנט אין 15 טויזנט עקזעמפּליאַרן. ס'קלעקן קיין נומערן נישט: פאַר 23 טויזנט אַרבעטער איז 15 טויזנט עקזעמפּליאַרן ווייניק.

— פאַרגעסט אויך נישט, אז דאס איז נאר די זאַוואָד־צײַטונג. אויסער איר ווערן נאָך אנדערע געלייענט אין די טויזנטער: „פּראַוודאַ", „איזוועסטיאַ" און אַנדערע, און געדענקט אויך, אז אין זאַוואָד דער־שײַנען אויך ביז 200 וואַנטצײַטונגען.

— פאַרגעסט ניט: מיר האבן 3466 פּאַרטיי־מיטגלידער, 5337 קאָמיור־גיסטן, און זייער צאָל — סײַ פון די פּאַרטייער, סײַ פון די קאָמיוגיסטן — האַלט אין איין וואַקסן.

— געדענקט, אַז באַ 8000 אַרבעטער לערנען זיך אָף העכערן די קוואַליפיקאַציע, 100 פּראָצענט איז אַרומגעכאַפּט מיט סאָצגעוועט און שלאָגלערײַ, — און אָט קומט אַרײַן אין אונדזער ביבליאָטעק — פירט מיך דער באַגלייטער פון רעדאַקציע אין ביבליאָטעק אַרײַן.

כ׳גיי אריין. כ׳טרעף א שיין־באַלויכטענע זאַל. די ווענט מיט רויטס באַשלאָגן. אויך דער טיש, וואס אינמיטן זאַל, מיט רויטס. ארבעטער און אינזשעניער־טעכנישער פערסאָנאַל לייענט דאָרט.

דאָס מאָל טרעף איך אַמערסט אַרבעטער־יוגנט, פון דער, וואס אָנקומענדיק באַטאָג אין הויף פון זאַוואָד, האב זיי פרייליכע פון איינעם אַ קאָרפוס ארויסגיין באַגעגנט, די פענעמער פאַרטיפטע, און יעדער איז אין זיין בוך ארייגגעטאָן.

דער אוילעם, זע איך, לייענט און אינטערעסירט זיך אַמערסט מיט טעכניק. כ׳דערזע אף א וואַנט, לעבן אָרט, וווּ די ביבליאָטעקערן שטייט און גיט די ביכער ארויס, א מאַסע זשורנאַלן אף פאַרשיידענע שפראַכן ארויסגעהאַנגען: דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש. דאס זיינען ספעציעלע זשורנאַלן פון עלעקטרא,—עלעקטראָ־ענערגיע.

— אַלץ,—זאָגט מיר די ביבליאָטעקערן,—וואס אף דעם געביט דערשיינט באַ אונדז, אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, קאָנט איר דאָ קריגן.

איך ווער אויך געווירע באַ דער ביבליאָטעקערן, אַז די ביבליאָטעק פאַרמאָגט ניט מער, ניט ווינציקער, ווי שוין אַריבער 60 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

— ווער לייענט?

— אַלע לייענען. מע נעמט אַהיים, מע לייענט דאָ.

ווי האָט מען צייט נאך דאָ צו לייענען?

— אָט זעט איר דאך: דאס זיינען אַרבעטער, וואָס דאַרפן אף דער צווייטער וואַכטע, קומט מען פריִער מיט א פּאָר שאָ אַהער.

באַדערזייט פון ביבליאָטעק באַמערק איך צימערן. כ׳גיי אריין. ס׳איז אַן אומגעווייגלעכע שטילקייט דאָרט. ווער ס׳גייט אריין אהין, און ווער ס׳גייס ארויס פון דאָרט, עפנט אין פאַרמאַכט די טיר מיט א באַזונדער אָפּשיי און מיט א פאַרזיכט־קאַוואָנע קיינעם ניט צו שטערן.

ס׳גייען אויך דאָרט לימודים—פּאַר יוגנט, פאַר עלטערע. אויך דארט די ווענט און טישן מיט רויטס באַשלאָגן. פענעמער פון די צוהערער אויסגערוטע און פאַר דער וואַכטע־ארבעט. פענעמער פון לעקטאָרן מידע. מע זעט: שוין היפש לעקציעס און לימודים היינט דורכגעפירט און געהאַלטן.

איך בין מיד פֿון געזעענעם און געהערטן. פֿאַר די 5־6 שעה, וואָס כ'האָב פֿון מײַן אָנקומען אַהער ביז איצט פֿאַרבראַכט, האָב איך אַזויפֿיל אײַנדרוקן, אַז ס'איז מיר שווער זיי צו באַהערשן.

און דאָ באַווײַזט זיך מיר ווײַטער מײַן באַגלייטער, וואָס, ווען איך בין אין ביבליאָטעק אַרײַן, איז ער צוליב רעדאַקציע־ענינים אין רע־דאַקציע אַוועק. ער קומט און ברענגט מיר, וואָס כ'האָב אים געבעטן: אַ פּעקל צײַטונגען, וווּ ער האָט דאָרט זײַנע אַרטיקלען געדרוקט.

איך דאַנק אים. ס'אינטערעסירט מיך גוואַלדיק, כ'וויל זען, וואָס פֿון אַ האַלבגעשלאָגענעם און רעכטלאָזן אַרבעטער פֿון היטלעריש־פֿאַשיסטישן פּוילן ווערט, ווען ער איז אַ שטיקל צײַט דאָ אָפּ, אין אונדזער לאַנד, מיט די אַלמעגלעכקייטן פֿאַר יעדן איינעם.

איך קוק אויף אים און זע: אַ היפּשן אוניווערסיטעט דאָ דורכגעגאַנגען, און נישט נאָר ער, נאָר אַלע דאָ. און אַזאַ אײַנדרוק איז בײַ מיר טאַקע געבליבן, אַז אַרויסגייענדיק פֿון זאַוואָד און אויף דער פֿרישער און פּראָס־טיקער לופֿט קומענדיק, האָבן זיך מיר אין קאָפּ געמישט: זאַוואָד־אוני־ווערסיטעט, אוניווערסיטעט־זאַוואָד, און איך האָב בעמעס נישט גע־וווּסט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ווערט דאָרט מער געטאָן, — פֿיזישע, צי גײַסטיקע. און אַז איך האָב זיך באַטראַכט אַ ווײַלע, האָב געזען, ווי די גרענעצן צווישן פֿיזיש און גײַסטיק זײַנען דאָרט אָפּגעווישט.

איך דערמאָן זיך: אויף דעם אַביסל פֿון דער אַרבעט פֿאַרשוואַרצטן אַרבעטער, וואָס איך האָב געטראָפֿן אין טראַנספֿאָרמאַטאָר־צעך בײַ איינער אַ דעטאַל זיך פּאָרען, האָב אין זײַן פּנים אַזויפֿיל גײַסטיקס און הויך־שעפֿערישע און שפּילנדיקע אָנשטרענגונג געלייענט, ווי פּונקט בײַ יענעם יונגן אַרבעטער, וואָס כ'האָב אים, אַן אָפּגעוואַשענעם און זויבערן, אין ביבליאָטעק בײַם רויטן טישטעך איבער אַ טעכניש בוך געזען, ווען אויף זײַן פּנים איז, בעשאַס לייענענדיק, אַזאַ סאָרט עמעס פֿיזישע אָנ־שטרענגונג געווען, און ער האָט אויסגעזען, ווי ער אַרבעט מיטן מויעך, ווי מיט אַרבעטער־געצײַג און מיט צוואַנגען.

יאָ, און דערפֿאַר, אַז כ'בין אַהיים געקומען און דאָס פּעקל צײַטונגען, וואָס דער כאַווער־באַגלייטער (כאַווער שימקאָוויטש איז זײַן נאָמען) האָט מיר מיטגעגעבן, צעעפֿנט און דערזען אַ גרויסן קאָפּ פֿון איינעם זײַנעם אַן אַרטיקל:

„לאָמיר באַוואָרענען די רו פון אונדזערע גרענעצן". דאַן אַן אונטערקעפּל: „ס'וויקלט זיך פאַנאַנדער די קאַמפּאַניע אף זאמלען מיטלען פאַרן פאָנד צו מאָטאָריזירן אונדזער גרענעץ־וואַך". און דאַן אינעווייניק, לייענענדיק אייניקע שורעס פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„די בליקן פון די אונטערדריקטע פון גאָר דער וועלט זיינען מיט האָפענונגען געווענדט צו פסר"ר. פאַר דער לעצטער צייט רייסן זיך הונדערטער הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע פּראָלעטאַריער דורך אף אונדזער טעריטאָריע. זיי ווילן לעבן אין לאַנד, ווו ס'איז ניטאָ קיין דרוק און עקספּלואַטאַציע, ווו ס'זיינען ניטאָ קיין פּאַראַזיטן־פאַבריקאַנטן און גוטבאַזיצער, נישטאָ קיין קנעכט, וואָס באַקומען גראָשנס, וואס קלעקן זיי נאָר אף פון הונגער ניט צו שטאַרבן. זיי רייסן זיך אהער, ווו מע בויט דעם סאָציאַליזם, ווו ס'זיינען ניטאָ קיין אונטערדריקטע נאַציעס, ווו יעדער ארבעטער, אומאָפּהענגיק צו וואס פאַר א נאַציע ער געהערט, איז א גלייכבארעכטיקטער באַלעבאָס אין לאַנד;

קלאָר דערום, אז די קאַפּיטאַליסטן קאָנען ניט רויק וואַרטן אף זייער אומקום, זיי גרייטן א מילכאָמע אף די אַרבעטער פון פסר"ר, וואס בויען דעם סאָציאַליזם".

איבערלייענענדיק אָט דאָס, האָב איך געזאָגט: יאָ, טאַקע מעגן זיין און זיינען די בליקן פון די אונטערדריקטע פון גאָר דער וועלט געווענדט צו פסר"ר; טאַקע מעגן, און אזוי ווייטער און ווייטער, ווי אין ארטיקל איז געזאָגט... ווייל קומענדיק און זעענדיק אַליין נאָר אָט דעם איין זאַוואָד, וואס איז בעסאַכאַקל נאָך אזוי יונג, וואס שטעלט ערשט די ערשטע עקזיסטענץ־טריט, אָבער ווו ס'איז שוין אזויפיל אָפּגעטאָן, און ווו אזויפיל דאַרף נאך און וועט אָפּגעטאָן ווערן, ווו אזויפיל רעוואַרג פון מענטשן און זאַכן גייען אַהין אריין, און אזויפיל פאַרטיקע זאַכן און מענטשן־פּראָדוקציע קומט צוריק ארויס, ווו דעם ארבעטערס גיבן הייסט דאָ—דעם ארבעטערס נעמען, נעמען־געבן—פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אוןביידע הענט קערן צו איינעם, ווו די פיזישע ארבעט־קראַפט ווערט סיי מיט מאַטעריעלן, סיי מיט גייסטיקן לוין באַלוינט, וואס קיין אויסלענדישער ארבעטער ווייסט ניט פון אזוינס, און וואס קיין אויסלענדער ביכלאַל האט דערפון קיין אנונג.—אַוואדע, זאָג איך, מעגן די בליקן געווענדט זיין, אוואַדע זיינען זיי געווענדט, ווייל אוואַדע האבן

זיי דאָ דערזען אזוינס, וואס אין קיין אָרט, אין קיין ווינקל־וועלט איז אזוינס נישט צו זען.

אַוואַדע!..

* * *

מיר גייען איבער צו קוטוו.

מיר קומען אָן, איך מיט מײַן באַוועך א ליטעראַט, אין קאַבינעט פונעם פּראָרעקטער, כאַווער ס. מיר וואַרטן א ווײַלע, דער פּראָרעקטער איז באשעפטיקט.

אז ער באַפרייט זיך, ווענדט ער זיך און פרעגט בא אונדז, וואס אייגנטלעך אינטערעסירט אונדז. מיר דערקלערן: מיר ווילן שרײַבן פון מאָסקווע, און פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און קולטור־אינסטיטוציעס און ביפראַט אזאַ, ווי קוטוו, גייט אין אונדזער פּלאַן אַרײַן.

ער באַגריסט אונדזער באַגער. ער נעמט זיך—ביז מירן זיך נעענטער מיטן אוניווערסיטעט באַקענען—אונדז די ערשטלויפיקע ידיעס געבן.

באַלד אויך רופט ער דעם סעקרעטאַר זײַנעם אַרײַן. ער אַליין—אַ יונגער נאָך, פון א יאָר צוויי־דרײַ־און דרײַסיק. א שלאַנקער, מיט זייער שיינע געזיכט־שטריכן. דאס פּאָנעם, אנטקעגן די שטאַרק־שוואַרצע האָר פון קאָפּ, זעט אויס ווײַס. זיין סעקרעטאַר—נאָך יינגער. א ברייט־פּלייציקער, גלײַכער פאַרשוין אין א שוואַרצער טאָלסטאָווקע, דאס פּאָנעם קרעפטיק און גוואַלדיק שטיל און גוטמוטיק,—אַן אָסעטינער.

דער פּראָרעקטער, ווייס איך נישט, צו וואס פאַר א נאַציע ער געהער, אָבער שוין אין די אויגן א קוק טאָן, זעט מען, אַז ניט קײַן רוס. אליין די אויגן, מיט דער פאַרבאָרגענער שוואַרצער היץ אין זיי, זאָגן, אז נישט פון רוסישן ברייטן פּליין, נאָר פון ווײַטע, הויכע בערג ערגעץ, און זיכער—אויך אַ קאַווקאַזער געוויס.

ער דערציילט אונדז פון וואס פאַר א ווײַטע ווינקלען פון ראַטנלאַנד, פון וואס פאַר א נאַציעס, פעלקערשאַפטן, שטאַמען, שוואָטים און עטנאָגראַפישע גרופעס מע קומט אָן אַהער, מיט וואס פאַר א פּרימיטיוו וויסן, און וואס ס׳ווערט פון די שילער פאַר די דרײַ יאָר אין אוניווערסיטעט דאָ אָפּזיין, און וואָס פאַר א ידיעס זיי טראָגן ארויס פונדאַנען.

— איר דאַרפט זיך, זאָגט ער, מיט אייניקע סטודענטן באַקענען.

— א שאָד, — ווענדט ער זיך צו זײַן סעקרעטאַר, דעם אסעטינער, — זיי וואָלטן באַדאַרפט זען דעם און דעם... (רופט אָן א נאָמען), דעם סאמאָיעד, ער איז אָבער אָפּגעפארן. — יאָ, — ווענדט ער זיך שוין וויז ער צו אונדז, — ס׳וואלט קעדײַ געווען אײַך אָט דעם פאַרשוין קענען, מיט אים א רעד טאָן, וויסן — מיט וואס איז אהער אָנגעקומען. און איצט — איר זאָלט זײַן אף יענעם און יענעם וואָקזאַל, ווו ער פירט שוין איצט אן ארבעט צווישן די דארטיקע אײַזנבאַן־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און זען, וואס פאַר א זעלטענע באַציונג צו אים, וואס פאַר א צוטרוי צו אים פון די ארבעטער.

ער דערציילט אונדז, אַגעוו, אז אייניקע שילער האבן די ערשטע צײַט דעם מאָסקווער קלימאַט ניט געקאָנט אריבערטראָגן.

אייניקע האבן געכאַפּט שווינדזוכט. ס׳זײַנען געווען די ערשטע צײַט שוועריקייטן מיט זיי. די אוניווערסיטעט־דאָקטוירים טוען דערום גוט אכטונג. א גרויסער טייל ווערט צו זומער, איבער דעם אויבנדערמאָנטן טאַם, צוריק אין זייערע היימען אָפּגעשיקט. דערפאַר אָבער גיט א קוק, ווי אונדזערע סטודענטן זעען איצט אויס, ווי זיי ווערן געשפייזט, ווו זיי ווינען, כאַפּט זיך ארײַן אין קלוב צו זיי.

ער גיט אונדז נאך אייניקע יעדיעס. דערנאך גיט ער אונדז זיין סעקרעטאַר איבער. מיר געזעגענען זיך מיט אים. דאנקען.

מיר גייען מיטן סעקרעטאַר אין סעקרעטאַר־צימער, ווו ער נעמט דאָרט אוף א ווײַלע פאַרשיידענע סטודענטן, דערלייזט פאַרשיידענע איניאָנים.

מיר זעען פענעמער דערווײַל: שוין א ווילד געמיש, שוין פאַר די צען מינוט אין סעקרעטאַר־קאַבינעט אָפּזיין קאָנט איר אַן אָנהייב־פאָר־שטעלונג האבן, וואס דאָ, אין גרויסן נאַציאָנאַליטעטן־בינשטאָק, טוט זיך.

אליין דער סעקרעטאַר. ער האט שוין, ווײַזט אויס, דעם אוניווער־סיטעט געענדיקט. רעדט רוסיש ריכטיק, אַן אויסטערלישע מענוכע איז אַף זיין פריש־געזונט און קנאָכיק פּאָנעם צו זען, טאַקע ווי פון א מענטש, וואס איז נאָך יאָרנלאַנג אף הויכע בערג ווינען אין דער נידער אַראָפּ־געקומען. אלציינס, צי אין ער פון צאָפן, צי פון דאָרעם־אסעטיע, אבער בערג זײַנען אין ביידע טיילן, ווי באַוווסט, גאַנץ היפּשלעך.

כ׳דערמאָן זיך, ווי פאָרנדיק מיט עטלעכע יאָר צוריק דורך דעם מיליטער־גרוזינישן וועג, וואס אף קאַווקאַז, און נאָענט־קומענדיק צום דאַריאַלער באַרג־שפּאַלט, האבן מיר די רייזנדע אף א הויכן באַרג איינעם אָנגעוויזן, ווו גאַנץ אויבן, באַם שיפּוע, האבן זיך א סטאַדע ווייַסע שעפּסן געפּאַשעט, פון טויזנטער, טויזנטער שטיק. האב איך זיך לאַנג באַדאַרפט אייַנקוקן, ביז איך האב זיי דערזען, און די ווייַסע שעפּעלעך דאָרט אויבן האבן מיר, ווי ווייַסע מידן אַף פלייש, זיך אויסגעוויזן.

אָט פון דאָרט, אָט פון אזוינע מינים הייכן איז אונדזער סעקרעטאַר. מעגלעך, טאַקע א דאָרטיקער, א פּאַסטעך... איצט איז ער אין א טאָלסטאָווקע, זיצט באַ א ציכטיקן שרייַבטיש, אין א ציכטיקן קאַבינעט, פאַרשיידענע סטודענטן קומען מיט פאַרשיידענע איניאָנים צו אים.

ער נעמט אוף, האט פאר יעדערן זיין וואָרט, און ער דערלייזט אַלץ, וואס ער דארף דערלייזן, מיט א שטילער, געזונטער, הויך־באַרגישער און פּאַסטעכשער מענוכע, אָן טומל און אָן א הויך וואָרט צו ריידן.

ער איז מיר ליב, דער אסעטין, דער שטילער, ברייטפלייציקער און אַלע איניאָנים אין שטילקייט־דערלייזנדיקער, געוועזענער טאַלמעד פונעם אוניווערסיטעט און איצט באַם אוניווערסיטעט געבליבענער.

איך קאָן פון אים די אויגן ניט צונעמען: פון זיין האַלטן זיך און פון זיין אריינגענומענער הויכער קולטור אין זיינע ברייטוווקסיקע ביינער.

כ׳דערמאָן זיך, פון וואס פאַר אַן אָרט ער קומט, פון וואס פאַר אַן אָדעם־האָרישעניש ווילדעניש און פון וואס פאַר א שטאַם, זיידעס, און, מעגלעך, פון אַן ערשט נאָרוואָסיקן גארניט אַזאַ „יִכעס״.

כ׳דערמאָן זיך ווידער: ווי פאָרנדיק דעמאָלט דורך דעמזעלבן דאַריאַלער באַרגשפּאַלט טאַקע, האט מיר איינער א יונגער געאָלאָג, וואס ווייסט און האט אויסגעפאָרשט יענעם קאַנט אויסגעצייכנט, מיר אָנגעוויזן, ווו אף איינעם א הויכן שפּיץ באַרג, וואס קוקט אין אָפּגרונט, שטייט אַן אַלט כורווע־טורעמל. א נישער,—האט ער מיר דערציילט,—פון אַן אַלטער אמאָליק־רויבערישער נעסט.

ער האט מיר דערציילט אַן עפּיזאָד פונעם רוסיש־קאַווקאַזער קריג, ווי בעשאַס די קאַזאַקן האבן פון יענעם טורעמל די ערשטע געפאַנגענע

גענומען, האבן די רויבער געטראָגן קליידער פון קליינע שטיקלעך־פּיצלעך פאַרשיידנפאַרביקע שטאָפן: גרין, געל, רויט, ווייס, בלאָו א. אז״וו. מע האט געמיינט, ס׳איז א נאַציאָנאַלער קאָסטיום בא זיי אזאַ. ס׳האט זיך אָבער אויסגעלאָזט: ניין. אז זיי פלעגן די סאָכרים אף יענעם וועג ראַבעווען, פלעגן זיי זיך מיטן סכוירע־שטאָף גלייך אף גלייך טיילן, צעשניטן, און יעדן איז א קליין שטיקעלע אָנגעקומען. היינט א געלער שטאָף, מאָרגן א רויטער, איבערמאָרגן א שוואַרצער. און פון די פאַרשיידענע שטאָפן האבן זיי זיך די קליידער גענייט.

דאס איז ערשט ניט לאַנג, מיט איינע וויניקער נאָך פון הונדערט יאָר צוריק. און איצט,—דערציילט אונדז דער סעקרעטאַר, דער שטיל־קריפּטיקער פאַרשוין, דאס אייניקל, מעגלעך (כ׳זאָג ניט געוויס, נאָר מעגלעך) פון יענע זיידעס, פון יענעם רויבער־טורעמל, וואס קוקט אראָפּ אין דאריאַלער אָפּגרונט,—איז גאַנץ אסעטיע שוין קימאַט קאָלעקטיוויזירט, אַלגעמיינע אָבליגאַטערישע בילדונג, אזויפיל און אזויפיל אָנפאַנג־שולן, אזויפיל און אזויפיל פּראָפטעך־פּאַרט־שולן, דאס גאַנצע פאָלק איז שוין מיט אייגענער אינטעליגענץ באזאָרגט, און איר קאנט שוין איצט פיל פון אונדזעריקע, איבער ראַטן־רוסלאַנד פאַרשפּרייט, אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, אלס לערער, אינזשעניערן א. אז״וו אַרבעטן באַגעגענען.

און ער, דער סעקרעטאַר, איז איינער.

— און איצט קומט,—האט דער סעקרעטאַר, נאָך דעם ווי ער האט אייניקע זיינע איניאָנים אָפּגעפּאַרטיקט,—געזאָגט. קומט, איר ווילט דאך אף א לימעד זיין.

מיר זיינען אריין אין איינער אַן אַודיטאָריע. דאס מאָל טאַלמידים וויניק. געוועזן קאַניקול־צייט און א טייל איז געהאַט אָפּגעפאָרן.

ס׳שטייט באַ דער קאַטעדר א פאַרשוין אריבער די דרייסיק, מיט א געלבלעך־טונקלער הויט, א טורקמען. איין אויג האט באַ אים א ווילדע קאַץ, ווייזט אויס, א דראַפּ געטאָן, און דאס אויג איז בא אים האַלב גאַנץ, האַלב קאַליקעוואַטע געבליבן.

ער האַלט אינמיטן ריידן. איידער מיר הערן זיך איין וועגן וואס ער רעדט, קוקן מיר זיך אפּויער אַף דער אודיטאָריע אום, אף די טאַל־מידים, וואס זיצן, הערן און פאַרשרייבן.

לעבן דעם פּאָרטרעגער—א קארייער. א קלייניקער, ציכטיק־איירא־פּעיש־געקליידטער. מיר האבן געמיינט פריער, א יאפּאָנער, אלנפאלס, שטאַרק ענלעך. אין האָרנברילן, אין א ווארעם וואָלן וועסטל, אין קימאַט פרעטענדציעז ציכטיקע שיך און אַנצוג.

פונקט אנטקעגן דעם רעדנער עפּעס איינע א פרוי מיט שטאַרק־רויטע באַקן, אזויווי מיט רויטן שפּאַליר געפּאַרבט—א קאמטשאדאלקע. די באַקן פון אונטער די אויגן סטארטשען איר, ווי צוויי שישקעס. געוויס, א דאָרטיקע, אין איר געאָגראַפישער אָרטשאַפט שיינהייט. לויט אונדזער געשמאַק אָבער—א קליין ביסעלע מעשונע.

ס'זיצט לעבן איר נאך איינע א פרוי, געאָגראַפיש נעענטער צו אונדז, געוויס אן אַרמענערן. א יונגע נאָך, אָבער אן אלטע שוין שטיק פארגליווערטע געשיכטע אף איר פּאָנעם. ס'דאכט אייך, א פרוי פון אשוריש־באָבילישע צייטן. זי כאַפּט דעם אָנבליק פון א יידישקע, א מוטער נאָך פון יענע זין, וואס מע קאָן זיי (די זין) אף אַלטע עגיפּטישע בארעליעפן זען, ווי זיי טראָגן מאטאָנעס צו קלעאָפּאטרען.

ס'זיצן אויך א דריַי, פיר, פינף מענער פון קאַווקאַזער, טראנסקאַווקאַזער און אזערביידזשאַנער קאַנטן.

איך מיט מיַין כאַווער פארנעמען ערטער, זעצן זיך. און נאָכדעם, ווי מיר האבן אַביסל דעם קליינעם אוילעם סטודענטן ארומגעקוקט, נעמען מיר זיך צום רעדנער צוהערן.

מיר שטרענגען זיך שטאַרק אָן. די ערשטע עטלעכע מינוט דאכט זיך אונדז אפילע, אז ער רעדט אף א נישט־באַקאַנטער אונדז שפּראַך, אף א גאָרנישט ענלעכער צו רוסיש—אזוי מעשונע, אזוי כאָרכלענדיק־גארגלענדיק קריכן אים די ווערטער פון האַלדז.

אַז מיר הערן זיך אָבער איין, הערן מיר: ניין, רוסיש. און אז מיר שטרענגען זיך נאך מער און נאָך מער אָן, הייבן מיר שוין אַפילע דעם זינען אָן צו פאַרשטיין:

דער רעדנער רעפערירט וועגן דער פעווראלער רעוואליוציע. ער רעדט וועגן דער דעמאלטיקער קלאַסן־דיפערענצירטער געזעלשאַפט און וועגן די פארשטייער און פירער פון יעדער קלאַס. ער רעדט און זידלט שטאַרק מיליוקאָוון, ראדזיאנקען, קערענסקין, טשעכע־אידזען, און אַגדערע. ער דערמאָנט אויך טראָצקין מיט זיין פערמאַ־

נענטער רעוואָליוציע, און אויך ער, טראָצקי, באַקומט פֿון אים זיין כיילעק.

דערבײַ, וואָס ווײַטער מיר הערן און קוקן זיך איין אינעם רעדנער, וואַקסט בײַ אונדז דער ראַכמאָנעס צו אים. ער איז נאָך גיי דאָ, ער איז נאָך אַ פֿרישער, היינטיקס יאָר אָנגעקומענער, ער האָט נאָך אַזוי ווייניק ווערטער, פֿון גרויסן רוסישן דאַלס ווערטערבוך איז אים אַזוי ווייניק אָנגעקומען, און די רוסישע געשעענישן, אַפֿילע פֿון בעיס נאָך דער פּעוואָראַלער רעוואָליוציע, זיינען אַזוי גוואַלדיק, אַז ס'קלעקט אים נעבעך ניט, ס'איז אים ביטער שווער זיך אויסצודריקן, און ער שוויצט נעבעך, דער טורקמען.

ער פֿאַרהאַקט זיך אָפֿט. ווי גרויס ער איז, בלײַבט דאָך ווי אַ קינד אומבאַהאָלפֿן, כאַזערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דיזעלבע פֿראַזע איבער, וואַרט אַף אַ צווייטער, זי זאָל אים פֿון דער ערשטער אַרויסהעלפֿן. און די איבעריקע סטודענטן העלפֿן אים מיט זייערע קליינע שפּראַכן־קויכעס מיט, אַליין האַלב־אומבאַהאָלפֿענע.

זיי לאַכן דערבײַ, דער קאַרייער—קאַרעקט, כאַוועריש־אָנשטענדיק, בײַ דער קאַמטשאַדאַלקע גייען זיך די שישקעס צונויף, די אויגן פֿאַרמאַכן זיך, און פֿון די אויגן־שפּעלטלעך שיסן ווילד־פֿריילעכע געלעכטערלעך אַרויס. אויך די אַרמענערן לאַכט שפּאָרעוודיק־פֿרום און מיט אַלט־מוטערלעכער צניִעס.

מיר קוקן אַפֿן רעדנער. מיר זעען און זיינען זיכער, אַז ער, אָט דער גרויסער, לעפּישוואַטער טורקמען, וואָלט בײַ זיך אין טורקמעניע מיט ווייניקער מי אַף אַ ווילדער קאַץ, אַף אַ טיגער געגאַנגען און אים איינגעלייגט, ווי דאָ אַף מיליוקאָוון און אַף זיין ראָל אין דער פּעוואָראַלער רעוואָליוציע.

ער שטייט, דער טורקמען, און שוויצט. און מיר זיינען ווײַטער זיכער, אַז בײַ זיך אינדער'היים, מיט אירע 60־50־גראַדאָווע היצן, איז ער קיינמאָל אַזוי מיט שווייס ניט אָפּגעגאַנגען, ווי דאָ איצט, אין דער קאַלטער, פּראָסטיקער מאָסקווע, בײַ אָט דעם שווערן שטיקל אַרבעט, בײַ דער קלאַסן־צעטיילונג און קלאַסן־דיפֿערענצירונג בעשאַס דער פּעוואָראַלער רעוואָליוציע.

מיר פֿאַרלאָזן די אודיטאָריע, נאָכדעם ווי דער פּאָרטראָג איז געענדיקט, און נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַ ווײַלע מיטן לערער־לעקטער און

מיט די טאַלמידים־סטודענטן פאַר־ראַכט, און קומען אין קאַנצעליאַריע צום אסעטין ווידער. ער לייגט אונדז פאָר: אינאָוונט דעם קלוב פון קוטוו באַזוכן. מיר געזעגענען זיך און דאַנקען אויך דעם סעקרעטאַר.

און אָט בין איך אינאָוונט אין קלוב.

א גרויסער אַרייַנגאַנג־צימער אף זיך אויסטאָן און די קליידער לאָזן. א היפשער בופעט־זאַל מיט טישן־בענקלעך אף עפעס איבערכאַפּן און טיי טרינקען. א גרויסער זאַל אף טעאַטער, קינאָ, לעקציעס און פאַרזאַמלונגען.

איך קום אין בופעט־זאַל אריַין. קאַנט־גרופּעס, לאַנדסמאַנשאַפטן די באַזונדערע טישלעך באַזעצן, און ארום מיר פאַרשיידענע שפּראַכן זשומען.

ס'איז דאָך קיין קלייניקייטן: 90 נאַציעס, פעלקערשאַפטן און לעשוינעס זיַיען איצט דאָך דאָ פאַרזאַמלט. איר האט דאָ, אָנהייבנדיק פון די קאַווקאַזער און טראַנסקאַווקאַזער פעלקער, אזערביידזשאַנער פעלקער פון אמאָליקן טורקעסטאַן, איצט צעטיילט אין באַזונדערע ראַטנרעפּובליקן: אוזבעקיסטאַן, טאדזשיקסטאן, טורקמעניע, קאזאקסטאַן און קירגיסטאַן. איר האט דאָ סיבירער פעלקער און שוואָטים, וואנדערנדיקע און פעסט אַפן לאַנד באַזעצטע; פעלקער פון דער מאָנגאָליש־כינעזישער גרענעץ, פעלקער פון וויַיטן צאָפן אַזש פון טיַיך יעניסיי און נאָך וויַיטער.

אַנו, ציילט, וואָס איר קאָנט ציילן: אבכאזער, גרוזינער, ארמענער, אַסעטינער, לעזגינער, טשערקעסן, דאגעסטאנער און קאבארדינער; טיורקן, פּערסן, קורדן, קירגיזן, אוזבעקן, טאדזשיקן; דאן וואטיאקן, אסטיאקן, טונגוסן, טשוּוואַשן, בוריאטן, יאקוטן, סאמאיעדן, זיריאנער, מארדווא, טשערעמיסן, מארי, טשוקטשן, קאמטשאַדאַלן, און — ווער אויסער ספּעציעל זיי שטודירנדיקע געאָגראַפן־און עטנאָגראַפן־געלערנטע און אַקאַדעמיקער קאָן זיי דען אויסרעכענען?

איך ווייס נאָר, אז אריַינקומען אהין, און אַף אָט דער מאַסע אינטערנאַציאָנאַלן בינשטאָק א קוק געבנדיק, דערזעענדיק די פאַרשיידענע אויגן, בליקן, הויטן, קערפּער און שאַרבן־געבוי, האב איך אף לעבעדיקסט עקזעמפּליאַרן מיין קליין ביסל פעלקער־ויסן גענומען דורכקאָנטראָלירן.

כ'האב דאָרט, זייענדיק צווישן זיי, אונדזערע פאַרשיידענע קלימאַטן דערפילט. פיזיש, מאַמעש. ס'האט מיר א שמעק געטאָן פון זיי מיט היץ, קעלט, בערג, וואַלד, ווילדעניש, טײַך, זומפּ, טײַגע און אויך מיט וויסטער מידבער אַפילע.

פאַרשיידענע קלימאַטן, פאַרשיידענע מענטשן, זיטן, פּראָדוציר־און קולטור־שטופעס, אָנהייבנדיק פון אוראַלטן קאמוניזם נאַטורעלע ווירטשאַפט, פעאָדאלע רעשטלעך, ביז די מער פאָרגעשריטענע, ביז די מער נאָענט צום צענטער ווינעגדיקע און שוין מער פון לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער טעכניק באַווירקטע; מענטשן פון פאַרשיידענע רעליגיעס, גאָרוואָס זיך באַפרייטע פון פאַרשיידענע פינצטערנישן, פון געטער, אָפּגעטער, זאַבאָבאָנעס, פון פאַרשיידענע גייסטלעכער שאמאנען און פון פעלקער־קינדערשע פכאָדים.

כ'האב זיך די ערשטע ווײַלע צווישן אָט דעם געמיש ווי פאַרלוירן, דערנאָך האב אַן אָרט באַ אַ טישל געפונען. מײַן אסעטין האט מיך דערזען, און וויסנדיק, אז אויך איינעקע ביאָגראַפיעס פון איינעקע טאַלמידים אינטערעסירן מיך, האט ער מיך באַלד מיט איינעם א סטודענט באַקענט.

א טיורק פון אזערביידזשאַן, אבאַס־אַלי מיטן נאָמען. א יונגער נאָך. פון א יאָר 26. האט שוין דעם קוטוו געענדיקט און געבליבן אַלס אַספיראַנט.

ער דערציילט מיר:

אַליין שטאַמט ער פון פערסיע. מיט זײַנע עלטערן איבערגעוואַנדערט קײַן אַזערבײַדזשאַן. פון קליינערהייט אן אַרבעטער, א זעצער. געארבעט אין א טיורקישער צײַטונג. ביז צוריק מיט א יאָר צען נאָך פינצטער, אָפּגעשטאַנען און רעליגיעז־אבערגלויבעריש געווען. ער אליין האט ערשט מיט א יאָר אַכט צוריק, אינעם געוויסן יאָנטעוו זייערן שאכסײַ־וואכסיי, מיט אן אײַזערנער קייט זיך ביז בלוט געשלאָגן און זיין אייגן לייב געפּאַסעוועט. דאס איז אין אָנדענק פון זייער גרויסן הייליקן נאָווי אַלי: אַזויווי ער, דער נאָווי אלי, האט זיך פאר גאט מאַקריוו געווען און פון גאָט וועגן בלוט פאַרגאָסן, דארפן אויך אלע גלויביקע אזוי, און איינעקע שלאָגן זיך מיט שווערדן, אנדערע שטעכן זיך מיט מעסערס, און אויך ער, אבאַס־אלי, האט אזוי געטאָן.

ער לאַכט דערבײַ, אבאס־אלי, דער טיורק פון פּערסיע. ווי ווײַט ס׳איז פון מיט א קייט לעקאָוועד דעם הייליקן אַלי זיך שלאָגן, ביז אן אספּי־ראַנט אין קוטוו! א שווערן וועג דורכגעגאַנגען, אָבער ער איז זיגער. ס׳ליגט נאָך אביסל מידקייט אף זײַן פּאָנעם פונעם זיג און פון די פּאר־זיגישע אָנשטרענגונגען. אבער נישקאָשע: ער וועט שוין דער מאַכט, וואס האט אים געהאָלפן פון אָט דער פּינצטערניש זיך באַפרייען, אָפּ־דאַנקען, און ער האט שוין מיט וואָס...

ער האט אויך די ערשטע צײַט, ווי יענער טורקמען, וואס מיר האבן הײַנט אין דער אודיטאָריע בא דער לעקציע געטראָפן, דעם „גראניט פון וויסן" אף דער פרעמדער שפּראַך מיט זײַנע יונגע, איינגעאַקשנטע ציין גערייזעט, גערייזעט און זי סאָפּקאָלסאָף באהערשט: ער רעדט איצט פרײַ רוסיש, דריקט אַלץ אויס, וואס וויל אויסדריקן.

און אט באקאָן איך זיך מיט א צווייטן, מיט אן אבכאזיער, שוין אן עלטערער, שוין אריבער די 30. דאס פּאָנעם הארט, שטרענג. איז א ביטער לעבן פון א באַטראַק דורכגעגאַנגען, פון אן ערד־ארבעטער און פּאַסטעך. ער הייסט אשובא.

ער האט פיל צו דערציילן פון זײַנע הויכע אבכאזיער בערג מיט זיין שטאַרק פּרימיטיוו לעבן, ביז ער איז אַהער קײַן מאָסקווע געקומען, ביז ער האט דורכגעמאַכט, וואס געדאַרפט דורכמאַכן, און איצט, נאָכן ענ־דיקן, ווערט קיין אבכאַזיע צוריק געשיקט אף פּאַרטיי־אדמיניסטראַט־ווּ־ארבעט.

איך האַלט זיך אָפּ פון מיט איבעריק פיל סטודענטן זיך באַקענען און זייערע ביאָגראַפיעס אויספרעגן. ס׳איז א באַזונדער ארבעט, און ווער עס וואָלט דאס געטאָן, וואלט זיכער באלױנט געוואָרן, אבער דאס פאָדערט פיל צײַט.

איך זיך און לייען אַראָפּ די נישטדערציילטע ביאָגראַפיעס פון די פּענעמער.

אָט שטייט פאַר מיר א פאַרשוין, נאָך א יונג באשעפעניש, פאַר די צוואַנציקער, ווײַזט אויס, דאס גאַנצע פּאָנעם איין פלאַך, א פלעצל. די אויגן, די נאָז דאס מויל—אף איין גלאט ברעטל ווי אָנגעמאָלט.

— פון וואס פאַר א ווילדעניש — ווער ווייסט? פון וואס פאַר א שטאַם—ווער קאָן זיך אָנגעדענקען?

איך זע אים, ווי ער קוקט אַפן עלעקטרישן לעמפּל, און כאָטש ער איז, ווײַזט אויס, שוין דאָ נישט פון ערשט, דאָך כידעשט עס אים נאָך אַדאַיעם, ביז ווילד זיך פאַרקוקן דערויף. ער האָט אין זײַן היים זיכער ניט געזען אַזוינס. איך זע אים — אַזויווי ער קוקט איצט אַפן לעמפּל, אַזוי פאַרקוקט זיך און צילט זיך אין אַ כאַיעלע, אין אַ פויגל באַ זיך אינדר'היים, אין האַנט נאָך אַ פּרימיטיוון פײַלנבויגן האָבנדיק.

איר זעט דאָרט פּישער באַם פּישפּאַנג, וואַלד־יעגער באַם געיעג; מע ווײנט אין יורטעס, מע פאָרט אַף הירשן, מע זעט אָפּט און צו לאַנג אין לאַנגע טעג די זון, מע זעט ווייניק, צו קורץ, אין געציילטע כאַדאָשים אין יאָר נאָר די זון. און די אָרעמקע נאַטור, די פאַרשיידענע קלימאַטן האָבן די פאַרשיידענע פעלקער געהאָלפן זיך אויספורעמען און זייערע כאַראַקטעריסטישע געזיכט־שטריכן זיי צוגעגעבן.

אָט שטייט אַ מאָנגאָל. זײַן מעובערעסע מאַמע האָט זיך, אין בויך אים האָבנדיק, איינמאָל אין אַ שטיל־טרויעריקן אָוונט אַפן מאָנגאָלישן סטעפּ אַף דער לעוואָנע שטאַרק פאַרקוקט, און ס'איז אַרויס איר זון — אַ לעוואָנע, מיט אַ פּאָנעם פון אַ ספינקס, מעכטיק און טויטלעך.

כ'בין שפּעטער אַביסל מיט אָט דעם גאַנצן אוילעם, מיט היפּשע עטלעכע הונדערט זייערע אין טעאַטער־זאַל אַף אַ פאָרשטעלונג געזעסן, און בעייס אַן איבעררײַס האָב זיך צו אָט דעם ווילדן געווימל, צו די פאַרשיידענע לעשוינעס צוגעהערט.

איך האָב געהערט, ווי מע רעדט פון בויך, מע רעדט פון גאָרגל, פון קאָפּ און מיט אַ קוויטשיקל, און ס'האָט מיר געדאַכט, אַז איך געפין זיך אין אַ ספּעציעלן סאָרט מענטשן־צוכט־הויז, פון אַ סאָרט, וואָס איז ביז אַהער אַף אַ גוואַלדיק־נידעריקער קולטור־שטופּע געשטאַנען, און איצט, האָט מיר ווײַטער געדאַכט, האָב זיי אַלע ווי אין איין גלײַכער ריי געזען אויסגעשטעלט, צו צוויי, דרײַ, צו פיר אין אַ ריי, און באַ יעדערן אַ לאַמטערן אין האַנט, און אַלע אָט די מיזרעך־קינדער, קינדער פון ליכטיקן און ביז אַהער אַזוי פינצטערן מיזרעך, טראָגן ליכט און אָנגעצונדענע לאַמטערנס אַהין.

דאָס איז דאָס אויסערלעכע, וואָס ס'האָט מיר געדאַכט און איך האָב געזען. וועגן די פּאָליטישע צילן און אויפגאַבן אָבער, וואָס דער אוניווערסיטעט פאַר די אַרבעטנדיקע פון מיזרעך האָט זיך

געשטעלט און פירט זיי אין לעבן דורך, שווייַג איך און לאָז אַן אַנדערן ריידן:

...„דער אוניווערסיטעט פאַרייניקט פאָרשטייער נישט ווייניקער פון 50 נאַציאָנאַליטעטן און עטנאָגראַפישע גרופּעס פון מיזרעך. די צוהערער פונעם אוניווערסיטעט זיינען אַלע זין פון מיזרעך. צווישן די צוהערער פונעם אוניווערסיטעט זיינען פאַראַן צוויי הויפּט־גרופּעס, וואס שטעלן פאָר צוויי לאַכלוטן פאַרשיידענע אַנטוויקלונג־באַדינגונגען. די ערשטע גרופּע—דאס זיינען מענטשן, וואס זייַנען געקומען צו פאָרן צו אונדז פונעם ראַטן־מיזרעך, פון יענע לענדער, ווו די בורזשואַזע מאַכט עקזיסטירט שוין נישט מער, דער אימפּעריאַליסטישער יאָך איז אַראָפּגעשלייַדערט און בײַ דער מאַכט שטייען די אַרבעטער. די צווייטע גרופּע צוהערער זיינען מענטשן, וואָס זייַנען געקומען צו אונדז צו פאָרן פון די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, פון יענע לענדער, ווו ס'הערשט נאך אויך איצט דער קאַפּיטאַליזם, ווו דער יאָך פונעם אימפּעריאַליזם איז נאָך אין קראַפט, און ווו מע דאַרף די אומאָפּהענגיקייט ערשט דערקעמפן, אַרויסטרייַבן וואָן די אימפּעריאַליסטן.

אָט מיט דעם טאַקע דערקלערט זיך, וואס דער אוניווערסיטעט שטייט מיט איין פוס אַפן סאָוועטישן באָדן, און מיטן צווייטן—אַפן באָדן פון קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער.

פונדאַנען אויך די צוויי ליניעס אין דער טעטיקייט פונעם אוניווערסיטעט: איין ליניע, וואס דאַרף שאַפן קאַדרען, וועלכע זאָלן קאָנען באַדינען די נויטן פון די סאָוועטישע מיזרעך־רעפּובליקן, און די צווייטע ליניע, וואס דאַרף שאַפן קאַדרען, וועלכע דאַרפן קאָנען באַדינען די רעוואָליוציאָנערע באַדערפענישן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער פון מיזרעך.

פונדאַנען אויך דרינגען אַרויס די צוויי־אַרטן אויפגאַבעס, וואס שטייען פאַרן אוניווערסיטעט פאַר די אַרבעטנדיקע פון מיזרעך” (פון סטאַלינס רעדע אף דער פאַרזאַמלונג פון סטודענטן פון קוטוו דעם 18־טן מיי 1925).

— נישקאָשע פון אויפגאַבעס, נישקאָשע פון באַדערפענישן און נויטן און נישקאָשע פון קאַדרען, וואס דאַרפן פאַר אָט די באַדערפענישן געשאַפן ווערן—וועל איך פון מיין זייַט נאָר צוגעבן און דערמיט וועגן קוטוו זיך באַנוגענען.

* * *

און אַט בין איך אין צעדעקאַ.

שוין צו דעם געביי פון דרויסן צוגייענדיק, זעט איר, אז דאס הויז איז ניט קיין נייס. איצט בויט מען ניט אזוינע. ס'איז ניט דער סטיל און ניט די ארכיטעקטור פון אונדזער עפּאָכע. יאָ, דאס הויז איז פון אַלטע צייטן געבליבן און לעצטנס נאָר באַנייט און רעסטאַווירט געוואָרן.

ווירקלעך: אַמאָל איז דאָ געווען דער אינסטיטוט פאַר ווילדערצויגענע פּרוילנס, דער אינסטיטוט פאַר בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע טעכטערלעך, וואס האבן דאָרט געלערנט און זיך דערצויגן צו ליבע, כאַסענע און צו אַדעליקע מאַנירן און מייסים־טויווים.

איר געדענקט יענע אינסטיטוטן?

טאָמיד אָפּגעזונדערטע, מעריסטן אין ווייט־שטאָטישע גאַסן, אין סעדער פּאַרוקטע, און מיט הויכלעכע פּאַרקנס ארומגענומען.

אינדערפרי האט מען דאָרט פרומע געבעט־געזאַנגען געהערט. אַפּדערנאַכט, פאַרן שלאָפן לייגן זיך — דאַסזעלבע, און אז די דינערשאַפט און די קלאַסן־דאַמעס זיינען שוין געשלאָפן, האט מען אין לעוואָנע־נעכט געקאָנט זען, ווי פאַר די פענצטער באַ די אונטערשטע עטאַזשן גרופּעס יונגע און עלטערע קאַדעטן, פּאָרוטשיקעס און אָפיצערן וואַרטן — די פענצטער עפענען זיך שטיל, און יעדער פאַר געזונטע אָרעמס פון אַן אונטנשטייענדיקן אָפיצער כאַפּט אוף א מיידל, וואס פליט און פאַלט צו אים מיטן גאַנצן לייב־און לעבן א לעבעדיקע מעציע פון זויבן.

ס'איז דאָרט לייטיש־שטיל געווען און פרומע זיטן...

אַ היפּשע פּאַר מיליאָן האט איצט דער מעלוכע אָפּגעקאָסט דאס הויז צו די נייע באַדערפענישן צוצופּאַסן, דאס אין א קאָמאַנדיר־און אַרמייער־קלוב צו פאַרוואַנדלען.

איצט איז דאָס הויז גאָר צו עפּעס אַנדערש באַרופן. קיינע טפילעס הערן זיך ניט פונדאָרטן, קיינע לייטישע טעכטערלעך דערציען זיך ניט דאָרט, נאָר ביז הונדערט טויזנט פּאָר פיס און שטיוול טרעטן יעדן כוידעש די שוועל אַריבער, און דאָך, וואס פאַר א שטילקייט, וואס פאַר אַן אומגעווייגלעכע זויבערקייט, וואס איז זעלטן־ווו צו טרעפן אזוינע, טרעפט איר דאָרט.

דעם טאָן, ווי צו האַלטן זיך און ווי צו פירן זיך אין אָט דער גע־בײַדע, פאַרגיט אײַך שוין די ערשטע סטעזשקע, אַף וועלכער איר טרעט אַרויף, אין קאָרידאָר אָנקומענדיק און די דרויסנטיר נאָך זיך פאַרמאַכנדיק. דעם טאָן פאַרגיט מען אײַך, ווען מע נעמט בײַ אײַך בײַם גאַרדעראָב דאָס אויבערשטע אָנטאָן צו.

ס'איז בײַלד שוין דער ערנסט אַף אײַער פּנים, דער אָפּשיי פאַר אַן אַנשטאַלט, וואָס נאָך פאַר אײַער אהין אַרײַנגיין, ווייסט איר שוין זיין ווערט און וויכטיקייט.

איר גייט אַרײַן צוערשט אין רויטאַרמייִשן מוזיי.

איך מוז גלײַך פאַרויס זאָגן: אָט דער קלענער, פון עטלעכע צימערן באַשטייענדיקער און נישט קיין איבעריק סאַך עקספּאָנאַטן־פאַר־מאָגנ־דיקער מוזיי, האט אַף מיר מער איינדרוק געמאַכט, ווי די פיל רײַכערע בירגער־קריג־אָפּטיילונג פון דעם אַלעמען אין מאָסקווע באַוווּסטן גרויסן „מוזיי פון רעוואָליוציע". ער איז באַזונדערס ציכטיק צוגעקליבן, מיט א געניטער און קינסטלעריש־שפּאָרעוודיקער האַנט אויסגעשטעלט, און מיט גרויס קענטעניש און געשמאַק סיסטעמאַטיזירט און אויסגעקאַטאַלאָ־גיזירט.

ס'איז דאָרט באַזונדער שטיל און זויבער. דאָרט—די נאָך אַזוי יונגע, רויע רויטאַרמייִשע געשיכטע, וואָס דערווײַל זײַנען אירע ערשטע בלעט־לעך נאָר געגעבן, און וואָס איר גרויסע און ווײַטער־קומענדיקע געשיכטע דאַרף ערשט געשריבן און געגעבן ווערן.

יאָ, דאָס ווײַטערדיקע—ווײַטער... דאָס אָבער, וואָס ס'איז ש ו י ן דאָ גע־געבן, איז שוין גענוג אײַך מיט גרויסן דרעכערעץ, מיט באַוווּנדערונג אָנצופילן.

איר גייט פון צימער צו צימער. איר זעט די פּרימיטיווע און מיט שטריק־לעך־געבונדענע, קימאַט קינדער־ביקסלעך פון די סיבירער פּאַרטיזאַנער, און איר טראַכט: אָט מיט דעם און אָט אַזוי איז א טייל רעוואָליוציאָנער פויערטום אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן א רעגולירער אַרמיי, לויטן לעצטן וואָרט מיליטערישער קונסט־טעכניק עקיפּירט און אויסגעשטאַט, געשטיצט פון די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע רויבער,—מיט געלט, מיט וואָפן און אַמוניציע, מיט געלערנטע אָפיצערן און געגשטאַביסטן. און זיי, די אָרעמפויערים, מיט הוילע הענט קימאַט, מיט פּרימיטיוו געווער און מיט

הוילן נאָר ענטוזיאַזם פאַר דער רעוואָליוציע־זאַך און מיט ברענענדיקער סינע צו זייערע דוירעסדיקע אונטערדריקער — און יענע זיינע געשלאָגן, און אָט די קינדער־ביקסלעך, די מיט גראָבע שטריקלעך געבונדענע, זיינען אײדעס.

זיי ליגן איצט אונטער גלאָז און שווייגן. א קליין מוזיי־נומערל נאָר אָנגעקלעפּט אַף זיי... ס'זעט אויס — א קליין גוירל־נומערל, אָבער וואס פאַר א גרויס געווינס דאָס האט געוווּנען.

נישט ווייט און אַנטקעגן אָט די ביקסלעך מיט די שטריקלעך, קאָנט איר זען: איבער דער גאַנצער גרייס פון צימער, א מעכטיק־פינקלענדיקן נייסט־סיסטעמישן האַרמאַט, וואס יענע, וואס האבן די ביקסלעך געהאַלטן, האָבן באַם געזונט־באַוואָפנטן סוינע געפאַנגען גענומען.

איר גייט ווייטער. איינע א וואַנט פון איינעם א צימער באַווייזט אייך דאס אַכזאָריעס פון סוינע, וויאַזוי ער האט זיך מיט יענע, וואס האבן זיך צו אים אין די הענט אריינגעפאַקט, צערעכנט.

אָט זעט איר... א הענטשקע, אן אַראָפּגעשונדענע הויט מיט נעגל פון א האַנט פון א רויטאַרמייער.

דאָס זיינען זיך אזוי באַגאַנגען די ברידער און די זין פון די וויל־דערצויגענע אדעליקע און בורזשואזע טעכטער, וואס האבן זיך אמאָל טאַקע אין אָט די ווענט פון צעדעקאַ צו איידעלע זיטן דערצויגן...

און אט האט איר א בלעטל פון אוקראַינישער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער וואנדייע. מאַכנאָ־עפּאָפּייע... אַף די ווענט פאָטאָגראַפיעס פון געהאַרגעטע און איבערגעקוילעטע רויטאַרמייער, קאָמוניסטן, פאָטאָגראַפיע־בילדער פון אופגעריסענע בריקן, איבערגעקערטע צוגן.

און אָט אינמיטן שטוב א טאַטשאַנקע, וואס אַף איר, אָדער אַף אן ענלעכער אַף איר, איז מאַכנאָ, אמאָל א פאַרשטעלטער אין א דיאַק מיט א צעפּל, אָדער אמאָל אין א קאַלע־מויד, מיט א גירליאַנדע צו דער כופּע פאָרנדיקער, דורך די, וואס האבן געטשאַטעוועט אַף אים, דורכגעפאָרן.

און אָט האָט איר אייך דעם קאַמף מיט די באַסמאַטשן, אַזש אַף דער אפגאַניסטאַנישער גרענעץ. זעט די פּענעמער פון די באַסמאַטשן און זעט יענע, וואס האבן די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע רויבערישע מאַכט, וואס אַף אונדזער ווייטסטן עק־לאַנד געצאמט — די רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן.

זעט אויך די לעצטע שלאַכט אפן ווײַטן מיזרעך פאַר דער מאַנד־זשורער אײַזנבאַן... און קוקט אויך אף די רויטאַרמייער און קאָמאַנ־דירן, וואָס גייען מיט אײַך איצט אין יענע מוזיי־צימערן ארום און באַ־קוקן אָט די אַלע עקספּאָנאַטן. זעט דעם ערנסט אף זייערע פּנעמער, ווי יעדע דעטאַל זיי באקוקן, נעמען אין זיך דאס אלץ שטיל אריין, און וואס פאר א זעלטענע שטיק שול דאס איז פאַר זיי.

קוקט אף זיי: ווײַל ס׳שטייט זיי נאָך פיל פאָר... און פאר זייערע קינפטיקע טאַטן וועלן שוין די קליינע צימערלעך פון אָט דעם מוזיי צו ענג זיין און געוויס פיל מער און גרעסערע פאָדערן...

ס׳פירט מיך איבערן צעדעקאַ א דאָרטיקער, א יונגער מענטש נאָך, אָבער שוין מיט דרײַ ראָמבן, לערנט זיך אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע, ענדיקט זי באַלד, איז מיליטעריש און אלגעמיין געבילדעט.

ער שטאָלצירט מיט דעם, וואס ער באַווײַזט מיר. איך הער פון אים ציפערן: וויפל דאס געבײַ האָט אָפגעקאָסט, וויפל מענטשן גייען דא דורך, וויפל לערנען זיך, לייענען, און איך פאַרגעדענק ניט.

— ס׳איז דער גרעסטער מיליטער־קלוב אינדערוועלט—און דאס פאר־געדענק איך שוין דאַפקע יאָ. כ׳בין זיכער, אז דאס איז געוויס ניט איבערגעטריבן. ס׳איז אויך דער אויסטערלישסטער אינדערוועלט. ס׳איז ניט דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער, אַמאָל באַוווסטער אָפיצערן־קלוב פאר קאָרטנשפילן, פאַר זויפן פאַר די אָפיצערן, און ווו סאָלדאטן זײַנען באַ די טירן און הינטער די קאָרטנשפילערס פלייצעס געשטאַנען, אף באַדינען און אף די הערן אָפיצערנס מינדסטן באַפויל אויסצופילן. ניין. דאָ זײַנען נישט קיין הערן־אָפיצערן, נאָר כאַוויירים־קאָמאַנדירן, כאַ־ווײרים־רויטאַרמייער. ראנגען, סובארבינאַציע, דיסציפלין בעיס דער דינסט—יאָ, אָבער דאָ, אין קלוב, זײַנען אַלע גלײַכע, אַלע כאַוויירים. דער קאָמאַנדיר און רויטארמייער אין איין זאַל באַ איין בופעט, אף די־זעלבע גלײַכע פלעצער אין דאָרטיקן טעאטער, אין איין לייענזאַל באַם לייענען, אין דיזעלבע צימערן באַ פאַרשיידענע מיליטער־געגנשטאַנדן פאַר יעדן, וואס וויל צום שטודירן.

מיין פירער פירט מיך איבער אָט די צימערן, איבער דער לענג פון די קאָרידאָרן פון אונטערשטן און אייבערשטן עטאַזש, איבער יענע צימערן, וואס יעדע טיר איז אקוראַט פאַרמאַכט, אייניקע געשלאָסן, און מײַן פירער בעט א באַדינטן, זאָל זיי פאַר אונדז עפענען.

די נײַסטע סיסטעמעס געווער, פארשיידענע קאַליבערן קוילנוואַרפערס, האַרמאַטן, ביקסן, אעראָפּלאַנען, וואס א נישט־געניטער פאַרשטייט אין דעם ווייניק, אָבער קאָמאַנדירן און רויטאַרמייער קומען אַהין, אין אָט די נײַסטע סיסטעמעס און קאָנסטרוקציעס זיך אײַנצוקוקן און זיי צו דערלערנען.

די צימערן זײַנען פול, יעדער צימער — א מוזיי־זאַלעכל, זויבער צוגעקליבן, און די, וואס גייען אין די קאָרידאָרן, גייען שטיל, קעדיי די, וואס געפינען זיך אין די צימערן, נישט צו שטערן.

אויסער די שטודיום־צימערן פאַר ספּעציעלע מיליטער־זאַכן, אויך אַזוי צימערן אַף פאַרשיידענע לימודים.

אָט זײַנען מיר אַפן צווייטן עטאַזש. מיר גייען אפן שטילן טעפּיך פון קאָרידאָר. מײַן פירער עפנט א טיר פון איינעם א צימער. — א גרופּע רויטארמייער. עפּעס אײַנער לייענט פאר זיי. די רויטארמייער זײַנען אַזוי פאַרנומען מיטן לימעד, אז זיי פילן אונדזער שטילן ארײַנגיין ניט. פּענעמער בײַ זיי, ווי בײַ מענטשן, וואס זיצן אַף א ספּיריטישן סעאַנס, אַזוי פאַרכאַפּט, אזוי פאַרשלונגען, און בײַ אייניקע אזוי אָנגעשטרענגט פון הערן, אז ס'דאכט אײַך, אז באַלד וועלן זיי פּלאַצן פון אָנשטרענגונג.

מיר גייען צוריק ארויס. רויטארמייער הערן אויך ניט אונדזער ארויסגיין.

מיר קומען דערנאָך אין איינער א לייענזאַל ארײַן. ס'איז דארט אַזאַ ליכטיקע שטילקייט, אזאַ קולטור־לופט, אז כ'האב דערפילט, אז די פיס האַקן זיך מיר אונטער פון דערעכערעץ. נישט פון ווייניקער דערעכערעץ, וואס כ'האָב געפילט דאס ערשטע מאָל, ווען איך בין איינמאָל א באַטאָג אין דער גרויסער, אָנפענצטערדיקער לייענזאַל פון דער בערלינער „שטאט־ביבליאָטעק” געקומען. אָן פענצטער — דער שטאָט־און גאַסן־ראש זאל אהין ניט ארײַנדערלאַנגען, באטאָג עלעקטריש באַלויכטן, יעדער בײַ זײַן לאָמפּ מיטן גרינעם אבאזשור, און די זאַל איז א גרויסע, רונדע, אויבן פענצטער, און נאָר קעפּ און האלבע מענטשן־קערפּער איבער ביכער באלויכטן זיצנדיק צו זען.

כ׳האָב אויך דאָ, זאָג איך, נישט ווייניקער דערעכערעץ, ווי דאָרט, געפֿילט.

איך האָב עס מײַן פֿירער געזאָגט. כ׳האָב אים אויך געזאָגט, אַז ווען כ׳וואָלט געקאָנט איצט, אינאווּנט, פֿון אַ בערלין, אָדער פּאַריז א פּאָר ווייסגוואַרדייער אַראָפּבּרענגען, אַ פּאָר פֿון אונדזערע פֿאַרביסנסטע שׂונאים, קאַפּיטאַליסטישע קנעכט און פּרעטאָריאַנצעס, וואָס דינען דער־ווײַל (ביז מע וועט זיי אױף זייער אייגנטלעכן באַרוף רופֿן אין דאָרפֿן) אַלס קעלנער, זינגער, שפּילער, באַלאַלײַעטשניקעס אין די ביליקע זנוס־שענקלעך און קאַבאַרעען, כ׳וואָלט אַ פּאָר אַזוינע, האָב איך געזאָגט, פֿאַר די טשובעס אַרויסגעכאַפּט און אַהער אין אָט דעם לייענזאַל אַרײַנגעשטעלט, און איך בין זיכער, האָב איך געזאָגט, אַז ווען זיי וואָלטן זיך פֿלוצלונג דאָ דערזען און געטראָפֿן, פֿון יענער שאַנד־לאַגע אױף אַ ווײַלע באַפֿרײַט, און וואָלטן אָט מיט דעם זויבערסטן, ליכטיקן און ציכטיקן אָטעם אַן אָטעם געטאָן; ווען זיי וואָלטן אױף אַ ווײַלע אויך אױף אָט דעם אונדזעריקן רויטאַרמייִשן און קאָמאַנדירן־אוילעם נאָר אַ קוק געטאָן, וואָלטן זיי זיך,—אויב נאָר אַ לעצטער מענטשלעכער פֿונק פֿון געוויסן האָט זיך נאָך בײַ זיי ניט אויסגעלאָשן,— זיך פֿאַר ווייטיק צעוויינט.

כ׳האָב בעיס־מעשׂה דאָס זאָגנדיק אַליין טאַקע אױף מײַן פֿירער אַ קוק געטאָן אין האָב זיך דערמאָנט: וואָס פֿון זיי דאָרט איז געוואָרן, און וואָס דאָ בײַ אונדז פֿון מענטשן ווערט.

כ׳האָב געזען מײַן פֿירער בײַ זיך אינדר׳היים איבער מיליטערישע ביכער און קאַרטעס, שווער האָרעוועדיק און פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבן פֿאַר זײַן אַקאַדעמיע לייזנדיק. כ׳האָב זיך זײַן ביאָגראַפֿיע דערמאָנט. זי איז מיר גוט באַקאַנט. כ׳וואָלט געקאָנט דערציילן אַליין פֿון אים, אויך פֿון זײַנע עלטערן און עלטערנס־עלטערן, ווי ווײַט זיי אַלע זײַנען געווען, און וואָלטן אויך ווײַטער, בײַם אַלטן צאַרישן רעזשים, ווײַט געבליבן פֿון אַלעם דעם, וואָס רופֿט זיך מיליטער־זאַך. כ׳וואָלט דערציילט פֿון זייער שטאַנד, שאָפֿעלער רעכט־לאַגע, וואָס ווער האָט זיך אױף אַזוינע גאָר אומגעקוקט, ווער וואָלט אַזוינע אַפֿילו נאָר אױף די הויכע טרעפּ פֿון אַמאָליקן הויכן אַנשטאַלט אַרויפֿטרעטן געלאָזט, און ווער שמועסט נאָך—אין ראַנגען שטײַגן, ווער שמועסט—זיך לערנען, פֿײַקייטן אַרויס־

וויַיזן, און דערנאָך הויכע פּאָסטנס צווישן די פּריווילעגירטע קאַסטעס מיליטער־דינער פאַרנעמען.

און אָט איצט שטייט ער פאַר מיר, מיין פירער, איינער פון אסאך, איינער קימאַט פון אלע אזוינע זיין גליַיכן, שאָפּעלער און רעכטלאָזער־שטאַנד געוועזענער, אין זיַין פּאָשעטן מונדיר געשפּיליעט, נאָך אין די יינגסטע יאָרן, אָבער שוין מיט גרויסע אויסצייכענונגען. און זיין וועג פאר אים עפנט זיך ערשט, און ווער ווייסט אים זיין וויַיטער־גאנג פאַרשטעלן.

— איז אדרבא, — האב איך זיך, אף מיַין פירער קוקנדיק, געטראַכט, — זאָלן זיי קומען אהער יענע, די אמאָליקע פּריווילעגירטע פון הויכן שטאַנד, יענע אַקסלבאַנדיקע און מיט גאָלד־עפּאלעטן, און איצט — קעלנער, באלאליַיעטשניקעס און קאבאַרעיִשע אוויירע־מעקלער, און לאָזן זיי זען: צי אָט די אלע, וואס האבן זייער אָרט אין לאנד, אין בארוף און אין דער געשיכטע געיארשנט, צי האבן זיי ניט מיט רעכט געיארשנט, צי האבן זיי ניט זייער בארוף מיט מער וויסן און מער געוויסן דערהויבן, צי „טראָגן” זיי ניט דעם פון יענע אַזוי באַרימטן „מונדיר” מיט מער ערע און מער מעסירעסנעפּעש, און צי האבן זיי אים ניט מער די ווערט צו „טראָגן”?

און איך האב זיך דערמאָנט: אין בערלין, אין איינעם א רוסישן וויסגוואַרדעיִשן רעסטאָראַן „מעדוויעד” האט מען מיר אָנגעוויזן אף די, וואָס באַטאָג ארבעטן זיי און דינען, אַדאַנק זייערע שיינע, הויכע און אויסגעכאָוועטע אָפיצערישע פיגורן, אין דייטשישן פילם אַלס סטאַטיסטן, און באַנאַכט באַדינען זיי אין די רעסטאָראַנען, וויַיל דאָס באטאָגיקע פאַרדינסט קלעקט ניט.

מע האט מיר אף איינעם, פון א פירשט־פאַמיליע שטאַמענדיקן פאַר־שוין, א וווּנק געטאָן, א הויכער שטאַב־אָפיצער געוועזענער. ס'איז אין זיַין פיגור און מאַניערן גליַיך זיין שטאַם טאַקע ארויסצוזען. און אָט האָט ער א ביליקע פּאָר, איינעם א פאַרשוין מיט א גאַסנפרוי, באַ איינעם א רעסטאָראַן־טיש באַדינט — מיטן סערוועטל, מיטן כּארנויג און מיטן האַק־פּאַק קעלנער־קולטור און צו דינסט־גרייטקייט...

כ'האב זיך, דאס דערמאָנענדיק, איצט אף מיַין פירער א קוק געטאָן און זיך געטראַכט: ניין, דער וועט שוין קיין סטאַטיסט ניט זיַין און

קיין בילּיקער גאַסנמיידן־באַדינער שוין קיינמאָל. ער קאָן עס ניט זײַן! ווער ס׳האָט קנעכטשאַפט קולטיווירט, איז קנעכטשאַפט זיין פּאַרנאָסע, און ווער ס׳האט זיך באַפרייט פון דעם, קאָן קיינמאָל שענדלעך שוין ניט פאַלן.

כ׳האב דערנאָך לאַנג, נאָכן פאַרלאָזן דעם צעדעקאַ, מיט מײַן פירער איבער די מאָסקווער נאַכטישע גאַסן געשפּאַצירט.

ס׳איז שוין שטיל געווען און קיין באַוועגונג. מײַן פירער, דער יונגער קאָמאנדיר, האט מיר, גייענדיק, זיין יונגע געשיכטע דערציילט, וואס ער האט פאר די ווייניקע פערצן יאָר רעוואָליוציע דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט.

ס׳איז איינע פון יענע ווונדערלעכע עפּאָפּייעס, וואס אונדזער לאַנד איז אזוי רײַך מיט זיי, און וואס ערגעץ אַנדערש האט מען פון אזוינס קיין אַנונג, דעריקער—ווײַל אָט די געשיכטע־מענטשן זײַנען נישט נאָר קיין אָביעקטן פון זייערע געשיכטעס, נישט נאָר קיין קעפּ, וואס פאַר־שיידענע טרעפּעניש זײַנען אף זיי איבערגעגאַנגען און זיי האבן זיך פאר די טרעפּענישן געבויגן און געלאָזט זיי איבערגיין, ניין! דאס זײַנען סוביעקטן פון געשיכטע: זיי האבן אליין די געשעענישן, וואס זײַנען מיט זיי געשען, געמאַכט געשען, און פאַר די טרעפּענישן האבן נישט די קעפּ געבויגן, נאָר פון די טרעפּענישן האבן זיך טאָמיד און אומעטום אין אלע שווערסטע און געפערלעכסטע לאַגעס, זייערע קעפּ ארויסגעזען, ווען אפילע, לויט דער לאַגע, האבן זיי באדאַרפט ארײַנצין, און אפילע, ווען לויט דער לאַגע, איז ניט איינמאָל אזא קאָפּ, איבער איבעריקער דרייסטקייט און איבער נישט וועלן זיך ארײַנצין און באַהאַלטן, פון די אַקסל געפלויגן.

ער האָט מיר דערציילט, ווי אין דעם און דעם יאָר האט ער אף איינער א לאַנדגרענעץ אונדזערער געארבעט, און מיט וועמען ס׳איז אים דארט ארויסגעקומען צו קעמפן. וואס פאַר א צאַפּלענדיקע און שטענדיק־אייביקע געפאַר! און ווי פּראָסט דאס ווערט דערציילט—קיין באַרימערײַ, קיין פוסטע אמאָליקע אָפיצערישע און סאָלדאפאנישע גײַוועס און די ברוסט־אויסטשייקלען און ארויסשטעלן, נאָר פּאָשעט, באַשיידן, און דעריקער, פילט זיך, אז דער שווערד־באַרוף איז נישט קיין אידעאל, נישט קיין קאַסטע־זאַך, צוליב אייביקע קאסטע־אינטערעסן צו פּאַרטײַ־

דיקן, נישט קײן זעלבסט־ציל, נאָר א מיטל, א זאַך, וואס דינט און איז אונטערגעוואָרפן אַן אידעאל.

ס׳איז שוין שטאַרק שטיל און שפּעט געווען אף די מאָסקווער גאַסן. איך האב געקוקט אף אים, און אין דערזעלבער צײַט זײַנען מיר פאר די אויגן בילדער געשטאַנען פון יענע, וואס שטייען איצט, אויך שפּעט באַנאַכט, אין די בערלינער און אין פּאַריזשער גאַסן, און רוקן אין די הענט פון פּארשפּעטיקטע דורכגייער געדרוקטע קאַרטלעך מיט אדרעסן פון נאַכטלאָקאַלן און, קלוימערשט פון פּאָליציי־פארבאָטענע, זוּוס־הײַזלעך, קעלערלעך און סאַלאָנען.

איר קאָנט זיי דאָרט אויך זען, יענע, מיט ביליקע קאַבאַרע־נומערן ארויסטרעטן, א דאָרטיקן שיקערן אוילעם פארווײַלנדיק—פּאַיאַציש־נאַציאָנאַל געקליידט, קאָזאקן־בורקעס, פּאפּאכעס, טשערקעסן־שמוק, טשוואשן־שטיוועלעך און מיט אָט דעם געמײן־געצאַצקעטן „קלים־בים״ רופן בא די צושויער עקזאָטיש־שלעפערישן ראַכמאָנעס ארויס.

— אַך,—האב איך געטראַכט,—וואָלטן זיי געקומען, וואָלטן זיי זיך מיט אזאַ איינעם, ווי איך מיט מײַן פירער איצט, באַגעגנט, א מעסט טאָן זיך מיט אים, זייער לאַגע און זײַנע, זייערע פּערספּעקטיוון און אָרט־פּאַרנעם אין דער געזעלשאַפט, און זיינע, זייער יערידע און צעפוירלונג, און זיין וווּקס און אינטעליגענץ,—וואָלטן זיי אט דאָ, אין די מאָסקווער באַנאַכטיקע שטילע גאַסן, איצט געוויס צו א וואַנט זיך צוגעשפּאַרט און שטיל פון האָפענונגלאָזיקייט און פארצווייפלונג געוויינט, געוויינט.

4. צוויי באַגעגענישן

1

זײַענדיק אין מאָסקווע און זעענדיק די אויסלענדישע געסט און דע־לעגאַציעס, וואס קומען צו אונדז אף א ווײַלע, און די פיל ספּעצן־אַרבעטער, טעכניקער, אינזשעניערן, וואס קומען אף לאַנג, לענגער, אף באַזעצן זיך און אף אין לאַנד צו בלײַבן, האבן זיך מיר דערמאָנט די „בעהאָלע״־יאָרן פון 1920-21, ווען מע פלעגט פון אונדז וועלן לויפן—און טאַקע לויפן.

ס׳האט זיך מיר דערמאַנט א געוויסער טייל פאַרשוינען, וואס פון קינע צו יענע גליקלעכע, וואס האבן באַקומען אויסרייזע־וויזעס קיין אויסלאַנד, זיינען נעכט ניט געשלאָפן.

ס׳האבן זיך מיר דערמאַנט פארשוינען, וואס דאס וואָרט „אויסלאַנד״ האט באַ זיי געקלונגען, ווי אויסלייזונג,—אַזוי בא א געוויסן טייל קלוי־מערשט „בעסערע״ אינטעליגענץ, אזוי באַ ערגערע, און אזוי גאָר באַם אָפּפאַל.

ס׳דערמאָנען זיך מיר (און אַך, ווי איך וואָלט געוואלט דערפון דער־ציילן באַאריכעס, נאר דאס אָרט דערלויבט מיר ניט, און איך מאַך דאס בעקיצער) א פּאָר בילעקער סאָרט זשורנאַליסטלעך, איינער „נאקריש״ מיטן נאָמען, דער צווייטער, לאָמיר זאָגן,—אקאוויעוועער.

ביידע ליידיקגייער, ביידע אומזיסט־עסער, ביידע ציניקער און שווינד־לער. דער ערשטער האט געשווינדלט, אבער האט די אויגן פארשטעלט און געלאַכט נאר זיך אין בוזעם, דער צווייטער—געשווינדלט און האט דעם באשווינדלטן נאָך גלײַך אין די אויגן געקוקט.

ביידע נידעריטקשע, קליינינקע, שווארצינקע און באַ ביידע די אויגן קאַליע.

כ'דערמאָן זיך: ס'איז א יאָנטעוו־אָוונט לעקאָוועד איינער א רעוואָ־ליוציאָנערער געשעעניש. איינער אַן אנשטאַלט האט איינגעאָרדנט א „קיבעד" לעקאָוועד דעם יאָנטעוו.

מע איז בא טישן אויסגעזעצט. דאס פאָרל, נאַקריש און אקאוויעווער, איז אויך דא. דאָס פאָרל זיצט צוזאַמען, האַנט באַ האנט, אַקסל באַ אַקסל. מע קוקט אַפן ארום, אפן גלויביקן פּאַרטיי־אוילעם און מע שטיקט זיך, מע טיילט זיך און מע שוטעפט זיך מיט נאר פאַר זיי פארשטענד־לעכע וויצעלעך און ווערטלעך.

מע דערלאַנגט, וואס מע פלעגט דעמאָלט דערלאַנגען יענע צייַטן, ווען ס'איז גאָרניט ניט געווען, קיין שפּייַז, קייַן פּראדוקטן,—וויניגרעט. דאס פאָרל עסט, נאָר שמייכלט און כויזעקט דערבייַ:

— סאָציאַליזם—פּראזירן זיי איבער דאס וואָרט פונעם פּירער—איז ראַטנמאַכט פליוס וויניגרעט, פליוס קאַלטע גדערעם.

מע רעדט דערבייַ, נאַטירלעך, פון אנטלויפן אהין, ווהין די אויגן, די קאַליע אויגן זייערע, וועלן טראָגן. מע דערציילט זיך וועגן דערפאָלגן און אומדערפאָלגן פון אייניקע, וואס זיי איז געלונגען, אָדער ניט גע־לונגען אין די אויטלענדישע קאָנסולאַטן פון די קליינע ראַנד־מעלוכעלעך, דורך וועלכע מע וויל (טראַנזיט, נאַטירלעך) אין די אייראָפּעס און אַמעריקעס אוועק.

כ'דערמאָן זיך, ווי נאַקרישן איז לעסאָף טאַקע געראָטן. ער האט א וויזע געקראָגן און איז אוועק. און אים האבן מיר באַשטאַטן: ער האט פיל יאָרן איבער אייראָפּעישע היפּטשטעט אלס באַלשעוויסטישער עמי־גראַנט (נעבעך!) אין די ווילדעטשיקע געזעלשאַפטן, און אויך ניט אין די ווילדעטיקע, געשנאָרעט. ביז ער האט זיך לעסאָף קיין פּאריזש צוגע־שלאָגן, און די לעצטע יאָרן, הערט מען, האט ער אין א ראטשילד־הויז, וואס איז פאר וואַנדערנדיקע פּוילישע, רומענישע און גאַליצישע שלעפּער, שנאָרער באַשטימט, זייַנע שטענדיקע קעסט געקראָגן.

דעם צווייטן, אַקאוויעווערן, אָבער, האט עס ניט געגליקט, און ער איז דאָ געבליבן. א ראַכמאָנעס! ער האט א שווערן, געוויס א שווערן וועג געמוזט דורכמאַכן: מיט די קאַליע אייגעלעך און מיט דער קרי־

כיקער נאַטור פון לאָך צו לאָך, פון שפּאַלט צו שפּאַלט צו קריכן... אָבער געווים האט זיך אויך אים אײַנגעגעבן (אזוינע גיט זיך שטענדיק איין). ער האט זיך אויך אײַנגעאָרדנט, און געווים איז ער ערגעץ אין א סאָוועטישן מאַטראַץ איצט א וואַנץ, געווים...

דאס איז געווען דעמאָלט, אין די „בעהאָלע״־יאָרן, אין 21־20, ווען מע איז פון אונדז געלאָפן. און איצט?..

—„דאס זינד זי?— האב איך פּלוצים דערהערט א קאָל צו מיר אויסרופן.

— האַ!

דאס האב איך זיך מיט איינעם א באַקאַנטן אויסלענדישן אינזשעניער באַגעגנט, וואס האט פריִער מיט עטלעכע יאָר אף איינעם א באַוווסטן דײַטשישן זאַוואָד געדינט, און איצט איז ער דאָ, דינט אין מאָסקווע.

מע האט אים שוין דעמאָלט, נאָך בעיס אָנהייב רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד, אהער גערופן, א גרויסן געהאַלט פאָרגעלייגט, אבער דעמאָלט איז נאָך די נויט ניט געווען, האט זיך אים ניט איבעריק געגלוסט, האט ער זיך אָפּגעזאָגט.

ער איז שוין ניט יונג, אין די פופציקער. בא זיך אינדר׳היים, אין זײַן שטאָט, אין זײַן געזעלשאַפט, באַוווסט אַלס פרײַדענקער, ליבעראַל. האט א יִדישע פרוי... שוין א סימען אף ליבעראַליזם.

ס׳באַזוכן זיין הויז מערסטנס דעמאָקראַטישע עלעמענטן. פון נאַציאָנאַל־שאָוויניסטן איז ער ווײַט, אום די פרוי ניט צו באַליידיקן. די קינדער—א פּאָר יונגע באָכערימלעך—שמעקן שוין דאפקע יאָ „אהין״; באַהאַלטענערהייט זיינען אפילע, דאַכט זיך, אין רעאַקציאָנערן „שטאַלהעלם״ טעטיק. ס׳וואקסט א שטיקל טראַגעדיע אין שטוב, אָבער אויסערלעך נאך פיין, צוגעדעקט.

ס׳באַזוכן אפילע זײַן שטוב אביסל שרײַבער, זשורנאַליסטן און באַהעמע פון זײַן שטאָט, אפילע מיטאַרבעטער פון דער אָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צײַטונג. יאָ. ווײַטער אָבער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גייט עס שוין ניט. דא איז א גרענעץ־באַריער. פון יענער זײַט־לייט וועט ער צו זיך ניט ארײַנלאָזן, און ער אהין וועט קיינמאָל שוין ניט קומען...

נאָר אָט איז ער יאָ געקומען.

איך געדענק, ווי צוליב איינעם א געשעפט־איניען האָב איך, מיט א פאָרשטייער פון אונדזערן א סינדיקאַט אין אויסלאַנד, אים אין זיין הויז באַזוכט. ער איז זייער העפלעך געווען: געשעפט־טרעסט, און סינ־דיקאַט־לייט פון ראַטנרוסלאַנד (אפילע) האט ער דאך אַלס אנדערע קאַטעגאָריע אויסגעטיילט: געשעפט איז דאָך ניט פּאַרטיי.

ער האט זיך מיט אונדזער פאָרשטייער, נאָך דעם ווי זיי האבן זייער איניען דערלייידיקט, צערעדט. און אזוי ווי ער האט צו רוסלאַנד אינטערעס געהאט, געלייענט און געוואלט וויסן, און איצט אַ לעבעדיקן מענטשן האבנדיק, און וואס, ווי אים האט זיך געדאכט, מעג מען צו אים צוטרוי האבן, האט ער זיך צו אים געווענדט, און נאָך לאַנגע רייד, פראַגעס און ענטפערן איז ער שוין מיט א האַלב־בייזער רעדע ארויס:

— יאַ. אלעס רעכט, „אַבער ווי דענקען זי איוע ווירטשאַפט אָהנע קרעדיטע אופשטעלן"?... צי דענקט איר בעעמעס מיט אייער נישטיקן עקספּאָרט, מיט אייערע אייער און גענדז, וואס איר קאָנט זיי ניט פּאַקן און וואס ווערן באַ אייך אין וועג פאַרפוילט און פאַרשטונקן; מיטן ביסל קישקע־הויטן, מאַקוכע; מיטן וואַלד, וואס איר האט ניט; מיטן ברויט, וואס איר פאַרמאָגט ניט און וואס איז אייך אליין ווייניק; מיטן ביסל נאַפט, וואס אז איר קומט אף אונדזער מאַרק מיט אים, רעדט זיך דער נאַפט־קאָנצערן מיט אַלע סאָכרים צונויף, און אז איר קלינגט צו זיי, ענטפערן זיי אייך: מע דאַרף ניט! איז ווי וועט איר אויסקומען, און וואָס וועט איר מאַכן אָן פינגער? איר וועט דאָך סאָפּקאָלסאָף מוזן דעם האַנדל־מאנאפּאָל אָפּשאַפן און די לאַנדס־טויערן פאַרן פרעמדן קאַפּיטאַל עפענען, און קאַפּיטאַל איז, ווי איר ווייסט, קאַפּיטאַל... קאַפּיטאַל האָט ליב באַלעבאָס צו זיין און מיט דיקטאַטור שטימט ווייניק.

און די פראַגע איז געווען א הארבע, און דער הער דייטשישער אינזשיניער איז איבערצייגט געווען, אז ער האט אונדזער פאָרשטייער געפלעפט, ווייל וויסנדיק די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־מאַשין מיט איר האַנדל און פינאַנץ סיסטעם, האט ער זיך קיין אַנדערע גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, און געזעץ, — האָט ער זיך געטראַכט — איז געזעץ, און אזוי ווי קיין ראָד דרייט זיך ניט אָן שמיר־אייל, אַזוי קיין געשעפט אָן קרעדיטן.

— טאַקע שווער,—האט אונדזער פֿאָרשטייער מין הער אינזשיניער אף אַ ווײַלע מאַסקים געווען.

— נו, איז ווי דענקט איר?

— מיר דענקען... ווי דער בער אום ווינטער. ער זויגט זיין אייגענע לאַפּע, און מיר—אונדזער אייגענע קליי: מירן זיך אַליין קרעדיטירן...

— מיט וואס?

— מיט מוט, מיט אויסהאַלט, מיט אויסדויער,—אין ביטערן מאנגל, אָבער זיכערע אין אונדזער זאך; זיכערע, אז סאָפּקאָלסאָף וועט זיך די קאַפּיטאַליסטן־וועלט מער אין אונדז, ווי מיר אין זיי, זיך נויטיקן; זיכערע, אז מירן גיכער זייער קאָנצערן־פּראָנט צערײַסן, איידער זיי אונדזער פעסטונג, וואס דענקען זי אויסהונגערן און מיט ליידיקע הענט זי נעמען.

— נא, מיר זען...

און דער הער דײַטשישער אינזשעניער האט אף אונדזער פֿאָרשטייער מיט אַ האַלב־באַדויערונג־שמייכל געקוקט, ווי א ניכטערער אף א שיקערן, אָדער אַף אַ טרוימער. און בעשאַס־מײַסע זײַנען אלע געגעבענע און אלע קימאַט הונדערט פּראָצענט פֿאַקטן און באַווײַזן אף זיין זײַט געווען, און אף אונדזערער—בעכאָל אויפֿן פאַר אן אויסלענדער—ווייניק:

אונדזער האַנדל־ביודזשעט מיט אויסלאַנד דעמאָלט נישטיק, קענטעניש און דערפֿאַרונג אין האַנדל—מינימאַלע און טרויעריקע; איז ווי דען אַנדערש האט אן אויסלענדער אף אַן אונדזעריקן דעמאָלט געקאָנט קוקן, אויב ניט, ווי אַף אַ פֿאַנטאַסט און פוסט־גלויבער?...

ס'איז דאָך פון זיי, פון אזוינע, ווי אונדזער הער אינזשעניער, טאַקע נישט געווען צו פֿאָדערן. ווײַל צו דערמאָנען זיך, אַז דאָרט, באַ זיי דעמאָלט, דער סאמער נאָכמילכאָמיקער קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער און האַנדל־אופבלי, די צײַט פון זייער אינדוסטריעלן איבערבוי און ראַציאָנאַליזאַציע, ווען אלע פֿאַבריקן און זאַוואָדן האבן אין פולער אָנלאָדונג פֿאַר זייער אייגן לאַנד־באַדאַרף און פֿאַר פיל אנדערע לענדערשע באַדארפֿן געאַרבעט; ווען דער האַפּן פון יענער שטאָט, ווו אונדזער הער אינזשעניער האָט געוווינט, האָט מיט פיל אָנקומענדיקע און אוועקגייענדיקע שיפֿן פון טויזנטדיקן און צענטויזנטדיקן טאנאַזש געווימלט: האַנדל־

באַציונגען מיט גאָר דער וועלט און מיט די פּראָוואָרפּנסטע אינדזלען און לאַנד־עקן, קרעדיטן האָבן זיך, ווי פון שעפּע־האָרן, וויפל זיי האָבן באַדאַרפט, געשאָטן, און דער מאַרק אופגעלעבט, אַרבעטער באַשעפטיקט, אַרבעטלאָזיקייט ווייניק... און אַז אַזאַ איינער, ווי אָט דער אונדזערער הער אינזשעניער, וואָס פלעגט אָפט, צוליב זיינע איניאָנים, אין יענעם האַפן קומען, ווען ער האָט אַמאָל, צווישן די אַלע ריזיקע וועלט־מעלור־כישע שיפן, א רוסישן אָרעמען, קליינטאָניק דאַמפּערל, א „בודיאָני״, אָדער אַן אַנדער ענלעכן, ווען דערזען,—א שוואַרצן, קויטיקלעכן, פליטקע, אָדער האַלב־טיפן קאַלאָש, מיטן רויט־פלאַטערדיקן, פרעמד־אויסזעענדיקן צולאָכעס־פענדל, מיט דעם קליין ביסל סכוירע, רוישטאָפן, וואָס ער האָט פון ראַטן־רוסלאַנד געבראַכט אדער מיט דעם נישטיק ביסל לאַנדווירט־שאַפטלעכע מאַשינעס, וואָס ער האָט צוריק קיין רוסלאַנד געפירט,— איז ווי האָט דאָס באַ אים אויסגענומען, אָדער אַנדערש אויסנעמען דען געקאָנט? איז ווי זאָל ער זיך אַנדערש געוועזן באַציען, אויב דען ניט ווי צו קיין אָרעמע, פאַראַקשנטע, פאַנאַטישע און פאַרוּרטיילטע טרוימער...

און איצט—איז אָט דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט־מענטש גאָר דאָ... אין מאָסקווע...

ער דערציילט מיר, ווי זיין שעף האָט עס אָנגעהויבן „שיף״ (שלעכט, באַרג־אַראָפּ) גיין, ווי ער האָט זיך מיטן קריזיס געראַנגלט און לעסאָף געמוזט די אַרבעטער צעלאָזן, די פאַבריק שליסן. ער האָט „פלייטע״ געמאַכט (אָנגעזעצט).

ער דערציילט, ווי די ערשטע צייט האָט ער, דער הער אינזשעניער אַליין, נאָך פון זיינע אָפּשפּאָרונגען געלעבט, דערנאָך — אַלץ ערגער, ערגער. און ניט אזוי נאָר די מאַטעריעלע נויט, ווי דאָס, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט אין זיין אייגן לאַנד אָנגעזען. די אויסגאַנגלאָזיקייט, פּערספּעקטיוולאָזיקייט, דערשלאָגנקייט, „מוט פאַרלאָרן—אַלץ פאַרלאָרן״, האָט אים אַהער געטריבן. און ער האָט גערן, מיט פאַרגעניגן דעם פאַר־שלאַג דאָס מאָל באַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד א שטעלע אָנצונעמען אָנגענומען.

ער האָט די מאַטערניש פון זיינע פאַן־און פּראָפעסיע־לייט, זאָגט ער, ניט געקאָנט צוזען. ווייל איר מוזט וויסן,—גיט ער צו,—אַז דאָס, וואָס מע שרייבט דאָ באַ אייך וועגן אונדזער פאַרענדיקטער און שטור־דירנדיקער אינטעליגענץ, איז אַלץ עמעס...

עמעס, אַז אַ דרײַסיקטויזנטדיקע אינטעליגענטן־אַרמיי האָט ניט וווּ אירע הענט, פֿײַקייט און וויסן אַהינצוטאָן.

עמעס, אַז פֿיל אינזשינערן, טעכניקער, דאָקטוירים, יוריסטן און אינטעליגענץ פֿון אַנדערע פּראָפֿעסיעס, ווי שרײַבער, זשורנאַליסטן א. אַז״וו, גייען פֿאַר שאָפֿערן, קעלנער, צײַטונג־פֿאַרקויפֿער, און אַפֿילו אין באָד דאָס אָנטאָן צו היטן, אַבי נאָר ווי ווען אַ פּאָר גראָשן אויף נישטיקער און האַלב־הונגעריקער כעיונע צו פֿאַרדינען.

עמעס אויך, אַז בײַ אַ גרויסן טייל גײַסטיקער און טעכנישער אינטעליגענץ האָבן זיך, אַדאַנק דעם אומגעהויערן קריזיס, די אויגן אויף דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם געעפֿנט, זיי האָבן דעם באַנקראָט אין וועלט־ווירטשאַפֿטלעכן מאַסשטאַב דערפֿילט.

זיי האָבן דערפֿילט, אַז זי קראַכט, די סיסטעם.

אייניקע גייען פֿון פֿאַרצווייפֿלונג צום פֿאַשיזם איבער, אַנדערע הייבן זיך ערשט אָן אידייִש צו טרינקען, דריטע—האָבן שוין אַ פֿול מויל מיט וואַסער.

— און איר ווייסט,—זאָגט מיר ווײַטער דער הער אינזשעניער,—דאָס איצטיקע אינטעליגענטן־פֿאַרלוירנקייט דערמאָנט מיר אין יענע רוימיש־קריסטלעכע צײַטן, ווען די אַלט־רוימישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע הערשאַפֿט האָט אָנגעהויבן, איבער געוויסע דעמאָלטיקע סיבעס, אונטערצוגיין, ווען איר מאַכט איז שוין אונטערגעשווענקט געוואָרן און דער צווייפֿל אין איר מאַכט האָט שוין אָנגעהויבן אין די קעפּ אַפֿילו פֿון איר שטענדיק־געטרײַע און שוין אַליין אין די קייסערלעכע הויפֿן אַרײַנצודרינגען.

יאָ. מע איז פֿאַרלוירן. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געבראַכט צו אַ גוואַלדיקן אידייִשן כאַאָס, אויגן קוקן אַרויס הילף פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, און—איר וועט מיר גלויבן;—אייניקע, פֿריִער ווײַט ניט קיין גלויביקע, וואַרטן שוין אַפֿילו פֿונדאַנען, פֿון מאָסקווע, הילף, פֿון די „אַניִים און עוויונים", ווי אין רוים פֿון די קאַטאַקאַמבאַ־לײַט דעמאָלט.

און אָט האָט איר מיך אײַנעם אַזאַ, וואָס, דעם עמעס געזאָגט, די ערשטע צײַט, קומענדיק אַהער, האָב איך נאָר געהאַט אַ געוויסע מאַטעריעלע פֿאַרינטערעסירטקייט. און איצט, וואָס ווײַטער, ווער איך אַלץ מער אויך אידייִש (לאַכט ניט!) פֿאַרינטערעסירט.

גערענקענדיק די צעפּילטע, צעפֿאַלענע און פֿאַרצווייפֿלונג־אַטמאָספֿער איצט דאָרט, און אָנקומענדיק אין קאָך און אין גערויש פֿון אופֿשטעלונג, פֿון רעקאָנסטרוקציע, בויונג, באַנייַונג בא איַך דאָ; אַרייַנקומענדיק און מיטגעשלעפּט ווערנדיק פֿון אייער איבערגעגעבנקייט קימאַט ביז מאַפקער זיין זיך פֿון אייערע טוער, בויער, פֿאַרטייער, אומפֿאַרטייער און פֿון דעם גאַנצן קאָך־פֿאָלק מיט זייער גלויבן אין דעם, וואָס זיי טוען — ווערט אַפֿילע א פֿרעמדער אַרייַנגעצויגן, ווערט אַפֿילע א פֿריַער פֿון וויַט־שטייענדיקער פֿון אייַער ענטוזיאַזם אָנגעשטעקט, און איר ווייסט, נישט באַמערקט פֿון מיר אַליין, בין אויך איך אַרייַנגעצויגן: איך פֿאַרגעס אָפּט מיין פֿרעמדקייט דאָ, איך פֿיל, אז מייַנע אַרבל זייַנען מיר ווי ביז די אַקסל אַרויף פֿאַרקאַטשעט, און איך בין גרייט צו טאָן, און מיט אייערע אין שווערע און אין דערפֿרישנדיקן שפּאַן נאָכגיין.

איך דערמאָן זיך א בילד פֿון אונדזער האַפֿן איינמאָל:

איך בין געשטאַנען בא איינעם א שופּן (א סכוירע־לאַגער), וואָס ליגט באַם ברעג וואַסער, און וואָס פֿונדאָרט איז אונדזער גרויסן טיַך צו זען.

באַם „שופּן” זייַנען דעמאָלט פֿיל רייַכע, לויטן לעצטן וואָרט טעכניק אויסגעשטאַטע, אויסלענדערשע — פֿראַנצויזישע, ענגלישע, אַמעריקאַנישע און פֿון נאָך לענדער — שיפֿן געשטאַנען, און קיינער פֿון די אַרבעטער, וואָס איז באַ זיי דעמאָלט מיטעק־צייַט געווען, האָט זיך אַפֿילע נישט אומגעקוקט אף זיי: געוווינט שוין, דערעסן, און קיין כידעש.

און פּלוצלונג האָב איך פֿונוויַטנס איינעם אייַערן אַ דאַמפֿער אָנקומען דערזען; א קלייַנער, א נישטיקער אַנטקעגן די אַלע דאַמפֿערס, וואָס באַם ברעג, א שפּילעכל, אין זייער, זייער אַן אָרעם שפּילעכל... נאָר אייער רויט פֿענדל האָט אף אים געפֿאָנט. און אויך אונדזערע אַרבעטער האָבן אים דערזען, און דערזעענדיק, איז דער גאַנצער אוילעם אף א ווייַלע ווי שטיל געוואָרן, נאָר אף א וויַלע. כ'האָב באַמערקט, ווי אַלע אַרבעטער עפּעס ווי אייַגיינעם, אין איין גרופּע זיך פֿאַרזאַמלט, און איינער פֿין דער גרופּע האָט א זאָג געטאָן: „דער רוסע”...

ס'איז געווען גרויס דערעכערעץ אין דעם וואָרט, שטילע, קאַטאַקאַמבישע האָפֿענונג אף אָט דעם דערווייַל נאָך אָרעמען, אָבער וואָס מיטן רויטן פֿענדל, דאַמפֿער....

דאָס בילד האָט מיך דערמאָלט אויף אַ ווײַלע נאָכדענקען געמאַכט. איצט דערמאָן איך זיך אין דעם אָפּט. ס'שטייט מיר פֿאַר די אויגן און איך הייב זיך אָן פֿילן אַ מיטפֿילער, אַ מיטהאָפֿער אויף יענער זאַך...

אַזוי איך און אַזוי אַסאַך אונדזעריקע, וואָס זײַנען די לעצטע צײַט געקומען אַהער, מיר פֿילן זיך ווי אין אַ מין קלאָנדייק דאָ:

מיר האָבן דאָ אַ נײַ סאָציאַל גאָלד בײַ אײַך אַנטדעקט. דערמאָנענדיק זיך די לאַגע איצט בײַ אונדז, פֿילנדיק דעם אומויסגאַנג, דעם עקאָנאָמישן קראַך, די מאָראַלע דערנידערונג, די פֿאַרלוירנקייט פֿון יענער וויסנשאַפֿט־אינטעליגענץ, וואָס איז שטענדיק בײַ דעם קאַפּיטאַליסטישן שיפֿס־רודער געשטאַנען און מיט אַ זיכערער קענטעניש־האַנט זי אַזויפֿיל יאָרן דורך שטיינער און ריפֿן צו נײַע אינדזל־אַנטדעקונגען און נײַע לענדער דערוואָרבונגען געפֿירט, און איצט אַזוי מאַט, אָן אַ וועג, אָן אַ רודער, אָן האָפֿענונג און שלאַפֿעריק. און דאָ — אַזויפֿיל מוט, אַזויפֿיל נײַע פּלאַנטן אויפֿגעהויבן, אײַער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און מעלוכע־רודער פֿון אַזאַ געזונטער האַנט אָנגעפֿירט, און אַזויפֿיל הענט שטרעקן זיך צו אים פֿון אַלע עקן, פֿון אַלע זײַטן אויף נאָך פֿעסטער אים צו האַלטן — איז וואָס איז אַ ־ך שטורעם, איז וואָס איז אײַך שטערונגען, און דורך וואָסערע שוועריקייטן וועט איר זיך דען ניט דורכרײַסן?

כ'דערמאָן זיך פֿאַרשיידענע שטייגער־בילדער בײַ אונדז, וואָס שווימען פֿאַר מיר איצט אַרויס, און איך טו זיי מיט אײַערע פֿאַרגלײַכן, און איך זע דעם גוואַלדיקן כילעק, וואָס אַ ליאַדע איינער, וואָס ווער ס'זאָל אַהער אויף איין טאָג נאָר אַפֿילע קומען, מוזן זיי זיך אים אין די אויגן וואַרפֿן, און ער מוז פֿון דער צוקונפֿט אַ טראַכט טאָן און גלײַך דערזען, אויף וועמעס זײַט איז די צוקונפֿט.

אָט נעמט, לעמאָשל, אונדזער שטאָט. איר געדענקט דאָך. איר זײַנט דאָך דאָרט אַ שטיק צײַט אָפּגעווען.

דערמאָנט זיך אָן אָוונט. אויף אַלע הויפּט־גאַסן, אויך אויף די נישט הויפּט־גאַסן, די פֿאַרשיידענע קאַפֿעעס, קאַבאַרעעס, דער גרויסער יאַם ביר־ און טרינק־הײַזער, וואָס אייניקע זײַנען אָפֿן ביז איינס בײַנאַכט, אַנדערע אויך די גאַנצע נאַכט.

דערמאָנט זיך, וויפֿל ס'ווערט דאָרט געטרונקען, געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט. איך רייד שוין ניט פֿון גאָר די רײַכע, איך רייד פֿון די

אָרעמע אַפּילע, ווו דאס פאָלק איז דאָרט דער הויפּט־באַזוכער—ארבעטער, אָנגעשטעלטע א. אז״וו—ווו ס׳איז ענגלעך, דער לאָקאַל א קליינער, דער אָרקעסטער נישטיק אין צאָל, און ווו טאַנצנדיק רייבט מען זיך איינער אין אנדערן, פּאָר אין פּאָר, און דער אָנפירער פון אָרקעסטער גיט ביליקע היץ, מיט אויסגעשרייען און אויסגעלאסענע ווערטער אונטער... דער אוילעם צעהיצט, א פּאַרע גייט אזש פונעם טאַנצנדיקן געדיכטעניש...

— איר ווייסט, דאָס וואס דעמאָלט, אינדר׳היים זייענדיק, האט מיר אויסגעוויזן נאַטירלעך, ווייזט זיך מיר איצט אויס מעשוגע, ווילד און אומעגלעך.

איך גיי איצט אָפט אין מאָסקווע דאָ, און נישט נאָר דאָ, נאר אויך אין פּראָווינץ־שטעט, ווען ס׳מאַכט זיך, דורך פעגצטער פאַרביי באַ־אַכט. איז ווו נאָר א פענצטער, ווו באַטאָג ארבעט א וואָסער ניט איז אנשטאַלט, איז באַנאַכט א פאַרזאַמלונג, איז א פּאָרטראַג, א לעקציע, און טאָמיד ווייזן זיך מיר אויס אָט די פאַרזאַמלטע—סיי אַסאַך דאָרט, סיי ווייניק—ווי עפּעס פאַרשווערער, און איך קאָן פון יענע אייערע פארשווערונג־ערטער די אויגן נישט אָפּרייסן. זיי זיינען מיר גוואַלדיק ליב.

איך בלייב אָפט שטיין, כאָטש איך ווייס ניט, וואס דאָרט קומט פאָר, און עס אינטערעסירט מיך אויך ניט, אָבער איינס איז מיר זיכער, אז דאָ ווערט געלערנט, דערקלערט—מענטשן, וואס האבן פאַר אָט דער לעקציע, אָדער פאַרזאַמלונג נישט געוווּסט, וועלן באַלד, נאָך דער לעקציע, יאָ וויסן; ווער עס האט קיין אלעף נישט געקאָנט, וועט אָן אַלעף; ווער מער פון אן אלעף, וועט מער. און דאָרט?—סע האט דאך דער בורזשואזער טייוול יענע טרינק־הייזער אָנגעדונגען אָף פאַרפינצ־טערן, אף פאַרשיקערן, באַם אַרבעטער־פאָלק דאס לעצטע ביסל זינען אוועקנעמען, און אָנשטאָט וויסן—מיט ביליקן זגוס־רויש און שיקער־טשאד אים צאָלן.

יאָ. איך האב עס פריער געוווּסט. איצט, דאָ זייענדיק און צו אלעם זיך צוקוקנדיק, ווערט מיר קלאָר:

א היסטאָרישער געריכט קומט איצט פאָר, ווער ס׳איז אן איידעס אף איין צאד, און ווער אַפן אַנדערן. און אַזוינע ווי איך הייבן זיך אָן צו פאַרטראַכטן.

און—איר ווייסט, איך אינטערעסיר זיך, איך האָב זיך אַפילע די לעצטע צײַט—לאַכט ניט!—גענומען די סאָציִאַליסטישע ליטעראַטור, די גרונטלייגער פֿונעם סאָציִאַליזם צו שטודירן. איך לייען איצט אונדזער ענגעלסן, ווו איך האָב בײַ אים אױף אײנער א פּראַזע אָנגעטראָפֿן: „דער סאָציִאַליזם—זאָגט ער—איז א וויסנשאַפֿט און ווי יעדער וויסנשאַפֿט, פֿאָדערט, מע זאָל זיך צו איר בּאַציִען, ווי צו א וויסנשאַפֿט—זי דערלערנען". יאָ, איך טו עס... און אַרבעטנדיק און שטודירנדיק, פֿיל איך, אז ווי עפּעס א בּערגל יאָרן איז מיר אַראָפּ פֿון די פּלייצעס, איך הייב זיך אָן פֿון פֿיל בּיזאַהעריקע פֿאַרורטיילן צו בּאַפֿרײַען און ס'ווערט מיר קלאָר, פֿאַרוואָס מע האט אייך אַזוי פֿײַנט דאָרט—די בּורזשואַזיע, אונדזערע און פֿון דער גאַנצער וועלט. זיי קאָנען טאַקע מיט אײַך אונטער איין הימל ניט ארומגיין. זי פֿילט שוין אײַערע אײַזערנע צוואַנג־פֿינגער בּאַ איר גאָרגל...

כ'האָב זיך מיט אים אָפּגעזעגנט, מיטן אינזשעניער.

—„קאַמען זי בּיטע, רײַן. היער האָבּן זי מײַנע אדרעסע".

2

אַ צווייטע באַגעגעניש האָב איך געהאַט — און טרעפט מיט וועמען? — מיט... (איך אַנטשולדיק זיך דאָ אין קלאַמערן פאַר אַלע יענע, וואָס זײַנען קעגן יעדער פאַנטאַסטיק און אויסטראַכטונג־עלעמענטן אין יעדער און ביפראַט אין דער פאַרצייכענונג־קונסט: כ׳האָב דאָ אַף זייערן אַ געבאָט אויוועק געוועזן, איך האָב זיך באַגעגנט מיט דעם, וואָס אויסער די קלאַמערן) מיט... היינריך היינע.

כ׳ווייס ניט, ווי קומט ער זיך מיר פלוצים גאָר אויסדאַכטן. מעגלעך, ס׳איז דערפאַר, וואָס מיר לייענען און אינטערעסירן זיך די לעצטע צײַט אַזויפיל מיט זײַן... בריונינג־היטלער־צערגיבל־פאָטערלאַנד. מעגלעך אויך, אַז פון גרויס ליבע צו אים, זײַענדיק איצט אין מאָסקווע אַזוי אופגעלייגט, האָב איך זיך מיט מײַן אופגעלייגטקייט געוואָלט מיט אים טיילן. אויך מעגלעך, אַז אַביסל איז מיין באַטאָגיקע באַגעגעניש מיטן אויבנדערמאָנטן אינזשעניער שולדיק. ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, נאָר דעמזעלבן אפדערנאַכט, גייענדיק אין אַ האַלב־טונקל קווער געסל, וואָס פאַרייניקט די הערצן־גאַס מיט דער טווערער, ווו לאַמטערנס זײַנען ווייניק און ווײַטלעך אָפגעטראָטן איינס פון אַנדערן, האָב איך שפעט, שוין קאָרעוו צו האַלבער נאַכט, אַפן טראָטואַר מיר אַ מענטשן אַנטקעגן גיין דערזען.

איך האָב אים גלײַך דערקענט:

אַביסל אַלטמאָדיש, אָנהייב נײַנצן־יאָרהונדערט געקליידט, אַ האַרטער הוט, דער טאַטע פון אונדזער צילינדער, נאָר נידעריקער פון אים, ראַנדן ברייטערע און מער אָפגעלייגט, זײַן ראָק אַ לאַנגער, פרויִיש געפאַסט,

קנעפּ גרויסע, לאַצן קליינע, און דער ראָק צעשפּליִעט און פון הינטער איִם האָט אַ געלע פלאַנעלעווע זשילעט, ווי בײַ אונדזערן א פּאיאַץ, אַ צירק־פּאַרשוין, ארויסגעקוקט.

איך האָב, פון אַלטע בילדער אים דערקענענדיק, גלײַך געוואָלט א געשריי טאָן:

— כאַוועד היין... האָב זיך אָבער פאַרכאַפּט, דערמאָנט, אז אין זיין צײַט זײַנען נאָך קיין כאַוויירים ניט געווען.

— הער...—האָב בײַלד אַ זאָג געטאָן געוואָלט—האָב זיך אָבער ווידער פאַרכאַפּט, דערמאָנט, אַז בײַ אונדז זײַנען קיין הערן נישטאָ.

— קאָלעגע—האָב איך שיר צום לעצט ניט אַ געשריי געטאָן, אָבער... דאָ האָב איך זיך פאַר מײַן האָזע פאַרשעמט און דאָס וואָרט איז מיר אַף מײַנע ליפּן ניט געקומען און איך בין אָן א וואָרט און אָן א טיטל פאַר אים אַזוי שטיין געבליבן, און דאָ איז ער שוין געהאַט פאַרבײַגעגאַנגען, און אים נאָכלויפן און אים צוריקרופן האָט מיר אַוואדע קיין האָזע און קיין מוט ניט געקלעקט...

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד: כ׳האָב דאָך אים געהאַט אַזויפיל צו זאָגן, כ׳האָב דאָך אים געהאַט פאַר אַלעמען אַ גרוס אָפּצוגעבן, טאַקע פון אים אַליין. ניין, ניט פון אים, נאָר פון זײַנעם א דענקמאָל אין ניט אַזוי פונעם דענקמאָל, ווי פון די ברעטער, וואס דער דענקמאָל איז מיט זיי פאַרהאַקט.

ער ווייסט געוויס, וואס איך מיין... אין האמבורג, ווו איך בין צוריק מיט עטלעכע יאָר געווען, האָב איך געזען: ניטוויַט פון ראַטהויז געפינט ער זיך, ניטוויַט פון דער רוישיקער מענקענבערגער שטראסע. מע האט אים אין א קליין האלב־פינצטער געסל, צווישן צוויי רייען קליינע קאָנפעק־ציאָן־געשעפטלעך, צווישן איינעם א טויער און א מויער, אין א נישע אריַינגערוקט, אוועקגעשטעלט.

דאס א־ז געווען אין 19־טן יאָר. נאָכדעם ווי „דער קייזער ווילהעלם האט אָפּגעדאַנקט", האָבן אים זיינע פארערער פון אינדזל קארטיקא אַ גרייטן שוין, א געמאַכטן געבראַכט.

דאָרט איז ער פון פריער מיט יאָרן בײַ איינעם א גראַף אין גאָרטן געשטאַ:ען. נאָכדעם, ווי יענעם גראַפס גוט האָט ווילהעלם אָפּגעקויפט, האָט ער באַפוילן דעם דענקמאָל ארויסוואַרפן. און איצט, ווען ווילהעלם

איז פון דײַטשלאַנד קײַן האלאנד געפלויגן, האָבן זיך זײַנע (היינעס) פארערער אין אים דערמאָנט, אים (דעם דענקמאָל) קיין דײַטשלאַנד געבראַכט און מער קײַן פאַסיק און אָנגעזועענעם אָרט פאַר אים ניט געפינענדיק, האָבן זיי אים אין אויבנדערמאָנטן, אין יענעם געוויסן קאָנפעקציאָן־געשעפט־געסל אוועקגעשטעלט.

אָבער אויך יענץ אָרט — האבן אייניקע, וויַזט אויס, געטראַכט — איז צו אַ גרויסער קאָוועד פאַר אים: ווײַל דעמזעלבן אפדערנאַכט, נאָכן טאָג פון אַוועקשטעלן, האָבן כוליגאַנישע נאַציאָנאַליסטן־פּאַטריאָטן אים באַשמוצט...

מע האט געמוזט פּאָליציי אַוועקשטעלן... ווען פּאָליציי איז געשטאַנען, האָט מען גאָרנישט ניט געטאָן, ווי נאָר אָבער מע האט אַראָפּגענומען די פּאָליציי, אַזוי האָט מען אים ווידער באַשמוצט.

אַזוי אייניקע מאָל און אַזוי אַסאַך מאָל, ביז מע האָט געזען, אַז פון דער ערע איז שמוץ געוואָרן, און מע האָט באַשלאָסן („וואָס קאָן מען טאָן מיט פאַשיסטן”) אים אײַנגאַנצן מיט ברעטער פארהאקן...

דאָס איז גרוס נומער איינס. און נאָך א גרוס, און ווידעראַמאָל פון זײַנעם א דענקמאָל האב איך אים געהאַט אָפּצוגעבן, און ווידער טאַקע פון דערזעלבער שטאָט, פון האַמבורג.

דאָס איז געווען שפּעטער, אין 25 ־ 24־טן יאָר, אז די פאַרערער האָבן געזען, אז אין שטאָט וועט מען ניט דערלאָזן (מע האט זיך עטלעכע מאָל געפּרוווט נאָכאַמאָל אויפדעקן און ווידער באַשמוצט), האבן זיי א נײַעם געשטעלט, אויסער דער שטאָט, אין שטאָט־פּאַרק.

נאָך דער פּאַראַד־פײַערונג פון אַן עטלעכע מיניאָנים געציילטע צענדליקער, ווידער נאָר פון זײַנע פאַרערער, באַ וועלכער כ׳האב קיין צײַט ניט געהאַט צו זיין, בין איך שפּעטער מיט א פּאָר טעג אין פּאַרק געקומען, אַף אים אַ קוק טאָן.

כ׳האָב אים לאַנג געזוכט. אַז כ׳האָב אים געפונען, בין איך מאַמעש פאַרווונדערט געבליבן: היינע, און אזאַ אָרעם־לײַביק, וויסט און נישטיקקינדערש מאנומענטאַל. כ׳האב דערזען אַ פיגורל פאַר אַ גראָשן, וואס זעט אויס ווי אַ הערמאפראדיטל. באַם צופוסנס האָב איינעם א קראנץ געטראָפן. איינעם פון אַ גרופּע דורכפאָרנדיקע אַרטיסטן פונעם... מאָסקווער קינסטלערישן, אַקאַדעמישן טעאַטער... קליין, עלנט, פארוקט,

פֿאַרלאָזט, און אײנס א קרענצל, אי דאָס פֿון פֿרעמדלענדישע פֿארערער. דערבײַ איז אויך א גרופּע פֿרויען געשטאַנען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָ נאָרוואָס אן אייגענעם באַגראָבן, און איינע האָט א זאָג געטאָן: אַרט, מירן נאָך זען, וואָס „שטאָלהעלם" וועט דערויף זאָגן". אן אָנצוהערעניש, אז מע קאָן אים אויך דאָ באַשמוצן...

אַ שאָד, וואס כ'האָב אים ניט אָפּגעשטעלט, אַ גרויסער שאָד! כ'האב דאָך אים געוואָלט זאָגן: גוט, וואָס ער איז געקומען אַהער, זייער גוט, ס'מאַכט ניט אויס, וואס ער איז אין אַלטמאָדישן ראָק, מיט א נידעריקן צילינדער און מיט דער פֿלאַנעלענער זשילעט, און וואס זעט אויס, ווי אונדזערער א צירק־פֿאַרשוין. נישקאָשע, ער מעג ניט נאָר באַנאַכט, און ניט נאָר אין די הינטערגאַסן אומגיין. פֿאַרקערט, זאָל ער אין די הויפּט־גאַסן, זאָל ער באַטאָג, זאָל ער זיך לאָזן זען, זאָל ער פֿון זיך צווויסנגעבן, און ער וועט זען, וואָס פֿאַר א פֿאַראַד ס'וואַרט דאָ אָף אים, וואָס פֿאַר אַן אופֿנאַם „וואָקס" וועט אים דאָ אין מאָסקווע מאַכן, און וואס פֿאַר אן אופֿנאם ניט נאָר „וואָקס", נאָר דאס גאַנצע אַרבעטער־פֿאָלק אין גאַנצן לאַנד.

זאָל ער קײַן מוירע ניט האָבן: דאָ איז ניט דײַטשלאַנד. מיט פֿאַשיסטן ווייסט מען דאָ וואָס צו טאָן. מע האָט שוין, אייגנטלעך, אָפּגעטאָן, און דאָס מין איז שוין באַ אונדז ניט בענימצע.

זאָל ער זיך אויך ניט האַלטן פֿאַר א פֿרעמדן דאָ. ער איז אונדז אַן אייגענער און מירן זיך פֿאַרשטענדיקן. ווײַל כאָטש אַ היפּש ביסל יאָרן ליגן אינמיטן און טיילן אָפּ אונדזער צײַט פֿון זײַנער, כאָטש א גוואַלדיק־גרויסער טהאָם שיידט אָפּ אונדזערע געשמאַקן פֿון קונסט, לעבנס פֿילאָסאָפֿיע, ד. ה., פֿון פּאָליטיק פֿונ זיינער, און כאָטש אין אָט דעם טהאָם אויסגראָבן און אים פֿאַרטיפֿערן האבן מיר אַ גרויסן כיילעק, דאָך קענען מיר אויך — פֿאַר וועמען מע דאַרף — אַ בריק איבערוואַרפֿן, דאָך איז אונדזער האַנט גענוג גרויס — אַף וועמען ס'איז נויטיק — פֿון יענער זײַט אף אַהער אריבערברענגען.

ווײַל מיר האָבן, עמעס טאַקע, פֿיל נײַס געלערנט, אָבער אויך דאס אַלטע ניט פֿאַרגעסן, און אלץ איז באַ אונדז דיסקאָנטירט, אַלץ אָפּגעשאַצט, און וועד ס'האָט נאָר פֿון זײַן צײַט צו אונדזערער אריבערגעקוקט, אונדזער נויטווענדיק אָנקומען דערשפּירט און אפֿילע שוואַך נאָר פֿאָרויס־

געזעען, ווער ס'האט, אַפילע אונדז נישט וויסנדיק און נישט באַנעמענדיק, אונדז דאָך געגאַרט—דער איז אויך אונדז אַ געגאַרטער.

און ער איז איינער.

ס'מאַכט ניט אויס, וואס ער, דאס דיוסעלדאָרפער קינד, האָט אין זיין צײַט באַם פראַנצויזישן באַראבאַנשטשיק ליבע צום אימפעראַטער געלערנט (נאפאָלעאָנען)*; מיר זײַנען זיכער, אז דאס איז ניט פערזענלעך צו אים, פערזענלעך צום אימפעראַטער, ליבע. ניין! דאָס איז צום אָטעם, וואָס זײַנע רעוואָליוציע־פאָנען האָבן אין דער פאַרדומפענער לופט פון די פעאָדאַלע אבסאָליוטיסטישע גערמאַנישע לענדער אַרײַנגעבראַכט און וואס דורכמאַרשירנדיק מיט זיי, האט ער די פרײַהייט־ליבהאָבנדיקע קינדער מיט ליבע צו פרייהייט און צו קעמפן פאר איר אנגעשטעקט.

און ער איז איינער.

א סימען?

— פונעם מאַטעריק,—שרײַבט שפעטער דאָס פריער פארן אימפעראַטער באַגײַסטערטע דיוסעלדאָרפער קינד, היינעריך היינע, בעיס דער רעוואָליוציע פון 1830—פונעם מאַטעריק האָט זיך באַקומען א פאַק צײַטונגען מיט ברענענדיק־הייסע נײַס. דאָס זײַנען געווען זונען־שטראַל אײַנגעפאַקט אין פאַפיר, און זיי האבן אין מיר אָנגעצונדן אַ ווילדע סרייפע ס'האט מיר געדאַכט, אַז כ'וואָלט געקאָנט אָנצינדן דעם גאַנצן אָקעאַן ביזן צאָפן־פאָל מיט יענעם באַגײַסטערונג־פײַער און מעשוגע־דולער פרייד, וואָס האָט אין מיר אופגעפלאַקערט**...

א'ז אָט, וואָלט ער עס געזען, ווי „וואָקס” און ווי מיר אַלע וואָלטן אים איצט אופגענומען, אונדזער ליכטיק־ליבן ברודער, דעם אַמאָליקן טרויעריק־קראַנקן ריטער, וואָס איז אַפן שוועל פון אזוינע צוויי־יאָר־הונדערטן—דעם אכצנטן און נײַנצנטן—געבוירן, און וואס זעענדיק די בורזשואזיע אין איר ערשטן מעכטיקן אופשטײַג, האָט ער שוין אבער אירע פוילעניש־זאמען, וואָס זי טראָגט אין אירע אייגענע פאָלעס, טאַקע פאַר

* זע העגריך היינע „Das Buch le gran“

** זע בוכאַרינס ארטיקל אין „באָלשעוויק” פאַר מײַ 1931—„היינע און דער קאָמוניזם”.

איר אַליין, דערזען: איר מאַרקין די גומפּלינע*, וואָס אַזוי פאַרליבט זײַענדיק און ראָמאַנטיש באַזינגענדיק אַלס אַלטע און מיטלאַלטערלעכע אָפּגעלעבטע, האָט ער דאָך אין דערזעלבער צײַט געפּיל געהאַט פאַר אַלעם אופריַיסנדיקן, פאַרניכטנדיק־אָפּשפּעטנדיקן און מיטן וואָרצל־אויספּליקנדיק אַלץ דאָס, וואָס דאַרף אויסגעפּליקט, דאַרף אויסגעריסן, פאַרניכטעט און אָפּגעשפּעט ווערן.

יאָ, ער האָט צוזאַמען מיט די פאַרגאַנגענהייט ביניאָנים און שלעסער, שוין די קאָנטורן פונעם צוקונפט־ביניען געזען. עמעס, נאָך מעטושטעש, עמעס, מיט געבראָכן אינטעליגענטישער און מיט קליינבירגערלעכער מורע פאַר נאָענט צוגיין, באַטראַכטן און האַנאָע האָבן פונעם ביניען.

און דאָ וואָלטן מיר אים אַ ציטיר געטאָן איינס אַן אָרט פון זײַנע ווערק, ווו ער שרײַבט:

„מיט שרעק און ציטערניש טראַכט איך פון יענער צײַט, ווען אָט די פינצטערע קאַנאָים וועלן אָנקומען צו דער מאַכט. מיט זייערע מעגושעמע הענט וועלן זיי אומבאַראַכמאָנעס צעקלאַפּן אַלע מראַמערנע שיינהייט־סטאַטועס, וואָס זײַנען אַזוי ליב צו מײַן האַרצן; זיי וועלן פאַרניכטן אַלע יענע פאַנטאַסטישע קונסט־שפּילגעצײַג, וועלכע דער פּאָעט האָט אַזוי ליב; זיי וועלן אויסהאַקן מײַנע אַלעאַנדער־וועלדל עך און וועלן דאָרט פאַרזעצן קאַרטאָפל, און—וויי!—פון מײַן „דאָס בוך דער לידער“ וועט דער באַקאַליי־קרעמער מאַכן שקאַרמצן אויף אַרײַנשיטן קאַפע, אָדער שמעק־טאַבעק פאַר די אַלטע ווײַבער פון דער צוקונפט. וויי! כ׳זע פאָרויס דאָס אַלץ און אומגעהויערן גרויסן צאַער האָב איך דערפון. ווען איך טראַכט פונעם אומקום, מיט וועלכן דער זיגרײַכער פּראָלעטאַריאַט דראָט מיר מײַנע לידער, וואָס וועלן אַראָפּ אין קייווער צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַלטער ראָמאַנטישער וועלט. און דאָך, ניט געקוקט דערויף, בין איך זיך אָפּן מוידע—דאַפקע אָט אַ דער קאָמוניזם, וואָס איז אַזוי

---

* „הער גומפּל טוט איצט טפילע—האָט אַ שעפּטשע געטאָן היאַצינט מיט אַ ווירדיק שמייכעלע, און אַנוויַינדיק מיטן פינגער אויף זײַן הערס שלאָפצימער, האָט צוגעגעבן נאָך שטילער:

אָט אַזוי שטייט ער אויף שאָען אויף די קני פאַר דעם בילד פון דער מאַדאָנע־מיטן קינד. ס׳איז אַ וווּנדערלעך בילד... ס׳קאָסט אים זעקס הונדערט פראַנק“ (הענריך היי.ע—רײַזע קיין איטאַליע).

פײַנטלעך מײַנע נייגונגען און אינטערעסן, מאַכט אַף מיר א באַצויבערנ־דיקן אײַנדרוק, פון וועלכן איך קאָן זיך ניט באַפרײַען״ *.

מיר וואָלטן דאָס א ציטיר געטאָן און באַ אים א פרעג געגעבן:

— אַדראַבע, זאָל ער אַליין זאָגן, וואס פאַר א שיינהײַט־סטאַטועס האָבן אָט די „פינצטערע קאנאָים״, פאַר וועלכע ער האָט אזוי מוירע געהאַט און זיך דערשראָקן, דאָ צעשטערט. און, אדראבע, זאָל ער אַליין זען, צי איז צעשטערונג ביכלאַל אין דער נאַטור און פאַטאָס פון אָט די קאנאָים, און צי נישט פאַרקערט גאָר—בויונג, בויונג און ווידער אמאָל און נאכאמאָל בויונג—אַף אלע געביטן, אפן טעכניש־עקאָנאָמישן, סאָציאַל־פאָליטישן, קולטור־ווירטשאַפטלעכן און שטייגערישן, איבעראַל, איבערן גאַנצן לאַנד, פאַר אַלעמען און פאַר יעדערן.

— אַדראַבע,—וואָלטן מיר אים געזאָגט,—זאָל ער אליין זאָגן. ער געדענקט דאָך, ווי די בורזשואזיע אין איר צײַט האט געבויט, זאָל ער זשע זען דעם אונטערשייד פון דער בורזשואַזיע און פון די קאנאָים: פאַר וואָס פאַר א קליינעם נישטיקן טייל יענע האבן געבויט, און פאַר וואס פאַר א טייל די דאָ; וואס פאר א שטימען הערן זיך פון די בורזשואזע ביניאָנים, וועמעס בלוט פון דאָרט, און וואס פאר א געזאַנג פון דאָ, פון אונדזערע, פון די קאנאָישע ביניאָנים.

און דא וואלטן מיר אים ווײַטער ציטירן, אָבער שוין ניט פון זײַנע ווערק, נאָר פון אונדזערן א ביניען־ווערק, א לעצטוואָרטיקן טעכנישן וונדער, וואס מיט גוואַלדיקע און אומגעהערטע מעניעס, שטערונגען און שוועריקייטן איז ער דעם קאָלעקטיוו, וואס האט אים אויסגעבויט, אויס־צובויען אָנגעקומען, אָבער דערפאַר, וואָס פאַר זאַן ענטוזיאַזם און מע־סירעסנעפעש פון די בויער, אָבער דערפאַר, וואָס פאַר א געזאַנג פון דאָרט.

אָט זאָל ער הערן:

...„ס׳איז האַרבסט. ס׳גיסט א רעגן. דער סטעפ ארום פינצטער. די רעשטאָוואַניעס מיט לעמפלעך באלויכטן. זיי שפיגלען זיך אָפ איבער־געקערטע, מיט די קעפ אראָפ אין די קאַליוזשעס.

* זע דאס אויבנדערמאָנטע בוכאַרינס אַרטיקל.

„אַרבעטער־בריגאַדירן און אַרבעטער זאָגן: מ׳דאַרף איצט געבן פאַר איין נאַכט, פאַר איין וואַכטע דאָס, וואָס מע האָט פריִער געגעבן פאַר לאַנגע וואָכן.

„א מאַסע פרײַוויליקע זײַנען צו דער שטורעם־נאַכט געקומען: שוואַרצ־אַרבעטערנס, צעראַבקאָפּ־פּאַרקויפערנס, אינזשעניערן, טעכניקער, בוכפירער א. אז״וו. קיין איין רעגע לײדיקשטיין, קיין מינדסטע פאַרשפּעטיקונג — אַזאַ אויפגאַבע האָבן פאַר זיך געשטעלט די שלאָגלער.

„מע האָט געבראַכט דעם אָוונט־ברויט אויף די רעשטאָוואַניעס, און־די בויער — נאַסע פון רעגן, האָבן געגעסן און פון דער אַרבעט זיך ניט אָפּגעריסן.

„די שעדיקער האָבן, ווי נעכטן, אויך הײַנט די עלעקטרע־דראָטן איבערגעריסן, מע איז געבליבן אָן שײַן. אָבער באַלד האָט מען די דראָטן פאַריכט און די אַרבעט האָט ווידער אָנגעהויבן זידן. די בעטאָן־אַרבעטער, די טעסלער, אַרמאַטורער, פּרויען, אָנגעשטעלטע, אַלע האָבן זיך אויסגעמישט אינעם סאָציאַליסטישן שטורעם.

„באַנאַנד מיט די רויטגוואַרדייער, מיט די קאָמיוגיסטן, האָבן געאַרבעט די עלעקטרע־אינזשעניערן און יונגע קאָפּירערנס פון דער צייכן־ביוראָ, און באַנאַנד מיט זיי האָבן געטראַמבירט דעם בעטאָן דער זאַוואָרג פון פאַרטיי־קאָמיטעט, שוואלאָוו, און ווײַטער האָבן געשלעפּט די וואַגאָנעטקעס מיט בעטאָן אַנדער׳ע מיטגלידער פון פאַרטקאָם, און לעבן די שטיינדרויבלער זײַנען אומגעגאַנגען די טוער פונעם בוי־קאָמיטעט; אויף די זאַמדרייניקער האָט געאַרבעט די רעדאַקציע „קאָמסאָמאָליעץ או־קראַינע״...

„צווישן די רעשטאָוואַניעס האָט מען איינגעאָרדנט אַן אָרקעסטער, און די קלאַנגען פון לעבעדיקן מאַרש האָבן זיך איבערגעפלאָכטן מיטן רויש פון די בעטאָן־מישערס, מיט דער קלאַפּערײַ פון הונדערט האַמערס...

„אויך די מוזיקאַנטן האָבן אָפּן אַכטן באַצירק געשטורמעוועט. זיי זאָגן, אַז נאָך קיינמאָל, אויף קיין אָוונט, אָדער אויף קיין יאָנטעוו, האָבן זיי נאָך אַזויפיל און אַזוי גוט ניט געשפּילט, ווי דעמאָלט. די באַגײַ־סטערונג פון די טויזנטער האָט געמאַכט אַזאַ רוישעם אויף די מוזיקאַנטן, אַז יעדערער פון זיי האָט זיך דערפילט ווי א שפּילער שוין פון דער

פּרײַער סאָציאַליסטישער אַרבעט. ווײַזט אויס, אַז דערפֿאַר טאַקע האָבן לאַנג נאָך דעם געבעטן די אַרבעטער בײַ די מוזיקאַנטן, זיי זאָלן שפּילן אַזוי, ווי זיי האָבן געשפּילט דעמאָלט, אין דער שטורעם־נאַכט...

„און ווען דער אָרקעסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און די מוזי־קאַנטן האָבן גענומען איבערקערן, אויסרייניקן די קיילים, האָבן דעמאָלט גענומען די שטורעם־אַרבעטער אַליין צו זינגען לידער, לעבעדיקע לידער פֿון קאַמף און זיג"...

איז אָט וואָלטן מיר אים בײַ אים ווײַטער א פֿרעג געטאָן:

— אַדרבא, זאָל ער זאָגן, בײַ א וואָסערע בורזשואַזע ביניאָנים, אין בײַ וואָסערע ביכלאַל ווען אַמאָל געוועזענע וועלט־געשיכטלעכע בינ־יאָנים האָבן עס אַרבעטער, די אייגנטלעכע בויער פֿון די ביניאָנים, מיט אים, מיטן ביניען, ווי מיט אייגענעם זיך געפֿרייט; בײַ א וואָס פֿאַר א ביניען האָבן עס אַרבעטער אויסער מי אויך פֿרײלעכקייט, פֿרײַוויליקייט און געזאַנג אַהין אַרײַנגעלייגט, ווען ניט נאָר דאָ, בײַ די צו דער מאַכט־קומענדיקע „קאַנאָים", וואָס ניט נאָר זיי האָבן די עמעס ווערטפֿולע קונסט־סטאַטועס ניט צעשטערט, נאָר האָבן אויך פֿאַר נײַע, און פֿאַר ביז אַהער נישט געזעענע און נישט געהערטע געפֿילן.

און ווידער, אַדרבא: זאָל ער אונדז געפֿינען און אונדז באַווײַזן דאָס צעשטערטע. ער וועט דאָס נישט געפֿינען. מיר זײַנען זיכער, נאָר פֿאַרקערט, ער וועט זען און זיך איבערצײַגן, אַז אַלעס דאָס, וואָס ס'איז דעם פֿאָעטס האַרצן ליב, איז אויך ליב און ווערט טײַער געהאַלטן פֿון די „קאַנאָים", און אַז נישט נאָר אין זײַן „בוך דער לידער" ווערט ניט קיין שמעק־טאַבעק אײַנגעפּאַקט, נאָר פּונקט פֿאַרקערט: אינערגעץ, זאָל ער איצט די גאַנצע בורזשואַזע וועלט אויסגיין, וועט ער אַזאַ פֿאַר־שטענדעניש ניט פֿאַר זיך און נישט פֿאַר זײַן גלײַכן פּאָעטן און פֿאַר זייער גאָלדשניטיקער יערושע נישט געפֿינען, ווי דאָ. אינערגעץ ווערט אַזוי ניט געשאַצט, איבערגעשאַצט, ניט אַזוי געלופּטערט, דורכגע־קאָנטראָלירט אַלטע קאַנאָניזירטע ווערטן, אַף זיי אין שעפֿעריש־אַקטיווי־זירנדיקן ארײַנצײַען, אַף צו באַפֿרוכפּערן און אַף די נײַע סאָציאַלע קונסט־וואָרצלען צו באַזרישן, ווי דאָ. און אַדרבא, ווער פֿון דאָ האָט אין וואָס פֿאַר היסטאָרישע דענקמעלער, ווי זײַנער, לעמאָשל, שמוץ געוואָרפֿן, ווי י ע נ ע אין זיין פּאָטערלאַנד האָבן עס מיט זײַנעם געטאָן.

אזוי וואלטן מיר אים געזאגט און אויך צוגעגעבן: זאל ער זיך דא אויך א פלאץ וועדליק פאר זיין קאוועד אויסזען, ווייל בא אים, אין זיין לאנד, איז אין די נאענטסטע יארן, בא קיין רעגירונג, אויסער נאר, ביז די שא וועט קלאפן, ביז דער „קאנאישער" רעגירונג,—פאר אים גאר קיין פלאץ... און נישט נאר פאר א'ם אליין, נאר פאר קיינעם אויך פון די לעבעדיקע קינסטלער, און מיר טראכטן שוין ערנסט פון אייניקע פון זיי אהער אריבערברענגען, ווייל—זאל ער זיך מאטריעך זיין און א קוק טאן, ווי ס'האלט דארט ביכלאל מיט קונסט, זאל ער אזוי גוט זיין איבערלייענען די איינדרוקן פון איינעם אן אונדזעריקן, וואס האט זיך פון א רייזע פון דארט, פון זיין ליבן פאטערלאנד, אומגעקערט, און זאל ער הערן.

אט שרייבט ער:

„די בערלינער בירזשע, די עמעסע בירזשע, ווו מע קויפט און מע פארקויפט ווערט־פאפירן, איז געשלאסן. נאר אין איינער פון די פאפולערסטע קאפעס פון פרידריך־שטראסע האט זיך געעפנט א צווייטע בירזשע: א ליטערארישע, ווו צוויי מאל אין וואך קלייבן זיך צונויף די פארקויפער פון ליטעראַרישן מאטעריאל...

— כ'לייג פאר לידער. ווער דארף לידער? א דערציילונג פון 15.000 אויסיעס ווער קויפט? כ'האב א דראמע. ווער וויל א קאמעדיע? פארצייכענונגען ווער דארף? כ'האב פארצייכענונגען וועגן מאדעס, וועגן פרויען־שיינקייט, וועגן פארשיידנמיניקע הינט, וועגן גאלדענע פישעלעך, פאפולער־וויסנשאפטלעכע ליטעראטור פון פארשיידענעם אויסוואל—ווער דארף?

„בא א באזונדער טישל אין דער ליטערארישער בירזשע זיצט א הער, און איבער זיין קאפ הענגט א פלאקאט מיט פאלגנדיקן אינהאלט:

— „באשטעלט ראמאנען".

„א דייטשישער שריפטשטעלער מיט א וועלט־נאמען לייגט פאר צו פארפאסן א ראמאן פונעם לעבן פון באשטעלער. ס'ווערט גאראנטירט קינסטלערישע פארם אפן גרונט פון די יעדיעס, וואס דער באשטעלער גיט וועגן זיך, אדער דערינערונגען וועגן וועמען ניט איז אנדערן.

„באשטעלט זיך א ראמאן. דאס וועט זיין דער בעסטער געשאנק אייער פאמיליע צו ווייַנאכטן. אייערע אייגענע און נאענטע וועלן פאר־

ברענגען גליקלעכע שעהן, לייענענדיק דעם ראָמאַן פון אייער לעבן... די פרייז אָפּהענגיק פון דער צאָל בויגן".

„אויך די בערלינער מאָלער קלייבן זיך עפּענען אין א שכיינעסדיקע קאַפע, אף דערזעלבער פרידריך־שטראַסע, א מאָלער־בירזשע.

אַ צייטווייליקע, קליינע בירזשע האט זיך שוין געעפנט. אין איינע פון די קאַפעס, אין מיירעוו־טייל שטאָט, אין א באַזונדער צימער זיצן דאָרט די פּארטרעטיסטן מיט זייערע מאָלברעטן. אף דער גאַס, איבערן גאַנצן פאַסאַד פון דער קאַפע, ווינטלט זיך א רויט־באַמאָלטער לייוונטענער פלאַקאַט, ווו ס'איז אנגעשריבן:

— בערלינער, גיי אריין און באַשטעל באַם קינסטלער דיין פּאָרטרעט, ס'וועט דיך קאָסטן ביליקער, ווי א פאָטאָגראַפיע.

„מע דאַרף באַמערקן, אז איבער דער נידעריקער קויף־פעיִקייט איז דער נאָכפרעג אף בילדער לעצט נישטיק. אזוי, צום ביישפּיל, איז אין דער באַוווסטער מאָלער־שטאָט, אין דרעזדן, פארן יאָר פאַרקויפט געוואָרן בעסאַכאַקל... 6 בילדער. די ארבעטלאָזע קינסטלער איז די שטאָט־פארוואלטונג געצוווּנגען ארויסצוגעבן שטיצע... מיט מעל און קאַרטאָפל"*.

— איז אָט ווער ס'האט די אלעאַנדר־וועלדל'עך אויסגעהאַקט און שענדלעכע נעדאָווע־קאַרטאָפל פאַרזעצט! איז אָט ווער ס'האט פון פּאָעטס „בוך דער לידער" קרעמער־שקארמיצן פאר גראשנדיקע באַקאַליי־פּאַרגעניגנס פאר די גייסטיק־פּאראַרעמטע, צום גרונט גייענדיקע און דעגענערירנדיקע געניסער געמאַכט!.. וויי! נישט דער „קאַנאַיִשער" פּראָלעטאַריאַט, פאַר וועלכן דער פּאָעט האט אזוי פאַר זיין צו דער מאַכט אנקומען מוירע געהאַט. ניין, נאָר דאַפּקע יענע, פאַר וועמעס מיזבייעכס הערנער ער האט, פון יענער מוירע אנטלויפנדיק, זיך אָנגעכאַפּט און געמיינט דאָרט שוץ צו געפינען. וויי! און נישט דער פּראָלעטאַריאַט — האט זיך אויסגעלאָזט — איז דער באַגרעבער פון פּאָעט און פון דער ראָמאַנטיק, נישט ער דער הון און בארבאר, פאַר וועלכן אלעס שיינע לויפט און זוכט אַן אָרט פאַר זיך אויסצובאַהאַלטן, — נישט ער, נאר דאפקע יענע, וואָס האבן זיך ביז אהער מיט דעם אויבנדערמאָנטן באַרימט, פאַר

---

* ליט. גאַז. פארן 11־טן פעווראל 1932. טשומאנדרינס גאריכט פון זיין רייזע קיין דייטשלאַנד.

וועלכע אַלע איצט לויפֿן — די הויך־טעכנישע אינטעליגענץ, וויסן, קונסט, קולטור, אין אַלע אירע פֿאָרמען, און וואָס קומען אַהער, ווו די גרעסטע פֿאַרשטענדעניש און ברידערלעכער מיטגעפֿיל באַגעגנט זיי, און ווו נישט נאָר זיי ווערן מאַטעריעל מער באַזאָרגט, נאָר ווו זיי ווערן אויך גייַסטיק אָפּגעפֿרישט, אנטלויפֿנדיק און פֿאַרלאָזנדיק יענעם מיט בלוט־אָנגעפֿרעסענעם, יענעם פֿון פּאָליטישן קאַניבאַליזם פֿאַרשיקערטן קלאַס, וואָס אַלע נאַטירלעכע האַנאָעס זייַנען אים שוין קיין האַנאָעס נישט, וועלכער האָט אַלעס שיינע שוין פֿאַרפּראָסטיטויִרט, און וואָס זייַן גאַנצע מאַכט און פּריווילעגיעס ווערן שוין נאָר צוליב זיין מיט שמאַלץ־פֿאַרוואַקסענעם בויך און געלט־בייַטל אויסגענוצט.

אין אָט איז אויך ער, דער פּאָעט, אַהער געקומען. און גוט האָט ער געטאָן, וואָס געקומען. זאָל ער א קליין שטיקל צייַט נאָר דאָ אָפּזייַן, זען און זיך איבערצייַגן, אַז קיין לאַנד אין קיין צייַט איז פֿאַר קונסט און קינסטלער אַזאַ מעצענאַט, אַזאַ שעצער, גאַרער און געברויכער ניט געווען, ווי אונדזער לאַנד אין אונדזער צייַט; אַז קיין לאַנד האָט אין אירע בעסטע קונסט־בליִונגס־צייַטן אפֿילע אַזוי ניט געשעטיצט, סטימולירט צו לעבן, טעטיקייט, איניציאַטיוו אירע קינסטלער נישט גערופֿן, ווי מיר, ווי אונדזער לאַנד, וואָס צווישן אַלע וויכטיקע פּראָגנטן האָט אויך דעם קונסט־פּראָגנט פֿאַרעכנט, ווי צווישן אַלע גרויסע בויונגען, און די גרויסע ביודזשעטן, וואָס ווערן אָפּגעלאָזט אויף זיי, ווערט אויך די קונסט־בויונג געציילט.

זאָל ער איבער די ליטאָרגאַניזאַציעס א גיי טאָן, איבער רעדאַקציעס פֿון צייַטונגען, זשורנאַלן, פֿאַרלאַגן, ליטקלובן א. אַז״וו און זען, וואָס אַזוינס דאָרט ווערט אָפּגעטאָן, ווער און וויפֿל ס׳ווערן צו קונסט אויפֿגערופֿן, פֿון וואָס פֿאַר א שיכטן, לאַנד־עקן, ערטער און אָפּגעשטאַנענע פּראָפֿעסיעס, און ער וועט צווישן דער פּראָפֿעסיאָנעל־אויסגעכאָוועטער, פֿון פֿריִערדיקע צייטן אויסגעשטודירטער און אויסגעמושטרירטער אינטעליגענץ איצט אויך אַרבעטער, פּויערים, באַטראַקעס, מאַטראָסן, רויטאַרמייער באַגעגענען, ווו אַלע ווערן גערופֿן, יעדער, באַ וועמען ס׳איז נאָר פֿריש צוזאָגנדיקס פֿאַראַנען, איז — אַרויס מיט דעם! יעדערן ווערן מעגלעכקייטן געגעבן: גיי, זאָג, לערן זיך, לערן יענעם, ווירק, שאַף פֿאַר זיך און פֿאַר אַלעמען.

זאָל ער איצט איבער אונדזערע טעאַטערן א גיי טאָן, א קוק טאָן אַף זיי — אָנהייבנדיק פון די גרעסטע, פון מאָסקווער קינסטלעריש־אַקאַדעמישן, לעמאָשל, און ענדיקן מיט די פּילצאָליקע און פאַרשיידענע קלוב־טעאַטערן, ביז, לעסאָף, אַפילע מיטן ציגײַנערישן האַלב־פּרימיטיוון פאָלקס־קונסט־טעאַטער, און זען, ווי דאָס פאָלק ווערט אין קונסט צו קונסט דערצויגן, צו וואס פאַר א באַלערנדיקער, מוט־דערוועקנדיקער און אַף העכערע פאַרשטאַנד־טרעפּ שטײַגנדיק מאַכנדיקער.

זאָל ער דאס אַלץ זען און ער וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס אַלע ציִען זיך איצט אַהער, פאַרוואָס אַלע געוויסנהאַפּטיקסטע וועלט־קינסטלער האָבן זיך שוין אַף אונדזער זײַט געשטעלט, פאַרוואָס אין א מאָמענט פון געפאַר און סאַקאָנע לאָזן זיי זייער קאָל צו אונדזער פאַרטיידיקונג הערן, און פאַרוואָס, נאָך איידער די אומיטלבאַרע סאַקאָנע איז געקומען, האָבן זיי שוין גײַסטיק פון זייערע אייגענע פאַטערלענדער אויסגעוואַנדערט, צו אונדז אריבער, און אונדזער בירגערשאַפט, וואס איז וועלט־בירגערשאַפט, אנגענומען — אַף די גאנצע וועלט פון זייערע אייגענע פאָטערלענדישע סאָנים, קאַניבאַלן און רויבער צו באַשיצן.

ער וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער אליין, אונדזער ליכטיקער און ליבער ברודער, האט נישט געקוקט אף זײַן צײַט און דערציונג, אַף זײַנע קליינבירגערלעכע נייגונגען, פאָרורטיילן און פּכאָדים, נישט געקוקט אף דעם, וואס ער האָט פון דעם פראָלעטאַריאַטס מאַכט נאָך קיין שפּור־סימאָנים ניט געזען, נאָר שפּירנדיק און פילנדיק פון ווײַט שוין די מאַכט, שפּירנדיק און פילנדיק איר דערנענטערונג און מאָראַלישע איבערהאַנט איבער אלע מאַכטן, האָט זי אַף אים שוין אַזאַ באַצויבערנדיקן אײַנדרוק געמאַכט, וואס איז אים שווער געווען פון איר זיך באַפרײַען, און גוט, וואס ער האט זיך ניט באַפרײַט; גוט, וואס ער האט אף זיך איר ליבן, גרויסן יאָך גענומען, און וואס ער האט מיט זײַן צײַט קעמפנדיק בעמיילע שוין אויך איר קאַמף געקעמפט, און דערפאַר געדענקען מיר אים אין קאַמף, און דערפאַר איז זײַן קומען צו אונדז „ווילקאָמען“.

אָט אזוי וואָלטן מיר אים געזאָגט, ווען מיר באַגעגענען זיך מיט אים.

5. פֿון וואָס טראַכט און טרוימט די קרעמל־וואַנט?

אַלע באַטאָג קאָן מען זען, ווי באַם לענין־מאַוזאָליי פֿאַרזאַמלט זיך מענטשן אין א ריי צום אריינגלאָז, וואס הייבט זיך אָן ארום 4 באַטאָג.

איר קענט דאָרט טרעפֿן היגע (מאָסקווער) און אָנגעפֿאָרענע; מענטשן פֿון פֿאַרשיידענער עלטער, בילדונג און פּראָפֿעסיעס; פֿאַרשיידן געקליידט און געשיכט: לאַפּטיעס, שיך, שטיוול, פֿוישטן, פֿעלצלעך, פֿאַלטעס, כּור־טערס; לערער, שילער, עקסקורסאַנטן, רויטאַרמייער, שוואַרצאַרבעטער, אויסלענדער; מענער, פֿרויען אָן קינדער און מיט גאָר קליינע נאָך אַף די הענט אַפֿילע.

דער רויטער פּלאַץ זעט אמאָל א געוויינלעכע ריי אינדערלענג אויס־געשטעלט, אַמאָל, ווען שוין צו לאַנג, איז די ריי אין א ראָד פֿאַר־דרייט, און ווען גאָר אסאַך—אויך א ראָד אין א ראָד. די ריי ציילט דעמאָלט אַריבער טויזנט, אַריבער צוויי.

מע שטייט צו צוויי אין דער ריי. א מיליציאָנער־אָרדנער, באַם אַריינגאַנג אין מאַוזאָליי, גיט אַכטונג, מע זאָל מער ווי צו פּאָר ניט גיין. אַף דעם איבעריקן, אַף שטילקייט און אָרדענונג אין דער ריי, גיט שוין דער אוילעם אַליין אַכטונג.

מענטשן האַלטן זיך פֿריי, ניט געצוווּנגען, מע רעדט צווישן זיך אין דרויסן, אין דער ריי" און אַפֿן אַריינלאָז וואַרטנדיק, אָבער דאָס ריידן איז עפּעס, ווי געדעמפּט: א טיף־מענטשלעכער דערעכערעך היט די ווערטער פֿון די מיילער, זיי זאָלן ניט צו הויך ארויס און ניט איבעריק די שטים לאָזן הערן.

מע וואַרט. און אָט עפֿענען זיך די אריינגאַנג־טירן פֿון מאַוזאָליי, מיט די צוויי ערנוואַכיקע שטילע רויטאַרמייער באַ דער שוועל. די

ערשטע אין דער רײ גײען אַרײַן מיט אַנטבלױזטע קעפּ. די נאָענטע נאָך זײ גרײטן זיך צום אַרײַנגאַנג און האַלטן שױן אױך די היטלען אין די הענט.

מע קומט פריִער אין א מין קאָרידאָר. אַן עלעקטריש־באַלױכטענעם מיט מראַמערנע װענט, װאָס שפּיגלען די דורכגײענדיקע מענטשן אָפּ. דערנאָך אַף טרעפּ־אַראָפּ: װידער עלעקטרע און װידער מראַמער־אָפּשפּיג־לענדיקע װענט.

דער אױלעם גײט שטיל. אינעװײניק רעדט מען שױן ניט. מע הערט נאָר א שטיל שיך־און שטיװל־טרעטן פון פּאָרױסגײענדיקע און הינטן נאָך און נאָך און װידער גײענדיקע. ביז מע קומט גאַנץ אונטן און טיף אַראָפּ.

דאָרט, אינמיטן צימער, העל באַלױכטן און פון בײדע זײַטן מיט צװײ רױטאַרמײער צוקאָפּנס און צופוסנס, װערט דער גלעזערנער אָרן באַװאַכט. דאָרט ליגט ער. א מענטש — א געװײנלעכער, געװײנלעך אָנגע־טאָן, געװײנלעך אױסזעענדיק, און אַלעמענס אױגן, װאָס גײען רונד דעם אָרן פאַרבײַ, זײַנען צו אים און צו זײַן טױט־אױסגעצױגן ליגן געקערעװעט.

די פאָרױסגײענדיקע קוקן אַף אים און װילן זיך אַביסל לענגער פאַרהאַלטן, אָבער פילנדיק די הינטער זײער רוקן־גײענדיקע, מוזן זיך אַלץ װײַטער און פאָרױס רוקן, ביז זײ רוקן זיך אינגאַנצן אַרױס.

און אָט הײבן זײ זיך פון אַן אַנדער זײַט שױן אױף, װידער דורך טרעפּ, װידער צװישן מראַמערנע װענט באַלױכטענע און אָפּשפּיגלענ־דיקע, און װידער מיט א שיך־און שטיװל־טרעטן פון אײנע הינטער די אַנדערע גײענדיקע, אין אָט זײַנען די ערשטע אײניקע און נאָך זײ די אַנדערע אין דרױסן װידער.

פאַרן אַרײַנקומען אין מאַװזאָלײ זײַנען זײ פון דער גרױס־טומלענ־דיקער און פון באַװעגונג־װימלענדיקער װוּנדערלעכער שטאָט געקומען, און איצט װעלן, פון רױטן פּלאַץ אַרױסגײענדיק, װידער פון אײנער אַ נאָענט־ליגנדיקער רױש־קער גאַס אײַנגעשלונגען װערן.

אָבער אינמיטן האָבן זײ אים געזען.

— אױך איך האָב געזען.

ס'איז געװען א האַלב־נעפּלדיקער װינטערדיקער מילדער באַטאָג, די לופט מיט לעבלעכן שנײ־פראָסט פאַרפולט. דער טאָג שױן באַ ענד,

אין די נאָענטע גאַסן האט מען שוין ווי־ניט־ווי ליכט אָנגעצונדן. אויך באַם מאַווזאָליי־אַרײַנגאַנג ליכט. א שווײַגנדיקע און דרעכערעצפולע מענטשן־ראָד האָט אף איר ריי אין מאַווזאָליי אַרײַנצוקומען געוואַרט.

פאַר מיר—א מוטער מיט דרײַ קינדער. איינס פון אַנדערן קלענער. דרײַ יינגלעך. דאס עלטסטע פון א יאָר 6־5. אַלע דרײַ מיט כינעזיש שוואַרצע און לענגלעך־פאַרשניטענע אייגלעך. די מוטער א רוסישע, דער פאָטער, ווײַזט אויס, א כינעזער. די קינדער ריידן רוסיש. זיי זיינען אומגעדולדיק, ווילן שוין וואס גיכער די גרויסע מאַסע, וואס פאַר זיי, איבערקומען און אין מאַווזאָליי אַרײַן.

זיי גייען ווי אַף א וויזיט, „צום פעטער לענין", זאָגן זיי. דער נאָמען זיי היימיש, דער באַזוך ווי צו אַ לעבעדיקן. זיי פרעגן:

„ווער נאָך ווינט דאָרט?"

אַז מע קומט צום אָרן צו, בעטן די קינדער באַ דער מוטער, זי זאָל זיי אף די הענט נעמען, זיי זעען שלעכט... דער אָרן צו הויך פאַר זיי. די מוטער נעמט צוויי קינדער אף די הענט, און איך — א דריטס.

דאָס קינד טוליעט זיך צו מיר צוטרויליך און איז מיט גרויס נײַגער מיט די אייגלעך צום אָרן געווענדט.

— живой?—פרעגט דאָס באַ מיר אינדערשטיל.

— זשיוואָי...

* * *

אינדרויסן שוין נאַכט. היפש טונקל. דער רויטער פלאַג, נישט געקוקט אף דער באַלויכטונג, וואס אף אים, איז מיט די געבײַדעס—מיט „וואסילין", מיטן מוזיי און מיט דער קרעמל־וואַנט, שוין אין טיף־באַדענקלעכן אָוונט פאַרהילט.

מיר דאַכט: מיט דער נאַכט קומען דעם רויטן פלאַג שווערע געדעכענישן אפן זיקאָרן. וואַסילי איז גוואַלדיק כמורנע. ער איז אַלט און די עלטער גייט אים פון קאָפּ ניט ארויס און שווערע זינדיקייט איז אף זײַן געוויסן. די אילינקע קוקט לײַכטער, לעבעדיקער: עמעס, הייסט עס, זי האט געדינט דער פריערדיקער צײַט, זי דינט אָבער אויך איצט דער איצטיקער.

איך קוק אויפֿן פֿלאַץ און אויף דער וואַנט, און אַ שטיק זייער געשיכטע גייט מיר פֿאַר די אויגן פֿאַרביי, און אַ קליין ביסל לאָזט זיך מיר אויך וועגן זייער צוקונפֿט פֿאַנטאַזירן.

כ'דערמאָן זיך אַ בילד, וואָס איך האָב ערשט ג'עלייענט באַ אַ רו־סישן שרייבער (טשאַפּיגין) וועגן דעמזעלבן פֿלאַץ און זעלבער וואַנט, אָבער ווי ווייט שוין, ווען און אין וואָס פֿאַר אַ יאָרהונדערט דאָ פֿאָרגעקומען?

אָט איז דאָס בילד:

... אַ פֿאַרטאָג. אויפֿן זעלבן רויטן פֿלאַץ פֿינצטערלעך און פֿרי נאָך אין די האַנדלסרייען, וואָס פֿאַרן קרעמל, גייט שוין אָבער דער האַנדל ס'שטייען פֿורן מיט אַלערליי סכוירעס. דער דיאַק, וואָס מאָנט אויף דעם טיאַמגאַן (שטייער) פֿאַרן קייסער, קלויסטער און פֿאַרן מאָנאַסטיר, גייט אַרום מיט צוויי סטרעלצעס צווישן די וואָגנס אין זיין לאַנגפּאָליקן קאַפֿטאַן מיט שנור באַנייט. אויפֿן קאָפּ אַ סאַמעטענער קלאַבוק, באַברוימט מיט אַ פֿאַסיקל פֿוקסן־פֿוטער.

פֿון יענער זייט רייען, נעענטער צום קרעמל — דער קאַט. אין אַ שוואַרץ־פֿליסן רעקל אָן אַרבל, אין אַ רויט העמד, די אַרבל פֿון העמד פֿאַרקאַטשעט. ער שטייט גרייט צו קאַטעווען אַ גאַנעוו.

דער פֿאַרברעכער — אין בלאָ־געפֿאַרבטע פּלודערן, אָן אַ העמד, שטייט אָנגעבויגן, ציטערט... אין דער פֿרימאָרגנדיקער קעלט גייט פֿונעם מאָגערן קערפּער, וואָס שוויצט פֿון שרעק, אַ פּאַרע. אויף זיין איינגעפֿאַלענער ברוסט ציטערט דאָס ציילעמל אויפֿן שנורל.

דער קאַט נעמט דעם קנוט, צעוויקלט מיט אַ פֿאָך דעם קוטעס פֿון די אָקסישע אָדערן.

— טים — טיאַם — טים — הערט זיך אינדערלופֿטן אַ קלאַנג פֿון ליטאַווורעס.

דאָס פֿאָלק מאַכט אַ וואַרע. אַנדערע נעמען אַראָפּ די היטלען.

— באָיאַרין.

— דעם קייסער דעם גוט־מאָרגן אָפּגעבן.

— איי, פֿאָלק, צעגייט זיך.

אויפֿן פֿלאַץ פֿאָרט אָן אַ באָיאַרין, די שוואַרצע באָרד שוין מיט גראָוו געמישט. דער באָיאַרין קלאַפּט מיטן הענטל פֿון קנוט אין די ליטאַווורעס, וואָס הענגען באַם פֿערדס זאָטל. זיין פּנעם כמורנע, מיט געדיכטע,

שוואַרצע ברעמען, וואס פון אונטער זיי קוקן ארויס קײַלעכיקע שפּאַרבער־אויגן. ער איז אין א בלאָוו־סאמעטענעם פעריאָז (פּעלץ). אינדערפּינצטער זעט אויס דער פעריאָז־קאָליר קאַלעמוטנע־גראָוו. אפן קאָפּ א קלאבוק, באברוימט מיט סויבל. ס׳באַליטן אים בא די זײַטן און פונהינטן כאָ־לאָפּעס. דאָס פּײַער פון די שטורקאטשן הוידעט־ווינטלט זיך אין די הענט פון דער דינערשאַפט, טונקל אָפּשפּיגלענדיק זיך אין די טײַערע שטיינער פונעם באיארינס פעריאז און אין די פּערל, אײַנגעפּלאכטענע אינעם פערדס גריווע.

— דער וואָיעוואָדע.

— ווער אידעס?

— פירשט יורי אלעקסייעוויטש.

— מאַכט א וואַרע, מענטשן...

ס׳סווישטשעט די בײַטש. נאָך צען שמוץ הייבט אָן דער פאר־ברעכער זיך שאָקלען. געדיכט בלוט רינט איבער זײַנע פלודערן...

— שטייענדיק ס׳טניט אויסהאַלטן, לייג זיך בעסער,—זאָגט דער קאַט רויק, פאריכטנדיק דעם אַרבל, וואס האט זיך אים אראָפּגעגליטשט.

דער פארברעכער איז שוין הייזעריק פון שרײַען. ער פאָלגט, לייגט זיך, איז מאט, נאָר זײַנע ליפּן בעבען...

א באָרדיקער דיאק מיט א געגנדזענער פעדער אונטערן אויער און מיט א טינטער אין גארטל, א באוואקסענער מיט האָר, ווי מיט א פעל, ציילט די שמיץ.

— גענוג.

ס׳פאָרט צו א טיליגע. דעם קאטס געהילף אין א שוואַרץ העמד, פאַרגאַרטלט מיט א רויט־לעדערנעם רימען, הייבט אוף דעם געקאטע־וועטן, וואלגערט אים ארוף אף דער טיליגע. דער פארברעכער פינטלט מיט פארטרערטע אויגן און שטאמלט קאַם ארויס:

— אַ טרונק.

דער קאַט טוט א גיי, נישט קוקנדיק אף קיינעם, גיט אַ גרויזאמען געשריי אפן האמוין:

— צעגיי זיך!—און מיט אן אפצווענג טוט ער א טשיק אָפּ דעם פארברעכער דעם רעכטן אויער.

יענער פילט שוין קײַן ווייטיק נישט און שעפּטשעט נאָר:

— טרינקען.

דער דיאַק טוט א ווונק דעם פויער אפן פערד און א זאָג דעם גע־קאטעוועטן:

— מער ניט גאַנוועענען, אניט ווערסט נאך אויך דעם לינקן אויער פארלירן. און צום האמוין:

— איר ווייסט, קריסטן, וואָס אָט דער פאַרשוין האט אוועקגע־לאקכנט — א הון!...

. . . .

און איצט איז אָוונט. די ליכט, וואס באַלויכט דעם רויטן פלאַץ, דערלאַנגט ניט צו דער קרעמל־וואנט, וואס איז טונקל, און וואס אין אייניקע ווינקלען אירע פאלדעווען זיך נאָך, דאכט זיך, די שאָטנס פון יענע צײַטן, ווען זי האט אָט דאס אויבנדערמאָנטע בילד מיטן קאַט, מיטן דיאַק, מיטן פארברעכער און מיטן פירשט יורי אלעקסייעוויטש געזען.

זי האט שוין נאָך יענעם בילד פונעם זעכצנטן־יאָרהונדערט מיט יענעם קאַט, אויך פיל אנדערע בילדער אין שפעטעוודיקע יאָרהונדערטן, מיט שפעטערדיקע קאטן געזען. זי האט געזען, ווי קאַטן זיינען דאָ צו קייסאָרים געקרוינט געוואָרן, און ווי יענע, וואס זײַנען אופגעשטאַנען קעגן די קייסאָרים — געקעפט דאָ.

זי דערמאַנט זיך אין דער גאַנצער קייט זייערע, וואס האט זיך דרײַ הונדערט יאָר געצויגן, ביז דעם לעצטן־פון דער קייט, וואס פאר אונדזערע יאָרן, וואס מע איז אנטקעגן אים אופגעשטאַנען, און אין זײַן פעריזאָן, אין זײַן קאָפּ זײַנען דרײַהונדערט יאָר פארברעכער־קעפ געקעפט געוואָרן.

אַז מע קוקט זיך צו צו דער וואַנט, קאָן מען נאָך זען די שטופלען פון די ביקסן־קוילן, וואס מע האט אין איר אין זיבעצנטן יאָר בעיס דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, געשאסן. זי פרייט זיך, דאכט זיך, די וואנט, וואס זי האט זיי פאר היט, אָט די שטופלען: זיי זיינען איר א גוט דער־מאָנונג, ווי „שלעכט" זי האט די, וואס האבן זיך הינטער איר דעמאָלט אויסבאהאַלטן געוואלט, געהיט, און ווי גרינג זי האט זיי די באלאגע־רער און די אופשטענדלער איבערגעגעבן.

און אָט איצט, אז מע קוקט זיך אײַן, קאָן מען אף דער טורעמ־דיקער און צײַן־געצוויקלטער וואַנט־טייל פון אויבן איינעם א רויט־

אַרמייער, אַ היטער און אַ שיצער פֿון יענע אופֿשטענדלער, זיך אַרומדרייען זען, אַ שטילער, מיט אַ ביקס אַף דער וואַך, אַ סימבאָל פֿון געווינס און ניצאָכן, און מיט זיכערקייט אַף ווײַטערע געווינסן און ווײַטערע ניצכוינעס.

זי זעט איצט אויס ווי פֿאַרטײַעט, די וואַנט. עפּעס וואַרט זי, אַ שטומע, אַ מיט געדעכעניש־פֿולע, וואָס האָט שוין פֿיל געהאַט, ס'איר פֿיל געגעבן, און עפּעס קומט איר, דאַכט זיך, נאָך...

זי קוקט און טראַכט פֿונעם מאַוזאָלײַ בײַ איר צופֿוסנס און פֿונעם רויטאַרמייער מיט דער ביקס פֿונויבן. ס'דאַכט איר, אַז דאָס איז ער אַליין דאָרט, דער פֿון מאַוזאָלײַ, איצט אַף דער וואַך.

ער האָט דאָ פֿריִער געטראָטן און פֿונדאַנען האָט זיך נאָך זײַן לעבע־דיק קאָל צו די מאַסן, וואָס זײַנען אין שלאַכט געגאַנגען, געהערט, און אויך איצט טרעט ער. און—ווער ס'האָט אַן אויער, דער הערט—ווי ער רופֿט אויך איצט די מאַסן; פֿריִער צו די זין פֿון זײַן אייגן לאַנד צו קאַמף און זיג, און איצט—צו קאַמף און זיג די זין אויך פֿון אַנדערע לענדער.

זי טראַכט איצט, די וואַנט:

און זיכער וועט מען אים דערהערן,—אויך יענע, וואָס אויסער דער גרענעץ, ווי פֿריִער האָבן די פֿון דער זײַט גרענעץ דערהערט. זיי מוזן דערהערן: די נאַכט דאָך גרויס, און זײַן וואָך־קאָל טראָגט זיך ווײַט, און געשען וועט אויך דאָרט, וואָס געשען איז פֿריִער דאָ, און דעמאָלט, און אַ טאָג וועט זײַן—טרוימט די וואַנט—און די פֿעלקער־פֿאָרשטייער, און די, וואָס האָבן געהאָלפֿן דאָס געשעענע זאָל געשען, וועלן זיך דאָ פֿאַרזאַמלען.

דער רויטער פּלאַץ וועט פֿול זײַן. האַמוינים, האַמוינים וועלן אַף די פֿאָרשטייער קומען קוקן. די גאַנצע שטאָט אַף גאַניקעס, אַף דעכער, אַף שפּיץ־קלויסטערס וועט שטיין, ליגן, קריכן. אַלע גאַסן־סטויפּעס, אַלע רינוועס מיט יונגוואַרג, ווי מיט פֿליגן, באַדעקט. אַלע וועלן וועלן זען אָט יענע, וואָס האָבן דעם לעצטן קאַמף אויסגעקעמפֿט, יענע, וואָס האָבן די לעצטע רעשטלעך פֿאַרברעכן געבראָכן, יענע, וואָס האָבן די לעצטע גרענעצן פֿון לאַנד צו לאַנד אָפּגעווישט, און פֿון אַלע לענדער—איין לאַנד, און פֿון אַלע פֿעלקער—איין אַרבעט־פֿאָלק, און וואָס די פֿאָרשטייער פֿון זיי אַלע זײַנען איצט דאָ, אַפֿן רויטן פּלאַץ, פֿאַרזאַמלט...

יונג און אַלט וועלן זיך שטופן. דאס געדרענג וועט זײַן גוואלדיק און דער צערעמאָניאל וועט די שאָ און די מינוט באַשטימען, ווען די פײַערונג וועט זיך אָנהייבן. און צום לעצטן מאָל וועט זיך דער קאַמפהימן פון דעם ביזאחער געדריקטן מענטשן־פאָלק דערהערן. מוזיק וועט דעם אינטערנאַציאָנאַל שפילן... און שטיל ווער ווערן, און דאס גרויסע פאָלק וועט פון פרייד וויינען, און וויינענדיק און יובלענדיק דער מוזיק מיט געזאַנג צו הילף קומען...

אזוי טרוימט די וואנט. ס'איז דאך נאכט און זי דערלויבט זיך טרוימען. אָבער וויסנדיק די ווירקלעכקייט, וואס רינגלט אונדז ארום, און קענענדיק יענעם, וואס אין מאַוזאָליי בײַ איר צופוסנס, און הערנדיק די וואָרנדיקע און וואַכנדיקע טריט פונעם רויטאַרמייִשן היטער מיט דער ביקס פונויבן, מיינט זי, אז זי האט קיין רעכט דערויף, אז זי דערלויבט זיך אומדערלויבטס, און זי קוקט מיט פראַגע־בליקן צו די ליכטיקע עלעקטרע־לעמפלעך בײַ דער טיר פון מאַוזאָליי, וועלכע ברענען שטענדיק און די גאַנצע נאַכט, און זי באַקומט א דערלויבעניש אף איר טרוים:

— ... „אין אזוינע טרוימען איז ניט פאַראַן אזוינס, וואס זאָל פארקריפלען, אָדער פאַראַליזירן די אַרבעט־קראפט...

דער דיסאנאנס צווישן טרוים און ווירקלעכקייט ברענגט ניט קיין שאָדן, אויב נאָר די טרוימענדיקע פערזאָן גלויבט ערנסט אין איר טרוים, קוקט זיך אײַן אופמערקזאַם אין לעבן, פארגלײַכט די באַאָבאכטונגען מיט די לופט־שלעסער און ארבעט געוויסנהאפט אף דער פארווירקלעכונג פון איר פאנטאזיע. ווען ס'איז נאָר פאַראַן א וואָסער ניט איז נעגיע צווישן טרוים און ווירקלעכקייט, איז אלץ שוין אין אָרדענונג*.

ס'איז שטיל און שפעט אינאָוונט.

די שטראָמען מענטשן, וואס שטראָמען באַטאָג פונעם רויטן פלאַץ, אף אילינקע, און פון אילינקע צוריק אפן רויטן פלאַץ, שטראָמען שוין איצט ניט מער. מענטשן אפן טראָטואר, וואס אנטקעגנאיבער דער קרעמל־וואַנט, איצט ווייניק. „וואַסילי" פון איין זײַט רויטן פלאַץ, שלאפט שווער, פינצטערלעך און אין אלטלעכער מאָרעשכוירע.

* פיסאראוו. ציטירט פון לענינען אין „что делать"

דער פֿלאַץ איז אָפּגעראָמט און שוואַך באַלויכטן, און נאָר פֿון דער אנטקעגנדיקער זײַט פֿון „וואסילי״ רײַסט זיך ווען־ניט־ווען א באַלויכטענער און פֿון דער שטאָט נאך לעבן־ברענענדיקער טראמוויי ארײַן, וואָס לאָזט דעם אלטן „וואסילין״ אין זײַן אלטקייט ניט פֿארגעסן, אבער ער פֿארשווינדט באלד מיט זײַן העלער ליכטיקייט און לעבעדיקייט אין דער נאָענטער ניקאָלסקער־גאַס, דער טראמוויי.

ס׳איז שטיל. דער רויטארמייער אף דער קרעמל־וואַנט וואַכט. די וואנט הערט זײַנע טריט און קוקט ווײַטער מיט פֿראַגע־בליקן צו די לויכטנדיקע עלעקטרע־לעמפּלעך, וואס בא דער טיר פֿון מאַוזאָליי, נעמט א דערלויבעניש אף איר טרוים און טרוימט. אָבער וויסנדיק דיווירקלעכקייט, וואס רינגלט אונדז אַרום, כאַפּט זי זיך אַלע ווײַלע אוף פֿון טרוימען.

זי דערמאָנט זיך איצט, די וואַנט, אין אנדערע ווענט, ווו דער פֿאָלקס־וועכטער איצט ניט אף זיי, נאָר אונטער זיי געפֿינט זיך; ווו ניט ער, דער פֿאָלקס־וועכטער, גייט איצט אף דער וואך ארום, נאר ער אליין אונטער א וואך, פֿון פֿרעמדע, קלאַסנסאָנים, געדונגענע סאָלדאטן געהיט — אין טורמעס, וויסטע, קראנקמאכנדיקע און אומברענגענדיקע, אין פֿארשיקונגען — אף שווערער ארבעט, פֿיזיש און גײַסטיק פֿארניכטנדיקער, ווו די בעסטע פֿאָלקס־זין קומען דאָרט איצט אום, ווו פֿאר די בעסטע איז איין אויסגאַנג נאר: אָדער מיט זיך אליין צו פֿארענדיקן, און אויב ניט, וועט דער הענקער, דער קאַט דאס מיט זיי טאָן.

זי דערמאָנט זיך, די וואנט, אין די טפּיסע־ווענט, וואס אף יאַבאָשעס, אף אינדזלען און אף יאַמים, יאָ, אויך אף יאַמים.

זי טראכט איצט געוויס פֿון יענע, פֿון אזוינע, ווי וועגן וועלכע מיר האבן די לעצטע טעג אין א דײַטשישער צײַטונג געלייענט *:

— „שוין 75 טעג, — שרײַבט די צײַטונג, — אז די ארגענטינער מיליטער־שיף „שאקאָ״ איז אפֿן יאַם היִנטערוועגס, אום די אן ערעך 50 פּאָליטישע ארויסגעשיקטע איטאַליענער, לעטן, פּאָליאַקן, טשעכן, צוריק אין זייערע היימלענדער אָפּצוטראנספּאָרטירן — אהין, ווו אף די ארויסגעשיקטע נײַע פֿאר־פֿאָלגונגען, לעבסלאנגע טפּיסעס, מיליטער־געריכט און טויט־אורטיילן ווארטן

* זע פֿארן Die welt am Abeng, 22. IV 32.

„די שיף האט געפּרוּווט אין די אייראָפּעישע לענדער פאַר די פּאָלי־טישע ארויסגעשיקטע אזיל־רעכט צו געפינען, אָבער אינערגעץ, ניט אין פראַנקרײַך און ניט אין איטאַליע האט מען די שיף זיך ארויסלאָדן ניט געלאָזט.

„אין שרעקלעכע באדינגונגען האבן דערום די ארויסגעשיקטע 75 טעג, דאָס הייסט, אריבער 2 כאדאָשים בעייס זייער אימבלאָנקענדיקער רײַזע פון לאַנד צו לאַנד אין פינצטערע קאבינעס, אין לעכער פארשפּארטע, הונגעריק און פרירנדיק פאַרבראַכט".

און אָט איז א שטיקל אויסצוג פון א בריוו, מיט וועלכער די ארויס־געשיקטע האבן זיך צו דער דײַטשישער „רויטער הילף" געווענדט. זיי שרײַבן:

...„אסאַך פון אונדזערע כאַווירים זײַנען קראַנק, און מיר האבן ניט קיין געלט צו קענען פאר זייער געזונט זיך זאָרגן. ווי לאַנג די רײַזע וועט דויערן, ווייסן מיר ניט. שוין 75 טעג, אז מיר האבן ארגענטינע פאַרלאָזט. נעמענדיק אין באטראכט אונדזער לאַגע, האבן מיר זיך באַ־שלאָסן צו אײַך צו ווענדן און מיר שיקן אײַך דאס נעמען־צעטל פון די ארויסגעשיקטע"...

. . . .

כ'שטיי אנטקעגן דער וואַנט און זע אירע זאָרגן, וואס אין אירע פארטונקלטע פאלדן פון די ווייניק־באלויכטענע ווינקלען אירע, וועגן די אויבנדערמאָנטע און אויך נישט דערמאָנטע אונטער גאָר דער וועלטס קאזעמאַטן־ווענט און טפיסעס אף יאבאָשעס, אינדזלען און אף יאמים,— איר זאָרג וועגן זיי, און איר טרוים וועגן זייער אויסלייזונג און באַ־פרײַונג—צוזאַמען מיט דער גאָר דער וועלט־אויסלייזונג און גאָר דער וועלט־באפרײַונג, און—

איך טרוים מיט איר מיט, כ'טרוים מיט איר וואָר, אפן באָדן פון וואר—איר גרויסן און ליכטיקן, שוין נאָענטן צוקונפט־טרוים.

1932 י.

צום טאָג
שבֿיט

1. שניט

אין דער געבײַדע פֿון „טוריסט", אין הויז פֿון „אָזעט", אין „קאָמערד"— אַ טומל, אַ הו־האַ: צענדליקער אינטערנאַציאָנאַל־פֿאַרבריִדערטע גרופּעס און אָטריאַדן—רוסן, ייִדן, אוקראַיִנער און אַנדערע, יונגע אַרבעטער און לערניוגנט — פֿון פֿאַרשיידענע שטעט, פֿאַבריקן, זאַוואָדן און לערנאַנשטאַלטן—זײַנען פֿון „קאָמערד" גערופֿן געוואָרן און געשיקט אַהער, קײַן קרים, אין די ייִדישע קאָלאָניעס, אויף באַם שניט צו העלפֿן.

מ'איז געקומען און מ'קומט פֿון מאָסקווע, כאַרקאָוו, קרעמענטשוג, מינסק, קערטש, וואָראָניעזש, קיִעוו און האָמעל און פֿון פֿיל אַנדערע ערטער.

גלײַך פֿון וואָקזאַל אַראָפּ, וואַרט מען אויף פֿערד, פֿורן, אווטאָבוסן, וואָס דאַרפֿן זיי ווײַטער פֿירן.

יוגנט איז אומגעדולדיק. אייניקע זײַנען שוין פֿריִער אָפּגעפֿאָרן, אַנדערע פֿאָרן אָפּ, און איבעריקע וואַרטן אויף זייער ריי צו פֿאָרן.

אויך מיר, אַ קליינע גרופּע—אַ פּאָר ליטעראַטן, אַ זשורנאַליסט מיטן אַגראָנאָם פֿון „קאָמערד"—קלײַבן זיך אין וועג.

און אָט זײַנען מיר אויסער שטאָט. דער אַווטאָמאָביל יאָגט, ברענגט אונדז און שנײַדט זיך אַרײַן אין גרויסן זוניקן סטעפּ מיטן ווײַס־שטויביקן און ווי קאַלך־אויסגעברענטן שליאַך און מיט די ווײַט־צעעפֿנטע האָריזאָנטן פֿון ביידע זײַטן. אויף וויפֿל נאָר דאָס־אויג כאַפּט—ווייץ, גערשטן און אַנדערע טווע־מינים. אַלץ שוין רײַף און וואַרט; מ'זעט אָבער, אַז נישט אַפֿן אַרכאַיִשן סערפּ און נישט אַפֿן איינצלנעם פֿויער־שניטער... ווײַל מ'זעט: די פֿעלדער, דער מערסט־גרעסטער טייל זייערער, דער גרויסער סטעפּ־יאַם,—שוין נישט פֿון אינדיווידואַל און איינצלנעם פֿאַרזייט,—נישט קײַן פּאַסן און פּאַסיקלעך, נישט קײַן מעזשעס און גרענעץ און פּיצעלעך כאַלאָקים, ווי אַמאָל און ווי ערשט נישט לאַנג נאָך געווען, נאָר איין

שטיק, איין גרויסער כיילעך פֿון קאָלווירטן און ראַטווירטן פֿאַרזייט, און אויך גאַנצע קאָלווירטן און ראַטווירטן דאַרפֿן איצט אָ די כאַלאָקים, אָ די גוואַלדיקע שעטעכס שנײַדן...

און מע שנײַדט שוין טאַקע. אָט פֿאָרן מיר אַ טאָטערישן קאָלווירט פֿאַרבײַ. ס'איז מיטעק־צײַט. קאָלווירטישע פֿערד זײַנען באַם פֿעלד־ברונעם פֿאַרזאַמלט. זיי רוען אָפּ, עסן און ווערן געפּויעט. טאָטערן — עלטערע, יונגע, קינדער — אין שמויסענע היטעלעך, פֿון דער זון און פֿון דער אַרבעט פֿאַרשוויצט און שוואַרץ, מיט פֿענעמער צופֿרידענע און אויפֿגעלעבטע, באַגעגענען אונדז גערן. מיר פֿרעגן אָפּן געראָטעניש. אַלע ענטפֿערן רויִק: „ברויט וועט זײַן“, און אַלטע זאָגן: „אַזאַ געראָטעניש שוין לאַנג ניט געווען“, און זייער צופֿרידנקייט, זעט מען, איז נישט אַליין פֿון געראָטעניש, נאָר אויך פֿון דעם, וואָס זיי, מענטשן, וואָס האָבן אַזויפֿיל יאָרן אָפּגעזונדערט, צעדרויבט און מענטשלעך־אָפּגעריסן געלעבט און אויף אַ קליין־אייגנטימערישן אויפֿן געאַרבעט, האָבן איצט צום ערשטן מאָל דעם טאַם פֿון געמײַנזאַמער שעפֿערישקייט דערפֿילט און אויך די פֿרוכט פֿון אָט דער שעפֿערישקייט.

ס'איז הייס אין פֿעלד, דער סטעפּ ברענט, דאָס טאָג־שטילקייט קלינגט אין די אויערן, און נאָר איינציקע גראָז־היישעריקלעך און פֿעלד־פֿייגעלעך צוויטשערן. מיר זײַנען דאָרשטיק. טאָטערן שעפּן אונדז אָן און גיבן אונדז פֿרישע וואַסער פֿונעם ברונעם. מיר טרינקען, פֿאַרברענגען נאָך אַ ווײַלע; דער אַגראָנאָם רעדט מיט פּויערים וועגן קאָלעקטיוו־און שניט־איניאָנים. מיר זעצן זיך און פֿאָרן ווײַטער.

דער אַווטאָמאָביל שנײַדט די לופֿט און דעם וועג ווידער. מיר פֿאָרן פֿאַרבײַ געוועזענע פּריצישע מאַיאָנטקעס, גרויסע לאַטיפֿונדיעס, און איצט — אַ מ. ט. ס.־פּונקט.

מ'מערקט נאָך פֿון געוועזענעם: אַן אַלט פּריציש פּאָלוואַראָק־געבײַ, אַ שטוב, אַ שטאַל פֿאַר זײַנע אַמאָליקע אַרבעט־קנעכט, וואָס פֿלעגן קומען און געבראַכט ווערן אַהער נאָר אויפֿן סעזאָן, נאָר אויף פֿאַרזיי און שניט, און דערנאָך, אויף ווינטער — אויפֿן לאַנד זיך צעשפּרייטן און ווידער צו זיך אין די היימען אָפּפֿאָרן... איצט אָבער: פֿאַרשיידענע בנינאָנים, הײַזער פֿאַר די אַרבעטער, שטאַלן פֿאַר פֿערד, גאַראַזשן פֿאַר מאַשינעס, סקלאַדן אויף ברען־מאַטעריאַלן און רעמאָנט־וואַרשטאַטן,

ס'איז א פאַבריק אינמיטן פעלד. אינעם גרויסן טויב־קלינגענדיקן פוסט־ און וויסט־געוועזענעם סקיפּישן סטעפּ, מיט די נאָך פאַרבליבענע קורגאַ־נעס אף די האָריזאָנטן, דאָרט, וווּ אמאָל האבןווילדע שוואָטים נאָר געוואַנדערט, אין ערשט ניט לאַנג, באַם צאַרישן רעזשים, האבן ווילדע, רויבערישע סאטראפּן געהערשט,—בויט זיך איצט א שטיק שטאָט־צענטער, ווי א פאַבריק, א זאַוואָד, מיט ארבעטער־באַלעבאַטים, מיט פאַרשיידענע קולטור־איינריכטונגען, און די שטאָט־קולטור הייבט אָן דעם סטעפּ צו באַהערשן, הייבט אָן אירן אן אויסזען אים געבן, און דער רויער נאַטור איר באַצווינגערישע קראַפט און דיקטאַטור צו באַווייזן... יאָ, און די מ. ט. ס. זיינען גוטע לערערס, זיי האבן שוין פיל פילע אויסגעלערנט, און איינציקע רעשטלעך נאך דאַרפן זיי דערלערנען...

ווייל אָט—ניטווייט פון דער מאַשינטראַקטער־סטאַנציע טראָגן מיר זיך פאַר אַן אָפּגעשטאַנען טאָטערש דאָרף פאַרביי. די הויפן—מיט נידע־ריקע שטיינערנע פאַרקנס ארומגעצאַמט. ס'דאַכט זיך, אז נישט קיין הויף־פאַרקנס זיינען דאָס, נאר פאַרקנס פון בייסוילעמס. די הייזער מיט די רוקן־זייטן צום שליאַך געקערעוועט (א סימען אף אָפּגעזונדערטקייט און אלטפאָטערישע און פאַנאַטישע זיטן), מיט בלינדע, האלב־פארמויערטע און מיט ציגל־פאַרלייגטע קוקו־פענצטערלעך... באלד אפן ערשטן קוק שוין זעסטו, אז דאָ איז אַן אלטע פינצטערלעכע נעסט נאָך א פארבלי־בענע: אהער האט נאָך דאס נייס ניט ארייַנדערלאַנגט, דא איז נאָך אלץ, ווי געוועז, און פון אלטן נאָך נישט גערירט גאָרנישט...

אָט איז א הויף. אינמיטן—א פירעק מיט שטרוי אויסגעשפּרייט, אן עלטערער טאָטער שטייט און דרעשט א בינטל ערשט־אראָפּגענומענע טווּע מיטן אַלטן מעלויך־שטעקן,—אומעטיקלעך, עלנט, פונעם ארומיקן לעבן ארויסגענומען, דערווייטערט און ווי אַן אַלטער מוזיי־עקספּאָנאַט זעט אויס... און ווי אָפּגעשטאַנען אָט דער הויף, די איינצלווירטשאַפט מיט איר אָפּגעשטאַנענער פּראָדוציר־טעכניק, אַזוי אָפּגעשטאַנען איז אויך דער גאַנצער לעבנשטייגער: ס'איז איינס פון אנדערן אָפּהענגיק...

אָט גייט א פרוי און טראָגט א היפּש קינד, ווי א קלומעק, אפן רוקן. ס'דערמאָנט אין ביבלישע צייטן, ווי האָגער טראָגט ישמאָעלן...

אָט א פּאָר אַלטע פרויען: שטאַרק פרומע און דאַרע זקיינעס, מיט קליינע יאַרמלקעלעך אף די קעפּ, מיט לאַנגע קליידער, און פון הינטער

די קליידער פון בלאָוון שטאָף קוקן אויך הויזן פון זעלבן שטאָף ארויס...
די פענעמער פון די מענטשן, וואָס מע באגעגנט דאָרט—פרעמד און
ביזלעך, ווי עפעס פאַרורטיילטע און רעשטלעך, וויַל מ'זעט, אז לאַנג
וועלן זיך שוין באַם אַלטן נישט האַלטן, און נאָך אביסל, נאָך אביסל
וועלן מוזן פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט און אקשאָנעס נאָכגעבן, וויַל... א
נייַער ווינט קומט פונעם סטעפּ, און אין אלע יישוווים, וואס מע באַ־
געגנט דאָ, איז דאס כאַראַקטעריסטישע, דאס טיפּישע שוין ניט דער
אָפּגעזונדערטער בייסוילעם־הויף, נישט דער איינצל־פויער מיטן מעלויך־
שטעקן, נישט די פאַרקנעכטעטע פון אַלטן שטייגער פרוי מיטן קינד
אפן רוקן. ניין. דאס כאַראַקטעריסטישע—די קאָלעקטיווע גרויסווירטשאַפט,
דאס ארבעטן אינייַנעם, פערד בא איין זשאָלוב, קינדער אין יאַסליעס,—
אָון אט דאס איז דער נייַער ווינט, וואס וועט באַלד דאס אינדיווידועל־
ווירטשאַפטלעכע פאַרבליבענע בלעטל איבערמישן און די לעצטע רעשט־
לעך פון אלטן שטייגער אף דער אנדערער זייַט איבערקערן.
און אָט טראָגן מיר זיך ארויס פון יענעם דאָרף, און באַלד באגעגענען
מיר און שלאָגן זיך אָן אף אווטאָבוסן, לאסט־אווטאָס מיט יוגנט גע־
פּאקט. זיי באגעגענען אונדז און לאָזן אונדז דורך מיט אויסגעשריי, מיט
יוגנטלעכער אופגעלעגטקייט און מיט אָ־אָ־אויסרופן.
דאָס זייַנען טיילן פון יענער שפּראַכן־געמישטער און אינטערנאַ־
ציאָנאַל־פאַרבר־דערטער ארבעטער און לערניוגנט, וואס מיר האבן אין
שטאָט—אין „טוריסט”, אין „אָזעט”, אין „קאָמערד”—געזען; יענע, וואס
זייַנען פון די ווייַטסטע שטעט אהער געשיקט, דעם צווייטן גרויסן און
נייַ־ערא־ציילנדיקן באָלשעוויסטישן פאַרזיי אראָפּצונעמען; יענע ארבעטער
און לערניוגנט, וואס האבן זייער זומער־אורלויב־צייַט אָפּגעגעבן אף דעם
פויער זייער רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג איבערגעבן און מיט זייערע
סאָציאַליסטישע ארבעט־מעטאָדן—סאָצגעוועט, שלאָגלערייַ א. אז"וו—מיט
אים זיך טיילן.
מיר פאָרן איינעם אזאַ אווטאָבוס פאַרביַי. מיר—פאַרפריער, און ער
בלייַבט הינטן. א צווייטן באַנעגענען מיר—און אויך דער צווייטער מיט יוגנט
אופגעלעגט, און זייערע קוילעס און אויסגעשרייען דעם סטעפּ פארטומלען.
און אָט לויפן מיר איינס א יידיש דאָרף שוין פאַרביַי. דאס דאָרף,
ווי אלע דערפער בעייס שניט: פון דער עלטערער באפעלקערונג נישט

צו זען קיינעם. אין הייסן טאָג זעען מיר נאָר יאַסליע־קינדער מיט זייערע אופזועערגס פון שול־הויף און פון שפּיל־פּלאַץ ארויסקוקן.

דער אגראָנאָם הייסט דעם שאָפער ווייטער פאָרן. און באַלד איז ווידער דער אווטאָמאָביל אפן סטעפּ שוין אפן פרייעם.

און מיטאַמאָל דערזעען מיר אן אויסמערליש פורל אין פעלד. אייניקע זיצן אפן פורל, אנדערע גייען דעם נאָך... מיר דערנעענטערן זיך און מיר דערזעען—זע: א וועגעלע באַקאַנטע.

דאס פאָרט א גרופּע שילער פונעם מאָסקווער טעאטראַלן טעכניקום, וואס באַם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאטער. סטודענטן, צוזאַמען מיט זייער אָנפירער און רעזשיסאָר כ׳ עפראָים לויטער... אויך א בריגאדע און אויך זי צוהילף דעם שניט.

איין העלפט טאַלמידים זיינען אוועק אף פעלדאַרבעט, און די צווייטע העלפט, די, וואס מיר האָבן איצט באַגעגנט, מיט שפּיל און מיט זייער קונסט, אף וויפל עס איז נאָר מעגלעך אין די דאָרף־באדינגונגען, זי צו באַווייזן, דעם דאָרף צו העלפן.

מיר קוקן זיך צו: דאס פורל פירט דעקאראציעס, פּעק, קלומקעס, יינגלעך, מיידלעך, און אינמיטן דער פור—זע, נאָך עפּעס... מיר דערשרעקן זיך צוערשט: עפּעס א מענטש מיט א קאָלדרע איינגעדעקט. ווייזט אויס, א קראַנקער. יאָ. אפן וועג טאַקע קראַנק געוואָרן. א סטודענט איינער. האט גרויס היץ... לאָזן אים אָבער דאָרט, ווו ער איז פאַרשלאַפּט געוואָרן, קען מען ניט, ווייל, ריישיס, איז דאס איינער פון די שפּילער, א שטיק איז אף אים די שפּיל אויסגעשטעלט און ס׳איז אים ניט לייכט צו פאַרבייטן; וועהאשיינעס, איז דאס יוגנט דאָך—הוילע, געזונטע און צאַפּלדיקע, און, נישקאָשע: זיי זיינען שוין געוווינט צו אזאַ לעבן, צו אַזאַ קראַנק זיין, און אף די פורן און אף די וועגן, גייענדיק און שפּילנדיק די קרענק איבערטראָגן.

— נישקאָשע,—פאַרזיכערט אונדז כאַווער לויטער אָפּטימיסטיש און לאַכט דערביי,—ס׳איז שוין בא אונדז א „פּאָלאָזשעניע” אזאַ, אז מער ווי א טאָג קרענקט מען ניט, ווייל אַפּדערנאַכט מוז מען שפּילן.

און אף דער גרופּע קאָמעדיאַנטלעך איז טאַקע פריילעך צו קוקן: שטאלטנע, האַלב־נאַקעטע, שוואַרץ־פאַרשטויבטע פּענעמער און ווייסלאַכנדיקע ציין. זיי פאָרן פון איין דאָרף און פאָרן אין א צווייטן; האבן

נעכטן ביז דרײַ באַנאַכט געשפּילט, און הײַנט וועלן װײַטער שפּילן: לעבן א וואנדער־לעבן, ווו געטאָגט, נישט געגעכטיקט, באַנאַכט—אין שטאַלן, אף פורן, אונטער פרײַען הימל, אף היי, אף שטרוי—אזוי שלאָפט מען, אזוי רוט מען, און עסן—אבי וואס, אבי ווען, אבי די נעשאָמע האַלט זיך, און, נישקאָשע, זי האַלט זיך...

און די כעוורע־קאָמעדיאַנטן מאַכן אף אונדז אזאַ גוטן אײַנדרוק, ס'איז אזוי גוט און אנגענעם מיט זיי, אז מיר באשליסן:—דעם אגראָנאָם מיט דער מאַשין אָפּצולאָזן. זאָל ער פאָרן, וווהין ער דאַרף, און מיר בלײַבן מיט כעוורע; מיר פאָרן, ד. ה., מיר גייען צופוס, מיט זיי, און אין ערשטן דאָרף, וווהין זיי וועלן אָנקומען, זיך אָפּשטעלן און פאַרהאַלטן.

און מיר טוען אזוי. מיר בלײַבן. מיר קוקן זיך צו צו זייער „יאַזדע"—מענדעלעס „אָדלערס". א פּאָר אויסגעדעוועטע קליאַטשעס, כוטהאשעדרעס, נאָר קעפּ און ווידלען, און פיס באַ זיי זײַנען נישט שײַעך... דאס האט דאס דאָרף „נײַ־ברויט", פונוואנען די קאָמעדיאַנטן קומען, זיי, אף אין צווייטן דארף איבערצופירן, קיין אנדערע פערד, ווי די, נישט צו געבן געהאַט, ווײַל געזונטע זײַנען אַלע אין פעלד פאַרנומען.

און די „אָדלערס"—קוים וואס זיי שלעפן. איינער איז אויסער פויל, נאָך אַן אַקשן, און אויסער, וואס ער קען ניט, וויל אויך ניט קענען...

און פון דאָרף, פונוואַנען כעוורע איז ארויס, איז שוין ווײַט, און אהין, וווהין זיי דאַרפן אָנקומען—נישט נאָענט; און דער טאָג איז הייס, און גאָלדענע ווייצן בעטן זיך צום שניט און מעסער; און דער סטעפּ איז אומענדלעך, און אפילע קײַן טעלעגראַף־דראָטן הודען ניט אין אים... און דאָ שלעפט זיך א פורל, אן איינונייניציקס, מיט יוגנט אזש פון דער הויפּטשטאָט געקומען, פון דעם גרויסן ווערקשטאָט פון פּראָלעטאַרישער און ארבעטער־קולטור, אויך דאָ אין סטעפּ, אין די פאַרוואָרפנסטע דערפער און יישווים, די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי, די אָנזאָגן פון די אַרבעטער מיט שפּיל און באַוועגונג צו איבערגעבן.

און איך טראַכט:

ווען א פרעמדער וואָלט אָט דאס בילד דעריזן, ווען פון אַן אנדער לאַנד א געבירטיקער זאָל זיך מיט אט דעם „קארטיעזש" באגעגענען און זאל זיך דערפרעגן, און מ'זאָל אים וואס דאס באַטײַט אופקלערן, וואָלט ער זיכער מיט די אַקסל געצויגן: ער וואלט זיכער ניט באנומען,

וואס פאר א שײַכעס האט שטאָט צו דאָרף, וואס קער זיך אָן טעאטער מיט שניט, גרויס־קולטור מיט פֿויער, פֿאַבריק מיט פֿאַרוואָרפֿענער כאטע און כאַלופּע, און וואס פֿאַר א האַנט, צוליב וואס פֿאַר א ציל האט עט אָט די גרופּעס יונגע ארבעטער און לערניוגנט פֿון די נידעריקע שולן, מיטל־און הויך־שולן אַהער געוואָרפֿן, זיי פֿון זייער ארבעט אָפּגעריסן און אין די ווײַטסטע דאָרף־ווינקלען איבערן גאַנצן לאַנד זיי צעפֿירט...— „מאָדנע”,—וואָלט דער פֿרעמדגעבירטיקער געזאָגט און נישט באַנומען.

מיר אָבער, וואס קאָנען די האנט און ווייסן איר ציל, אז מיר זעען אָט די גרופּעס הילפֿבריגאַדעס איבערן סטעפּ, אף לאַסט־אווטאָס, אף פֿורן, פֿורלעך אין פֿאַרשיידענע וועגן און ריכטונגען צו די ווײַטסטע פּונקטן זיך ציִען,—מיר באנעמען און פֿאַרשטייען, און יעדערן פֿון אונדז וויל זיך צו איינער אזא גרופּע און הילפֿבריגאדע צושטיין: מיט זיי צו־זאַמען זײַן, און כאָטש א העלפֿער זיין צו א העלפֿער...

און אָט זײַנען מיר, נאך לאַנג שלעפּעניש, אין נאָענטסטן ייִדישן דאָרף אריינגעפֿאָרן, אף N־טן ערדכיילעך. דאס דאָרף איז איין גאַס אין צוויי שורעס הײַזער געבויט. די הײַזער ווײַס, מיט צוויי פֿליגל־געבראָכענע, רויטע טשערעפּענע דעכער. זעען אויס דײַטשישער טיפּ, און ווי דײַטשישע קאָלאָניסטן אף נײַע ערד־נאַכלעס בויען זיך. פֿון איין הויז צום צווייטן א היפּשער שעטעך, א קלאַפּטער 15—10 אָפּגעטראָטן.

אין דאָרף, ווי אפֿן סטעפּ, איז איצט שטיל און הייס. די באַפעלקע־רונג—אלט, יונג און מיטל—אינדר'היים נישטאָ.

אייניקע פֿון אונדז לאָזן זיך צו איינער א שטוב, אף וועלכער מ'האט אונדז אָנגעוויזן,—אף סטאנציע, אף דאָרט זיך אָפּשטעלן און אײַנשטיין.

מיר טרעפֿן דעם באלעבאָס און די באלעבאָסטע אינדר'היים. דער באַ־לעבאָס—א קרענקלעכער, שטיל אין פּאָנעם און שמאָלבלעך אין די פּליי־צעס. די באלעבאָסטע—אויך ניט איבעריק געזונט. זי איז נאך שטילער און אויך עפּעס ווי דערשראָקן. ביידע שוין עלטערע, בא די פֿופֿציק.

— צי קאָנען מיר בא אײַך אײַנשטיין און איבערנעכטיקן?—טוען מיר א פֿרעג.

— שטאָ זא וואָפּראָס?—ענטפֿערט אונדז דער ייִד שמייכלענדיק, גאסט־פֿרײַנטלעך, אביסל פֿון איבעראַשונג מעוולבל, אבער, ווי יעדער ייִשוווניק, א שטאָטישן מענטש גערן...

מיר קוקן זיך ארום און הערן היימישלעך. ס'געדויערט נישט לאַנג און מיר דערוויסן זיך באַם ייִד: „ער איז דער ערשטער דא אפֿן יישעוו, און דאס האט ער דער ערשטער די ערשטע שטוב דא אויסגעבויט. שווער געווען צוערשט, זאגט ער. איר ווייס דאך: שטאָטמענטשן. און וואָס איז דען פֿריִער דא געווען — גאָרנישט, הוילער סטעפּ, קיין לעבעדיקער אָטעם".

ער דערמאָנט זיך אָז שווערס: „די ערשטע צײַט האט מען באַנאַכט אַפֿילע צום נאָענטן שאָכנס בײַדל נישט געקאָנט טרעפֿן. געווען פֿאלן, ווען מ'איז ארויס און מ'האט זיך צוויי שלעכטע דריי נאָר געטאָן און מ'האט שוין געבלאָנדזשעט. איר ווייסט דאָך: סטעפּ. הײַנט די ארבעט צוערשט, — א ייִד, נישט געוווינט אין פֿעלד באַם אקער, און נאָך באַ אַזא ערד, און מיט א פּאָר אָקסן — צאָב־צאָבע... קיין מאַשינעס, קיין טראַקטערס נאָך נישט געווען. פֿלעג זיך אמאָל טרעפֿן, ווען א ייִד פֿלעגט זיך באַם אקער פֿון גרויס שווערקייט צעוויינען, פּאָשעט טאַקע צעוויינען: ער קאָן נישט מער, באַגראָבן אים בעסער אט דא א לעבעדיקן... איצט אָבער, ווי איר זעט, זיך אויסגעבויט. מיט צאָרעס אנגעקומען, אָבער דאס שווערע איז שוין פֿאַרבײַ. הײַנטיקס יאָר — וואס מ'האט באדארפֿט, האט מען פֿארזייט, און וויפֿל מ'וועט דאַרפֿן, וועט מען, זײַט זיכער, אויך אראָפּנעמען. עמעס, אביסל ווייניק הענט... יוגנט צעלויפֿט זיך. אין שטאָט, פֿארשטייט זיך, פֿריילעכער. נו, איז, ווי איר זעט, קומט אונדז די מעלוכע צו הילף. אָט זײַט איר געקומען, נעכטן — א גרויסע גרופּע — א מאַן 100 — פֿון טשערניגאָוו. זיי זיינען שוין אפֿן פֿעלד מיט אונדזערע. הײַנט איז דער ערשטער טאָג פֿון שניט".

און אזוי דערציילט, דערציילט דער ייִד. מ'זעט: ער פֿילט זיך שלעכט אביסל און געענגט פֿאַר אונדז, וואס אינמיטן טאָג, ווען אלע פֿאַרנומען, ער ליידיק; ווען אלע אַפֿן פֿעלד, ער אין שטוב. און ער פֿארענטפֿערט זיך: ער איז קראַנק און האט א „סטאַדיע", זאָגט ער. מ'האט אים באַשטימט קוראַציע אַף מעלוכע־קאָסטן אין א סאנאַטאָריע, און ער וואַרט אַף אן אָרט. דאָס ווײַב זײַנס, די שטילע און דערשראָקענע ייִדענע מיט די גרויסע הירשישע אויגן, שרעקט זיך, זעט מען, פֿאר איר מאַנס „סטאַדיע", און קוקט אונדז אין די אויגן, וויל זען, צי איז איר שרעק טאַקע באַרעכטיקט און צי וועט ער דאס אָרט באַקומען. מיר ווייסן דאָך בעסער, מיר זײַנען דאָך שטאָטישע...

מיר רוען אָפּ אביסל. דער טאָג האַלט שוין באַם אראָפּגיידערן, און די היץ באַ קלענער ווערן.

מיר לאָזן זיך ארויס אין דאָרף. מיר גייען צו צו דער קאָלווירטישער קי־שטאַל, דאָרט, ווו אפּדערנאַכט וועט די פאָרשטעלונג פאָרקומען, און איצט, נאָך פאַרנאַכט, פאָרען זיך שוין קאמעדיאַנטלעך באַ דער סצענע, איַינצואָרדענען און צו איַינריכטן, און קליינע קינדער, די, וואס צו פעלד־אַרבעט נאָך נישט טויגן און אין דאָרף פאַרבליבענע, האבן זיך דאָרט איצט שוין פאַרזאַמלט. ס'איז אַ יאָנטעוו, ס'אַ געשעעניש: קינדער באַ דער סצענע, קינדער אין די לײדיקע זשאָלובעס קוקן פארגאפּט, פארכאַפּט און כאַפּן פון די שטיקלעך רעפּיטיציעס און אפּן כעשבן פון דער אָוונט־פאָרשטעלונג שטיקלעך אוואַנס־האנאָע שוין באַצייַטנס...

די שטאַל איז א גרויסע, א גוט־איַינגעאָרדנטע, מיך הילצערנע קאָרעטעס פון ביידע וועגט־זייַטן און מיט פענצטערלעך אונטער דער סטעליע אויבן, אף שיַין און אף די שטאַל צו לופטערן. דאָ האַלט מען די קאָלווירטישע קי, אויסער יענע, וואס באַ יעדער פויער צו זיַין אייגענעם באַנוץ, וואָס יעדער פויער באַ זיך האַלט זי. פאַר דער שטאַל, אף א פרייַען פלאַץ, שטייען מאַשינעס: אַקער־מאשינעס, זיי־און שנייַד־מאַשינעס, טראַקטערס און אָט אויך א 3־4 געסט, געסט שטארק אָנגעלעגטע און ביז אהער אין דאָרף נאָך נישט געזעענע,— קאָמבייַנעס. זיי שטייען נאָך פארדעקט, און קינדער פאַדען ארום זיי, און זיי (די קאָמבייַנעס) ווארטן אף ברען־מאַטעריאַל, אף מאָרגן אין סטעפּ ארויסגעפירט ווערן און צום ערשטן מאָל אין ריזיק־געפליגלטן גאַנג זיך לאָזן.

און אָט, אף דעם פלאַץ, אף דעם אָרט פון דער קליינער מאַשין־אויסשטעלונג, צו דער שטאַל און צו די מאַשינעס אהער, וועלן זיך באַלד, אז ס'וועט פינצטער ווערן און דער פויערים־אוילעם וועט פון דער פעלד־אַרבעט קומען, זיך ארומוואַשן און אָפּעסן—אהער מיט ווייַבער און קינדער און מיט דער גאַנצער דאָרף־רעפּובליק זיך פאַרזאַמלען, און דאָ, נאָך דער ארבעט, נאָכן שווערן מי־טאָג אין געשפּרעכן וועגן גערעטעניש און שניט, וועגן נייַע און אַלטע איבערוואַנדערער, וועגן דאָרפישע איניאָנים און מעלוכישע קלאַל־אינטערעסן, אָפּרוען.

און ס'איז טאַקע אַזוי. ס'איז שוין פינצטערלעך. אין סטעפּאָווע הימל באַלד שטערן. און אָט הייבט מען זיך אָן פאַרזאַמלען. יידן, ווייַבער און

קינדער. מ׳שטייט און מ׳זיצט אויסגעזועצט לעבן דער שטאַל, אַף וואס ס׳מאַכט זיך—אַף ברעטער, אף שטיינער און אף הויל̄ער ערד.

אָט זעצט זיך לעבן מיר צו א ייִד אין די מיטעלע יאָרן. א פאַרגעניגט פאָנעם, א פאָמפּעטשקעוואַטע־קײַלעכיקס, א רויטלעכס, מיט קורצער סטערניע באַוואקסן. ער איז נאָך דער וועטשערע און אופגעלעגט. איך פרעג בא אים: ווי גייט׳ס, און ער ענטפערט שטיל און ווי אײַנראָמענדיק: קלאָגן דארף מען זיך ניט. אז וואס מיר האבן באַדאַרפט, האבן מיר פאַרזייט, און נאָך מער וויפל מ׳האט באַדאַרפט: 4 טויזנט האַ, און אראָפּנעמען וועלן מיר ביז א זערנע (קערנדל); מיר האבן עטלעכע און פופציק קי אין שטאַל, 540 שאָף אפן סטעפ, אינווענטאר—נישקאָשע, היַיזער—יעדערן א הויז, טראַקטערס. און אָט האָט מען אונדז אויך מיט קאָמבײַנעס ניט פאַרשעמט...

איך באַמערק: אין דעם ייִדנס לעקסיקאָן הייבן אָן די ווערטער „איך" און „מײַנס" אײַנדאַרן און פארשווינדן, און אנשטאָט זיי קומען זיי די ווערטער „מיר" און „אונדזערס" צו פאַרבײַטן. יאָ, ווי שווער דער נײַער קאָלווירטישער שטייגער קומט ניט אָן, אָבער ער קומט. פאַמעלעך, אָבער ער בירגערט זיך אײַן, הייבט אן די מויכעס פאַרנעמען. און די שפּראַך די ערשטע טוט שוין די נײַע אומבאַוווסטזיניקע פּראָצעסן פאַרפיקסירן.

און דער אוילעם דערווײַל קלײַבט זיך אפן פלאַץ. שוין אָפּגעגעסענע, געוואַשענע און אביסל אָפּגערוט. ס׳איז שוין פינצטערלעך, און ס׳איז שוין באַלד שווער פּענעמער צו דערקענען.

און אָט דערנעענט זיך א ייִד צו מיר, צום אָרט, ווו איך מיט אנדערע ייִדן זיצן. אַ קינד זיצט אים אַפן האַלדז, מיטביידע פיסלעך אף איבער זײַנע אקסל פונפאָרנט. א סימען, אז דער ייִד איז אופגעלעגט און איז גערן דעם קינד איצט פאַרגעניגן אָנטאָן. ער קומט צו און באַקאָנט זיך און טוט גלײַך א זאָג: איר ווילט באַשרײַבן, קומט מיט מיר. כ׳וועל אײַך פאַר אַלעמען מײַן שטוב באַווײַזן. אויסערלעך די ערגסטע, אָבער אינעווייניק די בעסטע.

כ׳כאַפּ אפן ייִדן א קוק: דאס היטל אן א זײַט, די האָר פון איינער א שלייפּ־פּייע איז בא אים טיף אין קאָפּ ארײַן פאַרשניטן. ס׳איז עפּעס בראָפּעסיאָנעלס אינעם טיפּן שניט: אמאָליקער סמאָלענסקער שוסטער, אָדער פון דער זינקבערגיקער אוקראַינע א באַלעגאָלע... יאָ, טאַקע...

א פּאָלטאַווער איזוואָזשטשיק. איין אויג זייַנס, דאָס, וואס באַ דער אָפּגעשניטענער פּייע, קוקט קליין, צוגעמאַכט און גנייוויש. אליין איז ער, פון יאָרן און צייטן, שוין גענוג צעאַקערט, די הויט אפן פּאָנעם שוין פיל צעווירעט, אָבער א קליין קינד איז אים נאָך אף די אַקסל... און איך פרעג בא אים: „וויפל זייַנט איר אַלט?”, און ער ענטפערט: „שוין 59, אָבער נישקאָשע, כ׳שטיי נישט אָפּ, א פּאָלטאַווער איזוואָזשטשיק ווערט נישט פּארשעמט, און—קומט אריַין אין שטוב און איר וועט זען”.

איך קום אריַין און טרעף א יונגע פרוי... ער שטעלט מיך פאָר. זי צינדט א לאָמפּ אָן. און איך זע, זי איז יונג און אין די הויכע כאדאָשים... דאָס ווייַבל שעמט זיך, דרייט זיך, מאַכט אָרדענונג אין שטוב, און ער דערציילט דערווייַל: קאָלעקטיוו איז א גוטע זאַך, אָבער—דערצו, מ׳זאָל נאָר קאָנען א פּאָר פודלעך מעל אפן מאַרק ארויספירן און פאַרקויפן... פאַראיאָרן האָט ער אזוי געטאָן, ער וואָלט איצט אויך אזוי, אבער איצט איז שווערער... ווייַל הייַנט, אז מ׳כאַפּט, איז זייער ניט שיין (כ׳ווער געווירע דערנאָך, אז דער ייִד האט ביכלאַל ניט פייַנט געהאַט די „מעלאָכע”; מ׳האט אים פריִער אפילע ניט גערן פאַר קייַן שאָכן געהאַט, און איצט, אונטער דער ווירקונג פון קאָלעקטיוו, וואס ווירקט, קאָנטראָלירט און גיט אַכטונג אף זיטן, בעסערט ער זיך...), און ער האט נאָך און נאָך צו דערציילן, אָבער ס׳איז שוין שפּעט, און איך איַיל אים, רוף אים און דאס ווייַב אף דער פאָרשטעלונג, צום שטאַל צוגיין.

דאָס גאַנצע דאָרף שטיל, אין אלע הייַזער דאָס ליכט אויסגעלאָשן, ווייַל אלע האבן די הייַזער איבערגעלאָזט און אלע אין שטאַל אוועק.

און אין שטאַל איז ענג: מענער, ווייַבער און קינדער. עלטערע—אף די בענק אויסגעזעצט, יוגנט—בא די זייַטן שטייענדיק, קינדער—אין די זשאָלובעס און פאַר דער סצענע. די שטאַל איז מיט איין לאַמטערן נאָר פון דער סטעליע אראָפּהענגענדיק באַלויכטן. אין האַלב־פינצטער—שטאַרק־אָנגעהאָרעוועטע פּענעמער, פון א גאַנצן טאָג אפן פעלד און אף דער היץ זייַן, פון שווערער מי און גאָרניט, גאָרניט קייַן לייַכטער ארבעט, אבער—אויגן דאָרשטיקע, און אויערן אָנגעשטעלטע—א פריש וואָרט און א פרישן מענטשן צו זען און צו הערן: א גרוס פון שטאָט, א דערמאָנונג פון קולטור, א דערלייַכטערונג און באַלוינונג פארן באוווסטזייַן פון

אָפּגעריסנקייט און פאַרוואָרפנקייט, כאָטש מיט ווינציקע פּעדים מיטן גרויסן לאַנד און קלאַל געבונדן צו זײַן.

און דער פאָרזיצער (איינער פון די ארטיסטן) נעמט דאס וואָרט אײדער ס׳הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג, און זאָגט:

— מיר זײַנען ניט נאָר קײן ארטיסטן און ניט נאָר טעאטער געקומען שפּילן צו אײַך, מיר זײַנען א הילפבריגאַדע צום שניט געקומען העלפן. און, אויב מ׳וועט דארפן, וועלן מיר מיט אײַך אויך אפן פעל ארויסגיין. קוקט דערום אף אונדז, ווי אף אייגענע, ווי אף אײַעריקע, מיר שפּילן דאס, וואס בא אײַך אין ווירקלעכקייט קומט פאָר, מאַטעריאל פאר אונדזערע פאָרשטעלונגען האבן מיר טאַקע בא אײַך גענומען.

און דער פאָרהאנג צעעפנט זיך, און דער אנגעשטרענגטער און נײַגעריקער אוילעם דערזעט דא פאַר זיך זײַנע אייגענע פאַרשוינען טאַקע; פאַרשוינען, וואס מ׳האט זיי פאַראַיאָרן געזען און מ׳זעט זיי אויך הײַנטיקס יאָר. דער אוילעם הערט היימישע און באקאַנטע ווערטער פון פויליאַקעס, וואס ווילן זיך פון דער אַרבעט ארויסדרייען, פון שטילע שעדיקערס און אגיטאַטערס—דעם באַלעגופס אגענטור, וואס רייצן אָן, רעדן אײַן און טרעטן ארויס קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע; א בוכפירער, וואס האט אומיסטן די כעזשבוינעס פון די ארבעט־טעג פארדרייט; א קאָמיוגיסטן, א דאָרפס־פאָרזיצער און איינער אָן ארנטלעכער פויער, וואס דעקן אוף און דעמאַסקירן די שעדיקער, טרײַבן זיי ארויס, און אלע זײַנען צופרידן, וואס די דאָרפישע לופט איז גערייניקט.

און נאך דער ערשטער שטעלונג טרעט ווײַטער דער פאָרזיצער ארויס און בעט, דער אוילעם זאָל זיך ארויסזאָגן; זאָל ער זאָגן, צי זײַנען ריכטיק געגעבן די פאַרשוינען, און צי דא אין דאָרף קומט אויך ניט פאָר דאסזעלבע מיט פויליאַקעס, מיט שעדיקער און אגיטאַטערס, און—נישקאָשע—זאָגט ער—מ׳מעג זיי אויך בא די נעמען אָנרופן.

און דא צערעדט זיך שוין דער אוילעם. פון אלע זײַטן שטרעקן זיך הענט און מ׳בעט ווערטער באַם פאָרזיצער, און אלע לײַדנשאַפטן און אנגעווייטיקטע פראַגעס פון דאָרפס־לעבן שווימען דעמאָלט ארויס, און דו פאַרגעסט, ווען איז געווען די פאָרשטעלונג, און ווער די ארטיסטן. ווײַל די דעבאַטן, וואס נאך דער פאָרשטעלונג, זײַנען, דאכט זיך דיר, די פאָרזעצונג פון דער שפּיל, און די, וואס נעמען אנטייל אין די דעבאַטן,

דיזעלבע ארטיסטן... אזוי ענג צוזאַמענגעפלאָכטן איז דאס, וואס איז פריִער אף דער סצענע פאָרגעקומען, און איצט, וואס אין „זאַל“, און אזוי הייס רעאגירט מען דא און מ׳טיילט ניט אָפּ די בינע פון ניטבינע.

און ס׳איז שוין זייער שפעט, שוין וויַיט אריבער האַלבע נאכט. דער האָן האט שוין געקרייעט, און דאס דאָרף, וואט איז אינגאַנצן איצט אין שטאַל מיטן איינעם א לאַמטערן באלויכטן, פאַרזאַמלט, האט נישט געהערט... מ׳אַמפּערט זיך און באשולדיקונגען פליִען, און די באשולדיקטע ווילן זיך ריין וואַשן, וויַיל אַלע מייַסים זייערע זייַנען פאר אלעמען איצט ארויסגעבראכט, און דער קאָלעקטיוו לאָזט קיין אַוולעס נישט דורך, און ווען ער דאַרף, און ווער ס׳האט פאַרדינט וועט שוין פאַר אלעמענס אויגן פאַר די אויערן ארויסגעצויגן ווערן.

און אזוי קריגט מען זיך, ביז א צווייטע פאָרשטעלונג קומט, און ס׳ווערט ווידער שטיל, און אלעמענס אויגן ווידער אף דער סצענע געווענדט, און פון צווישן אוילעם הערן זיך נאָך אייניקע נישט־איינגעשטילטע און ברוגזע רעשטלעך פון די דעבאַטן; אייניקע שטאַרק אופגערעגטע, קאָנען דאס פריִער־פאָרגעקומענע נישט פאַרגעסן און זיי בורטשען, און דער איבעריקער אוילעם שטילט זיי איַין ברויגעזלעך.

און דאָ, אינמיטן שפּילן, האב איך צום אָפענעם טויער פון שטאַל, וואס קוקט אפן סטעפּ ארויס, א קוק געטאָן, און איך האב דערזען: פון עק האַריזאָנט האָט א פאַרשפּעטיקטע סקיפישע לעוואָנע ארויסגעקוקט. יענע לעוואָנע, וואס ביז ערשט ניט לאַנג האט דאָ נאָר וויסטן סטעפּ געזען, און איצט—א נייַ דאָרף, נייַ אויסגעבויטע הייַזער. ערשט ניט לאַנג האָט אָט דער סטעפּ נאָר צו פּריצים און גרויספּירשטן געהערט, און איצט—צו פּויערים און צום לאַנד פון ראַטן; פריִער האבן קנעכט דעם סטעפּ באַאַרבעט, און איצט—מענטשן, וואָס דער שווערער טאָג איז זיי ניט שווער, די שווערע אַרבעט פון נעכטן ווי פאַרגעסן, און די שווערע ארבעט פון פאָרשטייענדיקן מאָרגן ניט געדענקען, און וואס האבן זיך איצט, אין די אייגציקע שאָען אין מעסלעס פאר רו, ענג אין שטאַל פאַרזאַמלט — אף צוזאַמענשלוס מ׳ט שטאָט, מיט ארבעט־אינטערעסן, וואס איז אלעמענס אינטערעסן, און זיי ווען שוין הייַנט נישט רוען, וויַיל באַלד וועט שוין דער האָן אף טאָג קרייען, באַלד

וועט שוין דער הימל בלייכן, און דער לאַמטערן אין שטאַל האלט נאָך אַלץ די גאַנצע דאָרף־מאַסע אין טונקלען שיַין באַלויכטן, און אז מ׳וועט ענדיקן דאס שפּילן, וועט זין דער אוילעם ארומקוקן, אז ס׳איז שוין באַלד ציַיט אין פעלד ארויספאָרן, און אז מ׳פארשפּאָרט שוין אהיים צו גיין.

אזוי האב איך געטראַכט, און אזוי איז טאַקע געווען: און אין יענער נאַכט האבן די פויערים טאַקע פון קיַין רו און שלאָף נישט געוווסט, און יענער פרימאָרגן האב די פויערים פון N־טן ערדכיילעך, די ערשטע פון אלע ארומיקע פויערים, אפן פעלד און אף טאָג־ארבעט ארויסגיין געזען.

2. אַ נאַכט מיט אַ טאָג

יענע נאַכט האט דער N־טער ערדכיילעך דערקלערט פאַר אַ שטורעם־נאַכט. מע האט אין פעלד געאַרבעט — געשניטן און געדראָשן — באַ שײַנווארפערס און לאַמטערנס. אין דאָרף איז דערום קיינער, אויסער געציילטע, וואס מ'האט זיי אף ספּעציעלער אַרבעט געלאָזט, ניט געבליבן.

אַז מיר, איך מיט מײַן כאַווער, זײַנען שפּעט אײַנאָוונט צום דאָרף צוגעפאָרן, האבן מיר אין די הײַזער קײַן ליכט ניט געטראָפן. און קײַן הונט האט אונדז מיט האווקען ניט באַגעגנט.

דער סטעפּ האט מיט זײַן פּאַרוואָרלאָזטער און אוראַלטער שטילקייט געשוויגן... ס'איז געווען נאָך אַ שטאַרק הייסן טאָג. די לופט נאָך ניט אָפּגעקילט, די ערד האָט נאָך מיט דומפּיקער וואַרעמקייט געאָטעמט.

אונדזער פור האָט אונדז צום ברונעם, וואָס געפינט זיך עפּעס אין אַ טאָל, אָנהייב דאָרף און באַם ברעג סטעפּ, געבראַכט. באַם ברונעם — שטיל. די ראָד, וואס צווישן די פיר סלופּעס, האט זיך ניט געדרייט. דער שטריק מיטן פּעסל האבן אַראָפּ און אַרויף ניט געקרעכצט. דאס געשפּאַנטע פערדל, קוים אײַנדערפּינצטער צו זען, איז דרעמלענדיק און פערדיש־אומעטיקלעך, מיטן קאָפּ צו דר'ערד אַראָפּגעלאָזט, געשטאַנען.

באַלד האָט זיך דאָרט אויך עפּעס אַ ייִד־פּאַרשוין באַוויזן — אַ מיטליאָריקער און אַ בערדיקער, אויך אַ שווײַגנדיקער, ווי דער ברונעם, ווי דער גאַנצער דאָרפישער און סטעפּיש־טויבקלינגענדיקער אַרום. דאס איז ער צום ברונעם צוגעשטעלט, דאס פערדל צו טרײַבן און די ראָד צו דרייען. איצט איז שפּעט, קיינער דאַרף קײַן וואַסער, אָבער באַם ברונעם

זײַן דאַרף מען, און ער מיט אַ קליין יינגעלע זײַנס נישט ווײַט אַף היי, אַף שטרוי שלאָפֿן...

עפּעס דערזעען מיר, נישט ווײַט ערגעץ לײַכט זיך. מיר פֿרעגן: „וואָסי דאָרט?“ און דער ייִד ענטפֿערט מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן ברונעמקאָל: „דער פּי־הויף, אויך די שול איז דאָרט“. מיר לאָזן זיך אַהין. דער פֿורמאַן פֿאַרקערעוועט, נאָכדעם ווי ער האָט באַם ברונעם די פֿערד אָנגעטרונקען.

אויך אפֿן פּי־הויף איז שטיל. ער זעט אויס, ווי אַ גרויסער אײַנפֿאָרהויף באַ אַן אַכסאַניע. אַ פּאָר פֿורן מיט אויסגעשפּאַנטע פֿערד, מיט די פֿענעמער אין וואָגן אַרײַן, שטייען, עסן, כראָמקען און זיפֿצן זאַט אינדערפֿינצטער. אַ פּאָר מאַזשאַרעס—הויכע, אומגעלומפּערטע בוידערס, ווי אוראַלטע גרויסע כאַישע גריפֿן—אָן פֿערד און ליידיק.

ס'לײַכט זיך פֿון איינעם אַ פֿענצטערל פֿון אַ לענגלעכער שטוב רעכטס פֿון הויף. מיר קומען אַרײַן אין פֿאָרהײַזל פֿון יענער שטוב, מיר רײַבן שוועבעלעך און ס'געדויערט ביז מיר געפֿינען די טיר.

אַז מיר עפֿענען און קומען אַרײַן, טרעפֿן מיר אַ פֿאַרויכערטן קאַנטץ אַף אַ לאַנגן הילצערנעם טיש אַף שטאָלנס. דער טיש מיט גאָרנישט ניט געדעקט, אַ הוילער און קויטיקלעכער.

אין שטוב שמעקט מיט ערדענער פּאָל און מיט זויערמילך. דאָרפֿיש—די ווענט אָפּגעריסן, נישט געטינקעוועט.

ס'גייט אונדז אַנטקעגן אַ ייִד, נאָרוואָס פֿון עפּעס טאָן באַם לעמפּל אופּגעשטאַנען, פֿרעגט, ווער מיר זײַנען, מיר זאָגן, און ער לאַדט אונדז צום טיש אײַן.

ס'געדויערט ניט לאַנג ביזן היימיש ווערן. מיר זײַנען פֿון וועג, און דער ייִד איז אונדז גערן מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן,—אָבער די קיך,— זאָגט ער,—איז איצט אין פֿעלד, ס'גאָר נישט צו קריגן. נאָר ברויט, דערמאַנט ער זיך, האָט ער, און אויך מילך וועט ער פֿון קעלער אַרופֿנעמען.

דער ייִד איז אַ קליינוווּקסיקער, גראָ און שווין אין די יאָרן, מיט אַביסל אַ הייזעריק קאָל, ווי באַ אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער פֿליג אַף אַ טאַפּליע, אָדער אַ סטרונע אַן אויסגעסמיליעוועטע; מ'זעט גלײַך, דער ייִד איז ווײַט געווען פֿון אַ פֿויער צו זײַן, נאָר די צײַט האָט אים אַהער פֿאַר־

טראָגן, און ער האָט באַנומען זײַן לאַגע דאָ. ער איז געשטילט, זעט אויס נאָך א גרויסן בראָך, דאָך גוטמוטיקלעך, און דאס, וואס ס'האָט אים געטראָפן און דאָס געוועזענע, דריקט ניט אף אים.

ער שמייכלט. ער זעט, ווי איך קוק אף דער באַנק, וואס אין דער גאַנצער לענג פון טיש, פון א פּאָר נאָר ברעטער געמאַכטע, וואס זי דינט אים אי פּאַר א באַנק, אי פּאַר א בעט און באַנקבעטל, און ער שמייכלט ווײַטער: „מ'איז אָרעם, הייסט עס, און אין דאָרפישע באדינגונגען איז בעסער און רײַכער ניט שײַעך".

איך קוק אפן קויטיקן און צעקנייטשטן העפטל, וואס, אנקומענדיק און אין שטוב ארײַנגייענדיק, האָבן מיר דעם יידן באַם לעמפּל איבער דעם אָנגעבויגן און אהין עפּעס ארײַנשרײַבן געטראָפן, און איך זע: ציפער, דאס פירט דער ייד די מילך־כעזשבוינעס פון קאָלווירט: וואס די קי גיבן וואָס דאָס דאָרף דאַרף אַף קאָנטראַקטאַציע אָפּגעבן, און פון דעם, וואס ס'בלײַבט איבער,—וואס ס'ווערט צווישן די פויערים צעטיילט.

ער איז דער קי־און מילך־בוכהאַלטער, און דאס איז טאַקע זײַן טועכץ אין דאָרף, און פּאַר אָט דער אַרבעט טוט ער דאָ זײַן ברויט באַקומען.

מיר זעען גלײַך: די ארבעט איז נישט קײַן גרינגע, נישט נאָר פּאַר קײַן עלטערן, נאָר אויך פּאַר א יינגערן נישט לײַכט: עטלעכע מאָל אין טאָג 52 קי מעלקן. שוין פּאַרטאָג קומט די קאָאָפּעראציע מיטן אווטאָמאָביל און מ'דאַרף איר כיילעק מילך אויסטיילן, דערנאָך—שוין נישט אין קײַן באַשטימטער צײַט, נאָר אין מעשעך פונעם גאנצן טאָג צעצויגן—די פויערים נאָך זייערע כאלאָקים, און דאס, וואס ס'בלײַבט איבער, גייט אפן סעפּעראַטער, אף פּוטער, קעז א. אז"וו. די מעלקערנס קומען נאָך פראַגעס און נאָך אייצעס צו אים: אז א קו ווערט קראַנק—צו אים, אַז אין שטאַל, אָדער אַף פּאַשע עפּעס מיט א בעהיימע מאַכט זיך—איז צו אים, און ביכלאַל, אז א פרוי אַן אַלטע, אָדער, מיינסטנטיילס, א נײַע איבערוואַנדערן, האט זיך אף עפּעס צו קלאָגן, איז ווײַטער צו אים. און באַטאָג איז דאָרט (ווי מיר האָבן זיך אף מאָרגן איבערצײַגט) אין שטוב באַ אים, אין פּאָרהײַזל, אָדער אין הויף פּאר זײַן שטוב, א שטיקל קלוב און א זאָרג־באַנק... און איך פרעג בא אים: איז ווי אופּאָרעט ער זיך און ווען רוט ער, ס'איז דאָך שוין שפּעט, און באַלד

וועט ער שוין דאַרפֿן אופֿשטיין. און ער ענטפֿערט און שמייכלט ווידער: „רוט מען טאַקע ניט... די לעצטע 4 כאַדאָשים נישט מער ווי 2 שאָ אין מעסלעס געשלאָפֿן". איך קוק אַף אים און דערזע בײַ דער שײַן פֿון פֿאַרויכערטן און מיט פֿליגן־באַזעסענעם קאַנעצל־לעמפּל — זײַנע ווײַסע רויטלעך, אויגן נישט אויסגעשלאָפֿן, און אַ יונגער וואָלט דאָס שווער טאַקע אויסגעהאַלטן, און נאָר אַן עלטערער, וואָס ס'שלאָפֿט זיך אים שוין סײַווי ווייניק, מאַכט דערפֿון קײַן וועזן ניט, און כאָטש אַביסל מיד, אַביסל פֿון לעבן געבראָכן — און ס'גייט דורך, און מ'שלעפּט זיך ווי־ניט־ווי.

ס'איז נאָכן ערשטן געשפּרעך. דער ייִד גייט פֿון אונטערן טיש אַרויס, גייט צו אַ פֿענצטער צו און ברענגט אונדז ברויט, גייט דערנאָך אויך אין פֿאָרהײַזל, אין קעלער אוועק און ברענגט אונדז מילך אין אַ קריגל, גיסט אונדז אָן לויט דער ווײַ אין דער איינציקער גלאָז, נישט געוואַשן, און באַלד דערזעען מיר: אויסער אַלע שטוב־באַקוועמלעכקייטן און וווינונגס־קאָמפֿאָרט דעם ייִדנס, אויסער הוילקויטיקלעכע, אָפּגעלושטשעטע ווענט־ערדענער פֿאָל, אַ טיש אַף שטאָלנס, באַנק, בעט־באַנקבעטל איינציקע — איינע אַ פּלאָג נאָך דערצו: פֿליגן. זיי זײַנען פֿול די שטוב. ווו מ'טוט מיט קײַן אויג נישט קײַן וואַרף — אַפֿן פֿאָל, אַף דער סטעליע, פֿענצטער, טיש, בענק, ווענט און כאָלעל — פֿליגן, וואָס רוען אויך בײַנאַכט נישט, באַזונדערס דאָ, ווו די לופֿט איז קלעפּיק און שמעקט מיט זויערמילך, ווו קײַן באַלעבאָסטע איז נישטאָ, ווו דער באַלעבאָס איז אַן עלטערער, טאָג און נאַכט פֿאַרנומען און האָט נישט נישט די צײַט, נישט די מעגלעכקייט אַף זיך אַליין זיך אַרומקוקן, בפֿרט אַף דער שטוב, און פֿליגן ווייסן עס, און פֿליגן הוליען: געפֿינען זיי עסן אַפֿן טיש, עסן זיי דאָס עסן, נישט — עסן זיי די מענטשן: אַף אַ באַק, איז אַף אַ באַק טרײַבט מען זיי אָפּ פֿון באַק, איז אַפֿן קאָפּ, אַף די הענט, אַף יעדער אייווער — פּריטשעפּעס און שטעכן זיך מוירעדיק...

דער ייִד שמייכלט, ווען ער זעט, מיר ווילן מיט זיי קעמפֿן. ער האָט זיך שוין פֿונלאַנג, זאָגט ער, מאַפּקיר געווען און פֿון מילכאָמע־האַלטן מיט זיי זיך אָפּגעזאָגט, די טירכע איז אַן אַרויסגעוואָרפֿענע, און ער איז שוין אויך געוווינט צו זיי.

מיר עסן די סודע, די דערלאַנגטע, — ברויט מיט דער מילך דעם ייִדנס, און דער ייִד באַדינט אונדז, גיסט אונדז איין מאָל און נאָכאַמאָל,

לויט דער ריי, פון קריגל, און באַדויערט, וואס ער האט איצט אונטער דער האַנט מער גאָרניט. ער גייט ארום אונדז, ווי ארום קינדער, אָדער ווי געסט אנגעלעגטע, פון ווייַט־געקומענע, וואס ער האפט מיט זיי שפעטער אָדער מאָרגן א פּאָר ווערטער אויסריידן, און ווען די צייַט וועט דערלויבן, עפּשער אויך א וויכטיקן שמועס פאַרפירן, אזאַ, וואס ער האט שוין לאַנג נישט געפירט, ווייַל, ריישיס, האט ער קייַן צייַט נישט געהאַט, וועהאַשייניס,—אויך נישטאָ מיט וועמען צו פאַרפירן...

און איצט איז שוין שפּעט. דער ייִד, זעט מען, וואָלט גערן אונדז זייַן געלעגער אָפּגעטראָטן, אָבער זייַן געלעגער, ווייַזט ער אונדז מיט די אויגן אָן, איז דאָך קייַן געלעגער.

מיר זעען דאס אליין,—דא איז קייַן אָרט ניט, און ער רופט אונדז מיט אים אינדרויסן ארויסגיין, אנטקעגניבער צו דער שול, ער וועט דעם לערער אָנקלאַפּן, אים אופוועקן. און אין שול איז ריינער און באַקוועמער.

מיר גייען אים נאָך. דער ייִד קלאַפּט און דערקלאַפּט זיך ניט: דער לערער שלאָפט געשמאַק און ענטפערט ניט. און דער ייִד פירט אונדז צו א טיר צו. די טיר איז אָפן. „אין שול, זאָגט ער, זייַנען ליידיקע צימערן, בענק און טישן, די פּאָלן ריין, און מיר וועלן זיך שוין ווי־ניט־איז אויסמאָסטען".

מיר געזעגענען זיך מיט אים. מיר קומען אין צימער אריַין. גראַד קייַן טישן נישטאָ, נאָר דער פּאָל דערפאַר געפעלט אונדז: טאַקע ריין און געפאַרבט און מע קאָן אַפן פּאָל איבערנעכטיקן. מיר שפּרייטן אויס, וואס מיר האבן מיט זיך פון וועג געבראַכט אף אויסצושפּרייטן, מיר—און מיר ווילן איַינשלאָפן...

באַלד אָבער, ווי מיר לייגן זיך אוועק, דערזעען מיר: ניין. ס'איז קייַן אָרט ניט, כאָטש א שול, כאָטש פּאָלן געפאַרבטע, אָבער שלאָפן איז אומעגלעך:

די געוויסע שפּרינגענדיקע, די צווייטע פּלאָג אין דאָרף, טוען אויך די שול ניט שאַנעווען, זייַנען דאָ, און אין א גרויסער צאָל, און איצט—א פּאָר פרישע פאַרשוינען פאקנדיק, האבן זיך א ליבן לאָז געטאָן, מיט אַזאַ בלוטזויגערישער האַנאָע, אז ס'איז ניט אויסצוהאַלטן און זיך ניט צו שיצן פון זיי.

מיר פּרוּוון זיך ראַנגלען: מיר גייען אינדרויסן ארויס, טרייסלען זיך אַליין און אויך דאס אונטערגעשפּרייטס ווידער און ווידער. מיר קומען אריַין, לייגן זיך אַוועק, און ווידער דאסזעלבע: די שפּרינגענדיקע זיינען ווידער דא, און נישט אין קיין קלענערער צאָל, און נאָך מיט מער אכזאָריעס. ס'איז נישט צו מאַכן. מיר גיבן זיך אונטער און טרעטן זיי דאס אָרט אָפּ. מיר גייען אינדרויסן ארויס, קומען צו די ליידיקע מאַשאַרעס, צו די הויכע בוידערס, אָן היי, אָן שטרוי. מיַין כאַווער לייגט זיך איַין איינער, איך אין א צווייטער. ער דרעמלט ווי־ניט־איז איַין. איך קאָן ניט, ליג און לייען... די שטערן פון הימל.

די אויסגעשפּאַנטע פערד, וואס שטייען און עסן פינצטער דאס היי פון אַף די וואָגנס, כראָמקען און זיפצן פערדיש און קלאַפּן פון ציַיט צו ציַיט מיט א פוס אין דער טרוקענער ערד דער סטעפּאָווער. דער סטעפּ שלאָפט. די קיַילעכיקע האָריזאָנטן־ראָד האט אים ענגלעך ארומגענומען, און די טאָג־וואַרעמקייט, כאָטש ס'איז שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, האט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגענומען. אויך די פּאָר באַלעגאָלע־פאַרשוינען, וואס די אויסגעשפּאַנטע פורן אין הויף זיַינען זייערע, וואס האבן ביז אַהער מיט הייזעריק־באַנאַכטיקע שטימען נישט־אויסגעשלאָפענע אין שלאָפנדיקן סטעפּ־הויף פאַרבראַכט, זיַינען מיטאַמאָל אנטשוויגן געוואָרן—קיַין קאָל, קיַין קלאַנג, נאָר דער גאַנג פון שטערן...

ס'טראַכט זיך: כאָטש איך בין א וויַיטער, אָבער דאָך א וואַכנדיקער איידעס פון א גאָרנישט־וויַיט פאָרקומענדיקער נאַכט און שטורעם־ארבעט. און כאָטש דאס אָרט, ווו די אַרבעט קומט איצט פאָר, איז היפּש וויַיט־לעך פון דאָרף, א ווערסט 4־5, ווי מע האָט מיר געזאָגט, דאָך דאַכט זיך מיר, אז איך הער זי, הער די קלאַנגען פון דאָרף, זע זי—באַ לאָמפּן, שייַנוואַרפערס און לאַמטערנעס, ווו האַלב־פינצטערע, האַלב־באַלויכטענע פאַרשוינען, פיגורן און געשטאַלטן, אָנגעבויגענע, איבערגעבויגענע, שניַידן, דרעשן, איינער דעם אנדערן גיט מוט אונטער, איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט און פאַרגרינגערט. ס'גייט א קאָנווייער־אַרבעט און די אַרבעט טוט זיך, די אַרבעט אונטער די הענט ברענט, מ'איַילט, מ'מוז וואָס גיכער פאַרענדיקן, וויַיל די שטאָט און די מעלוכע אף ברויט ווארט, די מעלוכע מיט די לייַכטע, בלאָוו־געפאַרבטע לאַסט־אווטעלען, וואס מיר האבן זיי, אפן וועג אהער פאָרנדיק, שוין אנגעלאָדענע צום שטאָט

לויפן באַגעגנט,—וואַרט, אַף דאָס ברויט אין שטאָט צו פירן, און אויך צו די שיפן, וואס אין האפן.

איך ליג ווײַטער און הער און זע, און ס'טוט מיר באַנק און ווײ, וואס כ'קאָן אהין נישט קומען, וואס כ'קאָן דאָס נאָר אין פאָרשטעלונג האָבן, נאָר א ווײַטער איידעס זײַן, און נישט קײַן אומיטלבארער אָנטייל־נעמער.

און אין דאָרף איז שטיל. נישט עס שלאָפט, נאָר עס ליגט און ווי עס הערט, און מיטן געהער די קוילעס פון די אייגענע און נאָענטע פון העט־ווײַט טוט פאַרנעמען...

ס'וואכט דרעמלענדיק דאָס דאָרף, און צו סאָף נאַכט, באַ א פולן הימל נאָך מיט שטערן, קילט זיך ערשט פון דער טאָג־היץ אויס, און ווער ס'וואכט דעמאָלט, גייט אים א סטעפּאָווע קעלט איבערן לײַב איבער, און ווער עס האָט מיט וואָס, דעקט זיך דעמאָלט אײַן, און אויך איך טו אַזוי, און איך באַמערק ניט, ווי איך דרעמל אַײַן, אזוי מיטן פּאָנעם ארויף צו די שטערן, אַף דער מאזשארע ליגנדיק.

ס'געדויערט אָבער ניט לאַנג און איך כאַפּ זיך אויף.

אַז איך עפן די אויגן, טרעף איך שוין דעם הימל אין איין אָרט א בלייכן, און אַף דער ערד, אנטקעגן דעם הימלס בלייכנדיק אָרט, פון עפּעס א טאָל ארויס, וואס נישטווײַט פון פי־הויף. דערזע איך די אין סטעפּ שטאַרק עלנט־אויסזעענדיקע פיר סטויפּעס פון ברונעם מיט דער גרויסער הענגענדיקער ראָד אינמיטן, דעם ברונעם אַליין און די קאָרעטע אַף דאָס פי אָנצוטרינקען פון דעם ערשטן ביסל פאַרטאָג־העלקייט ארויס־קוקן, אויך א פערדל צווישן די סלופּעס, ס'דרייט זיך שוין, און די זיך־דרייענדיקע ראָד קרעכצט און לאָזט א באשעפּטיקטע די ערשטע אפן טאָג זיך שוין הערן.

כ'כאַפּ אפן הויף א קוק:

די פורן מיט די אויסגעשפּאַנטע און זיך פּאסנדיקע פערד פון באַנאַכט זײַנען שוין נישטאָ; דער הויף, אויסער די פּאָר מאזשארעס, ליידיק.

פון איין זײַט, רעכטס פון הויף־ארײַנגאַנג, די לענגלעכע שטוב, וווּ נעכטן אַפדערנאַכט האבן מיר מיטן ייִדן פאַרן שלאָפן פאַרבראַכט, זעט אויס, א נידעריק כורוועלע, קויטיק און די ווענט נישט געווײַסט. פון

דער צווייטער זײַט, לינקס פֿון הויף, די שול — א־נײַע, ווײַסע געבײַדע מיט א רויטן טשערעפּענעם דאַך, קוקט פֿריילעך אַפֿן פּאַרטאָג און אפֿן סטעפּ ארויס. נאָענט צו דער לענגלעכער שטוב, ווי איר פּאָרזעצונג, א פּאַרקן, א דאָרפֿישער, פֿון דרײַ ברעטלעך געמאַכט, א לאַנגער, און וואס פּאַר פּי, אף דאס ארײַנלאָזן און ארויסלאָזן, עפּנט זיך.

איך שפּיר, אז ס'טוט זיך שוין עפּעס פֿון יענער זײַט פּאַרקן. כאָטש נאָך פֿרי זייער, כאָטש נאָך האַלב־פֿינצטערלעך, אָבער ס'הערט זיך שוין א מענטשן־קאָל פֿון דאָרט. איך לאָז זיך אהין, איך טרעף שוין עטלעכע פֿרויען אין הויף צווישן די פֿילע קאָלווירטישע קי ארומגיין. מ'מעלקט שוין אויך די קי. ווײַבער אף דר'ערד, אף בענקלעך זיצן, מיט מעלק־שעפּעלעך אונטער די קי. אויך דער ייִד אונדזערער, דער נעכטיקער, איז שוין דאָ. ער זיצט, ניט קײַן קיין אויסגעשלאָפֿענער, בא א וואַנט אף א בענקעלע, ארומגערינגלט מיט גרויסע צינקענע מילך־באַלאָנען, מיט יענע, וואס אין זיי ווערט די קאָנטראַקטאַציע־מילך אין שטאָט גאַנצפֿרי אָפּגע־פֿירט. ער האַלט א העפֿטל מיט א בלײַפֿעדער. אלע ווײַלע קומט אן אַנדער פֿרוי מיט איר שעפֿלגעמעלק צו אים אונטער, ער מעסט אויס, וויפֿל יעדע קו האָט הײַנט געגעבן, גיסט זי אין די באַלאָנען ארײַן און פֿאַרשרײַבט באַלד אין העפֿטל.

איך בויג זיך צו, כאַפּ א קוק אין העפֿטל. כ'זע: לינקס — די נעמען פֿון די קי: Манька, лялька, куцая, цыганка און אנטקעגן יעדער נאָמען, — וויפֿל יעדערע האט הײַנט געגעבן: 5,5$^1/_2$,6$^1/_2$ ליטער.

דער ייִד זעט, ווי איך קוק אף דער מעלאָכע זײַנער, און ער שמייכלט צו מיר. איך האב שיר ניט געוואָלט אויסטײַטשן זײַן שמייכל, ווי פֿון איינעם, וואס באַדויערט זיך און ווי קלוימערשט, זע, וואָלט געזאגט דער ייִד, זע, אף וואס איך בין איבערגעקומען, — אף מאַנקע, ליאַלקע, קוצאַיאַ, ציגאַנקע. אז איך קוק אָבער ווײַטער, זע איך: ניין, קיין זעלבסט־באַדויערונג, קײַן געפֿאַלנקייט, און קײַן נאַטירלעכער טרויער פֿון איינעם, וואס האט, וועדליק זײַן פֿאַרשטאַנד און ווי ער אליין מיינט, פֿון א הויכער לאַגע אראָפּגענידערט און איז איצט א יורעד.

ווי נאָר דער ייִד האט זיך מיט די מעלקערנס אָפּגעפּאַרטיקט, ווי נאָר ער האָט, וואָס ער האָט פֿון זײַנע כעזשבוינעס אין העפֿטל באַדאַרפֿט ארײַנשרײַבן ארײַנגעשריבן, די מילך אין די באַלאָנען אָנגעגאָסן, און

מיט די וויַיבער־די מעלקערנס די קורצע געשעפטלעכע שמועסן פאַרענ־דיקט, אַזוי האָט ער אַ פּראַ שטיקל צײַט אויך פאַר זיך דאָן אָפּגעריסן. ער האָט שוין לאַנג, ווי מע האָט געזען און ווי געזאָגט, וועגן זיך מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט; שוין אַ צײַט, אַז ער האָט זיך אַליין פאַר קײַן טעמע ניט געהאַט, ווײַל — נאָכאַמאָל — ריישיס, ווײַל ווייניק צײַט, און שייניס, האָט, ווײַזט אויס, וועמען צו פאַרטרויען נישט געהאַט און פאַר וועמען נישט וועגן זײַן געוועזנס צו דערציילן. פאַרוואָס? ווײַל אויסער דעם, וואָס דער ייִד האָט, ווי אויך אַנדערע אייניקע דאָ, אַמאָל פאַרמאָגט און געהאַט, האָט ער נאָך אויך אָבער, ווי קיינער דאָ, געלערנט און ווייסט וואָס אין די ספרים שטייט, איז אָבער ווער דאַרף דאָס דאָ בײַ געזונטער, נאַטירלעכער אַרבעט, און דער ייִד איז געווען געשלאָגן, און איצט, אַז ער האָט אַ שטאָטישן דערזען, האָט ער זיך צעעפנט און האָט דערציילט:

— „דאָס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, וואָלט אים געקלעקט אויף אור־אייניקלעך... ער איז אָבער ניט מיסראַעם און בענקט ניט נאָכן פאַרמעגן... ער האָט עס פאַרויסגעזען: אין די לעצטע יאָרן, בעיסן גרויסן אַזשיאָ־טאַזש און מילכאָמע־גליקן, פלעגט ער זאָגן און מיט עלטערע סאָכרים, מיט זײַן גלײַכן, זיך טיילן, טײַנען, — אַז פון בלוט און גזיילע וועט קיינער גאָרניט האָבן און דאָס אָנגעראַבעוועטע וועט מיטן רויך אַוועק...

עלטערע האָבן אים, כאָטש נישט פאַרשטאַנען, דאָך אויסגעהערט, און די יונגע האָבן אים אין פּאָנעם געלאַכט. און דער סאָף — ווייסט איר דאָך... מײַנער, ווי אַלעמענס... איך בין אַליין פון האָראָדישטש. אַ לעדערוואַרגער... פאַר דער מילכאָמע רײַך געווען, אין דער מילכאָמע — נאָך רײַכער. און אַרויס איז ער, ווי איך זע... ניין, נישט אַזוי, נאָר טאַקע מאַמעש ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. אַ דאַנק גאָט, וואָס כאָטש מיט די נעפאַשעס... נאָך פּעטליורעס און דעניקינס באַנדעס האָט ער איינמאָל אין אַ באַנאַכט די שטוב פאַרלאָזט. ס'איז שוין אין שטוב, נאָך די פּילע כורבּוינעס אין רויבערײַען, גאָרנישט נישט געבליבן — קײַן שיך, קײַן קלייד. הויל און נאַקעט. ער אָן אַ היטל, מיט אַ ווײַבעריש קאָפּטל און מיט שיך אויף היכע אָפּצאַסן. איך מאָל זיך עס אויס? דאָס ווײַב — אַז מיר זײַנען שוין אַ היפּשע שטיק וועג פון שטאָט אָפּגעגאַן, האָב באַמערקט, אַז זי טראָגט אַ שווערס עפּעס, ס'איז איר שווער און זי

סאָפּעט... איך טו אַ קוק: זי טראָגט אַ גרויסע פּיקוס־וואַזאָנע... איר פאַרשטייט? אַ באַלעבאָסטע, האָט געוואָלט עפּעס ראַטעווען, מיטנעמען, ניט געווען וואָס, האָט זי גענומען וואָס ס'איז איר צו דער האַנט גע־קומען, דעם פיקוס... זי איז אין דער גרויסער שטאָט דערנאָך, אין דער צײַט פון הונגער, געשטאָרבן, כ'בין געבליבן מיט ביידע קינדער, יונגע מיידלעך.

„יאָ, איך האָב פאַרגעסן זאָגן: אַפן וועג פון דער מעהומע לויפנדיק, האָבן מיר צו גאַנצפרי אַ רויטאַרמייִשן טייל באַגעגנט. רויטאַרמייער האָבן אַף מיר, אַף מײַן ווײַבערש קאָפּטל קוקנדיק, געלאַכט. און אַלט רעקל האָט זיך באַ עמעצן געפונען. מע האָט מיר געשענקט. קײַן שיך אָבער ניט, און אַף די הויכע אָפּצאַסן בין איך שוין אַזוי ביז דער נאָענטער שטאָט דערגאַן און דערפאָרן...

„די קינדער זײַנען גלײַך אין דער אַרמיי אַוועק. זיך געשפּײַזט און אויך מיך אונטערגעהאַלטן. איך דעמאָלט, שוין אַלט, און נאָכן ווײַבס טויט און אַלעם איבערגעקומענעם, די הענט אָפּגעלאָזט אַף צו עפּעס נײַס און מיסכערן זיך נעמען. מיר האָבן זיך ווי־ניט־איז דורכגעלעבט, און איצט, דאַנקן האַשעמיִסבאָרעך, די קינדער אײַנגעאָרדנט. ער האָט זיי אָבער אַף לאַסט ניט געוואָלט פאַלן, איז אַוועק אַהער. שוין עטלעכע יאָר דאָ. און פאַרדינט זיך זײַן ברויט אָרנטלעך".

ווי ער פילט זיך?—אַזוי ווי נײַעך: ער האָט געזען די וועלט פאַרן מאַבל, זי געזען בעייסן מאַבל, און האָט די זכיִע זי צו זען אויך נאָך דעם.

— און ווי געפעלט זי אים נאָכדעם?

— אַוואַדע, זאָגט דער ייִד, און דער אַמאָליקער לערנער כאַפּט זיך אין אים אויף און ער טוט אַ רייד מיט אַ געהויבענעם קוזרי־לאָשן— אַוואַדע איז דער „טאַכלעס האַמכוּוון" (דער געמיינטער ציל), דער סאָצי־אַליזם, הייסט עס, זייער אַ גוטער. נאָר וואָס זען? עקבתא דמשיחא (מאָשיעכס צײַטן), איר ווייסט דאָך, איר האָט דאָך אַמאָל געלערנט, שווערלעך, באַזונדערס פאַר אַזוינע ווי איך, פאַר עלטערע לײַט. דערפאַר די קינדער אָבער וועלן שוין פאַרשפאָרן...

— קומט אַרײַן וועט איר טרינקען אַ גלאָז מילך,—רופט מיך דער ייִד פון הויף צו זיך אין פאָרהײַזל, דערנאָך אין שטוב אַרײַן.

כ׳קום אַרײַן, ס׳איז נאָך טונקל. דער לענגלעכער טיש פֿון די ברעטער אַף שטאַלנס, איז ניט זויבערער פֿון נעכטן. פֿליגן,—אַפֿן כעזשבן פֿון שײַן און טאָג—שוין מער. קויטיקלעך די פּאָל, אַרעם די ווענט און די סטעליע. איך קוק אַפֿן ייִדנס סקאַרב, אַף זײַנע זאַכן, וואָס אַף דער באַנק, טרעף נישט מער ווי נעכטן: אַביסל שמאַטע אונטערגעשפּרייט און מער גאָרנישט. כ׳זוך זאַכן פֿון קולט: אַ סידער, אַ סייפער, טאַלעס און טפֿילן—נישטאָ.

— און דאַווענען?—פֿרעג איך בײַ אים.

— ניין, איך בין מיטן ריבוינעשעלוילעם קוויט—זאָגט ער—ער מיר נישט, איך אים נישט, און זינט ער איז דאָ, דאַוונט ער נישט, לערנען אויך נישט—קײַן צײַט נישטאָ. קוויט—שמייכלט ער גוטמוטיק און פֿון זײַן געשטילטקייט צופֿרידן.

* *
*

מיטן ייִדן פֿאַרענדיקט, בין איך אין הויף אַרויס. ס׳איז נאָך זייער פֿרי געווען. דאָרט אין הויף, וווּ באַנאַכט זײַנען די פּאָר פֿרעמדע פֿורן געשטאַנען, זײַנען איצט נאָר פֿערדיש קויט און האָשטאָנע־סימאָנים געבליבן; די פּאָר הויכע מאַזשאַרעס, וואָס אָן היי, אָן שטרוי, האָבן איצט מיט די הוילע, דאַרע ריפּן און מיט די דישלעס נישט געשפּאַנטע, ליידיקשטייעריש אַפֿן פֿאַרטאָג געפּוסטעוועט. די שול מיט די פֿענצטער און נישטצוגעמאַכטע לאָדנס איז נאָך געשלאָפֿן. דאָס דאָרף איז נאָך נאַכט און לכטיק ווערן נאָך אַלץ פּוסט געבליבן. דאָס איינציקע לעבעדיקע געקרעכץ פֿון דער ברונעם־ראָד, דאָס פֿערדל ,וואָס האָט זיך ווײַטלעך אָנגעזען, אויך דער מענטש, וואָס האָט דאָס אונטערגעטריבן, זײַנען די איינציקע סימאָנים געווען פֿון אויפֿגעוואַכטע מענטשלעכע און פֿיִשע טאָג־און וואַסער־באַדערפֿענישן: דער וואַסערפֿירער איז שוין דאָרט איין מאָל מיטן פֿעסל געווען, און קי האָבן זיך בײַ דער קאָרעטע שוין אָנגעטרונקען געהאַט.

פֿון פֿעלד איז אַ יעדיִע אָנגעקומען, אַז דער פּויערים־אוילעם וועט נאָך דער נאַכט אויך אַפֿן טאָג בלײַבן. מ׳איז געקומען נאָך שפּײַז און נאָך מילך פֿאַר די פֿעלד־אַרבעטער.

ס׳איז די זון אויפֿגעגאַנגען און ס׳האָט זיך געשטעלט אַ טאָג, וואָס איז שווער געווען צו וויסן, וואָס ער וועט ברענגען: היץ, זיכער היץ,

אָבער אויסער היץ — זיכער נאָך עפּעס... עפּעס האָבן האָריזאָנטן געשטויבט און בלינדלעך געווינטלט...

פון דער גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן און לאַנג די שטערן ציילן און פון די שמועסן פון פאַרטאָג, האָט זיך מיר באַם זון־אויפגאַנג און פון איר ערשטער וואַרעמקייט דער קאָפּ פאַרדרייט. און אָט האָט זיך אין הויף אריין פון דער שול־געביידע איינער א פענצטער געעפנט. דאָס איז דער לערער, וואס באַנאַכט האט מען זיך צו אים נישט געקאָנט דערקלאַפּן, איצט אויפגעשטאַנען, און באַלד האבן מיר זיך, איך מיטן מיין כאַווער, זיך באקאנט מיט אים, און דער לערער האט זיך פאַר זיין באַנאַכטיקן שווערן שלאָף אנטשולדיקט, און באַלד זיינען מיר אין צימער איינגעלאָדן געוואָרן, און יעדער פון אונדז האָט, צו זיין פאַרגעניגן, א בעטל, אף אויסציִען זיך און פון דער שלאָפלאָזער נאַכט עטוואָס אָפּרוען, באַקומען.

און דעמאָלט האָט זיך אין דרויסן דער טאָג געשטעלט. און וואס דאָרט איז פאָרגעקומען, ווי אזוי הימל און סטעפּ האבן זיך, פאַר דער צייט פון אונדזער פרימאָרגנדיקן אין שטוב־זיין, געביטן, — ווי אזוי פון א געוויינלעכן, עטוואָס נאָר פאַרשטויבטלעכן און ווינטלדיקן זון־אויפגאַנג האט זיך דער דרויסן דערנאָך צו יענעם געווּיסן באַטאָג דערקייקלט, ווי אַזוי איינע א זון האט דערנאָך אַזאַ מוירעדיקע היץ געקאָנט ארויסגעבן — ווייסן מיר ניט און האָבן ניט קיין פאָרשטעלונג, און מיר וואָלטן אויך שפּעטער נישט געוווּסט און קיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט, ווען ניט — נאָכדעם, ווי מיר זיינען א שטיק צייט אין שטוב אָפּגעווען און אזוי מידע און אויסגעמאַטערטע אף די בעטלעך געלעגן — וואָלט א ווינט א האַלבן לאָדן ניט א ריס געטאָן און מיט דער גאַנצער קראַפט מיט אים אין פענצטער נישט א טראַך געטאָן, טראַך — און פאַרמאַכט, קנאַק — און ווידער אויפגעעפנט... האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, און אזוי ווי מיין בעטל איז נאָענט צום פענצטער געשטאַנען, האב איך זיך א הייב געטאָן און אינדרויסן ארויסגעקוקט. זע, וואָס טוט זיך!... ווי ס'ווייזט אויס, איז שוין האַלבער טאָג געווען. איך בין ניט געשלאָפן, ווייל, ריישיס, פליגן אין אזאַ צאָל און אזוינע מאַכנעס, און נאָך וואס פאר א פליגן: דראָטיקע, שטעכיקע, מענטשנפרעסער און באַנדיטן־רויבער; צווייטנס, היץ. כ'האב זיך די גאַנצע צייט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. די היץ האט

זיך פֿון האַלבער שאָ צו האַלבער שאָ געשטאַרקט, און איצט, אַז איך האָב אינדרויסן אַרויסגעקוקט, איז מיר באַלד פֿאַר די אויגן דער סטעפּאָווער בורגעם געקומען, מיט די פֿיר זײַלן, מיט דער הענגענדיקער דריי־ראָד, מיטן פֿערדל אין שפּאַן, און אַלע דאָרט פֿאַרבלאָזן... אַ גרויסער ווינט מיט אַ שטויב, ווי אַ זאַווערוכע, האָט פֿון סטעפּס הימל און ערד געטראָגן, און דער שטויב האָט אַלץ געהילט, פֿאַרפּאָראָשעט דעם האָריזאָנט, די לופֿט, די ערד און די זון אַליין אַפֿילו. און דער סטעפּאָווער בורגעם האָט עלנט אויסגעזען, ווי אַ געבליבענער קיווער עפּעס פֿון אַמאָל געוועזענעם דאָ יישעוו, און דאָס פֿערדל — אַז ס׳איז מיטן פּאָנעם צום ווינט אין געדריי געקומען, האָט זיך עס אָפּשטעלן געוואָלט און נישט געקאָנט, ווײַל דער מענטש האָט דאָס געטריבן, אָבער אויך דער אָנטרײַבער האָט זיך אַהין מיטן פּאָנעם שטעלן נישט געקאָנט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דער אָנטרײַבער דאַרף איצט אַן אָנטרײַבער, דער מענטש, — אַ צווייטן מענטשן...

און דעמאָלט האָבן זיך אַלע לאָדנס פֿון די פֿאַרטשעפּערס אָפּגעריסן — קנאַק און טראַך, — מיט קנאַק זיך געעפֿנט, מיט טראַך זיך פֿאַרמאַכט, און דער ווינט האָט, ווי פֿון אַ גרויסן ערגעץ פֿאַרשטעלט־אָנגעגליטן אויוון, כוואַליעס היץ געבראַכט, פֿון יעדער פֿליגל־פּאָך, וואָס מער היץ און אַלץ ווייניקער צו אָטעמען.

הינער אַפֿן הויף האָבן דעם ווינט און די היץ ניט אויסגעהאַלטן און זײַנען אונטער סטריכעס און אונטער שאָטנדיקע ערטער פֿאַרקראָכן. מענטשן האָבן ווי אָפּגעבאַקענע אויסגעזען, און איך מיט מײַן כאַווער, וואָס האָבן זיך צו יענער צײַט צום שניט געקליבן, געוואָלט בײַ דער פֿעלד אַרבעט זײַן, אַז מיר האָבן איינעם אין דאָרף אַ פֿאַרבליבענעם געבעטן, ער זאָל מיט אונדז גיין, אונדז פֿירן און דעם וועג אַהין ווײַזן, האָט יענער אונדז אָפּגערעדט און צו גיין מיט אונדז זיך אָפּגעזאָגט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — גייט ניט אַצינד, איצט וועל איך אײַך ניט פֿירן, ווײַל די אַרבעט אין פֿעלד איז איצט זיכער אָפּגעשטעלט. מ׳שנײַדט ניט איצט, ווײַל די ווייץ שיט זיך אויס; מ׳דרעשט נישט, ווײַל דער ווינט צעווייט, און זיכער וועלן אויך אַלע באַלד פֿון פֿעלד קומען, ווײַל אַרבעטן איז איצט אומעגלעך...

און טאַקע: אַז איך האָב אין פֿעלד אַרויסגעקוקט, האָט די היץ־זאַווערוכע זיך געשטאַרקט. ווער ס'וואָלט איצט אַרויס, וואָלט גײן וועג געבליבן, ווײַל נישט מיטן ווינט און נישט אַנטקעגן ווינט איז אומעגלעך געווען זיך צו האַלטן. אַ היץ—אַ געפֿאַר, אָטעמען ניטאָ מיט וואָס, און קוקנדיק האָט זיך מיר דער קאָפּ געדרייט, און אַ גרויסע צעווילדעוועטע סטיכיע האָב איך פֿאַר די אויגן געהאַט, און ביז האַליוצינאַציעס און מיראַזשן האָט זי מיר אין קאָפּ געשלאָגן. כ'האָב אַלע מאָל די אויגן געמוזט צומאַכן פֿון היץ און מידקייט, און ס'האָט מיר געדאַכט, אַז איך הער גלעקער קלינגען—פֿון אַ שליטן ערגעץ אין פֿעלד, אין וואַלד, אום ווינטער. און ווײַטער האָט מיר געדאַכט, אַז איך זע עטלעכע אין פֿעלצן אײַנגעקוטעטע פֿאַרשוינען אין שליטן, און אַ ווילדע זאַווערוכע שמײַסט, לאָזט די פֿערד ניט גיין, און די מענטשן אין שליטן זעען שוין ווי קיין מענטשן ניט אויס, נאָר ווי פֿאַרשנייטע און פֿאַרבלאָזענע קלומקעס אײַנגעהאָרבעטע...

כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און דערהערט מ'פֿרעגט: וויפֿל, מײַנסטו, וועט איצט זײַן? און עמעצער האָט געענטפֿערט: באַ זיבעציק... און איך האָב ניט געוווּסט, וואָס זיבעציק—קעלט צי היץ, און אין קאָפּ האָבן זיך מיר ווערטער געפּלאָנטעט: אונטערן נול, איבערן נול, און ווען איך זאָל אינדרויסן ניט געווען אַרויסקוקן און פֿאַר זיך ווידער דעם עלנטן און סטעפּאָוון פֿאַרוויטן ברונעם מיט דער ראָד, מיטן פֿערדל און מיטן מענטשן, וואָס טרײַבט עס, נישט געווען דערזען, וואָלט ניט געוווּסט, ווו איך בין, און די צײַט, דאָס אָרט און דעם זין פֿון ווירקלעכקייט פֿאַרלאָרן.

האָב איך אָבער דעם ברונעם דערזען, און מיטאַמאָל, שוין נישט ווײַט פֿון ברונעם, צו אים זיך דערנענטערן און פֿון סטעפּ אָנקומענדיק, האָבן זיך מיר עטלעכע פֿאַרשוינען, דרײַ שפּאַנענדיקע און מיט ווינט זיך ראַנגלענדיקע מענטשן באַוויזן.

אַ צאַר צו קוקן! זיי האָבן אויסגעזען, ווי דרײַ קינדער אין אַ ווילדעניש פֿאַרלוירענע, ווי דרײַ שפּיל־באַלן אין אַ ווירבלענדיקער סטיכיע־האַנט... דער ווינט האָט זיי אַליין, זייערע קליידער אין זייער ווילדן און אײַנגעשפּאַרטן גאַנג געריסן. זיי האָבן זיך געעקשנט, די קעפּ צו דער ערד קימאַט געבויגן און ווי נישט געגאַן, נאָר ווי האַלב געקראָכן,

און שוין פונוויַיט איז געווען צו זען, אז די פענעמער בא זיי נישט קיין פענעמער, נאָר ווי אָנגעדראָלענע און פון היך־אופגעלאָפענע אָנ־פּאָרמיקע מאַסע־שטיקער. דריַי געיאָגטע, פון דער היך־בײַטש געטריי־בענע, און איבער זייערע קעפּ, האט מיר געדאַכט, האט די פארהוכ־קעטע, פארשטויבטע, קרענקלעך־אויסזעענדיקע און שײַן־געשלאָגענע זון דעמאָלט, אַף זיי נאָך מער צו יאָגן און זייער אײַנגעשפּאַרטן גאנג צו שטערן, מאַכנעס פליִענדיקע, פליגל־פּאָכעדיקע פײַער־פויגלען—סאלא־מאַנדרעס—אומשוועבן און זיך דרייען געמאַכט...

דאס האבן זיך די ערשטע דריַי פון פעלד איצט קומענדיקע ארבע־טער באַוויזן. זיי האבן זיך, מאַטערנדיק און אנטקעגן ווינט מיט גוואַל־דיקער אַקשאָנעס גייענדיק, צום טויער פון שול־און פּי־הויף צוגעשלאָגן, צום הויף דעם זאַמלפּונקט, וואס יעדער פויער, פון פעלד קומענדיק, איידער ער גייט אהיים צו זיך, כאַפּט זיך אף פריִער צוליב א שמועס טאָן און צוליב נײַס זיך דערוויסן, אהער אריַין. זיך צוגעשלאָגן, און באַלד שוין באם טויער־שוועל, פון אייניקע זיי אנטקעגנגייענדיקע געווירע ווערנדיק, אז נײַע מענטשן זיינען דא פון שטאָט, האבן זיי דעם טויער געעפנט, אין הויף אריין און גלײַך אף אונדזער שוועל זיך באוויזן: רויטע, ווי פון א פײַעריקער באָד געקומענע, פארשטויבטע און די מענטשלעכע צורעס זייערע מעשונע און בא אלע די פענעמער קימאַט אלציינע — צעפּאַרעטע, צעשמיסענע און פונלאַנג מיט דער ווילדער סטיכיע זיך־ראַנגלענדיקע, און איינער פון די דריַי האט אַף מיר און אַף מײַן כאַווער א קוק געטאָן און אויסגעשריִען צו מיר:

— דאס זײַט איר?

— יאָ, און איר ווער זענט?

— איר דערקענט מיך ניט? ס׳איז דאך איך, שנייער, פון ק. פון גערשוני־גאַס, ראָג גרויס־זשיטאָמירער.

כ׳האב זיך אײַנגעקוקט: ריכטיק, יאָ, דאס איז ער. ער מיט די שי־טערע געציילטע האָר און שטענדיק פאַרשוויצטן שטערן, מיט די נאַיווע אויגן און מיט דער אייבערשטער ליפּ אביסל אָנגעדראָלן, ווי בא קינ־דער, וואס זויגן לאַנג, אדער בא עלטערע פון עפּעס באַשטענדיק אין מויל האלטן און סמאָקען...

— איר זענט שוין לאַנג דאָ?

— שוין דאָס פערטע יאָר באַלד.

יאָ, דאָס איז ער, וואָס האָט אויף יענער גאַס, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, אַ קלייטל געהאַלטן, וואָס האָט סאָף זעקסונצוואַנציקסטן נאָך היפּש־קרעמעריש געזשומעט: די קלייט זיינע איז אויף אַ גוט אָרט געשטאַנען, האָט גוט געלייזט, און דאָס היטל האָט זיך אויף אים שטענדיק פון טומל און רעוואָכים געדרייט, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט, גערעדט גיך, געוויגן און געמאָסטן אין גרויס אימפּעט, גלייך ער וואָלט זיך געיילט, ווי ער וואָלט געפילט, אַז לאַנג וועט ער שוין ניט וועגן און ניט מעסטען...

ער איז שוין דעמאָלט אָפּט טרויעריק געווען, שוין אָפּט נישט געהערט וואָס מ'רעדט צו אים, און די פלינקע הענט האָבן שוין אָפּט אַ טאָעס געהאַט און נישט צו דעם, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט און וואָס מ'האָט פון זיי געפאָדערט, זיך גענומען. ער האָט זיך שוין צו יענער צייט אָפּט פאַרטראַכט, געזען, אַז ס'איז קיין טאַכלעס ניט און אַז לאַנג וועט שוין ניט ציען, און דאָך, אַזוי ווי פּאַרנאָסע איז נאָך געווען, און נאָך אַלע „פּאָדאָכאָדנעס" און „אוראַוניטעלנעס" געבליבן נאָך נישקאָשע, האָט ער זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן און זיך נאָך געראַנגלט.

צו יענער צייט, געדענק איך, אַז כ'האָב אים איינמאָל בײַ אים אונטערן פאַרקויף־טיש, אין אַ שאָ פון ווייניק לייזונג, אַ פאַרטראַכטן געטראָפן און בײַ אים געפרעגט:

— וואָס אַזוי פאַרזאָרגט, שנייער? די גרויס־זשיטאָמירע שיפן זיינען אים אונטערגעגאַן?

האָט ער מיר דערציילט, אַז ס'איז אים שווער, און ער האָט זיך פאַרגלייכט מיט יאַנקעוו אָווינו, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן מאַלעך... און כאָטש ער איז פאַרזאָרגט געווען; און כאָטש אַ שאָטן פון ערעוו־קרעמערישן שטאַרבן איז שוין אויף אים געלעגן, האָט ער זיך דאָך נאָך געשטאַרקט; כאָטש ער הינקט שוין, אָבער גרייוועט זיין וועט ער, ווייל וואָס—האָבן אַלע קרעמער זיין גלייכן דעמאָלט געטײַנעט—וואָס קענען זיי, און, מ'שטיינס געזאָגט, די סאָכרים זייערע, און מירן זען צו וואָס זיי וועלן זיך נאָך דערהאַנדלען.

שפּעטער אַ שטיקל צײַט האָב איך אים שוין גאָר אַ דערשלאָגענעם, ווי אַ האָן פון אַ געשלעג, מיט אַ צעבלוטיקטן קאָם, א פאַרשעמטער און באַזאָרגטער ארויס דערזען. ער האט שוין ווי שווער געאָטעמט, א פאַרמאַטערטער, און די אויגן, פון זאָרג און פאַרצווייפלונג, פאַרהײַטלט, דאָך האָט ער זיך נאָך געווערטלט:

— נישקאָשע, — האט ער מיר געזאָגט. — מירן נאָך זען. באַ אים אין שטעטל, — האט ער מיר מיט א טרויעריקן געמיט דערציילט, — איז געווען אַ ייִד כאַיִם־יאַנקל. האָט ער געהאט אַ טשיריק. האט ער אים ניט געוואָלט ליידן און האָט אים אָפּגעריסן. איז דער טשיריק ווידער אָנגעוואקסן. כאַיִם־יאַנקל איז געווען אן אַקשן, האָט ער אים ווידער אָפּגעריסן. איז אָבער אויך דער טשיריק געווען אן אַקשן, איז ער ווידעראמאָל אָנגעוואַקסן. בײדע אײַנגעשפּאַרטע: כאַיִם־יאַנקל רײַסט, און דער טשיריק וואַקסט. און כאַיִם־יאַנקל האָט דעמאָלט געזאָגט: עמעס, כאַיִם־יאַנקל האָט טאַקע א טשיריק, אָבער דער טשיריק האָט אויך אַ כאַיִם־יאַנקלען.

דאָס איז דער מאָשל. דער נימשל איז קלאָר: עמעס, האָט עס געהייסן, שנייער האָט טאַקע אַ פּינינספּעקטער, אָבער דער פּינינספּעקטער האָט אויך א שנייערן.

און איצט זעט: ער, „שנייער, דאָ... ער, וואָס, ווי איך האָב אַמאָל געהערט פון אים, האָט מיט אַלץ אינדערוועלט שוין איבערגעהאַנדלט: פאַר דער מילכאָמע — מיט מילשטיינער און מיט זײַדענע זיפּן פאר מילן, אָנהויב מילכאָמע — מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. בעיס מילכאָמע — געפּאָדראַדעוועט און גענייט הויזן און לעדערנע בײַטלען פאַר דער אַרמיי. שפּעטער — באַ דער רעוואָליוציע — מיט אַלץ, מיט וואָס נאָר ס'האט זיך געלאָזט: מאַנופאַקטיר, איז מאַנופאַקטור, סאַכאַרין — סאַכאַרין, באַוועלעך — באַוועלעך, שאָלעכץ פון אייער, שפּאַנישע פליגן, אוכעדוימע... און איצט שטייט ער, דערזעלבער שנייער, פאַר מיר, נאָך א שטורעם־נאַכט, נאָך א גאַנצן נעכטיקן און האַלב־היינטיקן טאָג אין פעלד אָפּאַרבעטן, מיט דער אָפּגעקראָכענער הויט פון פּאָנעם, אן אָפּגעבאַקענער, און ס'איז זײַן פּאָנעם פון מעשונע־רויט שווער צו דערקענען, און דאָך שמייכלען די אויגן, דער שטערן שוויצט, און די ליפּ נאָך אַלץ זויגקינדעריש אָנגעדראָלן אינמיטן, — איז ניט בייז, בורטשעט ניט, ווי אנדערע נאָך

שווערער אַרבעט; פֿאַרקערט, כ׳זע, ווי אַנדערע האַלטן זיך ־לעבן אים, ווייל ער האַלט זיי אונטער און מיט זיין מוט און שטאַרקייט טוט אויך זיי נאָך באַטייל׳ן.

א מעטאמאַרפאָזע—און איך גלויב די אויגן ניט.

ער איז אופגעלעגט און ער דערקלערט מיך פאַר אַלעמען פאר זיין גאַסט. ער רופט מיך צו זיך אַהיים. אָבער אזוי ווי זיין שטוב איז ווייט־לעך, אַזש אין צווייטן עק יישעוו, וואָס פונדאנען אַ ווערסט אנדער־האַלבן, און אַזאַ היץ, און צו גיין איז אומעגלעך, זאָג איך זיך אָפּ, און ער בלייבט מיט אונדז אין שול דאָ.

ער נעמט זיך דרייען מייסע־באַלעבאָס און אופגעלעגטער מעכוטן, פרעגט: ווי איז זיך אונדז געשלאָפן, און וואָס האָבן מיר געגעסן. און אַ קליינע ווײַלע געדויערט, און ער לויפט אוועק, נאָך פון הינג א פאַר־שוויצטער און אָפּגעברענטער, און ברענגט טיי, צוקער, פוטער, ברויט, און אַ פּראָוויזאָרישע סודע אָרדנט ער באַלד איין.

ער איז מיט די געסט צופרידן. און איך זע בעיס דער סודע, אַז ער איז א שטיק כאָשעוו און א הויפּט־פיגור אין דאָרף, א באַליבטער, וואָס אַלע פאָלגן אים און רעכענען זיך מיט אים. און הינטנאַרום, בעיס ער לויפט אַרום און פּאַדעט ארום אונדז און ארום די סודע צו פאַרגרייטן, דערפרעג איך זיך און ווער געווירע, אַז שנייער (ע, שנייער— זאָגט מען) האָט בעיס דער קאָלעקטיוויזאַציע דאָ א גרויסע און וויכ־טיקע ראָל געשפּילט, באַם אָרגאַניזירן דעם קאָלעקטיוו, באַ די ערשטע גרויסע שוועריקייטן בייצוקומען, באַ איינרייידן די שוואַכע און ווייניק־גלוי־ביקע—און באַ אָפּשלאָגן און באַקעמפן די אַלע יענע, וואָס האָבן די אַלטע „גוטע” צייטן נאָך אינזינען, און וואָס זייערע הינער די אַלטע פראָסע כאָלעמט זיך...

און צו דערמאָנען זיך, אַז ער, שנייער, האָט דאָך באַדאַרפט זיין איינער טאַקע פון אָט די יענע, דער ערשטער אַף אונדזער זאַך צו באַקעמפן, דער ערשטער אַף צו אַנטלויפן, דער ערשטער אַף ניט צו קו־מען, און דאָ—נאַ דיר!.. און איך טראַכט: יאָ, פייער לייטערט, אין פייער פון רעוואָליוציע האָט אַפילע אזאַ איבערגעברענט, דאס פסוילעס אַרויס, און א נייער מענטשען־מעטאַל האָט זיך באַקומען; אן איבער־געבוירענער, אן איבערגעשאַפענער, פון אונטער דער ראָד פון שווערער

אַרבעט א געקרעפּטיקער, א סאָציאַל־אופגעלעבטער און סאָציאַל־נוצלעכער ארויס, און אזוי ווײַט נוצלעך, אַז ער דינט שוין אויך אַנדערע פאַר א בײַשפּיל. אזוי האָט מען מיר דערנאָך אין דאָרף געזאָגט.

— און ווי פילט איר זיך איצט, שנייער? — גוט, — שמייכלט ער, — אַ דאַנק, איר זעט דאָך... ווי א פאַרברעכער נאָך אַן אַמניסטיע — און בעייס אָט דאָס זאָגן זעט באַ אים אויס דאָס שטיקל אָנגעשוואָלענע אויבערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט א קאָנפעקט געזויגן, איז צופרידן און די אויגן לויכטן אים אופגעלעגט. — איך בין א מענטש און מײַנע קינדער וועלן זײַן מענטשן, און דאָרט — ווייסט איר דאָך... און איר ווייסט — בויגט ער זיך צו מיר צו און ראָמט מיר אײַן — איר ווייסט, כ'האָב דאָך שוין דעם גאָלאָס (שטימרעכט) — און ער איז גליקלעך, מ'זעט, טאַקע עמעס גליקלעך. אין דעמועלבן פאַרנאַכט, אז איך מיט מײַן כאַווער זײַנען שוין אַף דער פור צום אָפּפאָרן געזעסן, האָט שנייער, באַ דער פור שטייענדיק און אונדז ארויסבאַגלייטנדיק, מיר א „נאַקאַז" צו זײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע, צו די נאָך אין שטאָט־פאַרבליבענע זײַן גלײַכן — קרעמער — מיר געגעב:

— זאָגט זיי — האָט ער געזאָגט, — אין מײַן נאָמען, פרידמאַנען, סקאָמאַראָווסקין, אויב איר זעט זיי אמאָל, אַז איך, שנייער, האָב זיי איבערגעגעבן: זאָלן זיי זיך ניט נאַריש מאַכן, זאָלן זיי זיך מער ניט דולן, זאָלן זיי אַהער קומען און ווערן וואָס מ'דאַרף ווערן — מענטשן.

— ע, שנייער, — האָט שוין אונדזער באַלעגאָלע אַף דער פור, אַפּן וועג אין סטעפּ, מיטן פּאָנעם צו אונדז אויסגעקערעוועט, זיצנדיק, דערציילט — שנייער איז אַ מענטש, און אָט האָט איר אײַך אַ פאַקט, לעמאָשל. שוין א צײַט, אַז מ'האָט באַמערקט, אַז דער בוהײַ אין טשערעדע טוט נישט וואָס א בוהײַ דאַרף טאָן: ער קומט ניט, דעקט ניט די בעהיימעס פון טשערעדע. נו, איז ווער, מיינט איר, האָט זיך דער ערשטער דערמיט פאַרינטערעס'רט, וועמען האָט עס דעם ערשטן געאַרט — שנייערן. ער האָט באַלד, ווי ער האָט זיך דערוווסט, נאָכן וועטערינאַר געשיקט, און אַז יענער איז אזוי גיך ניט געקומען, האָט זיך שנייער אײַנגעשטעלט (איר ווייסט דאָך א בוהײַ), איז אַליין געקראָכן, אליין אים באַקוקט, אליין די סיבּע אויסגעפונען, אים געשמירט און דעם אייווער אויסגעהיילט... אז מ'זאָגט א מענטש, איז ניט שײַעך.

3. איינס אַ שטעטל

1

דונעוועץ הייסט עס.

אַז איך בין צום שטעטל צוגעפֿאָרן און פֿונוויַיטנס שוין אַ פֿאַבריק־קוימען און אַ לעבעדיקן שוואַרצן רויך פֿון אים גיין געזען; נאָכדעם אַז איך בין אַרײַנגעפֿאָרן אין שטעטל, און רעכטס די גאַס, לינקס די גאַס געברוקירט, היפּש ברייט און מיט נישקאָשעדיקע טראָטואַרן געטראָפֿן; דערצו נאָך, אַז איך האָב דעם ערשטן שפּאַציר געטאָן איבער די ערשטע אָנהויבשטעטלדיקע גאַסן, און געזען — הײַזער, נישקאָשע הײַזער, הויפֿן — מענטשלעך, און אַפֿילע אַף אַ גרויסער שטאָט אַביסל ענלעך, — האָב איך זיך געזאָגט:

— נו, ניין, ווער עס מיינט דאָ עקזאָטיק צו געפֿינען, יענע געוויסע געסעלעך־פֿידועך, הײַזעלעך־שאַגאַל, מיט איינע פֿענצטערלעך העכער, אַנדערע ניו עריקער, ווי נישט קיין גלײַכע אויגן אַף אַ פּנים, און מיט די דעכעלעך אַף די הײַזער, וואָס זעען אויס ווי אַ גרויס היטל אַף אַ קליינעם קאָפּ אָנגערוקט, — דער זאָל אַהער נישט פֿאָרן, דער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן, דער זאָל אַף ערגעץ ווײַטער אַ בילעט נעמען, ווי קיין אָרינין, לאַנצקאַרון, לעמאָשל, און אַנדערע.

שפּעטער אָבער, אַז איך האָב זיך טיפֿער און ווײַטער איבער די גאַסן געלאָזט, האָב כאַראַקטע געקראָגן, וואָס איך האָב די עקזאָטיק־זוכער אין געדאַנק פֿון אַהערצו פֿאָרן אָפּגערעדט. ס'איז דאָך אַ גוט ערטל פֿאַר זיי, און פֿון פֿיל אויסטערלישקייטן שטייט דאָך דאָ זיי פֿיל פֿאַרגעניגן פֿאָר.

און איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר די צוויי טיילן, וואָס די שטאָט איז געטיילט, פאַר דער איבערשטער, וואָס זויבער און מענטשן ענלעך, און פאַר דער אונטערשטער, וואָס מיטלאַלטער; פאר דער ערשטער, וואס די רעוואָליוציע האט זי ארופגעבראַכט און פאַר דער צווייטער, ווו די מאַסע, און ווו די געטאָגליקן און טראדיציעס זײַנען אַזוי פעסט, אז אפילע נאָך 14 יאָר רעוואָליוציע איז נאָך נישט גערירט פון זיי גאָרניט; איך האָב זיך געשעמט פאַר די שטאָט-באַזאָרגער, דעם שטאָטראַט, וואָס האָט מיט אזוינס שאָלעם געמאַכט און פאר דער זעלבסטבאשטייערונג, וואָס האָט באַדארפט און דעם ציל געהאט דעם נײַעם שטייגער אײַנצופירן, און געבליבן איז אַלץ באם אַלטן,— ווייניק צו זאָגן באַם אלטן, נאר באם וויסטן און שרעקלעכסטן, וואָס מע קען זיך נאָר פאָרשטעלן.

אָט איז א געסעלע:

פיר מענטשן די ברייט, 15 קלאפטער די לענג. הײַזעלעך קרומע, לאָמע, בלינדע. קײַן פענצטערלעך ניט צו זען, פון שטויב און אומגע־וואַשן פארקויטיקט. אַלע הײַזער האלטן זיך אף הינער־פיס, מיט ניסים, און איינס אין אנדערן. קײַן זון קומט אהין ניט ארײַן, ניט זומער, ניט ווינ־טער, ניט קיינמאָל, זינט די וועלט און דאָס שטעטל זײַנען גע־שאפן געוואָרן. א געשטאנק,—פון דעם, וואָס עס גיסט פון הימל, פון בלאָטע אף דער ערד, פון הײַזער און פון מענטשלעכע באדערפענישן. קיין קלאוזעטן אין די הײַזער זײַנען ניטאָ, מע גייט אין געסל פאר די טירן, ווען מע קאָן ניט—ווען באטאָג—גייט מען אין שטוב, אף די ביי־דעמער. מע קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאר א שײַן, וואָס פאר א ליכט און לופט דאָרט איז.

באגעגנט האָב איך צום ערשטן מאָל דאָרט קיינעם, ווי אויסגע־שטאָרבן. אן אײַנדרוק האָב איך געהאט, אז דער ערשטער מענטש, וואָס וועט פון א טיר ארויסגיין, אָדער פון א פענצטערל אַרויסקוקן, וועט אויס־זען ניט קיין אונדזערער, ניט פון אונדזער צײַט קיין מענטש, נאָר פון אן אוראלטער טקופע, א טראָגלאָדיט, א מענטשן־כאַיע. אזוי ווײַט איז ניט צו גלויבן, אז דאָ, אין אט די, אויב מע קאָן אזוי זאָגן, הײַזלעך, אז אין אָט די אין דער ערד־ליגנדיקע שטויביקע און שטיקנדיקע קע־לערלעך, אין די, פון שמוץ־און צײַט־צעפרעסענע בוידעמלעך, און אין

אזעלכע מינים—אנטשולדיקט,—וויגונגען זאָל עמעצער א לעבעדיקער, א היינטצייטיקער, א מענטש מיט אונדזערע פינף כושים קאָנען ווינען.

דאָס צווייטע מאָל האָב דארט דעם היצעל געטראפן, ער האט אף א הונט געטשאטעוועט, און דריי יידישע יינגעלעך האָבן סוידעסדיק אים צו געהאָלפן; שטיל־זיין, לאָקערן, ארויסקוקן, און ווארטן, אז דער הונט זאָל פון דער לאָך, ווהין ער איז פארקראָכן, ארויסקריכן. ער מעג שוין ווארטן! א העלפאנט וואָלט זיך דאָרט געקענט אויסבאהאלטן, א מאָמענט, נישט נאָר קיין הונט—אזא ענגעניש, אזוי צונויפגעשטיקט די הייזער, אזוי פינצטער, קויט, שטויב און די שיין נישט צו זען.

— וועמען דארפט איר?—האָט איינס א יינגעלע מיט היפשע קרעצלעך אפן בערדל און אפן שטערן, נאָכדעם, ווי דער היצעל האָט זיך פון הונט ארויסצובאקומען מעיאיעש געווען און דאָס געסל פארלאָזט, מיך א פרעג געטאָן.—צו וועמען דאַרפט איר?

און דאָס יינגעלע האָט אף מיר, ווי אף א מענטשן, וואָס איז פון א פרעמדער וועלט ארויפגעקומען, געקוקט, וואָרום, בעעמעס, וואָס טו איך דאָ? בעעמעס, ווער קומט דען אהין אראָפ, ווער אויסער נאָר די איינוווינער דאָרט קען דען און איז אימשטאנד אהין צו קומען, אויב נישט סיידן אף בייזוונדער, אויב נישט נאָר אן אויסטערלישן איפעש, א נישט געזעענע קלאָאקא, אן אָרט פאר פאריעס, פאַר קרעציקע און פון דער געזעלשאפט ארויסגעשטויסענע צו זען?

און צו דערמאָנען זיך, אז דאָס אלץ קומט דאָך פאָר באַ אונדז, אין אן אָרט, וווּ ס'גיינען זיך באַ אריבער טויזנט פאבריק־אַרבעטער, באַ טויזנט קאָאָפּעריריטע קוסטארן, 2 טויזנט פארייִן־מיטגלידער, באַ א ראט און נישט קיין קאָהעל־שטיבל, אן אויספירקאָם און נישט קיין „מעשטשאנסקע אופראַווע"—איז ווי שעמען זיי זיך ניט, אָט די אלע, ווי אזוי האָבן די ראטן־טוער, דער פארטיי־אקטיוו און אלע פארשיידענע שטאָט־און רייאָן־באזאָרגער מיט אט דער לאגע שאָלעם געמאַכט, זיך אליין אין דער ריינערער שטאָט־טייל באַזעצט און נאָר א פאָר גאסן ווייטער פון זיי אזא איפעש געלאָזט שמעקן, און קיינער קומט אהין ניט אראָפ, און די געוויינשאַפט איז צו נאטור געוואָרן, די גלייכגילטיקע באַציונג צו קימאַט שוין בארעכטיקונג, און אַז איר פרעגט עמעצן, מאַכט מען

מיט דער האנט אוועק, גלײַך מע וואָלט געזאָגט, ס'איז דאָך א פּאריע־קוואַרטאַל, און ס'איז נישט צו מאכן, און סײַווי וועט גאָרנישט העלפן.

און אָט דאָס געסעלע, וועגן וועלכן איך האָב אויבן גערעדט, איז דאָך ניט איינס און ניט קיין אויסנאם, נאָר דער קלאַל, און אזוי זעען אויס אלע גאסן פון יענער שטאָט־טייל, וווּ דער מערסטער טייל יידישע האָרעפּאַשניקעס און אָרעמקייט איז קאָנצענטרירט.

אָט האָט איר די קוסטאַרן־גאס. א פּאראלעלע, אויב מע קאָן אזוי זאָגן, צו דער שעווטשענקע־גאס. שעווטשענקע־גאס איז א גלײַכע און ליגט אויבן. די קוסטארן־גאס—אונטן, אין א קרום־קײַלכיקער, געבראָכענער און קאליקעוואטע ליניע. שעווטשענקע־גאס—א געברוקירטע און אינאָוונט א באלויכטענע, די קוסטארן־גאס—קיין סימען פון קײַן שײַן, א גריבעריקע, פינצטערע און אינאָוונט, כאָטש ווער געהאַרגעט. הײַנט די אַרכיטעקטור. דער פּלאַן פון יענער גאס, די אײַנוווינער האָבן זיך דאָרט געבויט ניט נאָר ענג איינער לעבן אנדערן, נאָר איינער איבערן אנדערן. די גאס איז אף א באַרג, קיין הויף, קיין הויפל, קיין קעמערל, קיין שטעלכעל, קיין קלאַזעט, קיין מיסטקאסטן איז נישט בענימצע. און די אײַנוווינער, דערציילט מען, וואַרטן דאָרט באַנאַכט איינער אפן אנדערן, ווער פון זיי וועט גיכער גיין שלאָפן און אין שטוב בא אים וועט זיך פריער דאָס ליכט אויסלעשן, מע זאָל קענען דאָס מיסט און דאָס קויט הינטער דער טיר אים אונטערוואַרפן, און הײַנט באנאכט וואַרפט דער יענעם אונטער, דערפאר מאָרגן וואַרפט יענער דעם אונטער, און מע איז קוויט, און קיינער בלײַבט קיינעם קיין באַלכויוו ניט, און בא יעדע טיר איז, אויב נישט קיין אייגן מיסט, איז פרעמדס, אָבער גישקאָשע און היפּשלעך אָנגעלייגט.

מע דארף א קוק טאָן אין די הײַזער, וואָס דערמאָנען די באוווסטע קאָנסטרוקציעס פון „צוויי מאָל הונדערט טויזנט", און צו זען, ווי די ווירקלעכקײַט שטייגט די פאנטאַזיע אריבער. מע דאַרף א קוק טאָן אף די פּידמוריקלעך, פּידאשעקלעך, גאניקלעך, טרעפּ, גאָרנס, ווענט, און ארײַנקומען אין אזא שטוב און זען, ווי דורך די ווענט קוקט דער דרויסן, מאַמעש דער דרויסן ארײַן, און הערן, ווי יידן זאָגן אף אזוינע, אז איין מיילע האָבן כאָטש יענע ווענט, וואָס מע קען דורך זיי די לעוואָנע מעכאַדעש זיין,—מע דאַרף אף אַלעם דעם א קוק טאָן אום צו

זען און זיך איבערצײַגן, אז די אַלטע אמאָליקע, טראדיציאָנעלע געטעס האָבן געמעגט קימען זיך אהער לערנען, אז קיינע פאריע־קוואַרטאַלן האָבן זיך פאר יענע גאסן און געסלעך ניט צו שעמען, און אז שעמען דארפן זיך נאָר די, וואָס האָבן מיט יענע גאַסן און געסלעך שאָלעם געמאַכט; שעמען דאַרפן זיך יענע, וואָס האָבן די זאַך פון דער שטעטל־אײַנאָרדענונג און שטעטל־באַזאָרגונג פארשעמט.

— הא, — האָט בא מיר דער כ׳ גיטליאנסקי, דער פרעזידיום־מיטגליד פון צ. ק. נאַצמינד באַם וווציק, וואָס ס׳איז געקומען אהער דאס שטעטל אויסצופאָרשן, א פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי מיר האָבן מיט אים לאַנג אין יענע גאַסן געשפאצירט און אין יענע פאַרדראָסיקע און עקלדיקע זאַכן און מעקוימעס זיך אָנגעזען, — הא, ווי מיינסטו און וואָס זאָגסטו דערוף?

— וואָס איך זאָג? — האָב אים געענטפערט, — איך זאָג, ווי דער כאָשע־ווער און פארדינסטפולער היגער בראנדמייסטער.

— אז וואָס?

— אז מע פרעגט בא אים что слышно, (וואָס הערט זיך), ענט־פערט ער.

ничего ждем... пожара. (גאָרנישט... מיר וואַרטן אף סרייפעס).

און מער צו זאָגן האָב איך ניט געהאט, ווייניקער אבער אויך ניט.

2

אָנגעקומען פונעם וואקזאַל אין שטעטל ארײַן בין איך אף איין באַ־לעגאָלישן פאעטאָן מיטן כאווער גיטליאנסקי, און אויך מיט איינעם א מיטארבעטער פון רעדאַקציע „שטערנ״ — איינער פון א בריגאדע, וועלכע ס׳האָט אָרגאַניזירט און געשיקט די רעדאַקציע „שטערן״ צוזאַ־מען מיטן פאָלקאָמווירט און פאָלקאָמגעזונט אף דאָס שטעטל אין סאַני־טאַריע־היגיעניש זין אין א מוסטער־שטעטל צו פארוואנדלען.

צוגעפאָרן זיינען מיר צום שטאָטראט, צום צענטראלן פלאץ, ווו באַלעגאָלעס נעמען אָן און לאָזן אַראָפּ פאַרשוינען. דער שטאָטראט געשלאָסן. ס׳איז געווען א רו־טאָג. אזוי ווי אבער כ׳ גיטליאנסקי האָט דאָס זייער איילוק געהאט, ווײַל געוואָלט דעמועלבן אָוונט שוין די ערשטע פאַרזאַמלונג אײַנאָרדענען, קעדיי אין די נאָענטסטע טעג

שוין צו דער ארבעט צוטרעטן: איבער די הײַזער בריגאַדעס צו צעשיקן, די שטעטלשע אײַנוווינער איבערשרײַבן, און דערצו האָט ער נויטיק דעם פאָרזיצער פון ראט און דעם סעקרעטאַר געמוזט האָבן, האָט ער זיך דערום צו די, וואָס זײַנען לעבן ראַט געשטאַנען, זיך געווענדט און אפֿן אַדרעס פון די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען זיך צע־פרעגט.

דער אוילעם, א נײַגעריקער, און א כאַווער פון צענטער אין א לע־דערנעם רעקל דערזען, האָט מיטפילנדיק אים העלפן געוואָלט, און איינער האָט זיך ארויסגערופן און מיטן פינגער אף עפעס איינס אַ מיידעלע אנגעוויזן:

— זי ווייס, אַרבעט אין ראט טאקע, א רעגיסטראַטערשע, זי מעג אויך זיין א קורירערשע.

דאָס מיידעלע, א יונגס, פון א יאָר 12־13, מיט איין אויגל אביסל קאָסאָקע־קוקנדיק און מיט א דאר נעזעלע, ווי בא א הון, און איבערן קאָסאָקע קוקן, דאַכט זיך, אז ס'איז אינגאַנצן אף עפעס א זײַט אויס־געדרייט, אָט דאָס מיידעלע, אַז כאַווער גיטליאנסקי האָט זיך געווענדט און צו איר א זאָג געטאָן:

— לויף, מיידעלע, און רוף מיר באַלד דעם פאָרזיצער און דעם סעקרע־טאַר אהער, האָט זיך עס א קאָסאָקע שטעל געטאָן און געענטפערט:

— לויפט אליין.

— וואָס הייסט?—האָט זיך דער כאַוועער פון צענטער, דער פאָר־שטייער פון וועציק אף איר האָזע און אף איר נישט פאָלגן ווען פאַרוווּנדערט.—וואָס הייסט, דו ארבעטסט דאָך דאָ, און דו דארפסט גיין, אַז מע שיקט דיך, און אז מע דאַרף נויטיק.

— אז איר דאַרפט, גייט אליין, איך דאַרף ניט, בא מיר איז היינט רו־טאָג.

— הער נאָר אבייטעך,—האָט זיך דאָס מיידעלע שוין צו דעם פאר־זאמלטן אוילעם געווענדט און אפעלירט צו די באַלעגאָלעס, שמײַסער־יונגען, און אזוי זיך אוילעם—ער דארף, זאל ער גיין, וואס ניט, איך בין אים א מעכויעוו?

— אוואדע,—האט איינער א באַלעגאלע־יונג, א נידעריק־קרעפטיקער פאַרשוין, מיט א רויט פאנעם, מיט א פול מויל לאכנדיקע ציין און

מיט שפּאַט אין די אויגן און אין פּאַנעם, אַביסל מיט איראָניע, און אַביסל טאַקע פונעם מיידעלעס שטעל און פון איר דרייסטן אָפּ־ענטפערן דעם כאַווער פון צענטער, צופרידן,—אַוואַדע,—האָט ער לאַכנ־דיק אין אוילעם אַריין אַ זאָג געטאָן. וואָס דען, זאָ טשטאָ מי באָראַ־ליס—פאַר ראַבע פּאַסאַליעס?..

מיר האָבן זיך דערנאָך צוגעקוקט און געזען: דאָס מיידעלע איז אַ קרענקלעכס, אַ האַלב־דעפעקטיווס דערצו, אָבער,—האָט זיך דערנאָך דער סעקרעטאַר פון שטאָטראַט פאַר אונדז פאַרענטפערט,—פאַר 23 רובל קריגט מען ניט קיין בעסערס און זאָלן איר די כאַווייריִם אַנטשולדיקן. מע האָט איר אַנטשולדיקט, נאַטירלעך. ס'איז ניט וויכטיק. איך האָב נאָר פאַרגעדענקט דעם פאַקט און־אים דאָ דערציילט אום צו ווייַזן, אַז אויך אונדזער אַ קליינשטעטלדיקע און אַ האַלב־דעפעקטיווע דערצו, וואָס מיט אַ 23־רובלדיקן געהאַלט, אָבער פון פּראָפעסיאָנעלע רעכט באַ אונדז ווייסט עס, מאָנט זיי אָפּ, שטעלט זיך איַין פאַר זיי, און ווערט פאַר קיינעם, אַפילע פאַר קיין לעדערנעם רעקל און פאַר אַ כאַווער פון צענטער ניט ניספּאָעל.

און ווי איך בין אַזוי פאַרן ראַט געשטאַנען, האָב איך זיך דער־מאָנט: אין אַ גרענעץ־שטעטל געפין איך זיך דאָך, ניטווייט פונדאַנען גייען זיך אונדזערע ליבהאַרציקע דעפענזיווע־און סיגוראַנציע־שכיינים צונויף—פּוילן און רומעניע. ס'איז נאָענט פונדאַנעט, און אַז ווען ס'בלאָזט אַ ווינט פון דאָרט, זאָגן ייִדן, אַז זיי הערן, ווי די פּאַשיסטישע זראַזע טשאַדעט זיך, און—וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָרט אַ מענטש, וואָס פאַר אַ רעכט האָבן דאָרט בירגער, און ביפראַט אַרבעטער און אַרבעטער־אינטערעסן, און ווער שמועסט שוין פון אַרבעטער־קינדערשע אינטערעסן.

... יאָ, און ווי דער פאָרזיצער מיטן סעקרעטאַר זייַנען אָנגעקומען, אַזוי האָט באַלד דאָס שטעטל קאָכן גענומען: אַלע שטעטלדיקע מאַכט־הויבערס זייַנען אין גאַנג געלאָזן געוואָרן, דער אַקטיוו פון שטאָטראַט, דער קאָמיוג, די לערערשאַפט, און אָפּדערנאָכט איז שוין אַ פאַר־ברייטערטער פּרעזידיום צונויפגערופן געוואָרן, ווו דער כאַווער פון וואָציק האָט זייַן פאָרטראַג געלייענט, וועגן דער וויכטיקייַט פון דער אויספאָרשונג פאַר דער ראַטן־מעלוכע און וועגן דער פאַרינטערעסירט־קייט אין דער אויספאָרשונג פון אַליין דעם שטעטל.

דערנאָך האָט דער רעדנער אויך א וואָרט פאַר דער סאַניטאַר־היגיענישער קאָמיסיע גענומען, און אויך וועגן איר באַדײַטונג און וויכטיקײַט גערעדט, און אזוי ווי דאָ האָט ער דעם שטעטל אין סאמע אָנגעווייטיקסטן אָרט אָנגערירט, און אזוי ווי וועגן אָט דעם איניען האָט מען שוין ביכלאל פון לאַנג שוין ניט גערעדט, ווײַל פון אלע ביז אהעריקע און פאר די לעצטע יאָרן רייד, פלענער, צוזאָגן, אָנזאָגן, און געשאפענע קאָמיסיעס און ספעציעלע קאָמיסיעס אף דעם סאַניטאַר־היגיענישן שטייגער אויסצובעסערן, איז גאָרנישט ניט געוואָרן, אָבער אַצינד, אז מע האָט געזען, אז אליין די אויבערשטע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך דערצו גענומען, אז אליין פאָלקאָמגעזונט, פאָלקאָמווירט און רעדאַקציע „שטערן” האָבן א ספעציעלע בריגאַדע אהער אראָפגעשיקט אף אויספאָרשן, אף אַלע מיטלען אָנצונעמען אום דאָס שטעטל אין אַ מוסטער־שטעטל צו פארוואנדלען,—איז אָט, אז מע האָט דאָס דערזען, איז דער עולם מיט לאָשן ארויס, יעדערער, וואָס איז אף דער פארזאַמלונג געווען, האָט זײַן וואָרט געהאט, קיין איינער האָט דאָס געלעגנהייט ניט דורכגעלאָזט פון איצט זיך ארויסזאָגן, און זאָלן די כאוויירים פון צענטער טאַקע הערן, אז צו וואָס דער שטאָטראַט האָט זיך ניט גענומען, האָט ער ניט אויסגעפירט; וואָס ניט אנגעהויבן, דאָס ניט פארענדיקט. די באָד, לעמאָשל, וואָס מע האָט זיך גענומען פאַרריכטן, איז אדאַיעם ניט פאַריכט, און אַ גאנץ שטעטל ארבעטער, קוסטאַרן און סטאם בירגער האָבן אפילע איין מאָל אין יאָר ניט ווו דאָס לײַב ארומוואַשן; ווי אזוי דעם מארק, וואָס מע האָט אים געפּרוווט פונעם מיטן שטעטל אפן היגטערן שטעטל איבערפירן, האָט מען געפירט און געפירט, ווידער אדאַיעם ניט דערפירט, און ער איז ביז איצט ווי געווען געבליבן—מיט שמוץ, קויט און געשטאנק און אלע אנדערע מאַרקישע פרעכטיקײַטן; ווי אזוי מע האָט פאַר דער שטאָט איינעם (איינעם נאָר) א קלאָזעט אויסגעבויט, האָט ער געדויערט א וואָך מיט א מיטוואָך און מע האָט אים גלײַך אף ברעטלעך צענומען, דאָס געביי צעשלעפט און נאָר געוויסע סימאָנים זײַנען נאָך אים געבליבן, און נאָך, און נאָך, אַוולעס אף אוולעס, און דער שטאָטראַט מעג זיך טאקע שעמען, ווײַל מיט קײַן מאנגל אין רעסורסן און אין געלט־מיטלען קאָן ער זיך ניט פאַרענטפערן, ער האָט געהאט, אף די אלע זאַכן זײַגען

מיטלען אסיגנירט געוואָרן, און ווען מע וואָלט באַדאַרפֿט, און ווען דאָס שטעטל וואָלט געזען, אַז דאָס איינמאָל צונויפֿגענומענע געלט איז אויף נויטיקן, ראַציאָנעל און אויף מאַמאָשעס אויסגעגעבן געוואָרן, וואָלט עס אַ צווייטן מאָל צונויפֿגענומען, וואָלט עס זיך אונטערגעגאַרטלט און צוליב אייגענע אינטערעסן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געקליבן...

און דאָ שווימט איינע אַ ציפֿער אַרויס: 35 טויזנט רובל זעלבסט־באַשטייַערונגען נאָך אין 1929־טן יאָר. וווהין איז דאָס אהינגעקומען? אויף וואָס האָט מען דאָס אויסגעגעבן, און וווּ זייַנען די רעזולטאַטן? קיינער קיינעם איז, נאַטירלעך, אין גאָרנישט ניט כוישעד, דאָס געלט איז אין קיין פּריוואַטע קעשענע ניט אָנגעקומען, אָבער צי אַזוי דען ווירטשאַפֿט מען, אַזוי באַלעבאַטעוועט מען, אַזוי הויבט מען אָן זיבן זאַכן און קיין איינע פֿאַרענדיקט מען ניט. און דאָס שטעטל האָט נאָר פֿון וואָס צו לאַכן, פֿון וואָס זיך אַנעקדאָטן דערציילן, און אַזוי איז דאָך סאָפּקאָלסאָף די זעלבסטבאַשטייַערונג קאָמפּראָמענטירט, און צוזאַמען מיט דער זעלבסטבאַשטייַערונג יענע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן פֿריער דעם גרויסן טאַרעראַם געמאַכט, וואָס האָבן גאָלדענע בערג צוגעזאָגט, און אויסגעלאָזט האָט זיך אַ טייַך, און דאָס שטעטל האָט שוין צוויי טייַכער—ס'איז דאָך די מאַכט קאָמפּראָמענטירט...

און דאָ האָב איך אויפֿן שטעטלשן פּאַרלאַמענטל, אויפֿן קליינעם קעמערל מאַכט־פֿאָרשטייערשאַפֿט אַ קוק געטאָן און האָב דערזען: ווי אונדזער מאַסע איז אויסגעוואָקסן, וואָס פֿאַר אַן אַפּעטיט און וואָס פֿאַר אַ לאָשן זי האָט באַקומען, און דעריקער, אַז ווען זי קומט אין ראַט, ווען זי קומט צו דער מאַכט און ווען זי רעדט און טייַנעט צו איר, רעדט זי ניט און טייַנעט ווי צו קיין צווייטן צד, נאָר ווי צו זיך אַליין; זי גייט צו דער מאַכט, ווי צום אייגענעם טיש און ווען זי געפֿינט אַוולעס אין דער מאַכט, פֿילט זי, אַז ניט אין דער מאַכט זייַנען די אַוולעס, נאָר אין איר אַליין, און זי אַליין דאַרף זיך אויסבעסערן און אירע פֿעלערן פֿאַריכטן, און בעמייִלע וועט שוין די מאַכט אויסגעבעסערט זייַן און אָן פֿעלערן.

און אָט קוק איך זיך צום פֿאַרזאַמלטן עולם צו און פֿון דער מאַסע טיילן זיך עטלעכע פּאַרשוינען אויס: די מער אומרויִקערע, די מער אַקטיווערע און דער, אַזוי צו זאָגן, לעבעדיקער דויפעק פֿון שטעטל.

אָט שטייט פאַר מיר איינער, א ייִדישער אַרבעטער, אַ מענטש פון העכער 40, מיט אַביסל צו גרויסע און רויט־אנטצינדעטע אויגן. א היטל טראָגט ער פון אַ מעשונענעם פאַסאָן מיט לאַפּן. שווער צו זאגן, פון וואס פאַר אַ מוזיי אַרויסבאקומען און פון וואָס פאר. אַן עפּאָכע שטאַמט עס: פון מיילעכס סאבעסקעס, צי גאָר פון בארבאראָסעס צײַטן. ער איז אין אונטערשטן העמד, ער רעדט גיך, און ס'איז אים שווער צו־פארשטיין, מיט גרויס פאטאָס און דאס גאַנצע בלוט איז אים אין פּאָנעם. דאס איז דער כאוועך מיטן קלאַרע־צעטקינ־קסאַוו, ווי מיר וועלן אים רופן. ער שטאַמט פון פויליש־דײַטשישער גרענעץ, רעדט האַלב שלעכט דײַטש און גאנץ שלעכט ייִדיש, און ווען ער פאַרפירט אַ געשפרעך מיט אײַך, הויבט ער טאָמיד אָן מיט „וויסן זי, גענאסע..." ער איז אַ ווילער, איז גאר די וועלט אויסגעוועון און גאר רוסלאַנד, איז מיט אלע גרויסע רעוואליוציאנערן היימיש און שרײַבט זיך מיט זיי איבער. בעיס מילכאמע אין דײַטשלאַנד אינטערנירט געוועך. אין 1920־טן יאר מיט קלאַרע צעטקין זיך באַגעגנט. ער האט פון איר אַ רעקאמענדיר־בריוו. זי שרײַבט וועגן אים, ווי וועגן אַ געטרײַען כאַווער, און וואס מע מעג זיך אף אים אַבסאליוט פאַרלאזן. דער בריוו איז שוין אַלט, געל און צעריבן פון שטענדיק באַ אים אין טאש צווישן זײַנע פּאַפּירן ליגן און פון אָפּט אים געברויכן אין ער זעט באַ אים אויס, ווי אַ קסאוו באַ אַמאליקן ניסרעף, אדער באַ אַ ייִדן, וואס האט געקליבן אף האַכנאסעס־קאַלע. ער באַווײַזט אים אָפּט, דער כאַוועך. ער איז דער קרענקלעכער געוויסן פון שטעטל, קריגט זיך פאר אַלץ און מיט אַלעמען און מע קען אים שוין און מע הערט זיך שוין דערפאַר אפילע ווייניק צו זיינע רייד צו. ער האָט שוין ניט איין קאָנפליקט און ניט איין מאַכלויקעס געהאט מיטן שטעטל, מיט גאָר גרויסע אַדמיניסטראַטיווע און פּאַרטײיִשע פאָרשטייער גופע, און פון די מאַכלויקעס און קאנפליקטן איז ער באשטענדיק זיגער ארויס, און נישט איין גרויס־אנגעזעענער אנגעשטעלטער איז איבער געוויסע זאכן איבער אים און אראַנק אים „געפלויגן".

— וויסן זי—גענאסע... דער דירעקטער פון דער פאבריק האט אים, ער זאל אים העלפן א געהעכערטע אויסארבעט־נארמע באם סטאבילן לוין־טאריף דורכפירן, שטילערהייט, די איבעריקע ארבעטער זאלן ניט וויסן, עפּעס צוגעזאָגט... האָט ער, דער כאַוועך, נאטירלעך, זיך אָפּגע־

זאָגט און האָט דאָס דערציילט, ווו מע דאַרף, האָט מען עס געוואָלט צערייַבן, איז ער אָבער ניט דער, וואָס דערלאָזט אַזוינע זאַכן: „איך האָבע געקעמפט פיר דער זאַכע", זאָגט ער, ער האָט צו „גענאָסע קאַגאַנאָוויטש" געשריבן, און דער דירעקטער און מיט אים נאָך אייניקע זייַנען פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען געוואָרן.

ער שטייט איצט, אָט דער כאַוועד, רעדט אַביסל צו היציק, אַביסל אומפאַרשטענדלעך, און דער אַז לעם הערט אים ווייניק, צי איבער זייַן אומפאַרשטענדלעכן ריידן, צי פון דער איבערגעטריבענער היציקייט. אָבער ס'איז אַ שאָד, מע וואָלט אים יאָ באַדאַרפט הערן, ער איז דאָך זייער אַ געטרייַער און באַגלויבטער, אָט דער כאַוועד: ניט אַבי וועמען וועט דאָך קלאַרע צעטקין רעקאָמענדירן, און ניט מיט אַבי וועמען וועט זיך דאָך דער גענאָסע קאַגאַנאָוויטש איבערשרייַבן, און אויב קיין רעדנער איז ער ניט, אויב אַף אַ פאַרזאַמלונג איז אים טאַקע אַביסל שווער צו הערן, אָבער אַ פּריוואַטן שמועס מיט אים צו פאַרפירן איז זיכער קעדייַ, ווייַל ער האָט וואָס צו דערציילן, און באַזונדערס אַ מענטשן, וואָס קומט זיך מיטן שטעטל באַקענען און די לאַגע דאָרט אויספאָרשן, האָט ער גענוג מאַטעריאַל און העכסט באַלערנדיקן צו געבן. און ווען כאַוועד מאַץ, לעמאָשל, וואָס האָט די אַרומיקע שטעטלעך אויסגעפאָרשט, וואָלט אויך אַהער, קיין דונעוועץ, געקומען, וואָלט אים צו זייַן קאָלעקציע פאַרקריפּלונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט, וואָס ער האָט אַרייַן און אין לאַנצקאַרון אָנגעקליבן (זע ד. מאַץ „די רעוואָליוציאָנערע געזעצלעכקייט אין שטעטל" „שטערן" נומ. 240), אויך דונעוועץ עפּעס צושטייַער געגעבן. און געגעבן וואָלט אים דער ערשטער אָט דער כאַוועד, און ער וואָלט דעם כאַוועד מאַץ צווישן אַנדערן, לעמאָשל, דערציילט, ווי אַזוי באַם שטייַער אופמאָנען זייַנען געווען פאַלן, ווען מע האָט באַ אייניקע די בעטלען פון דער נאָז אַראָפּגענומען, און ווי אַזוי באַ אַנדערע האָט מען באַנאַכט באַ ש. אָפּנדיקע קינדער די שיכלעך און דאָס אָנטאָן אַוועקגענומען און אַף מאָרגן האָבן די קינדער ניט אפן גאַס און ניט אין שול געהאַט מיט וואָס צו גיין.

דאָס איז איין כאַוועד, און אָט איז אַ צווייטער. איך באַקען זיך מיט אים, מיט אײנעם אַ שטאַרק־שוואַרצן יונגנמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַזוי שוואַרץ, אַזש בלאָו, אין הויכע שטיוול, אין אַ קורץ

פאַלטאָכעל, אַ שטילער און בענימעסדיקער, דינט אין טעקסטיל אַלס רעכנפירער און איז אויך דער אַרבקאָר פון שטעטל.

ער איז היפּש אין זײַן מעלאָכע און אין זײַן אַרבקאָרישן באַרוף פאַרליבט, אַזוי פאַרליבט, אַזש ביז ראָמאַנטיק און ביז פּראָווינציעלער פאַר־געטערונג קימאַט פון זײַן זאַך. ער זאָגט מיר, לעמאָשל, ווען מיר צע־ריידן זיך מיט אים וועגן „שטערן"־יובילײַ:

— איר מיינט, זאָגט ער, אַז נאָר דער „שטערן" איז אַ יובילייאַר, איך — אויך, ווײַל פון די 2 טויזנט נומערן שטערן האָב איך קײַן איינעם נישט ניט קײַן געלייענטן דורכגעלאָזט. איך לייען אים פון דער ערשטער שורע ביז דער לעצטער, ער איז אים ליבער פון עסן, און לייענען לייענט ער אים אפילע, ווען ער איז קראַנק און האָט 40, און — צוויי באַ־גערן, זאָגט ער מיר, האָט ער איצט, דער ארבקאָר. איינעם, — דעם כאַרקאָ־ווער טראַקטערבוי צו זען, און צווייטן די רעדאַקציע „שטערן", ווייל — גיט ער צו אַ שטיל־פאַרשעמטער, — ער האָט נאָך קיינמאָל קײַן רעדאַק־ציע ניט געזען.

און אָט אָ דער פאַרליבטער אין זײַן באַרוף און אין זײַן מעלאָכע־אַרבקאָר, האָט, אויסער וואָס ער קומט פון צײַט צו צײַט מיט אַ שריפט־לײַכער קאָרעספּאָנדענץ אין צײַטונג, אויך מונדלעך וואָס צו דערציילן, און באַזונדערס אַ כאַוער פון צענטער, אַ מיטגלידער פון וווציק, וואָס קומט מיט מעלוכע־באַפולמאַכטן דאָט שטעטל אויסצופאָרשן. ער דערציילט, ווי אַזוי דאָס גאַנצע שטעטל האָט עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד געזען ליגן אין קאָרידאָר פון שטאָטראַט, פאַר שטײַער צוגענומען, אַן אַלטן שליטן אַף צוויי טיילן צעטיילט, אַ צעבראָכענעם, צוויי שטיקער דראַבענעס, וואָס פאָרן אַף אים האָט ער שוין נישט געטויגט, ווײַל אַלט, פויל און פון גע־ברויך ארויס, און וואָס געטויגט האָט נאָר אַף מויל־מעל און אַף פאַר־ברענען, און אַזוי זײַנען די שטיקער געלעגן ביז עמעצער האָט זיך אַף זיי מעראַכעם געווען און פאַרברענט טאַקע, און נאָך וואָלט ער דער־ציילט, אַז אין אַרבקאָאָפּ האָט מען געקענט זען צווישן די קאָנפיס־קירטע און אוועקגענומענע זאכן פאַר שטײַער פרויען־אונטערוועש מיט עפּעס אַ סאָרט פלעקן אַזוינע, וואָס דאָס אָרט זייערס וואָלט פאַר אַלעמען אין וועשערײַ געדאַרפט זײַן, און נאָך און נאָך, וואָס די סאָ־וועטישע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף דערפון וויסן, די טוער פון פינינ־

ספעקטור דארפֿן זיך דערפֿאַר שעמען, און דאָס לעצטע וואָרט געהערט דעם פּראָקוראָר דאָרט.

און אָט האָט איר אַ דריטן כאַוער, בערל דעם שנײַדער אָדער בערל דער אַקטיוו, ווי מע רופֿט אים. אַ ייִד שוין אַן עלטערער, אַרי־בער 50, מיט העל־גרויע שטאַרק־שנײַדנדיקע אויגן, וואָס פֿאַר אַלעמען, אַז איך קוק אויף אים, זע איך, אַז איין אַקסל איז בײַ אים אַ ביסל העכער פֿונעם אַנדערן; און גיין גייט ער אַ פֿריער מיטן בידעריקן. אַ ייִד, וואָס אַמאָל וואָלט ער אַ קאָהעלעט־מאַן געווען, אַ שרײַער, אַ פּאַטשער, און די שטאָט וואָלט פֿאַר אים געציטערט, און דאָ, אויף דער פֿאַרזאַמלונג טרעט ער ניט אַרויס און נעמט קיין וואָרט ניט, ווײַל קיין אויסריידער (קיין רעדנער, מיינט ער) איז ער ניט, זאָגט ער, אָבער דערפֿאַר אין די קולוארן קאָכט ער זיך שטאַרק. צווישן אַלעמען בורעט ער, דרייט זיך און מיט די בייזע אויגן שטורעמט ער, דאַכט זיך, אַלץ און אַלע־מען. ער קען אַלעמען, און אַלע קענען אים, נעמט אומעטום און אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן אַנטייל, און גערן, מיט ברען און ליידנשאַפֿט; זאָגט זיך פֿון קיין שווערער אַרבעט ניט אָפּ, איז איבעראַל בוויטיק, דערפֿאַר האָט ער אויך די פּריווילעגיע פֿון אַלץ, וואָס ער דאַרף, אַלעמען אין די אויגן צו זאָגן.

— וואָס האָב איך מוירע, — זאָגט ער, מע וועט מיך פֿון דער נאָדל אַראָפּנעמען?

און ער זאָגט, און ער בורעט, און ער ווייס געגנוג, און ער ווייס, וואָס דער שטאָט, דעם שטאָטראַט, דער פֿאַרוואַלטונג אויסצוּוואַרפֿן, און אַז איך פֿרעג בײַ אים: איר ווייסט דאָך יאָ, זאָגט זשע מיר טאַקע, ווהין פֿאָרט זײַנען די 35 טויזנט רובל זעלבסטבאַשטײַערונג אָהינגעקומען? ענטפֿערט ער מיר: איר ווייסט ניט? פֿרעגט בײַ אַ שנײַדער אַ פּאַר־טײַטש: אַ צוויקל אַהין, אַ צוויקל אַהער, און דאָס שטיקל אַרבעט איז קאַליע.

איך קוק אויף די איינציקע פֿאַרשוינען, מיט וועלכע איך באַקען זיך, איך קוק אויפֿן גאַנצן אַרום פֿאַרשוינען, אויף די פֿאַבריק־אַרבעטער אין די לעדערנע רעקלעך, אויף די אַרטעליזירטע קוסטאַרן אין די האַלב־באַלע־באַטישע נאָך פּאַלטעס, אויף די לערערס און לערערקעס — אין רעקלעך און אין פּאַלטעס, אויפֿן קאָמיוגיסט, דעם 16־יאָריקן באָכערל, וואָס די

שטימע ברעכט זיך באַ אים, אפֿן נאָך ייִנגערן שוואַרצכיינעוודיקן פּיאָנער, וואָס אויך ער טרעט ארויס, נעמט אין ראַט־אַרבעט אָנטייל און אויך ער ווייס פֿון שטאָט־איניאָנים, ווייסט פֿון די צוזאָגן, וואָס דער ראַט האָט צוגעזאָגט, און פֿון די היסכײַוועסן, וואָס ער האָט ניט אויסגעפֿילט, און אויך ער, דער פּיאָנער אפֿילע, זאָגט ווי אַ גרויסער אַרײַן, און גרויסע מוזן זיך צו אים צוהערן,—און איך זע:

אין שטעטל איז שוין דער אַקטיוו געשאַפֿן... דער נײַער באַלעבאָס איז שוין דאָ, און כאָטש אויסערלעך איז עס נאָך ווי פֿריער געבליבן, אָבער אינעווייניק קומען דאָרט נײַע פּראַצעסן פֿאָר, פּאָליט־שטייגעריש און קולטור־שטייגעריש איז דאָס שטעטל שוין נישט צו דערקענען, פֿון אַלטן איז דאָס שוין מײַלנווײַט אוועק, און אין קליינעם בײַשפּיל האָבן מיר אַ גרויסן באַווײַז, ווי ווײַט מאַסן קענען און זײַנען פֿעיִק אוועקגיין.

3.

נו, און די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור? און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע, ווי איז אין שטעטל, און וואָס איז אָף אָט דעם געביט פֿאָרגעקומען?

אומגעהויער אַסאַך!

ווײַל—צי איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן שטעטל דאָס, וואָס אין די מאַרק־טעג קענט איר טרעפֿן באַ א פֿויערישער פֿור א האַלב צענדליק ייִדן איבער האַלבע פֿודלעך מעל דאָרט דוכענען? יענע געוויסע ייִדן, וואָס זעען אויס, ווי זיי האָבן אין אַלטע און נאָך אין דער פֿאַר־רעוואָלוציע־צײַט אויסגעזען:—קאַפּאָטע־ייִדן, ייִדן מיט לײַבלעך, ייִדן אין בורנעסן, טיפּישע, אונדז גוט, גוט באַקאָנטע, וואָס די ראַטן־ווירקלעכקייט האָט שוין נאָך זיי קאַדעש אָפּגעזאָגט, די ליטעראַטור—זיי איבערגעקײַט און אויסגעשפּיגן, צי זײַנען, זאָג איך, אָט יענע כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן שטעטל? ניין. און אַזוי ווײַט ניין, אַז ווען איר דערזעט זיי, דערשרעקט איר זיך קימאַט, איר רײַבט די אויגן, און גלויבט זיי ניט, אַז זיי שלאָפֿן ניט, אַזוי מעשונע זעען זיי אויס אפֿילע אפֿן פּאָן פֿון דעם אויסערלעך נאָך שטאַרק אָפּגעשטאַנענעם און אין פֿלוג מיט זיי האַרמאַנירנדיקן שטעטל; אַזאַ קאָנטראַסט זײַנען זיי צום אַלעם אַרום,

צו דעם גאנצען נײַעס, און צו דער איבערקערעניש, וואָס איז אין שטעטל פאָרגעקומען און וואָס אף יעדער טריט שלאָגט איר זיך אָן מיט דעם, מיטן נײַעם...

זיי זעען אויס, אָט די ייִדן, רעשטלעך פון אזאַ אָפּגעלעבטן און איבערבאָטלשן עקאָנאָמישן שטייגער, אז קוקנדיק אף זיי, נעמט אײַך אָן דערזעלבער קימאַט עקל און פארדראָס, ווי בעשאַס איר האָט פריער געקוקט אף דעם גאס־און הײַזער־שמוץ, און אזוי ווי פריִער, יענץ שמוץ זעענדיק, האט איר זיך געווונשן, אז עס זאָל אײַך וואָס גיכער פון די אויגן צוגענומען ווערן, אזוי ווינטשט איר אויך, אז אָט דאס לעבעדיקע און נאָך אומגייענדיקע מעקלער־און הענדלער־שמוץ זאָל פון וועג אײַך אָפּגעראמט ווערן. ווײַל ס׳איז ניט שיין, זאָגט איר, ס׳איז ניט גוט און ניט געזונט, און די סאָציאַלע סאניטאריע איז דאָ אזוי וויכטיק און נויטיק, עפשער נאָך וויכטיקער און נויטיקער פון דער שטייגער־סאניטאריע.

עמעס טאַקע, דאס זײַנען נאָר רעשטלעך, עמעס, אז צווישן אָט די ייִדן מעקלער, הענדלער בא די פויערישע פורן איז שוין זעלטן א ייִנגערען פון 50—40 יאָר צו באגעגענען. ייִנגערע זײַנען שוין גאָר מיט עפּעס אַנדערש באשעפטיקט. די מערסנטייל אין פאַבריק, אין ארטעל, אין די געזעלשאַפט־אונטערנעמונגען און אַנדערע. אבער דאָך זעען זיך נאָך אויך די רעשטלעך אָן, און—אז איך בין נאָך יאָרנלאַנג דאָס שטעטל ניט זען אהער אראָפּגעקומען, און האב אָט די פאַרשוינען אין די מערק־טעג בא די פורן באמערקט, האב איך פון פארוווּנדערונג שיר ניט אויסגעשריגן:

— אוילעם־האטויעניקעס, ווי קומט איר אהער?—אין אונדזער ווירקלעכ־קייט פון וואס פאר א וועלט אהער אראָפּגעבלאָנדזשעט? און איך האב זיך דערמאָנט, אז אייניקע פען־האלטער און פאָעטן בא אונדז האבן אָט די פאַרשוינען צוריק מיט אייניקע יאָר נאָך אידעאליזירט, האבן שטיל און מיט באַדויערן אַף זייער גורל געכניקעט, און ווער עס האט פון זייערט־וועגן א גאַנצע טרער געהאַט, ווער א האַלבע, און ווער א זיפצל פון ייִעש, און איך האב זיך געטראַכט: ווער קען אף אזוינס גאָר וויינען, ווער קאָן אזוינס אונטער זיינעם א פליגל ארונטערנעמען, און זאָל זײַן אייגן לײַב אַפילע, אייגענע ברידער און טאַטעס, אבער זיי זײַנען דאָך

שוין פֿאַרמישפּעטע, און וואָס גיכער פֿון וועג אוועק, אַלץ בעסער, און וואָס האָבן דען קינדער מיט אונדז צו טאָן, און זאָלן די מייסים זייערע מייסים באַגראָבן!

ווײַל אַליין אָט די מייסים, אָט די מעקלער, הענדלער, און פֿורן־פֿאַרשווינען, אַז איר צערעדט זיך מיט זיי, זאָגן זיי אײַך, אַז זייער טועכץ איז קיין טועכץ, דער האַנדל קיין האַנדל ניט, דער פּריוואַטער האַנדל גויסעסט, אַז טוען טוען זיי עס פֿאַר נויט און אַז זיי וואָלטן זיך גערן פֿאַר אַנדערע פּראָפֿעסיעס און מעלאָכעס גענומען, נאָר זיי האָבן ניט צו וואָס, און מע נעמט זיי דערווײַל (ווײַל עס זײַנען דאָ בילכערע) אין פֿאַבריק און אין אַרטעל ניט ארײַן. און יענע, וואָס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן און האָבן זיך שוין יאָ פֿאַר עפּעס אַנדערש גענומען, האַלטן זיי פֿאַר עמעס גליקלעכע, ווײַל זייערע אייגענע פּאַרנאָסעס טראָגן זיי שוין ווי אַן עמעסן יאָך, ווי אַ ביטערע מאַסע, און אָט די פֿאַרשווינען טאַקע, רופֿן אָן, לעמאָשל, די פֿאַבריק, וואָס אין שטעטל „די זכיע", אַזוי נידעריק קוקן זיי אַף זיך און אַף זייערע באַשעפֿטיקונגען און אַזוי מעקאַנע זיינען זיי יענע, וואָס האָט זיי געגליקט און זיי זײַנען אין דער פֿאַבריק, אָדער ווי זיי זאָגן, אין דער „זכיע ארײַן".

און ווי אַזוי די גאַנצע יידישע מאַסע רײַסט זיך (און שלאָגט זיך אויך דורך) צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווי אַזוי די מאַסע שטײַגט אַלץ העכער אַפֿן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער איז צו זען פֿון דעם, וואָס פֿון די אַריבער טויזנט אַרבעטפֿייִקע יידישע מענער, פֿרויען און יוגנטלעכע פֿון שטעטל זײַנען באַ אַכט הונדערט שוין אײַנגעאָרדנטע, באַ 250—אין דער געוואַנט־פֿאַבריק, אַן ערעך דיזעלבע צאָל אין אַרטעל „טעקסטיל", אין „דון־שוויי", אין דער טריקאָטאַזש־פֿאַבריק און נאָך און נאָך. יאָ, דאָס איז איצט און גלײַך אַפֿן ערשטן בליק שוין צו זען. אַ גענויערער פֿאָרשטעלונג אָבער וועגן דער לאַבאָריזאַציע, וועגן די אינדוסטריאַליזיר־פּראָצעסן און ביכלאַל וועגן דער ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון דער יידישער שטעטלשער מאַסע, וועט מען קאָנען האָבן ערשט נאָך דעם, ווי די אויספֿאָרש־קאָמיסיע באַם צ. ק. נאַצמינד וועט שוין האָבן די אַלע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן און ציפֿער, וואָס ווערן איצט אין פֿאַרשיידענע שטעטלעך געזאַמלט, דערווײַל אָבער, קלײַבט מען ערשט די מאַטעריאַלן, און אָט, מיט איינער אַ בריגאַדע, וואָס האָט

זיך געלאָזט איבערן שטעטל אַף אָט דעם מאטעריאל צו זאַמלען, גיי איך מיט—איך, איינער א קאָמיוגיסט און אויך דער שוין אויבנדער־מאָנטער בערל דער שניידער אָדער בערל דער אקטיוו, ווי מע רופט אים.

בערל קען די שטאָט אויסגעבונדן, קען זי ביזן פערטן דאָר אריין, ביז די עלטער־זיידעס. און דאָרט, ווו אן אנדערער וועט קיין הענט און פיס ניט געפינען, געפינט ער א טיר, און אלע קענען אים און ער קען אלע, און דער פולסטער צוטרוי איז צו אים, און פאר וועמען פאַר וועמען, אָבער פאַר אים וועלן זיך אַלע מיילער עפענען: ער איז אן אייגענער, מיט אלעמען אף דו, ווייסט וואס באַ וועמען אין יעדן טעפל קאָכט זיך, און ווייסט אויך, ווו באַ וועמען עס קאָכט זיך ניט אין טעפל...

און אָט גייען מיר אין אָרעמסטן קוואַרטאַל. „קוואַרטאַל" האב איך געזאָגט—כויזעק! ס'איז באַרג־אראָפּ, באַרג־ארוף, ליימיקע בלאָטע און קויט, און מיט די מיילער און נעזער אין קויט ליגן הייזעלעך לעכעלעך, כורוועלעך און קאַנדידאַטן אף איינפאַלן.

—ווער וווינט דאָ, אשטייגער?—פרעג איך דעם אַקטיוו.

— פּאָמפּאַדור־מעלאַמעד. אַן אַלטער שוסטער, און שקראבעס קענט איר באַ אים געפינען נאָך פונעם באַלשעמס צייטן.

— און דאָ ווער?

— לייזערל דא אָש—ער האט כאַסענע געהאַט ערעוו דער רעוואָ־ליוציע, האָט שוין 11 קינדער, און זאָגט דעם ווייַב: דאַיאָש דאָס צוועלפטע.

— און דאָ?

— בעני פעלמאן; דער געוועזענער וואַסערפירער. קומט אריין, א שטוב שוין איינמאָל א שטוב.

מיר גייען, ניִשט מיר גייען, נאָר מיר גוואַדזשען. ס'איז באַ־נאַכט און ס'מראַקעט א רעגן. ס'איז שאָנעראַבע אין שטעטל, און דער רעגן איז אויך א שאָנעראַבעדיקער, פון א קויטיק האַרבסטיקן הימל אף א נאָך מער קויטיקער האַרבסטיק־קילער ערד. מיר קומען מיט צאָרעס ארוף, מיר טרעפן באַ דער טיר א קליין פּינפּיאָריק יינגעלע מיט אָפּגעשפּיליעטע פּלודערלעך און טוט, וואָס מע טוט מיט אָפּגעשפּיליעטע. אז ס'דערזעט אונדז, דערשרעקט זיך עס און טוט זיך א הייב, און דער אַקטיוו טוט מיר א ווונק אַהין, פונוואַנען ס'איז אופּגע־שטאַנען און א זאָג: דאס ציפּערבלעטל...

מיר שפּאַנען אַריבער, מיר קומען אין א הײַזל, עפענען א טיר און קומען אין א שטוב אַרײַן. באַם אַרײַנגאַנג א פעסל וואַסער, לעבן פעסל א בעט. אין בעט א פּאַק בעטגעוואַנט ניט באַצויגנס, א פרוי א בלינדלעכע, ניין נישט קיין בלינדע, נאָר מיט א ריִע א שלעכטער, אָדער פון טראַכאָמע שטאַרק צוגעמאַכטע. אפן בעט א פּאָרל קינדער האַלב־נאַקעט, באָרוועסע, מיט שטיקלעך ברויט אין די הענטלעך און אַלע ווײַלע בעט אַן אַנדערער א טרונק וואַסער פון קווערטל. און דאָ קומט דאָס דריטע צו, מיט די קויטיקע פיסלעך, נאָרוואָס פון דרויסן, אויך גלײַך אין בעט אַרײַן, בעט, מע זאָל דעם די הויזלעך פאַרשפּיליען. לעבן בעט באַם פענצטער א טישל. אזוי ווי דאָס בעטגעוואַנט ניט באַצויגן, אזוי דאָס טישל ניט באַדעקט. לעבן טישל א באַנקבעטל—פון נעץ, פון קינדערישקייט, פון שמוץ, פון יאָרן, פויל און צעפּרעסן. דאָס באַדעקעכץ נישט צו דערקענען, אז ס'איז אַמאָל עפּעס א מין שטאָף געווען, און די שטרוי קוקט ארויס פון דעם. אפן באַנקבעטל אַן אַלטע ייִדענע, א צעקנייטשטע, אָן ציין, אין א שאַל, א שאַלעכל. אן אמאָליקע פאַרמורזשעטע מאַרק־און קוישל־ייִדענע זעט אויס. יאָ, איך האָב פאַרגעסן זאָגן: פאַרן בעט שטייט א וויגעלע, אינעם וויגעלע נאָך איינס א קינד. אין שטוב דרייט זיך א געזונט ווײַבל, א הויכס מיט אַן אָפענעם בוזעם און אויך אף אירע הענט א קינד. דאָס איז בעניס שוועסטער, די ייִדענע פונעם באַנקבעטל בעניס מוטער, און דאָס ווײַבל, וואָס אפן בעט, בעניס ווײַבל, און די קינדער זײַנע קינדער.

— מיר זײַנען געקומען אײַך איבערשרײַבן,—זאָגט דער אקטיוו.

— צו וואָס דאָס איבערשרײַבן?—פרעגט די ייִדענע, וואָס אפן באַנקבעטל.

— מע וועט ארויסגעבן מעלעך,—שפּאַסט דער אַקטיוו.

דער קאָמיוגיסט זעצט זיך צום טיש, צעלייגט דעם אנקעטע־בויגן. דער אַקטיוו פרעגט אויס, דער קאָמיוגיסט פאַרשרײַבט, ענטפערן ענטפערט בעניס ווײַבל, די מיט די שטאַרקע צוגעמאַכטע אויגן. בעני אליין איז ניטאָ. נאָר אָט באַווײַזט ער זיך: פון א יאָר 35—30, א געלער קאָפּ, געל בערדל און געלע ברעמען, און פון געלקייט פון זײַנע האָר, זעט אויס די הויט פון זײַן פּאָנעם, פון זײַנע הענט און אויערן עפּעס אויסטערליש ווײַס, אזש ביז ניט גוט ווערן און ביז ברעכן. ער זעצט

זיך אף א בענקל פון א זײַט, דאס היטל זיצט אים טיף, און די אויערן זײַנען אים אַביסל אָפּגעבויגן. ער שווײַגט. דאס ווײַב רעדט פאַר אים. דער אַקטיוו איז היימיש, רופט אָן אַלע בײַ די נעמען, פרעגט דעם ווײַבל: וויפל ביסטו אַלט, נעבעך — אַזויפיל און אַזויפיל, און דער מאן וויפל — אַזויפיל, וויפל פאמיליע־מיטגלידער? — 4 קינדער. בײַ וואָס פאַרדינט ער, געווען א וואַסערפירער, און איצט דרייט ער די ראָד אין פאַבריקל. וויפל פאַרדינט ער? — 40 רובל.

און דאַ צערעדט זיך דאָס ווײַבל מיטן אַקטיוו — נישט אין אָרדענונג פון אַנקעטע־בויגן, נאָר שוין אַזוי — הייבט זיך אָן קלאָגן, אַז מער ווי אף ברויט קלעקט ניט. אויך די אַלטע אף איר פאַרנאָסע קלאָגט זיך. „דו ווייסט דאָך, וואס איז היינט פאַר א מאַרק, אָן וואס איז דאָרט מײַן האַנדל: א פּושקעלע שוועבעלעך, עטלעכע צוקערקעס, אביסל יאַדערן, קנעפּלעך, און די גאַנצע סכוירע מײַנע ווערסטו אויסקויפן פאר א רובל מיט פּופּציק. — צי באקומט איר געלט פון אויסלאַנד — ווי — זאָגט דאס ווײַבל, ווו געלט וואָס געלט? דער ברודער האט מיר געהאַט צוגעשיקט 5 קערבלעך דורך אָשע־געשאנק, איז בײַ דער שוויגער דעמאָלט געווען שלעכט די צײַט, האָט זי זיי אויך צוגענומען. און פון דעמאָלט אָן, ס'איז שוין פון אונדזער כאַסענע פּאָוואָלינקע א יאָר צען, אז מע זעט ניט און מע הערט ניט פון אים. צי די בריוו קומען ניט אָן, צי די פּאָטשט גיט זיי ניט אָפּ.

בעני זיצט און שווײַגט, און דאס היטל איז אים אף די אויערן אָנגערוקט, ער קוקט א האַלבער טאָם, שווײַגט, ווען דאס ווײַב רעדט, און אַז ער וויל עפּעס זאָגן, זאָגט דאס ווײַב פאַר אים: הערט אים ניט, ער איז א קלייגער כאָכעם בײַ מיר. יאָ, ער איז טאַקע א קליינער כאָכעם, וואָרום, אַז מע רעדט ווײַטער און מע שמועסט פון היימישע שטובזאַכן, אז מע קריגט זיך, און עס קומט פאָר מיט דער שוועסטער עפּעס מאכלויקעס אין שטוב, לאַכט דאס געזונטע ווײַבל מיטן אפענעם בוזעם, די שוועסטער, און בעני טוט מיטאַמאָל א זאָג א קלוגן, ווי איר קוקט זי אָן, מײַן שוועסטער, שלאָגט זי מיך עטלעכע מאָל אין טאָג קײַן איינ־האָרע...

און דאָ, אין אָט דער שטוב, וואס זעט אויס, ווי א גאַנץ יאָר וואָלט געווען א רעגנדיקער און קויטיקער שאָנעראַבע, מיטן קויטיקן בעט און

בעטגעוואַנט, מיט דער ערדענער פּאָל קיינמאָל ניט געשמירט, מיט די האַלב־נאַקעטע גאַנץ־באָרוועסע קינדער, וואס האָדעווען זיך נאָר אַף ברויט מיט וואַסער, מיטן מאַן דעם האלבן אידיאָט, מיט דער שוויגער דער הענדלערן אַף א רובל מיט פּופּציק, מיט דער שוועסטער, וואס שלאָגט דעם ברודער, מיטן ווײַבל מיט די צוגעשלאָסענע אויגן פון טראַכאָם,—אָט אין דער שטוב אפילע, זאָג איך, שוין די לעצטע פון אלע לעצטע, די ארעמסטע פון אלע ארעמע, קען מען אויך דאָס, וואס קומט אין דער ייִדישער מאַסע פאָר זען, ווי אזוי די אַלטע פּאַרנאָסעס זײַנען איר מיעס און נימעס געוואָרן, ווי אזוי זי רײַסט זיך צו נײַע, ווי אזוי אין די פינצטערע און אָפּגעשטאַנענסטע מויכעס אפילע האט עפּעס ווי א ליכטל ארײַנגעשיינט,—אף שטרעבן די פריערדיקע לאַגע צו ענדערן, צו א העכערן עקאָנאָמישן שטאפּל ארופצוקלעטערן און זאָל זײַן, אז די ערשטע צײַט אפילע ווערט מען עפּעס אָן, מע פּאַרדינט עפּשער ווייניקער, אבער דערפאַר קוואַליפיקאַציע, אָבער דערפאַר האָפענונג אף שפּעטער און סאָפּקאָלסאָף ווערן צו מענטשן גלײַך.

און אָט, דערציילט אונדז דאָס ווײַבל—אונדזער שטוב קוקט איצט מער ווי ברויט ניט אָן, וואָרום וואָס קלעקן דען 40 רובל אף קיין איינהאָרע אזאַ געזינד... פריער ווען בעני איז געווען וואַסערפירער, האָט מען זיך אַמאָל נאָך געקענט עפּעס פאַרגינען: אמאָל אַ שטיקל פליישׁ, אַמאָל א שטיקל כאַלע פאַר די קינדער, א מאַלבעשל, א שיך, איצט אבער איז, ווי איר זעט. ער האָט אבער קיין כאראָטע ניט, פון וואַסער־פירערײַ וויל ער ניט הערן און ניט זען. כאָטש האָרעווען האָרעוועט ער אויך איצט זייער ביטער, ס׳איז אים אבער ליב. און—דערציילט ווײַטער דאָס ווײַבל,—ווי איר קוקט אים אָן, בענין, איז פריער, ווען ער איז געווען וואַסערפירער, פלעג איך אים אינדערפרי ניט קענען דערוועקן, ער האָט קיינמאָל צו דער אַרבעט ניט געוואָלט ארויס, און איצט כאַפּט ער זיך אוף אינמיטן באַנאַכט, ווען עס שאריעט נאָך אף טאָג ניט, אײַלט זיך, האָט מוירע צו פאַרשפּעטיקן, און אין פאַבריק גייט ער ווי צום טאַנץ.

— טאַקע ווי צום טאַנץ,—טוט בעני א האַלב־אידיאָטישן זאָג און איז מיטן ווײַב מאַסקים.

דאָס האָט איר אײַך איין פאַקט, און אָט איז א צווייטער, א פאַקט, וואָס באווײַזט, אף וויפל די פּסיכאָלאָגיע פון דער ייִדישער מאַסע האָט

זיך ראדיקאל געענדערט און ווי אזוי קיין אַרבעט איז פאַר איר איצט קיין שאַנד ניט, אפילע די שענדלעכסטע לויט די אלטע פארורטיילן און באַגריפן.

און אָט, ס'איז דער צווייטער טאָג. מיר גייען ווידער מיטן אקטיוו, ס'איז אין גאס. דער היצעל שלעפּט א הונט אַף דער קלוטשקע. דער היצעל, א יונג יידיש באָכערל פון א יאָר 17, א לאַנג־דאַרלעכער, אָבער גאַנץ קרעפטיקער, דאָס פּאָנעם פאַרהאַרטעוועט און קאלט פאַר־גליווערט — צי ס'איז פון דער פּאַרנאָסע קאַלט, צי פון דער נאַטור אזוי, — ער איז אין שטיוול און אין אַ קורץ רעקל און דאס כאפּ־שטעקל זיינס איז, נאָך מיין מיינונג, צו דין און פון א צו ווייכן האָלץ גע־מאַכט, אָבער, נישקאָשע, ער האַלט אויס, בויגט זיך אביסל, אָבער ביז אַהער איז נאָך מיט אים, מיטן שטעקן, מיין איך, נאָך גאָרנישט ניט געשען.

דאָס מאָל האָט ער דעם הונט, ניט ווי אַלעמאָל פארן האַלדז גע־פאַקט. דער שלייף האָט אמן הונטס הינטערשטן טייל רוקן געטראָפן, אזוי, אז ער שלעפּט דעם הונט פארן הינטן און דער קאָפּ איז פריי, שלעפּט זיך נאָך, קערעוועט זיך אלעמאָל אויס, בייסט דעם שטעקן.

און אָט האָט ער אים באַם קאסטן. א רעדל אוילעם האָט זיך פאַר־זאמלט. ער עפנט דאָס טירל, וויל דעם הונט ארופהויבן, אָבער פאַרן הינטן איז שווערלעך. ווען די קלוטשקע איז באַם האַלדז, וויל דער הונט נישט געוואָרגן זיין און באַם ערשטן הויב הויבט ער זיך אַליין אונטער; איצט אָבער, איז ער פריי, וואַרפט ער זיך און לאָזט זיך ניט נעמען. ער האָט דעם היצעל אַ שטאַרקן ביס געטאָן, ס'גייט בלוט, אוי־לעם יידן שטייען דערביי און גיבן אייצעס, אים ווי אזוי צו נעמען, אַנ־דערע זאָגן אַנדערש.

איך שטיי און וואונדער זיך: יידן מיטן היצעל היימיש, דער היצעל אַליין, אַ יידישער באָכער. און צו דערמאָנען זיך, ווי אזוי דאָס וואָרט היצעל האָט א־אָל געקלונגען, מיט וואָס פאר אן עקל מע האָט געקוקט אמאָל אף אַזאַ איינעם, און איצט, — גאָרניט, א זייעריקער, אן אייגענער, קיין סימען פון עקל. אַ באַשעפטיקונג — לייען איך באַם אוילעם אין די אויגן אויס, — ווי אַלע באשעפטיקונגען. איך ווענדע זיך צום אקטיוו מיט אַ פראַגע קלוימערשט: וואָס איז דאָס פאַר א יינגל, וואָס עפּעס פאר א

היצעל? ער פֿאַרשטייט מײַן פֿראַגע ניט, מיינט, איך פֿרעג, וואָס האָט ער דערפֿון און צי ס'לוינט אים די היצלערײַ, און ער ענטפֿערט מיר און דערקלערט: ער האָט אָן אָפּמאַך מיטן שטאָטראַט, ער צאָלט פֿאַרן רעכט צו כאַפּן אַזויפֿיל און אַזויפֿיל, און אַ צווייטן אָפּמאַך האָט ער מיטן לעדער־סינדיקאַט, און פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿעלן באַקומט ער פֿאַרשיידן, און — נישקאָשע, ער שלאָגט זיך דורך.

אָבער אַ היצעל און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרנאָסע?

— וואָס איז — זאָגט דער אַקטיוו, — וואָס פֿאַר אַ ביזאָיען, אַ פֿאַרנאָסע ווי אַלע פֿאַרנאָסעס, אַן אַרבעט ווי אַלע אַנדערע, און — נישקאָשע, גיט ער צו, ער וועט ניט בלײַבן דערבײַ. דערווײַל טוט ער דאָס, אָבער אַן עלטערן ברודער האָט ער, זאָגט מען, אין ניקאָלײַעוו אויפֿן זאַוואָד מאַרטי, וועט ער אים שפּעטער אַרויסנעמען. נישקאָשע, ס'קיין ביזאָיען, אַן אַרבעט, ווי אַלע אַרבעטן.

.1931

אינהאלט

פון דער רעדאַקציע 2

כאַרקאָוו

1. כאַרקאָוו 8
2. א שיקערער מאָנאָלאָג 17

לעגינגראַד

1. דענקמעלער 47
2. אספעקטן 57
3. ווירקלעכקייט 86
4. ווייסע נעכט 107

מאָסקווע

1. א שווערע דערמאנונג 127
2. מאסקווע איצט 141
3. דריי פונקטן 152
4. צוויי באגעגענישן 183
5. פון וואס טראכט און טרוימט די קרעמל־וואנט 207

צום טאָג

1. שניט 219
2. א נאַכט מיט אַ טאָג 233
3. איינס אַ שטעטל 252

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Українського Друку“, „Картковому Репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати.

Редактор групи М. Шейнгольд.
Техкер С. Білокінь.
Коректор Л. Гілер.

Друк. ім. Фрунзе. Харків, Донець-Захарж. 6. Уповноваж. Головліту 3234. Зам. 964. Прим. 2000.

Видання 105. Формат пап. 72 × 105 сант. Вага 1 метр. стопи 49 клг. 8¾ друк. арк. Друк. знаків в 1 пап. арк. 9000. Здано в роботу 1-VI-33 р. Підписано до друку 8-XII-33 р.